STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10774

FUN VELT TSU VELT

Ziskind Liev

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-10774-3

D:\YIDDISH\TITLES\9780657107741T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

זיסקינד ליעוו

JEWISH PUBLIC LIBRARY
LA BIBLIOTHEQUE PUBLIQUE JUIVE
MONTREAL
ייִדישע פאלקס ביבליאטעק
הספריה היהודית העממית

פון וועלט צו וועלט

ד ע ר צ ײ ל ו נ ג ע ן

פארלאג „עמעס", מאָסקווע 1936

באמערקטע דרוק־פעלערנ

זײַט	שורע	אָפּגעדרוקט	דארפ זײַנ
94	2 פונ אויבנ	גייט	גיינ
155	1 " "	מיר	מיט
160	15 " "	ס׳פלעצל	ס׳פעלצל
162	14 פונ אונטנ	אב׳ער	א׳בער
170	14 פונ אויבנ	גענמע	גענעמ
178	7 " "	גשועט	געווענ
190	8 " "	געכליאפמעש	געכליאפטשעט
196	2 פונ אונטנ	פערד	פעלד
267	6 " "	זאָג, שענער בוכ	זאָג שיינער בוכ

ז׳סקינד ליעוו — פונ וועלט צו וועלט

מײַן טײַערסטן,

מײַן בעסטן כאַווער —

ג אָ ל ד ע ן

ק ר י ג

א קריגל מילכ

זעקס טעג האבנ מיר געדרוט אינ דער אלטער לוצקער פעסטונג — אויסגעצעמענטירטע נידעריקע ווענט אונ פאדלאגעס, אנ א דאך איבערנ קאפ. א פירעקיקער פלאצ, גרויס ווי א קליינ שטעטל, מיט א סאכ פארשיידענע זייטיקע ווענט — דאס איז געווענ די פעסטונג. ארומ דער איינגעפאלענער פעסטונג האבנ זיכ געשפרייט ווייסע פלאכע פעלדער, פונדערווייטנס האבנ זיכ ארויסגעהויבנ רויטע דעכער, שפיציקע טורעמס פונ קלויסטערס: די שטאט לוצק.

עס איז געקומענ דער טאג, ווענ מיר האבנ געדארפט צוריקגיינ אפנ פראנט. פארטאג האט מענ אונדז געוועקט. דארט ווו די זונ איז יעדנ טאג אופגעגאנגענ, האט זיכ קוימ געזילבערט דער הימל. איכ האב מיכ געוואשנ אינ אנ עמער מיט פרישנ וואסער, זיכ געזעצט עסנ. נישט ווייט פונ מיר איז געזעסנ שלוימע שטיינ, דער קאלבושעווער פורמאנ, אונ דערציילט זיינ פוילישנ שאבנ:

— אז די צוויי פערד האבנ זיכ א ריס געטאנ, איז נאר ווי די צוויי לייבנ. האסט זיי נישט געקאנט מער צוריקהאלטנ. כאטש די לייצעס האב איכ געהאלטנ פעסט אינ ביידע הענט, נאר די צוויי גניאדעס האבנ ניט געקוקט דערויפ, זיי האבנ מיכ געטראגנ אינאיינעמ מיטנ וואגנ, גלייכ א שווארצ יאר וואלט אריינ אינ זייערע פיס. דאס זיינענ דיר געווענ פערד. — ער האט געזיפצט אונ געריסנ שטיקער פונ ברויט. — נאר דערנאכ, אז די שטיינער האבנ זיכ צו מיר גענומענ, זאל זיי שוינ דער שלאק טרעפנ! האבנ זיי מיכ אופגעגעסנ צוזאמענ מיט די ביינער, אז אפילע קיינ פיצל

פֿערד איז מיר נישט איבערגעבליבן. אַן אַלטע קליאַטשע האָב איך מיר געקויפֿט דערנאָך, אַן אָפּגעשונדענע נעווילע. און איצט האָט מען מיך פֿאַרשלעפּט קיין לוצק, פּונקט ווי מײַן אַלטע קליאַטשע. איינמאָל, ווען איך האָב געפֿירט מיט איר מעל, האָט זי זיך אויסגעצויגן אינמיטן וועג און אויפֿן אָרט איז זי געפּייגערט. ווו וועל איך אויסשטרעקן די פֿיס?

פֿלאַמען האָבן זיך געשפּרייט אַקעגן אונדז, אויפֿן הימל. מיר האָבן אַלע געקוקט שווײַגנדיק צו די פֿלאַמען.

די זון איז אופֿגעגאַנגען אײַנגעהילט אין רויך.

מיט דער סטעזשקע, וואָס פֿירט אין שטאָט אַרײַן, איז פֿאַרבײַגעגאַנגען אַ יונג מיידעלע — זי איז אַלט געווען עפּעס צען אָדער צוועלף יאָר — באָרוועס, אַ לײַכט זומערדיק קליידל, אַ שוואַרץ צעפּעלע, אויפֿן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַן ערדן קריגל.

אַ זעלנער האָט זי געפֿרעגט, וואָס זי האָט דאָרט אין קריגל. מילך, האָט איינער פֿון זיי געזאָגט. דאָס מיידעלע האָט געקוקט אויף די זעלנער מיט גרויסע אויגן, און אירע דינע פֿיס האָבן געציטערט. וויינענדיק האָט זי געזאָגט, אַז די מילך מוז זי אָפּטראָגן אין שטאָט אַרײַן. איינער האָט געזאָגט, אַז מע זאָל זי נעמען צוזאַמען מיט דעם קריגל מילך. און ווידער האָט איינער צו איר געזאָגט, זי זאָל גיין ווײַטער און נישט קיין מורא האָבן. דאָס מיידעלע האָט דערשראָקן געקוקט אויף די זעלנער, זי האָט אויסגעווישט די טרערן פֿון די אויגן און פּאַמעלעך געגאַנגען ווײַטער מיט דער סטעזשקע.

דעמאָלט איז אַרויסגעקומען פֿון זײַן געצעלט דער לייטענאַנט ווערמוט, אַ פֿריש אָפּגעגאָלטער, זויבערלעך אָנגעטאָן. ער האָט נאָכגעפֿרעגט בײַ די זעלנער, וואָס מע שטייט דאָ. איינער האָט געוויזן מיט דער האַנט צו דער סטעזשקע, וואָס פֿירט קיין לוצק, דערציילט וועגן מיידל מיטן קריגל מילך. זי איז דאָרט געגאַנגען מיט שנעלע טריטעלעך, אויפֿן קאָפּ האָט זי געטראָגן דאָס קריגל מילך.

— ווער פֿון אײַך וועט קאָנען אַראָפּשיסן דאָס קריגל פֿון קאָפּ? — האָט דער לייטענאַנט ווערמוט געפֿרעגט בײַ די אַרומיקע.

עס האָט זיך געמאָלדן איינער, אַ צווייטער — דער לייטענאַנט האָט אַרויסגעריסן בײַ אַ זעלנער די ביקס און אין דער זעלבער

רעגנ זייַנענ געפאלנ צוויי שאָסנ, איינער נאָכנ אנדערנ. צוערשט איז דאָס קריגל אראָפגעפאלנ פונ קאָפּ, דערנאָכ איז דאָס מיידעלע אומ־געפאלנ. דער לייטענאנט האָט געזאָגט:

— דער שאָס אפנ קריגל איז געווענ מייַנער.

לעבנ מיר האָט שלוימע שטייג, דער קאָלבושעווער פורמאנ, גע־זאָגט אינדערשטיל:

— זי ליגט.

אונטער א פארברענט הויז

מיינ דיוויזיע האָט געביטנ דעם פראָנט, מיר גייענ שוינ דריי טעג, אונ דריי טעג רעגנט שוינ. סאַקראַמענט! וועט דאָס נישט נעמענ קיינ סאָפ? מיר זיינענ געווענ הונגעריק, די קיכנ האָבנ נישט געקאָנט נאָכקומענ אפ די שווערע וועגנ. א שוואַרציאַר האָט זיכ אַריינגעלייגט אינעם פאַסקודנעם רעגנ. סאַקראַמענט! מיר האָבנ געשאָלטנ, געבורטשעט, אָבער מיר זיינענ געגאַנגענ. עס איז געוואָרנ טונקעלער אונ טונקעלער, די בלאָטע אפ די שיכ איז געווענ שווערער פונ גאַנצנ מענטש. אַלע פאָר מינוט האָט מענ אונדז געהייסנ שטיינ בלייבנ, דערנאָכ האָט מענ אונדז געמוזט וועקנ, קעדיי מיר זאָלנ גיינ ווייטער. פלוצעם האָבנ זיכ עטלעכע אנידערגעלייגט אינ דער בלאָטע. איינער נאָכנ אַנדערנ האָבנ זיי זיכ אנידערגעלייגט אונ באַלד איז געלעגנ די גאַנצע קאָלאָנע.

די אָפיצערנ זיינענ פאַרבייגעריטנ אפ זייערע פערד, זיי האָבנ געשאָלטנ אונ נישט אויפגעהערט צו שרייענ. סאַקראַמענט! זיי זיינענ געווענ אָנגעטאָנ אינ לייכטע, לאַנגע גומענע מאַנטלענ. דער רעגנ איז אַראָפגערונענ פונ זייערע מאַנטלענ ווי פונ א שירעם.

ווי א קליינ הינטל, איז צווישנ מיינ גרופע אַרומגעשפרונגענ דער אונטער-אָפיצער פיעטרושקאַ אונ געהאַווקעט. פונ אייביקנ שרייענ איז זיינ קאָל געווענ שטענדיק הייזעריקלעכ, מיט א גראָבנ כריפ. ער איז געווענ ברייט אונ נידעריק, ער איז אַלט געווענ פערציק יאָר. עמעצער האָט אימ אונטערגעשטעלט א פוס אונ ער איז אומגעפאַלנ מיט א

הויכן פליעסק אין דער ווייכער בלאָטע. איך האָב מיר צורעכטגעמאכט מײַן געלעגער: די לינקע באק, די נאָז און א האלב מויל זײַנען געלעגן אין דער בלאָטע. נאָר זי איז געווען ווייך און ווארעם, מיר זײַנען געשמאק געשלאָפן.

אינדערפרי איז שוין ווידער דער אונטער־אָפיציר פּיעטרושקא צווישן אונדז ארומגעשפּרונגען און אונדז אויפגעוועקט. זײַן פּאָנעם איז געווען אײַנגעטונקען אין פארטריקנטער בלאָטע, נאָר זײַן קאָפּ איז געווען ווייך ווי לעקעך.

אין שבייגעדיקן דאָרף האָבן שוין אויף אונדז געווארט די קיכן, אין שטאלן און אין סטאָדאָלעס זײַנען מיר דאָרט פארבליבן א גאנצן טאָג מיט א גאנצער נאכט. בײַ די פּויערים אין די שטובער האָבן זיך אײַנקווארטירט די אָפיצערן און די עלטערע סערזשאנטן.

איך בין געוואָר געוואָרן, אז מיט צוויי־דרײַ קילאָמעטער ווײַטער געפינט זיך דאָס שטעטל קאָלקי. פארנאכט־צו בין איך געגאנגען אויפזוכן דאָס שטעטל. ווען איך בין אָנגעקומען, איז שוין צוגעפאלן די נאכט. צווישן די טונקעלע שאָטנס האָבן זיך געוויזן אײַנגעפאלענע שטיבלעך, פארברענטע, צעשאָסענע, שווארצע קוימענס זײַנען געשטאנען צווישן די חורבות. אונטער די פיס האָבן זיך געוואלגערט גרודעם מיט ציגל און שטיינער. פארברענטע און פארסמאליעטע בעלקעס. קופּעס אש. קוילן. מיסט. פון די קוימענס האָט ארויסגעפײַפט דער הארבסטיקער ווינט.

ווען איך האָב שוין געוואָלט צוריקגיין, האָב איך דערזען א קעלער אונטער די חורבות, און פון קעלער האָט ארויסגעשפּארט א רויך. דער צוגאנג צום קעלער איז געווען פארשטעלט מיט האלבפארברענטע ברעטער. פאמעלעך האָב איך אוועקגענומען א ברעט און ארײַנגעקוקט, פאמעלעך בין איך אראָפּגעגאנגען מיט די פארברענטע שטיגן. אונטן האָב איך געזען צוויי שאָטנס פון מענטשן: איינער איז געזעסן, איינער איז געשטאנען. און א רייעך איז דאָרט אונטן געווען — א פײַכטער, א פארסמאליעטער, עס האָט געדושעט דער רויך.

פאָרנט, נישט ווײַט פון די טרעפּ, שטייט א פרוי. פאר איר אויף דער ערד ברענען עטלעכע שפּענדלעך אונטער א טעפּל. בײַ דער רעכטער וואנט זיצט א מאן אויף א קאסטן מיט אײַנגעוויקלטע פיס.

בא דער לינקער וואנט, אפ דער ערד, ליגנ צוויי מענטשנ פארוויקלט אינ א בארג שמאטעס.

איכ האָב אָנגעצונדנ א שוועבעלע, עס איז געווענ שטיל אינ קעלער. בא דער לינקער וואנט, דאָרט צווישנ די אָנגעוואָרפענע שמאטעס, איז געלעגנ א זעלנער מיט א מיידל. איכ האָב א קוק געטאָנ צו דער מוטער: זי איז געשטאנענ אפ איינ אָרט, זיכ נישט קיינ ריר געגעבנ. דער פאָטער מיט די פארבונדענע פיס איז געזעסנ אפנ קאסטנ, זײַנע אויגנ זײַנענ געווענ פארגליווערט אונ צוגעקלעפט צו דער טונקעלער פארלאָגע.

איכ האָב געשטעלט א טריט נענטער צו די אָפגעוואָרפענע שמאטעס, אָנגעצונדנ פונסנײַ א שוועבעלע. מײַנ האנט האָט געציטערט.

פונ בארג שמאטעס האָט זיכ ארויסגעהויבנ דער קאָפ פונ אונטער-אָפיצער פיעטרושקא, די האנט האָט ער אויסגעשטרעקט צו מיר מיט א רעוואָלווער. זײַנ ברייט פאָנעם האָט געשוויצט אונ געשריגנ:

— גיי ארויס, דו קורווישער זונ! האָסט צײַט צו קומענ שפעטער!

ווענ איכ בינ ארויסגעגאנגענ פונ קעלער, איז געשטאנענ די לעוואָנע א ווײַסע צעגאָסנ איבער פארכורוועטנ שטעטל.

דער טויט צווישנ זאנגענ

א קויל האָט א פיַפ געטאָנ. איך האָב מיך אומגעקוקט אינ אַלע זײַטנ אונ נאָך געזענ. צווישנ צעדרעפטשעטע זאנגענ איז געלאָפנ א הויכער זעלנער, באלד איז ער שטיינ געבליבנ, זיך א וואקל געטאָנ, אומגעפאלנ. איך האָב מיך צוריק אַנידערגעזעצט; ווידער גענומענ דאָס מעסער אינ דער האנט אַרײַנ אונ ווײַטער געגעסנ. די וואנט פונ שוצגרוב איז געווענ אויסגעטריקנט פונ דער זונ אונ זאמדיק זיך גע־ברעקלט. עמעצער האָט געזאָגט:

— שוינ ווידער איינער געפאלנ.

א פארבלאָנדזשעטער פויגל האָט גיך אונ הויך געטשירפעט: טשירפ־טשירפ! ווי ער וואָלט וועמענ גערופנ. איך האָב אָפגעגעסנ אונ ארײַנגעלייגט דעם רעשט אינ רוקזאק. פונ צעדרעפטשעטנ פעלד האָט זיך דערטראָגנ א שוואכער קרעכצ. עמעצער האָט געזאָגט:

— ער לעבט נאָך.

ווידער האָט זיך דערהערט א קרעכצ, אונ דײַטלעכער פונ פריִער. מיר האָבנ שווײַגנדיק אויפגעהערט. איך האָב געזאָגט, אז איך וועל גיינ א קוק טאָנ.

— דו וועסט שוינ דאָרטנ בלײַבנ. — האָט איינער אָפ דעם גע־ענטפערט.

אונ א צווייטער האָט זיך אָפגערופנ:

— ער היט זיך נישט די ביינער, דער יונג. איז וועט זענ, ער וועט אנידערלייגנ דעם קאָפ.

איך בין אַרויסגעקראָכן פֿון שוץגרוב, מיך גערוקט אויפֿן בויך ווי אַ שלאַנג. אַלע מינוט בין איך געבליבן ליגן שטיל, זיך אײַנגעהערט, פֿון וועלכער זײַט עס קומט דער קרעכץ. עס האָט געדויערט ביז איך בין אַזוי צוגעקומען דאָרט, וווּ יענער איז געלעגן. איצט האָט ער מער נישט געקרעכצט, געלעגן אויפֿן רוקן מיט צוגעמאַכטע אויגן, די רעכטע האַנט אונטערן קאָפּ, דעם רעכטן פֿוס אײַנגעבויגן אין קני.

איך האָב אים באַטראַכט פֿון אַלע זײַטן, דערנאָך האָב איך אים אָנגעהויבן טרייסלען בײַ די אַקסלען, בײַם אײַנגעבויגענעם פֿוס, בײַ דער נאָמבע. אויפֿגעריסן בײַ אים דאָס רעקל און געריבן די ברוסט. דער מענטש איז צו זיך געקומען, אָנגעהויבן אָטעמען, פּלוצעם האָט ער אַ טיפֿן זיפֿץ געטאָן, אויפֿגעעפֿנט די אויגן. איך האָב אים געפֿרעגט:

— הערסט, וווּ טוט דיר וויי? וווּ האָט עס דיך געטראָפֿן?

ער האָט נישט געענטפֿערט.

איך האָב געטראַכט: בלויז זעט מען נישט אין ערגעץ, עפּשע־ האָט ער זיך בלויז אַזוי שטאַרק דערשראָקן און פֿאַר שרעק פֿאַרלאָרן דאָס לשון?

זײַנע אויגן האָבן טעמפּ אויף מיר געקוקט און שטום, ווי מע קוקט אויף אַ בוים.

— וואַסער! — האָט ער מיטאַמאָל געזאָגט צווישן די ציין.

איך בין גלײַך צוריקגעלאָפֿן צום שוץגרוב, טיף אײַנגעבויגן, די הענט קימאַט בײַ דער ערד. נאָר פֿון דער אַנדערער זײַט האָבן אָנגעהויבן פֿליִען די קוילן. זיי האָבן געפּיפּט אַרום מיר, ווי דאָס ציטערן פֿון טעלעגראַף־דראָטן אין ווינט. איך בין געלאָפֿן אין זיגזאַג און אַרײַנגעשפּרונגען אין שוץגרוב.

דער פֿעלדפֿעבל כוויטאַלסקי איז צו מיר צוגעלאָפֿן און מיר דערלאַנגט מיט זײַן שטעקן איבער דער פּלייצע. דערנאָך האָט ער זיך אויף מיר געוואָרפֿן מיט אַ געוואָרטשע און מיט אַ געבייזער, ווי אַ משוגענער הונט. נאָר דאָס איז נישט געווען צום ערשטן מאָל, וואָס דער פֿעלדפֿעבל כוויטאַלסקי האָט זיך געוואָרפֿן אויף אײנעם מיטן שטעקן: דעם גראָבן, סענקאַטן שטעקן האָט ער נישט אַרויס־

געלאָזט קיינמאָל פֿון די הענט, אַפֿילו געשלאָפֿן איז ער מיט אים. קיין ביקס האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט, נאָר אַ רעוואָלווער מיט אַ שטעקן. איך האָב אים דאָס מאָל געזאָגט:

— וואָס פֿאַלט דיר איין מיך צו שלאָגן? וואָס בין איך דיר, אַ הונט?

איך בין געווען שטאַרק אויפֿגערעגט און וואָלט אים פֿאַרפֿאָרן אין פּיסק. נאָר האַפּקע האָט ער מיר געענטפֿערט ליטוויש, קלוימערשט ווי אַ גוטער ברודער:

— אַז דו לויפֿסט איבערן פֿעלד ווי אַ נאַריש ייִנגעלע! צי דו ווייסט נישט, אַז זיי קענען דיך אַנידערלייגן?

— דאָרט ליגט אַ שווער פֿאַרוווּנדעטער. — האָב איך אים געענטפֿערט אַ ביסל שולדיקלעך.

ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט זײַנע וואַסערדיקע גליטשיקע אויגן:

— אַ האַלבע קאָמפּאַניע איז שוין סײַווי אויסגעהרגעט, מענטשן פֿעלן איצט!

ער האָט פֿאַר מיר אויסגעשפּיגן און איז אַוועקגעגאַנגען.

די זעלנער האָבן מיך אַרומגערינגלט, שנעל און שטיל מיך אויסגעפֿרעגט, ווער איז דאָרט, וואָס פֿעלט אים, צי ער לעבט נאָך? וואַסער, האָב איך געזאָגט, וויל ער. איינער האָט מיר געבראַכט זײַן פֿעלדפֿלאַש, זיך אומגעקוקט, צי דער פֿעלדפֿעבל זעט נישט:

— נאַ, גיי, גיב אים.

וואַסער האָט דעמלט געפֿעלט אין שוצגרוב. באַנאַכט האָט מען צוגעטראָגן צוביסלעך, באַטאָג איז נישט איבערגעבליבן קיין טראָפּן. איך האָב אַ שאָקל געטאָן די פֿעלדפֿלאַש, זי איז געווען פֿול. שנעל האָב איך מיך ווידער אַרויסגעדראַפּעט פֿון שוצגרוב, געקראָכן אויפֿן בויך און אויף אַלע פֿיר. דער מענטש איז נאָך געלעגן אויפֿן זעלבן אָרט, אויף דער פּלייצע, מיט צוגעמאַכטע אויגן, צווישן זײַנע ליפּן האָט זיך געבלעזלט ווײַסער שוים. דאָס מויל האָב איך באַ אים געמוזט אויפֿרײַסן, זײַנע ציין זײַנען געווען פֿאַרהאַקט, ווי מיט אַ האַמער. ער האָט אײַנגעכאַפּט דעם האַלדז פֿון דער פֿלאַש צווישן די ציין און געטרונקען שלינגענדיק, דער גאָרגל און די ברוסט האָבן

זיך דערבײַ יעדעס מאָל שטארק א הייב געטאָן און פֿון דער טיף האָט זיך ארויסגעהערט א שווערער כאָרכל — ווי ניט פֿון קיין מענטשן.

מיט גרויס אָנשטרענגונג האָב איך ארויסגעריסן די פֿלאַש פֿון זײַן מויל. באַם העלדזל פֿון אַליומיניום=פֿלאַש זײַנען געווען דורכגע־ביסענע לעכער. דער מענטש האָט זיך אָפּגעזעצט. די אויגן האָט ער געעפֿנט און געקוקט אויף מיר טעמפּ און שטום, ווי אויף א בוים.

— עפּעס זעט מען ניט, ווו דו זאָלסט זײַן פֿאַרווונדעט? צי האָסטו זיך עפּעס בלויז דערשראָקן?

איך האָב צו אים גערעדט אויף פּויליש, אויף דײַטש, ער האָט אויף מיר געקוקט מיט זײַנע גלעזערנע אויגן, ניט געענטפֿערט.

איך האָב געטראַכט: א שיינער יונג, א סימפּאַטיש פּנים, לענגלעכיק און ברוין, א שאָר, ווען אזא יונג וואָלט פֿאַרלאָרן זײַן לאַשן. פּלוצעם האָט ער אָנגעהויבן גראַבלען מיט דער רעכטער האַנט אין קעשענע און ארויסגעשלעפּט פֿון דאָרט צען קראָנען. זײַן פּנים האָט זיך אָנגעשטרענגט, די ברוינע פֿאַרב האָט זיך פֿאַרביטן אויף רויט, פּאַמעלעך, קוים צו הערן, האָט ער צו מיר געזאָגט:

— איך הייס מייער לאַנגזאַם, מײַן טאַטע הייסט פּייסעך לאַנגזאַם, פֿון סאַנאָק. שיק אים אַריבער דאָס געלט, מער האָב איך ניט.

ער האָט פֿאַרדרייט די אויגן און איז צונעפֿאַלן צו דער ערד. איך גיב א קוק — ער האָט אויפֿגעהערט צו אָטעמען. איך האָב אים געטרייסלט, געריבן די ברוסט, געדריקט די שלייפֿן — געוואָרפֿן אים אין אַלע זײַטן — עס האָט ניט געהאָלפֿן. ער איז געווען טויט.

א מידער בין איך לעבן אים געזעסן, באַטראַכט די שפּרינגענדיקע זומער=פֿייגעלעך אויף די צעדרעפּטשעטע זאַנגען, געזען ווי עס פֿאַרשמערט זיך דאָס פּנים פֿון מײַן טויטן פֿרײַנט.

ווען איך בין צוריקגעקומען אין שוצגרוב, איז דאָרט געווען א פֿאַרטומלענדיקער געשריי און א געלויף. דער מעשוגענער פֿעלדפֿעבל סוויטאַלסקי האָט געשריגן מיט א פֿאַרקרימט מויל: „פֿאַרוואַרטס!" צו מיר איז ער צוגעשפּרונגען און מיר דערלאַנגט מיטן רעוואָלווער

איבערנ קאָפּ, זײַנע וואסערדיקע גליטשיקע אויגנ האָבנ מיכ געוואָלט אופעסנ:

— עס פעלנ מענטשנ אונ דו לויפסט ארום? פאָרווערטס!

מיר זײַנענ ארויסגעשפּרונגענ פונ שוצגרוב, געלאָפנ אקעגנ פײַער, געפאלנ אונ ווידער אופגעשפּרונגענ. איכ האָב אָפּגעווישט פונ מײַנ שטערנ דאָס רינענדיקע בלוט.

וולאדעק

אײנמאָל איז וולאדעק געריטנ מיט א באַפעל פונ באַטאַליאָנ־קאָמאַנדיר צום רעגימענט. עס איז געווענ פאַרמיטיק, א פריש זומערדיק ווינטל האָט געבלאָזנ פונ די בערג, אונ פונ געדיכטע קוסטעס האָבנ געפּישטשעט סטאַדעס פייגל. וולאדעק האָט געוווּסט, אז צווישנ די סערבישע בערג לויערנ א סאַך מאָל גרויסע געפאַרנ. ער איז דערפאַר געווענ שטאַרק אָפּגעהיט, געריטנ שטײַפ אפנ פערד אונ מיט די אויגנ געוואָרפנ אינ אלע זײַטנ. דער שמאָלער טאָל, וווּ ער איז געריטנ, האָט זיך זיגזאַגיק געדרייט אונ זיך געקערעוועט, דערנאָך איז ער נאָך שמעלער געוואָרנ. די בערג פונ ביידע זײַטנ האָבנ זיך נאָך העכער געהויבנ. וולאדעק האָט פאַמעלעך אויפגעקנעפּלט זײַנ ענגע בלוזע, פאַמעלעך ארויסגענומענ דעם שווערנ ניקלענעמ זייגער אונ געקוקט ווי שפּעט עס איז. דעמאָלט האָט זיך פּלוצעם דערהערט א דינ געריוש צסזז. דאָס האָט אזוי דינ א פײַפ געטאָנ א קויל. וולאדעק האָט געוואָרפנ דעם קאָפּ אינ דער הייך אונ דערלאַנגט דעם פערד בײַסנדיקע שפּאָרנ. דאָס פערד, שוינ געוווינט צו אזעלכע געיעגנ, האָט זיך ווילד א ריס געטאָנ פונ אָרט אונ געפלויגנ. נאָר די קוילנ זײַנענ איצט געקומענ פונ פאָרנט איינע נאָך דער אנדערער. וולאדעק האָט שנעל פאַרקערעוועט אינ געיאָגט צוריק. ער האָט זיך פלאַך אויסגעצויגנ אפנ רוקנ פונ פערד, די שטיינער פונ אונטער די פיס זײַנענ אימ געשפּרונגענ איבערנ קאָפּ, די קוילנ האָבנ אימ פײַפנדיק נאָכגעיאָגט. דעם זייגער האָט ער געהאַלטנ פעסט אינ דער האַנט.

ווען ער איז צוגעריטן צו דער באטאליאָן־קאָמאנדיר, זיינען די אָפי־
צירן פון שטאב געשטאנען אויפן גרויסן הויף, און זיי האָבן געוואַרט
אויף געזאָטלטע פערד. וולאַדעק האָט שנעל אַ וואָרף געטאָן דעם זיי־
גער אין וועסטקעשענע, צוגעריטן צו די אָפיצירן אין גאַלאָפ און
אַראָפגעשפרונגען פון פערד. ער האָט געמאָלדן, וואָס סע האָט זיך
פאַרלאָפן.

מאיאָר גראַצער, אַ שלאַנקער, אַ ברונעטער, איז צוגעגאַנגען צו
וולאַדעקן און מיט דער לעדערנער הענטשקע, וואָס ער האָט געהאַלטן
אין דער האַנט, אים דערלאַנגט איבערן פּנים. וולאַדעק האָט גע־
שוויגן. דער מאיאָר האָט אויסגעשטרעקט די האַנט מיט דער הענטש־
קע און באַפוילן:

— פעלדפעבל, אופהענגען!

דער פעלדפעבל גלאַנץ האָט צוגעשפאַנט צום מאיאָר, זיינע לאַנ־
גע שפאָרן האָבן הויך געקלונגען, ער האָט סאַליוטירט און גע־
מאָלדן:

— צום באַפעל, הער מאיאָר!

עס איז שטיל געוואָרן איבערן גרויסן הויף. די אָנגעזאָטלטע
פערד האָבן געציטערט מיט זייערע גלאַנציקע גלאַטיקע פעלן און
געפאָכעט מיט די קורצע ווידלען. דער מאיאָר איז אַרופגעשפרונגען
אויף זיין פערד, גלייך זיינען אַרופגעשפרונגען אויף זייערע פערד די
אַנדערע אָפיצירן פון שטאַב. זיי זיינען צוזאַמען אַרויסגעריטן פון
הויף.

וולאַדעקן האָט מען צוגעפירט צו אַ וואַנט, וווּ עס איז געווען
באַפעסטיקט אַ גרויסער אייזערנער רינג, די הענט האָט מען אים
געבונדן פון הינטן און דעם שטריק דורכגעצויגן דורכן רינג. זיינע
לאַנגע הענט האָבן זיך געבויגן אין די געלענקען, אַריבערגעוואַקסן
איבער דער פלייצע, די ביינער האָט מען געהערט קנאַקן, און די
שפיצן פון זיינע שטיוול האָבן קוים אָנגערירט די ערד.

אַזוי איז וולאַדעק סקורראַ געהאַנגען צוויי שעה.

סאָלדאַטן זיינען געקומען און ווידער געגאַנגען, די אָפיצירן פון
שטאַב מיטן מאיאָר גראַצער זיינען צוריקגעקומען פון רייט־שפאַציר,
וולאַדעק האָט געהאַלטן אַראָפגעלאָזט די אויגן, און זיין שמאָלן
שטערן זיינען קעסיידער אַרויסגעשפרונגען גראָבע שוויס־טראָפנס,

פּילעכיקע, ווי גרויסע ארבעס. און די מענטשן האָבן זיך געוואונ־דערט: ער כאַלעשט נישט? ער שרייט נישט? וויינט נישט? דאָס האָט נאָך נישט געטראָפן! געוויינלעך מוז מען דעם אויפגעהאנגענעם עטלעכע מאָל אַראָפּנעמען, אים אויפבינדן, מינטערן און דערנאָך ווי־דער אויפהענגען. וולאַדעק סקורא האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און ער אָטעמט שטארק — אָבער ער לעבט.

נאָך די פאָרגעשריבענע צוויי שאָ, ווען מע האָט אים אויפגעבונדן, איז ער אַריינגעגאַנגען אין שטאַל, זיך אויסגעצויגן לעבן זיין פערד און מיט צוגעמאַכטע אויגן שטיל געהערכעט. עסן האָט ער נישט גע־וואָלט.

סאָלדאַטן זיינען צו אים צוגעגאַנגען, מיט אים געפּרוּווט ריידן, געוואָלט אים טרייסטן, נאָר ער האָט זיך נישט אָפּגערופן צו זיי, ער האָט געשוויגן. ערשט ווען מיכאל קרענטי איז צוריקגעקומען פון פּאַטרול און געהערט, וואָס מיט זיין פריינט איז פאָרגעקומען, איז ער שנעל אַריינגעלאָפן אין שטאַל, אַוועקגעזעצט זיך לעבן וולאַדעקן און פאַר אויפרעגונג נישט געקאָנט אַרויסריידן קיין וואָרט.

נאָר וולאַדעק האָט זיך צו אים צוגעבויגן און שטיל געפרעגט:

— איך וויל נאָר וויסן, צי דו ביסט מיין פריינט אָדער נישט?

מיכאל קרענטי האָט שטיל געענטפערט:

— וויאַזוי דען אַנדערש האָסטו געמיינט?

פאַרנאַכט איז וולאַדעק מיט מיכאלן אַרויסגעגאַנגען פון דאָרף, זיי זיינען אַראָפּגעגאַנגען פון וועג און זיך געלייגט צווישן די זאַנ־גען אין פעלד.

עס איז געווען אַ שטילער פאַרנאַכט, עס האָט נישט געבלאָזן קיין ווינט, פונדערווייטנס האָבן טונקל אַראָפּגעקוקט די הויכע סערבי־שע בערג אויף דעם שמאָלן פאַס פלאַכע פעלדער. אויפן זומערדיקן הימל האָבן זיך שוין געוויזן די בלאַסע שטערן, אַ רייטער־פּאַטרול איז אַרויסגעריטן פון דאָרף, צוגעריטן פּאַמעלעך צו די טונקעלע בערג. ערשט דעמאָלט האָט מיכאל געפרעגט וולאַדעקן:

— צו וואָס ליגן מיר דאָ? הע?

וולאַדעק האָט געענטפערט קורץ:

— וועסט שוין זען.

דערנאָך האָבן זיך געוויזן צוויי מענטשן אין דער בלויער נאַכט.

באמעלעכ זיינע זיי געגאנגענ אפנ וועג, געאָרעמט, שטיל געפליו־טערט. אונ נאָכ איידער זיי זיינענ צוגעקומענ נעענטער, האָט וולאדעק צוגעשעפטשעט מיכאלנ:

— איר וועסטו צוהאלטנ דאָס מויל, מער גאָרנישט.

צווישנ די זאנגענ האָט אָנגעהויבנ ציטערנ דאָס דינע צעצויגע־נע קאָל פונ א גריל. ווענ די צוויי מענטשנ זיינענ צוגעקומענ נעענ־טער, האָבנ זיכ וולאדעקס אויגנ פארטשעפעט אינ גרינ־גאָלדענעמ גלאנצ פונ א גליווערעמל. עס האָט ארויסגעלויכטנ פונעמ ראָוו, וואָס לעבנ וועג, אונ געציטערט אינ דער בלויער נאכט מיט זיינ קישעפ־דיקנ פייערל. געהאכט האָט זיכ וולאדעקנ, אז אָט דאָס פיציגקע גלי־ווערעמל ציטערט אזוי מיט זיינ דינעמ גרילצ איבערנ פעלד. אונ מי־כאל האָט אימ געצויגנ באמ ארבל. דעמלט האָט דער מאיאָר גרא־צער אָנגעהויבנ זינגענ א דייטש סאָלדאטנ־ליד:

— „שענ זינד די מעדכענ פאָנ זעבצענ־זיבצענ יארענ — —“, וויכ האָט זיכ געשפרייט זיינ זאפטיקער באריטאָנ, אונ וולאדעק איז פאוואָליע אופגעשטאנענ, מיטגעשלעפט מיט זיכ מיכאלנ.

— איצט! — האָט וולאדעק געזאָגט צו מיכאלנ אונ איינציק וואָרט, אונ ביידע האָבנ זיכ א לאָז געטאָנ צומ פארשלונגענעמ פאָרל אפנ מיטנ וועג. „שטיי!“ — האָט זיכ געהערט דעמ מאיאָרס קאָל, — אונ מיט אנ איינציקנ שפרונג האָט אימ וולאדעק געהאלטנ בא דער האנט. זיינ רעוואָלווער האָט אויסגעשאָסנ אינ דער לופט. זיינ געליבטע האָט ארויסגעלאָזט א דערשטיקטנ קוויטש, זי איז געלעגנ אפ דער ערד, מיכאל האָט איר צוגעהאלטנ דאָס מויל מיט דער ברייטער האנט. אונ וולאדעק האָט זיכ געבאָרעט מיטנ מאיאָר. איינ־געקלאמערט אינ זיינע הארטע פינגער, האָט דער מאיאָר געשטרעקט די הענט, זיי איינגעצויגנ אונ ווידער געשטרעקט, געבויגנ דעמ שלאנקנ קערפער אונ הויכ געסאָפעט. מיט ווילדע קויכעס האָט ער זיכ אָנ־געשטרענגט אויסצובייגנ די שטייפע האנט מיטנ רעוואָלווער, נאָר וולאדעק האָט א שטארקנ טרייסל געטאָנ מיט אָט דער האנט, אונ דער רעוואָלווער איז אראָפגעפאלנ אפ דער ערד. אינ דער מינוט האָט זיכ וולאדעק אויסגעגליטשט, געפאלנ אפ די קני, אונ ווידער אופ־געשפרונגענ אינ דער הייכ. „וואַרט, וולאדעק, איכ קומ דיר צו־היל״, — האָט זיכ מיכאל געלאָזט הערנ. „מע הארפ נישט“, —

האָט וולאדעק צוריקגערופנ. אונ צווישנ זײַנע פאַרביסענע ציינ האָט זיכ ארויסגעריסנ שווער, ווי דער קלאַפּ פונ א פּאַלקע, „פּסיאַקרעוו!“ — אונ דער מאַיאָר איז אומגעפאַלנ מיט א הילכיקנ קלונג אפ די שטיינער. מיט ביידע הענט האָט ער זיכ אָנגעכאַפּט פאַרנ קאָפּ, אויפ-געריסנ די אויגנ, געפּרוּווט זיכ אויפהייבנ. וולאדעק האָט א זעצ גע-טאָנ מיטנ שטיוול אפ זײַנ האַרצ. עס האָט זיכ געהערט, ווי א הילצערנער קאַסטנ וואָלט צעפּלעטשט געוואָרנ.

— פאַרבינד איר דאָס פּאָנעם מיטנ מויל, — האָט ער געזאָגט צו מיכאַלנ. ער האָט זיכ פּאַמעלעכ אראָפּגעבויגנ צומ מאַיאָר. זײַ-נע גרויסע אופגעריסענע אויגנ זײַנענ געווענ טויט. פּאַמעלעכ האָט ער אראָפּגענומענ זײַנ פוס פונ דער טויטער ברוסט, זיכ אומגעקוקט אינ אַלע זײַטנ. מיכאַל האָט מיטנ קלייד צוגעבונדנ דאָס קליינע פּאָ-נעמ פונ דער פרוי, אירע פיס האָבנ לײַכט געציטערט.

— קומ, — האָט וולאדעק געזאָגט צו אימ. אונ זיי זײַנענ ארײַנ-געגאַנגענ צווישנ די זאַנגענ, געגאַנגענ מיטנ פעלד צו די טונקעלע בערג.

שיו-שי

אפ דער הוידלדיקער נארע איז געזעסנ שיו-שי, די פיס אונטער זיכ, אונ שוויַגנדיק געריכערט א קליינע הילצערנע ליולקע מיט א דינעמ שפיצ. אונטנ האָבנ זיַנע באוויירימ געשריגנ. דאָס זיַנענ געווענ קולימ פונ סואנ-פע. ווארפנדיק מיט די הענט, האָבנ זיי ארומגערינגלט איינמיטנ באראק אייגעמ א ביטעווער, מיט בלויע ברילנ אפ דער קורצער נאָז פונ בלייכנ פאָנעמ. פונ זיַנ שמאָלער פלייצע איז אראָפּגעהאנגענ א ברייטער גומענער מאנטל פונ גרינער פארב, אונ אפ זיַנ פלאכנ קאָפּ איז געלעגנ א קליינ שטרויענ היטעלע — כאָטש עס איז רעמלט געווענ ווינטער, אינדרויסנ איז געווענ שטארק קאלט. ער האָט געפינטלט מיט די אויגנ אונ געשוויגנ. אונ עפשער האָט ער נישט געשוויגנ, נאָר זיַנע רייד האָט מענ נישט ארויסגעהערט פונ די הויכע געשרייענ, וועלכע האָבנ זיכ אפ אימ געשיט פונ אלע זיַטנ, ווי א גוסרעגנ. דער באראק איז דורכ די הויכע אונ געדיכטע געשרייענ ענגער געוואָרנ. אינ קיַלעכיקנ איַזערנעמ אויוונ האָט געפלאקערט א פיַער, די הילצערנע ווענט האָבנ געשוויצט.

שיו-שי איז געזעסנ שטיל אפ זיַנ הוידלדיקער נארע. איינגאנצנ א קליינער, האָט ער דאָרט אויבנ אויסגעזעענ ווי א קינד. מיט די קורצע הענט האָט ער געהאלטנ ארומגענומענ די קני, אונ זיַנע קיַלעכיקע מונקעלע אויגנ האָבנ געציטערט הינטער די שיפע היַטלעכ. מעכאניש האָט ער געריכערט די הילצערנע ליולקע מיטנ דינעמ שפיצ אונ אראָפּגעקוקט אונטנ צו די געשרייענ, וואָס די קולימ פונ סואנ-פע האָבנ געשריגנ. אזוי זיצט אמאָל א פויגל אפ א צוויַג, באהאלטנ

צווישן נריגע בלעטער, און שווייגט. פּלוצעם גייט ער א פּלאָטער און גיט א כאַפּ מיטן קליינעם שנאָבל א גריבעם אינזעקט. שיו־שי איז אויך אזוי פּלוצעם אראָפּגעשפּרונגען פון זיין הווילדיקער נארע, און צווישן די דינע פינגער האָט ער אריינגעכאַפּט דעם חארן האלדז פון דעם מענטשן מיט די בלויע ברילן. ער האָט די פינגער ערשט אוועקגענומען פונעם האלדז, ווען דער מענטש איז שוין געווען טויט. אין באראק איז שטיל געוואָרן, און דער מענטש אין גרינעם רעגן־מאַנטל איז אומגעפאַלן.

קיינער האָט נישט ארויסגערעדט קיין וואָרט, נאָר שיו־שי האָט געזאָגט:

— פון סאן־פע האָסטו אונדז, דריי הונדערט מענטשן, דאָ אהערגעפירט, אין די וועלדער פון אוראל. מיר זיינען געפאָרן צוואנציק טעג מיט צוואנציק נעכט, דו האָסט אונדז צוגעזאָגט א סאך געלט און גוט עסן און ווייניק ארבעט. דו האָסט אונדז, הדריי הונדערט מענטשן, אָפּגענארט. מיר ארבעטן שווער און מיר עסן שלעכט און קיין געלט צאָלט מען נישט. דו ביסט שולדיק.

איצט איז אויך שיו־שי שטיל געוואָרן, און אין באראק האָט געשמעקט דער טויט.

ערגעץ־ווו ליגט שטיל א טייך, עס הערט זיך נישט קיין איינציקער שאָרך. נאָר העכער איבערן וואסער טראָגן זיך שווערע כמארעס שווייגנדיק און שווארץ, ווי טונקעלע בערג, און ווען דער געוויטער קומט נידעריקער אראָפּ, און שוין נאָענט איז זיין אויסברוך, דעמלט צעשרייען זיך שווארצע קראָען מיט הויכע און מיט לאנגע קוילעס אין באראק פון די קולים האָט זיך אויך אזוי פּלוצעם אופגעהויבן א זא ווילדער געשריי. אלע זיינען איצט געלאָפן ארום און ארום, און אלע האָבן געשריגן. יעדער האָט געשלעפּט פארשיידענע זאכן פון זיין נארע און צוגעוואָרפן שיו־שי, און אלע צוזאמען האָבן זיי אים ארויסגעשטופּט פון באראק. הינטער אים האָבן זיי צוגעמאכט די טיר.

דער הימל איז געלעגן נידעריק און שווער, ווי טויזנט אויגן פון וועלף וואָלטן געקוקט פון אונטער דעם שניי. די נאכט איז געשטאַנען שטיל און טונקל. און מיט פאמעלעכע, ציטערנדיקע טריט איז שיו־שי אריינגעגאנגען אין דער טונקעלער נאכט. ער האָט נישט געזען

די אַנדערע באַראַקן, וועלכע זײַנען געשטאַנען צעוואָרפֿן אױפֿן פֿרײַען פֿעלד. די הײַזער און דעם טורעם פֿון דער שאַכטע האָט ער נישט געזען. נאָר ער איז געגאַנגען װײַטער, פּאַמעלעך און ציטערנדיק װײַטער. ער איז אַרויס פֿון דעם אָרט, וואָס ער האָט דרײַ הונדערט מאָל אין טאָג, שוין פֿיר כאָדאָשים לאַנג, פֿאַרשאָלטן. ער האָט מיט די אייגענע הענט דערוואָרגן דעם כינעזער קאָנג־טשינג, דעם בייזן אַגענט, וועלכער האָט פֿאַר געלט פֿאַרקויפֿט דרײַ הונדערט מענטשן צו די רוסן. ער איז אַרײַן אין געדיכטן וואַלד און איז געגאַנגען, געגאַנגען װײַטער. שיו־שי האָט געזען, ווי מע האָט געהאַרגעט זײַן פֿאָטער, ער האָט געזען, ווי מע האָט פֿאַרגוואַלדיקט זײַן שוועסטער. ער האָט שוין אַ סאַך געזען. אַרום זײַן געלער הויט האָבן זיך געוויקלט זיבעצן הונגעריקע יאָר.

איינמאָל, דאָס איז געווען פֿאַר פֿיר כאָדאָשים, עס איז געווען האַרבסט, איז ער אויך אַזוי אַנטלאָפֿן פֿון דער אַרבעט, ווי איצט. ער האָט דעמאָלט געוואַרט ביז עס וועט ווערן טאָג, און אין גרויען טאָג איז ער געגאַנגען אױפֿן שמאָלן וועג דורכן געדיכטן וואַלד, ער האָט געמיינט, אַז פֿון דעם וועג ווייסט נישט קיינער, אַחוץ ער אַליין. די זון איז געגאַנגען פֿון בוים צו בוים און געגלעט די פֿאַרשלאָפֿענע בלעטער פֿון יונגן האַרבסט. פּלוצעם האָבן שיו־שיס אויערן געהערט אַ פֿרעמד געריוש. ער איז געבליבן שטיין. און עס האָבן זיך דעמאָלט דערנענטערט אין שנעלן געלויף צוויי רײַטער. שיו־שי האָט שטיל און אונטערטעניק געוואַרט, ווי זײַן פֿאָטער אין יענער מינוט, איידער מע האָט אַראָפּגעהאַקט זײַן קאָפּ. די צוויי רײַטער, צוויי טשערקעסן, זײַנען געבליבן שטיין לעבן אים, זייערע קליידער און זייערע פּנימער זײַנען געווען טונקל, ווי די אָפּגעגאַנגענע נאַכט. זייער שפּראַך האָט שיו־שי נישט פֿאַרשטאַנען, נאָר אױפֿן קאָפּ האָט ער געפֿילט די רימענס פֿון זייערע נאַהײַקעס. מיט ביידע הענט האָט ער זיך פֿאַרשטעלט דאָס פּאָנעם. און די טשערקעסן האָבן צוגעבונדן זײַנע הענט צו די זאָטלען פֿון זייערע פֿערד. אַזוי איז ער געגאַנגען, די הענט הויך צוגעבונדן צו די זאָטלען, דעם קאָפּ טיף אַראָפּגעלאָזט. און די פֿערד זײַנען געלאָפֿן, אײַלנדיק צוריק אין דאָרף אַרײַן. ווען זיי זײַנען צוגעקומען צו יענעם אָרט, פֿונוואַנען שיו־שי איז אַנטלאָפֿן, איז די זון שוין געשטאַנען הויך אױפֿן הימל, און די מענטשן האָבן געקוקט אין אַלע זײַטן.

דערנאָכ איז ער געלעגנ אינ קאַטאָלאָשקע מיט געבונדענע הענט אונ געבונדענע פיס, אַרומ אים האָט זיכ געשפּרייט טונקעלע נאַכט, כאָטש אינדרויסנ איז נאָכ לאַנג געווענ העלער טאָג. אַכט טעג איז ער געלעגנ אינ קאַטאָלאָשקע.

איצט גייט שוי-שי נישט מיטנ וועג, נאָר אינמיטנ וואַלד, ער וואַרט נישט ביז עס וועט אָנקומענ דער טאָג, ער האָט זיכ דערמאָנט אָנ די צוויי ריטער. אונ דאָס ערשטע מאָל איז ער אַנטלאָפנ פונ דער אַר-בעט, ווײַל זי איז געווענ צו שווער, איצט האָט ער געהאַרגעט א מענטש.

ער האָט זיכ דערמאָנט אָנ דעמ בייזנ אַגענט קאַנגי-טשינג, אָנ דעמ הונט, וועלכנ ער איז געקומענ צו זײַנ מוטער בײַ איר קויפנ דעמ זונ. אינעמ זעלבנ גומענעמ מאַנטל פונ גרינער פאַרב איז ער אינ שטוב געשטאַנענ אונ גערעדט צו זײַנ מוטער, גערעדט אונ גערעדט. אינדרויסנ האָט געבלאָזנ א ווינט, דער ווינט פונ סאַנ-פּע. די שטיב-לעכ האָבנ זיכ געקאָרטשעט אונטער די לאַנגע בײַטשנ פונעמ ווינט. די ווענט האָבנ געציטערט, ווי דינ פּאַפּיר, אונ אונטער דער פּאָדלאָגע איז געלאָפנ דער ווינט. שוי-שיס מוטער, א קליינע אונ א צעקנייטשטע, האָט אָפּגעקאָכט א ביסל רײַז פאַר איר זונ, אונ זי האָט געציטערט אונ געוויינט איבער קליינעמ פײַער. „פאַר, מײַנ זונ", האָט זי געזאָגט, „וועסט נישט אַרבעטנ שווער, וועסט האָבנ גוט צו עסנ אונ וועסט פאַר-דינענ א כאַב געלט. דערנאָכ וועסטו אַהיימקומענ, אונ מיר וועלנ דינגענ א שטיקל פעלד". — אַזוי האָט צו אימ געזאָגט זײַנ מוטער. אונטער די אויגנ פונ זײַנ מוטער זײַנענ געלעגנ אויפגעשוואָלענע רינ-גענ, אונ מיט די ברייטע אַרבל פונ איר קימאָנאָ האָט זי פאַרשטעלט די אויגנ, ווענ ער איז צומ לעצטנ מאָל אַרויסגעגאַנגענ פונ דער שטוב.

אַזוי האָט ער געטראַכט אונ ער איז געגאַנגענ אונ געגאַנגענ.

ער איז געגאַנגענ א גאַנצע נאַכט אונ ער איז געגאַנגענ א גאַנצנ טאָג אינעמ געדיכטנ וואַלד. ערשט ווענ די זונ האָט זיכ אָנגעהויבנ אַראָפּלאָזנ פאַמעלעכ צווישנ די ביימער, האָט ער אויסגעזוכט אַנ אָרט אונ זיכ אַנידערגעזעצט. ער איז נישט געווענ מיד. נאָר הונגעריק איז ער געווענ.

דער וואַלד האָט זיכ געצויגנ ווײַט, אינ אַלע זײַטנ, ווו דאָס אויג

האָט געקוקט. די ביימער זיינען געווען שטאמיקע, הויכע, גראָבע, זיי זיינען געווען זייער אלט. דער הימל איז געלעגן אפ זייערע הויכע שפיצן, בלוי און טונקל, און אונטן איז געלעגן דער שניי. שיו־שי האָט צוגעמאכט די אויגן — צי האָט ער זיי לאנג אזוי געהאלטן צוגעמאכט, אָדער נישט לאנג? — ווען ער האָט זיי ווידער געעפנט, איז געלעגן טונקעלע נאכט איבערן וואלד. פונדערווייטנס האָט ער דערזען רויטע פונקען, דערנאָך בעסער געקוקט, און געזען א קליין פייערל. נישט געטראכט, איז ער אופגעשטאנען און געגאנגען מיטן אויג דאָרט אהין, ווו עס האָט געברענט דאָס קליינע פייער.

א הילע כאטע איז געשטאנען אינמיטן וואלד, אלט און צעבראָכן. אינמיטן דער כאטע האָט געברענט א קליין פייער און לעבן פייער זיינען געזעסן צוויי מענטשן. שיו־שי איז געבליבן שטיין פאר דער אָפענער כאטע און געשמייכלט. לעבן פייער איז געזעסן איינער א הויכער, א בלאָנדער, מיט א רויטן, נאָך נישט פארהיילטן שניט איבער דער לינקער באק — און איינער, נישט זייער קיין הויכער, א שווארצער. אויך זיי האָבן געשמייכלט און אים צוגערופן צום פייער. שיו־שי האָט געהערט, אז זיי ריידן מיט פרעמדע שפראכן, אז זיי אליין האָבן זיך אויך נישט פארשטאנען, ווייל זיי האָבן מער גערעדט מיט די הענט, מיט די אקסלען און מיט די אויגן. ער איז צו זיי צוגעגאנגען און זיך אנידערגעזעצט לעבן פייער. ער האָט נאָך ברייטער געשמייכלט, און מיט די קיילעכיקע אויגן אָנגעקוקט די צוויי מענטשן. וואָס זיינען געווען אָנגעטאָן האלב ווי סאָלדאטן, האלב ווי בערן.

דער הויכער, דער בלאָנדער, האָט אָנגענומען שיו־שי בא דער פלייצע און מיט אים געשאָקלט, צוערשט לייכט, דערנאָך שטארקער. מיט א הויכער, הארטער שפראך האָט ער אין אים אריינגעשריגן: „יא גערמאן”

דער צווייטער, דער שווארצער, האָט זיך א קלאפ געגעבן אין דער ברוסט און זינגענדיק ווייך אויסגערופן: „יא מאדיאר!“

שיו־שי האָט אופגעהערט צו שמייכלען, ער איז געוואָרן ערנסט. ער האָט פארשטאנען, אז אויך זיי, די קריגס־געפאנגענע, זיינען אנטלאָפן פון דער ארבעט. זיינע קאָרייִשע כאווייריום האָבן א סאך מאָל דערציילט פון דער מילכאָמע, וואָס דער צאר פירט מיט די עסטרייכער און מיט די דייטשן. זיי האָבן א סאך מאָל דערציילט, אז ווי

קריגס־געפאנגענע לעבן נאָך ערגער פון זיי, זיי מוזן נאָך שווערער ארבעטן און האָבן נאָך ווייניקער פון זיי צו עסן. שיו־שי האָט איצט אויפמערקזאם געקוקט אף די צוויי קריגס־געפאנגענע. ער האָט גענומען דעם געבראָטענעם פויגל, וואָס דער דײַטש האָט אים געגעבן, ער האָט געקוקט מיט קאלטע, קנײַלעכיקע אויגן אף די צוויי פרעמדע, און געגעסן דעם פויגל. דער מאדיאר האָט אים געוויזן א רעוואָלווער, מיט וועלכן ער שיסט די פייגל. הערנאָך האָבן זיי אים אויסגעפרעגט, ווען ער איז אנטלאָפן, און פארוואָס ער איז אנטלאָפן. זיי האָבן גערעדט אלע דרײַ מיט די הענט, מיט די אקסלען און מיט די אויגן.

דאָרט אין יענער אלטער, אײַנגעפאלענער כאטע האָבן געלעבט אלע דרײַ מענטשן עטלעכע טעג. דער טאָג איז געווען גרוי נאָכאנאנד און שלעפעריק, ווי דער געפרוירענער וואלד, די זון האָט געוויזן א קרענקלעכ־רויטן פלעק הינטער א ווײַסגעפלדיקן געוועב, און די נאכט האָט זיך געצויגן אין א ווײַטער ענדלאָזער לענג. פון אלע זײַטן האָבן געוויעט ווילדע כײַעס.

דער שנײ איז געלעגן הויך, די ביימער זײַנען פארשטארט געוואָרן אין פראָסט, און די מענטשן — ווי די ביימער, זייערע ביינער זײַנען געווען שטײַף און טרוקן. זיי האָבן געקנאקט הינטער דער הויט, ווי ד דארע אײַז־שטענגלעך אף די צווײַגן. דער שווארצער מאדיאר איז ארומגעגאנגען, ווי א שטיק אָפגעריסענע כמארע. דער הויכער דײַטש האָט ניט אויפגעהערט צו שעלטן, און דער קלײנער שיו־שי האָט טרויעריק געשמייכלט. איבערן וואלד האָט זיך געשפרייט דער ווינטער מיט ווײַסן טויט.

אײנמאָל אינדערפרי איז שיו־שי געווען ווײַס, ווי דער שנײ אינדרויסן, זײַן קורצע נאָז איז געווען באוואקסן מיט פראָסט, און זײַנע קנײַלעכיקע אויגן זײַנען געווען קליין, ווי די אויגן פון א פויגל. קיין עסן איז נישט געווען.

דער מאדיאר האָט ארויסגענומען זײַן רעוואָלווער, ארײַנגעלייגט צוויי פאטראָנען, זײַן שפיציק פּאָנעם, געדיכט און שווארץ באוואקסן, איז געווען ענלעך צום קאָפּ פון א הונגעריקן וואָלף. אין א ווינקל איז געזעסן דער הויכער דײַטש, אײַנגעקאָרטשעט, און די גראָבע ליפּן צונויפגעביסן. דער רויטער שניט אין זײַן לינקער באק האָט זיך געצייכנט ווײַס אף דער געלער הויט. דער מאדיאר איז צוגעגאנגען

געענטפערט צו שיו־שי. דער קאַרייער האָט צוגעמאַכט די קלײנטשיקע אויגן. דערמיט האָט פּלוצעם דער דײַטש אַ געשריי געטאָן: „וואַרטע!“ שנעל אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צו שיו־שי און אים צוגערירט מיט זײַן פּעלץ. לעבן זײַן קאָפּ האָט ער אַנידערגעלייגט אַ שטיק געבראָטן פלייש — אײַנגעדאַרט, שוואַרץ, געפרוירן. און דער מאַדיאַר האָט אַרײַנגעלייגט זײַן רעוואָלווער צוריק אין קעשענע. זיי זײַנען אַרויסגעגאַנגען בײַדע פון דער האַלב־אײַנגעפאַלענער כאַטע. נאָכאַמאָל, צום לעצטן מאָל, זײַנען זיי געגאַנגען זוכן עסן.

שיו־שי האָט געעפנט די אויגן. אינדרויסן איז דער טאָג געווען ראָז פון רויטן זוניקן פּליעך, איבערן דאַך פון ווײַסן שניי האָט זיך געמישט די פאַרב: גאָלד און פיאָלעט. און די שווערע הויכע ביימער האָבן זיך איבערגעשטעלט אין טונקעלע לאַנגע שאָטנס, ווי אוראַלטע וואַלד־ריזן. און שיו־שיס אויערן האָט געזומט די ווײַטע אײַנזאַמקײַט דאָס ליד פון טויט.

לאַנג איז נישט געקומען די נאַכט. דער טאָג האָט זיך געדרייט אין אַ ווײַסן ראָד. און ווען שיו־שי האָט שוין מער נישט דערקענט, צי ס'איז טאָג, צי ס'איז נאַכט — דערמאָלט איז צוגעקומען צו דער אָפענער טיר פון דער האַלב־אײַנגעפאַלענער כאַטע אַ וואָלף. דעם קאַרייערס פאַרפרוירענער האַלדז האָט זיך געגעבן אַ בייג, און ווידער פאַרשטײַפט געוואָרן, נאָך מער ווי פריִער. דער וואָלף האָט אומפּערלעך געדרייט זײַן אויסגעצויגענעם קאָפּ אין אַלע זײַטן. טיילמאָל האָט זײַן נאָצער לײַב געגעבן אַ שטאַרקן ציטער — איז עס געווען פאַר קעלט, אָדער פאַר הונגער? זײַן פעל האָט אויסגעזען ווי אויסגעפליקט. אַף די אויסגעריבענע ערטער איז געוואַקסן דער פראָסט, ווי ווײַסע שוואָמען. שיו־שי האָט ווידער צוגעמאַכט די אויגן, פונקט ווי פריִער, ווען דער שוואַרצער מאַדיאַר איז לעבן אים געשטאַנען מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט.

האָט ער לאַנג אַזוי, אָדער נישט לאַנג געהאַלטן צוגעמאַכט די אויגן? ווײַל ווען ער האָט זיי ווידער געעפנט, איז דער וואָלף נאָך געשטאַנען דאָרטן אויפן זעלבן אָרט. און ערשט איצט האָט ער זיך צו אים דערנענטערט. פּאַמעלעך האָט ער אויסגעשטרעקט זײַן אויסגעצויגענעם האַלדז און זײַן שפּיציקן פּיסק האָט ער אַרופגעלייגט אַף שיו־שיס באַק. ער האָט אַ שמעק געטאָן צוויי מאָל, און אויפגעריסן זײַנע האַר־

טע קינבאַקן, ווי צו א ברייטן גענעץ. זײַנע ציין זײַנען געווען שמאָל און שאַרף, און זיי האָבן א האַק געגעבן, האַרט, איינער אויפֿן אַנדערן.
דערנאָך האָט ער צוגעבויגן דעם לאַנגן קאָפּ צום אויסגעהאַקטן שטיק פֿלייש, א שמעק געטאָן, אויפֿגעריסן דעם פּיסק, און א האַק געטאָן מיט די ציין. עס האָט אים ניט געשמעקט דאָס האַרטע שטיק פֿלייש און עס האָט אים ניט געשמעקט דעם קאַרייערס באַק. א ווײַלע איז ער אַזוי געשטאַנען, געציטערט, אומפֿהערלעך געבויגן דעם קאָפּ אין אַלע זײַטן, און ער האָט זיך אַנידערגעלייגט לעבן שיו-שי.

די נאַכט האָט זיך געלייגט אויפֿן שניי. א בלייכע לעוואָנע איז אַראָפּגעהאַנגען פֿון די ביימער.

ווען די צוויי קריגס-געפֿאַנגענע זײַנען צוריקגעקומען צו דער האַלב-אײַנגעפֿאַלענער כאַטע, מיט טויטע פֿייגל פֿאַרוואָרפֿן איבער דער פּלייצע, זײַנען זיי געבליבן שטיין דערשראָקן פֿאַר דער שוועל. זיי האָבן געקוקט צו יענעם ווינקל, וווּ פּלייצע צו פּלייצע זײַנען געלעגן שיו-שי און דער וואָלף. זיי האָבן געקוקט איינער אויפֿן אַנדערן, שווײַגנדיק, קאַלט. דער שוואַרצער מאַדיאַר האָט אַרויסגענומען זײַן רעוואָלווער, נאָר דער הויכער דײַטש האָט אים אָנגענומען בײַ דער האַנט און געזאָגט „וואַרטע!“ דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען דאָרט אין ווינקל, זיך אַראָפּגעבויגן, אָנגערירט ביידע מיט דער האַנט און זיך ווידער אויסגעגלײַכט. אויך דער מאַדיאַר איז איצט דאָרט צוגעגאַנגען אין ווינקל, זיך אַראָפּגעבויגן צו די צוויי, וואָס זײַנען געלעגן אויף דער ערד. ווען ער האָט זיך צוריק אויסגעגלײַכט, האָט ער מיט דערשראָקענע, פֿרעגנדיק-פֿאַרוווּנדערטע אויגן אָנגעקוקט זײַן לעבעדיקן פֿרײַנד.

דער וואָלף איז געווען טויט — און טויט איז געווען שיו-שי.

הער קערשנבאַומער

קיינ סאָמסקי־רודניק האָט מענ מיכ פאַרשיקט פאַר „צעבונטעווענ זיכ". עס איז געווענ אינ יאָר 1916. דער דירעקטאָר אַנדריי אַנדרייעוויטש האָט צו מיר געזאָגט: „געפאַנגענע מוזנ בײַ אונדז שווייגנ אונ אַרבעטנ." צוויי טשערקעסנ האָבנ מיכ געפירט קיינ סאָמסקי־רודניק. דאָס איז געווענ אַזאַ מינ אָרט, ווו מע האָט פאַרשיקט אַלע „בונטאָווניקעס", וועלכע האָבנ נישט קיינ כיישעק געהאַט צו שווייגנ אונ גוט צו אַרבעטנ. דאָרט זײַנענ די געפאַנגענע, עסטרײַכער אונ דײַטשנ, אַזוי אויסגעקוקט געוואָרנ, אַז פונ זייערע בונטאַרישע נעשאָמעס זײַנענ באַלד אַראָפּגעהאַנגענ צעיאָמערטע געלבליכטיקע הויטנ, אָפּגעשונדענע פענעמער, צעבראָכענע גלידער. בײַ דער אַרבעט זײַנענ געשטאַנענ טשערקעסנ אונ געשלאָגנ מיט נאַהײַקעס.

דער באַראַק איז געווענ שמאָל אונ לאַנג, אַרום דרײַ הונדערט געפאַנגענע זײַנענ דאָרט געשלאָפנ באַנאַכט. דרײַ שטאָק נאַרעס זײַנענ געשטאַנענ אינ דער הייכ, פיר רייענ אינ דער ברייט. עטלעכע קליינע פענצטערלעכ האָבנ דורכגעזייפט דאָס ליכט פונ דרויסנ, ווי דורכ א זיפ. מיכ האָט מענ אַרײַנגעפירט אינעמ באַראַק, ווענ עס איז שוינ געווענ טונקל. אָבער די געפאַנגענע זײַנענ נאָכ נישט געווענ פונ דער אַרבעט. עטלעכע לאַמטערנלעכ האָבנ געלויכטנ, ווי אינ א שטאַל.

מיד האָב איכ מיכ אַנידערגעזעצט אַפ אַנ אונטערשטער נאַרע. דאָס ערשטע, וואָס מײַנע אויגנ האָבנ דערזענ, איז געווענ א געפלאָכטענ קוישל פונ ריטלעכ, אַזוי שמאָל ווי א קליינ שיפל. צו דעמ דאָזיקנ אָריגינעלנ שלאָפגעלעגער איז געווענ צוגעבונדנ א ברעטל מיט אַזאַ אויפשריפט:

דאָ רוט דער קייזער=קעניגלעכער לאַנדשטורמאַנ יאָהאַנ קערשנבאומער. געפאַנגענ בא דער העלדישער פאַרטיידיגונג פונ דער פעסטונג פשעמישל.

וואָס איז דאָס? האָב איכ געטראַכט. א טרומנע אָדער וואָס? דאָס קוישל איז געווענ ליידיק, קיינער איז דאָרט נישט געלעגנ. אָבער באַלד האָט זיכ אַרויסגעשיילט דאָס דאָזיקע רעטעניש: פונ דער אַרבעט זײַנענ געקומענ די געפאַנגענע, יעדער איז גלײַכ צוגעקראָכנ צו זײַנ געלעגער, אונ אינ קוישל האָט זיכ אַרײַנגעזעצט דער יאָהאַנ קערשנבאומער. ער האָט מיכ צוגערופנ צו זיכ, זיכ פאָרגעשטעלט: באַראַקנ-פירער.

ער איז געווענ א קליינער סימפּאַטישער ווינער, אינ די פערציקער יאָרנ. מיט א קליינטשיק פּיקעלע צווישנ די ציינ, האָט ער צו מיר געשמייכלט, ווי אנ עלטערער ברודער. ווי עס געפעלט מיר דער באַראַק, האָט ער מיכ געפרעגט. אונ אז איכ האָב אים געזאָגט מײַנ מיינונג, האָט ער מיכ געטרייסט מיט זײַנע ווייכע ווינערישע רייד, אז איכ וועל מיכ שוינ אָקאָרשט צוגעווינענ — מיט דער צײַט. ער האָט געהאַט אינ זיכ א ברודערלעכ האַרצ, אונ נישט געוואָלט נאָכ שווערער מאַכנ מײַנ צעווייטיקטע נעשאָמע. ער האָט געזוכט שיינע פאַרבנ אָפּ צו מאָלנ די סאַמסקי=רודניקער פאַרהעלטענישנ, קעדיי זיי זאָלנ ניט צו שטאַרק רייצנ דעם מאָגנ. איכ בינ נאָכ יונג, האָט ער געזאָגט, איכ זאָל מיר דאָס נישט נעמענ צו שטאַרק צומ האַרצנ. אונ ער האָט דערציילט:

— דאָס איז שוינ איצט א גרויסע בעסערונג, — האָט ער געזאָגט, — פונ זינט א שטיקל צײַט. פריִער האָט מענ אויכ געאַרבעט זונטיק, אונ אינ באַראַק האָבנ טאָג אונ נאַכט געהאַלטנ א שטרענגע וואַכ טשערקעסנ. מע האָט נישט געטאָרט הויכ ריידנ, אונ נישט זינגענ.

— ווענ ווילט זיכ דאָ נאָכ זינגענ? — האָב איכ געפרעגט.

אונ דער הער קערשנבאומער האָט מיר קלאָר געמאַכט:

— אָ, אינ דער ערשטער צײַט האָט זיכ נאָכ פאַרגלוסט איועלכנ ווילנ יונג א זינג צו טאָנ. דאָס איז אָבער נישט געווענ דערלויבט, ניינ. אונ נאָכ א סאַכ אַנדערע זאַכנ זײַנענ נישט געווענ דערלויבט. די שטראָפ איז געווענ נאָר א פּאַשעטע: מע האָט אַלעמענ אַרויס-

געטריבנ פונ באראק, אופגעוועקט אפילע אינגמיטנ דער נאכט אונ ארויסגעטריבנ. אינדרויסנ האָט מענ געמוזט שטיינ אפנ נאקעטנ פראָסט א האלבע שאָ, אמאָל א שאָ, לויט דער שטראָפ. זומער פלעגט מענ שמייסנ פונ דער אונטערשטער נארע ביז ארופ. אָ, איצט איז שוינ בעסער! איצט ווערט נאָר דער באשטראָפט, ווער עס פארדינט עס. אונ פריִער האָט מענ בא דער ארבעט אויכ אלעמענ געשמיסנ. איצט באקומט נאָר דער מיט דער נאהייַקע, ווער עס ארבעט שלעכט. זו־מער האָט מענ געמוזט ארבעטנ פונ פינפ אזייגער אינדערפרי ביז זיבנ באנאכט. אָ, איצט איז שוינ בעסער! איצט ארבעט מענ נאָר פונ זעקס אינדערפרי. דערצו איז זומער די ערד ווייכ אונ דער געלער ליים קלעפט זיכ צו די הענט אונ צו די פיס, ווי שווערע קייטנ. דער וועג פונ אָפּענעמ שאכט ביז צומ אָפלייג־פלאצ איז ווינציקסטנס א קי־לאָמעטער ווייט, דער גאנצער וועג איז אופגעווייכט אפ א האלבנ מע־טער טיפ, אזש דו ווערסט דערטרונקענ מיט דער קאָליאסקע אונ מיטנ פערד. אָבער אז דאָס אָפּגעמוטשעטע פערד וויל נישט שלעפּנ, כאפסטו די קלעפ. אָ, איצט איז שוינ בעסער! פריִער האָט מענ געשלאָגנ סיווי, צי דאָס פערד האָט יאָ געוואָלט שלעפּנ, אָדער נישט. אונ איצט איז די ערד געפרוירנ, דער שליטנ גליטשט זיכ. דו גייסט נאָכ פונ הינטנ, אונ אז דו באקומסט אמאָל א בייַטשל, איז וואָס? פילסט עס נישט אפילע, סע מאכט נאָכ ווארעמער. אָ, איצט איז בעסער! וויאזוי איז פריִער געווענ מיטנ עסנ? פלייש האָסטו באקומענ צוויי מאָל אינ כוי־דעש, שעפסנ־פלייש. אָבער ביז עס איז געקומענ צו דיר, איז עס דער־ווייַל אָפּגעלעגנ ערגעצ א כוידעש, אונ אינ זומערדיקע טעג האָט עס געשטונקענ. איצט באקומסטו יעדנ זונטיק פלייש, פערד־פלייש. אונ ווינטער איז עס געפרוירנ, שטינקט עס נישט. אָ, איצט איז בעסער! זומער האָט מענ געטריבנ צומ וואסער זיכ באָדנ, נאָכ דער ארבעט, ביסט געווענ טויט־מיד, האָסט געוואָלט שלאָפנ, האָט מענ דיכ גע־טריבנ צומ וואסער. אונ ס׳וואסער איז פליטקע, ס׳דערגרייכט דיר ביז צומ קנעכל. אָבער ווינטער איז דאָס וואסער געפרוירנ, טרייַבט מענ נישט. אָ, איצט איז בעסער! פריִער, ביסט קראנק געווארנ, האָט דיר דער פעלדשער ארייַנגעגאָסנ א פול גלאָז ריצנייל, נישט געפרעגט אפי־לע וואָס דיר פעלט. אונ אזא גלאָז ריצנייל, דו ווייסט דאָכ, האָט דיר צעריסנ דעמ בויכ. אונ מיט א צעריסענעמ בויכ האָסטו געמוזט גיינ

ארבעטנ. איצט האָט מענ דעמ פעלדשער אינגאנצנ אוועקגענומענ, אונ קראנק טאָרסטו מער נישט זײַנ. צו דער ארבעט טרײַבט מענ איצט אָנ ריוונײַל. אָ, איצט איז בעסער! א סאכ, א סאכ בעסער.

ער האָט דערצײלט, דער ליבער הער קערשנבאַומער, פונ א סאכ זאכנ, וואָס זײַנענ פריער געווענ ערגער אונ איצט זײַנענ זיי בעסער. די ווערטער זײַנענ געדרונגענ פונ זײַנ מויל זיס, ווי רײַנער האָניק. אזוי קלײנ ווי ער איז געווענ, מיט די קלײנע אײגעלעכ, מיט דעמ קלײנעמ פײַקעלע אינ מויל, האָט ער אויסגעזענ אינגאנצנ, ווי א שטיק זיסער האָניק. צוויי קלײנע, אָבער פעטע גוידערלעכ האָבנ זיכ געוויגט אונ־טער זײַנע קײַלעכיקע באקנ מיט אלט־ווינערישער געמיטלעכקײַט. אונ איכ האָב מיכ געוווּנדערט: דאָ אינ סאמסקי־רודניק, פונוואַנענ נעמענ זיכ אזעלכע גוידערלעכ? אָבער איכ האָב אימ געפרעגט וועגנ עפעס אנדערש. מיכ האָט אינטערעסירט דאָס געפלאָכטענע קוישעלע, אינ וועלכנ ער איז אזוי שײנ געזעסנ.

— אַכ, מײַנ גוטער פרײַנט! — האָט ער געקרעכצט. — ווער ווייסט דענ ווי לאנג דער מענטש לעבט? אונ דאָ באגראָבט מענ די מענטשנ אָנ קעסטלעכ, אָנ טרומנעס, ארײַנ אינ דער ערד אונ פארשיט א בערגל. ליג. דערפאר האָב איכ צוגעטראכט פלעכטנ פאר זיכ א קוישל. שוינ א יאָר באלד, אז איכ שלאָף דערינ, אונ וועל איכ שטארבנ, וועט עס זײַנ מײַנס. איכ האָב וועגנ דעמ שוינ צו וויסנ געגעבנ אינ קאָנטאָר.

ער האָט געזיפצט, געקרעכצט, דערצײלט אונ פארענדיקט:

— א גוטע נאכט. מאָרגנ איז זונטיק, וועסטו זיכ א ביסל באַ־קענענ מיט די מענטשנ, אונ איבערמאָרגנ איז מאָנטיק, וועסטו זיכ באקענענ מיט דער ארבעט. א גוטע נאכט.

ער האָט געהײסנ פארלעשנ די לאמטערנדלעכ, אונ ס'איז געוואָרנ טונקל. איכ האָב מיכ ארײַנגערוקט צווישנ א קופּע מענטשנ, געלעגנ מיט אָפענע אויגנ א האלבע נאכט. די לופט האָט מענ געקאָנט שנײַדנ מיט א מעסער. אונ קאלט איז נישט געווענ. אז די בײנער האָבנ זיכ מיר גוט אָפגעקוועטשט, בינ איכ אופגעשטאנענ, זיכ איבערגעדרײט אונ ארײַנגערוקט זיכ צווישנ דער קופּע מיט דער אנדערער זײַט.

זונטיק. דער לאנגער באראק זעט אויס ווי א העקדעש. די גע־פאנגענע ליגנ אפ די נארעס פויל, נישט געוואשנ, נישט געגאָלט, נישט געקעמט. ליגנ אפ די נארעס אינ צעריסענע שמאטעס, האלב נאקעט

און אײַנגאַנצן נאַקעט. אַנדערע זײַנען געזעסן, אָדער אַרומגעקראָכן מיט אידיאָטישע פּנימער, געקראַצט זיך אין אָפֿענע װוּנדן, אין אָפּגעפֿרױרענע פֿיס, אױפֿגעװיקלט און צוגעװיקלט די שװאַרצע ברודיקע לאַכעס. דערנאָך האָט מען געטראָגן קיפּיאַטאָק, דאָס האָט געהײסן טײ. דערנאָך האָט מען געגעסן, צען מענטשן אין אַ גרױסער שיסל, אַ מין יױכע, פֿאַרבראָקט מיט עפּעס צעװײקטע שטיקער, דאָס האָט געהײסן פֿלײש. דער ליבער הער קערעשנבאַומער איז געזעסן אין זײַן געפֿלאָכטן קױשל, מיט די פֿיס אונטער זיך, מיטן קלײנעם פּײַקעלע צװישן די ליפּן, מיט די קײַלעכיקע אױגן געשמײכלט װי אַ קײַלעכיקער בודהא.

אָבער פֿאַרנאַכט איז געװאָרן אין באַראַק אַ ביסל לעבעדיקער. די מענטשן האָבן זיך אַרומגעשאַרט אין דעם האַלב־טונקעלן באַראַק, אָפּגעריסענע, צעשױבערטע, װי טונקעלע שאָטנס. מע האָט זיך פֿלינק געװאָרפֿן אױף דער פּאָדלאָגע, גיך געקראָכן אונטער די נאַרעס, געשאַרט מיט די הענט, געפּאַטשט, געשאַרט שנעל און געשװינד — דערנאָך איז מען אַפֿירגעקראָכן פֿון אונטער דער נאַרע, געהאַלטן אײַנגעקלאַמערט אין דער האַנט עפּעס קלײנס, צאַפּלדיקס — און פֿאַרשװוּנדן אין אַ װינקל. דערנאָך איז מען געשטאַנען בײַ די גרױסע אױװנס אַרום פֿײַער, און אַרױפֿגעשפּיזט אױף שטעקעלעך, האָט מען עפּעס געבראָטן אין די פֿלאַמען. די אױגן האָבן געגלאַנצט, די ליפּן האָבן זיך באַלעקט, געשװיגן.

איך בין אַרױס פֿאַר דער טיר. פֿאַרנט איז געװען די לאַטרינע, אַ מין אָפֿענער אָפּטריט — און אַרום האָבן געטאַנצט מענטשלעכע שאָטנס מיט אַראָפּגעלאָזענע הױזן. דער דרױסן האָט געװאַשן דאָס פּנים מיט פֿרישן פֿראָסט. אױף בײדע זײַטן שטײט װאַלד, שװער און טונקל, װי אַן אײנציקער ביז עק װעלט צעװאַקסענער בױם. אַקעגן פּנים, װײַטער פֿון דער לאַטרינע, שפּרײט זיך װײַסער סטעפּ — נידעריקע, צונױפֿגעװאַקסענע קוסטעס, װי אַ ריזיק בעט מיט אַ װײַסער דעק איבערגעצױגן. פֿון װאַלד קומען צופֿליען װאָראָנעס, אײנציקע און פֿאַרװײַזט, צערײַסן די שטילקײט מיט זײער גיכן פֿלי און מיט זײער צעצױגענעם קרעכץ. זײ דרײען זיך איבער דעם װײַסן סטעפּ, דרײען זיך און פֿאַרשװינדן. נאָך זײ יאָגט זיך נאָך דער װינט, אַ בײזער, װי אַ בערדיקער אַלטער זײדע נאָך יונגע קינדער. און ער דערכאַפּט זײ נישט,

בלײַבט ער שטײן אינמיטן װײַסן סטעפּ, װי ער װאָלט זיך אַ װײַלע פֿאַרטראַכט, און פּלוצעם גיט ער אַ שפּרונג, מיט פֿאַרשײדענע קאָזשעלקעס, װילדע, מעשוגענע, מיט דעם קאָפּ אַראָפּ און מיט די פֿיס אַרױף, דער שנײ בלײַבט ליגן אױסגעפּאַטשטער, מיט אױסגעקניפּענע שטיקער איבערן גאַנצן לײַב. און מיטאַמאָל זע איך: עפּעס קריכט דאָרט צװישן װײַסן סטעפּ, עפּעס שװאַרצט זיך דאָרט, בײגט זיך, שאַרט זיך, שטײט. דער הימל איז טונקל־גרױ, איך שטרענג אָן די אױגן, קוק: דאָס איז נישט קײן כײַע, דאָס איז נישט קײן פֿױגל, דאָס איז אַ מענטש. און פֿונעם מענטשן זעט מען מער נישט אַרױס װי דעם קאָפּ. ביז צו די אַקסלען אין שנײ — גײט דער קאָפּ אַלײן איבער דער װײַסער דעק, רוקט זיך פּאַמעלעך, שװער און פּאַמעלעך.

איך װיל לױפֿן זען װאָס דאָס איז, װער דאָס איז? נאָר איך האָב מורא, איך זאָל נישט דערטרונקען װערן אין שנײ.

דער הימל איז טונקל־גרױ, איך שטרענג אָן די אױגן, קוק: דער קאָפּ קומט אָן פֿון דער רעכטער זײַט — און אױף דער לינקער זײַט, שױן נישט װײַט פֿון אים, ליגט עפּעס שװאַרצס אױפֿן האַרטן געפֿרױרענעם שנײ. איבערן װײַסן סטעפּ דרײען זיך די שװאַרצע װאָראָנעס, קראַקען און קרעכצן, און פֿאַרשװינדן אין װאַלד אַרײַן. װען דער װינט הײבט זיך אױף, בלײַבט דער קאָפּ שטײן. דער װינט ברומט, מרוקעט, גיט אַ שפּרונג און בלײַבט ליגן. דער קאָפּ רוקט זיך װײַטער, שװער און פּאַמעלעך װײַטער. דערנאָך הײבט זיך אַרױס אַ האַנט, שטרעקט זיך און נעמט דאָס שװאַרצע, װאָס ליגט אױף דעם װײַסן דעק. נעמט און באַהאַלט עס אונטערן שנײ.

איך שטײ און װאַרט. אַרום דער לאַטרינע טאַנצן די מענטשלעכע שאָטנס מיט אַראָפּגעלאָזענע הױזן. פֿון װאַלד קומען צו פֿליִען די װאָראָנעס, קרעכצן, דרײען זיך איבערן װײַסן סטעפּ, און פֿאַרשװינדן. דער בײזער װינט יאָגט זיך נאָך מיט אַ געברום. און פֿאַר די אױגן קומט אָן די נאַכט.

איך װאַרט — און עס קומט דער מענטש, װאָס איז געקראָכן צװישן װײַסן סטעפּ. דאָס איז הער קערשנבױם, הער יאָהאַן קערשנבױם.

איך קוק אים גלײַך אין די אױגן אַרײַן: זײַנע קלײנע אױגן שמײכלען, די דינע ליפּן שמײכלען — און פֿון בוזעם קוקט אַרױס דער שמאָלער געפֿרױרענער שנאָבל פֿון אַ טױטן פֿױגל.

וואָיטשעק

צום סאָף פון קריג, אָנהייב נאָיאַבער 1918, איז מען קעסיידער אַרויסגעלאָפן פון די שווייענטע סאַרנער כאַטעס און געקוקט אַף אַלע וועגן: צי קומט נישט עמעצער? קוים אויפגעכאַפּט זיך פאַרטאָג, נאָר־וואָס אַרויפגעכאַפּט אַף זיך די הויזן, דאָס קלייד, איז מען גלייך אַרויס־געלאָפן און מיט פאַרשלאָפענע אויגן געדרייט דעם קאָפּ אין אַלע זייטן..

קיין שוויענטע סאַרנע איז דער ערשטער אָנגעקומען וואָיטשעק. וואָיטשעק גזשדולא. עס איז געווען פאַרנאַכט, די מענטשן זיינען גע־שטאַנען אַפן וועג, וואָס פירט צו דער שטאָט, זיי האָבן געפּלאַפּלט נאַרישקייטן, קעדיי צו פאַרטרייבן די פוסטקייט. ווען זיי האָבן פון־דערווייטנס דערזען אַ מענטשן קומען פון שטאָט, האָבן זייערע באַקן באַקומען אַ פרישע פאַרב און זיי זיינען געוואָרן מיטאַמאָל פריילעך. זיי האָבן געפּרוווט טרעפן ווער עס קומט, געפּרוווט טרעפן וועמעס גאַנג דאָס איז. זיי האָבן זיך לעבעדיק דערמאָנט אַלע מענטשן, וואָס זיינען אַוועק אין מילכאָמע, די אַלטע און די יונגע, זיך דערמאָנט, וויאַזוי יעדער פון זיי פלעגט גיין מיט זיין באַזונדערן גאַנג.

נאָר זיי האָבן נישט געקאָנט צוגלייכן צו דעם מענטשן, וואָס האָט זיך געוויזן פון־דערווייטנס, קיין איינציקן פון די דאָרפישע באַ־קאַנטע. זיי האָבן גערעדט, געפּלאַפּלט, געלאַכט — און שטיל גע־וואָרן. דער מענטש, וואָס האָט זיך אַרויסגעשיילט אַלץ קלאָרער, צוגעקומען אַלץ נעענטער, האָט געקלאַפּט מיט אַ הילצערנעם פוס אַפן האַרטן וועג.

די דאָרפֿישע מענטשנ האָבנ אראָפּגעלאָזט די אויגנ, אראָפּגעלאָזט די קעפּ, געשוויגנ. זיי האָבנ זיכ אָפּגערוקט פֿונ מיט וועג, געבליבנ שטיינ אפֿ ביידע זייטנ אינ צוויי לאַנגע שורעס מיט געבויגענע קעפּ. וואַיטשעכס הילצערנער פֿוס האָט געקלאַפּט הויכ, געקלונגענ שווער אונ טעמפּ אינ די אויערנ. ער איז פּאמעלעכ געגאַנגענ צווישנ די צוויי שורעס מענטשנ, אונ געשמייכלט. זיינע קליינע אויגנ האָבנ זיכ געקנייטשט אונ געשמייכלט. אָבער ער האָט נישט ארויסגערעדט קיינ איינציק וואָרט. מיט דער לינקער האנט האָט ער צוגעהאלטנ דאָס שטיק האָלצ אונטערנ אָפּגעהאקטנ פֿוס אונ אזוי פּאמעלעכ געגאַנגענ זיינ וועג. די צוויי שורעס דאָרפֿישע מענטשנ האָבנ אימ נאָכגעקוקט ביז ער איז פֿארשוווּנדנ פֿונ די אויגנ.

דעמלט האָט איינער געזאָגט שטארק בלייכ אינ פּאָנעמ:

— אוי לומ, אוי שטומ.

די מענטשנ זיינענ שווייגנדיק געגאַנגענ יעדער אינ זיינ כאטע.

אינ צווייטנ עק דאָרפֿ איז געשטאַנענ וואַיטשעכס שטוב, ער האָט געמוזט אויסמעסטנ מיט זיינ הילצערנער קוליע דאָס גאַנצע דאָרפֿ. קינדער זיינענ אנטלאָפֿנ פֿונ וועג אונ פֿאר מוירע אויכ געקוויטשעט. דערוואקסענע זיינענ ארויסגעקומענ פֿונ די שטיבער, אראָפּגעלאָזט די אויגנ אונ געשוויגנ. ווענ ער איז צוגעקומענ צו זיינ כאטע, האָט ער זיכ אָפּגעשטעלט, אָפּגעדרעבעט, אָפּגעווישט דאָס פּאָנעמ אונ אריינגעגאַנגענ אינ שטוב.

נאָר אינ שטוב איז זיינ ווייב מאַרגאָשע נישט געווענ. ער איז צוגעגאַנגענ צומ טיש, געזעצט זיכ אפֿ דער באַנק אונ אָפּגעבונדנ דאָס שווערע שטיק האָלצ פֿונעמ פֿוס. דאָס בעט איז געשטאַנענ אפֿנ אלטנ אָרט. דער טיש איז געשטאַנענ אפֿנ אלטנ אָרט. אונ דאָרט איז געשטאַנענ דער רויטער קופֿערט, דאָס קליינע וואַסערפֿעסל, די פּאָליצקע מיט געשיר, אונ באמ אויוונ די קורצע באַנק, אונ אפֿנ אויוונ די אויבערגעדרייטע ערדענע טעפּ. אלצדינג איז געשטאַנענ אפֿ די זעלבע אלטע ערטער. פֿונ שטיקל וואַנט צו שטיקל וואַנט האָט וואַיטשעכ געקערעוועט זיינ גרויסנ קאָפּ, פֿונ איינ עק שטוב צומ אנדערנ עק אונ דערנאָכ ווידער צוריק. דער פֿענצטער־ראַמענ איז געווענ ארומגעקלעפּט מיט פֿרישנ ליימ. די ערדענע פּאָדלאָגע איז געווענ פֿריש אויסגעשמירט

און ציכטיק אויסגעקערט. אפ דער פּאָליצקע איז געלעגן א גרויס האלב ברויט.

נאָך עטלעכע מאָל אזוי ארומקערעווען מיטן גרויסן קאָפּ איבער דער שטוב האָבן זיך וואָיטשעכס קליינע אויגן צוגעקלעפּט צום גרויסן האלבן ברויט און נישט געוואָלט זיך מער אָפּקלעפּן. דערנאָך איז ער אופגעשטאנען, זיך צוטעשלעפּט צו דער פּאָליצקע און אראָפּגענומען פון דאָרט דאָס האלבע ברויט. ער איז ווידער געזעסן באם טיש. פון דער הויזנקעשענע האָט ער ארויסגענומען א קליין קנײַלעכיק קניפּעקל, אופגעעפנט און אָפּגעווישט דעם אויסגעריבענעם קלינג אָן די הויזן.

און ווען ער האָט שוין געהאלטן באם לעצטן רעפטל, האָט די אײַזערנע קליאמקע פון דער טיר געגעבן א קלאַפּ, די ברייטע טיר האָט זיך געעפנט און מארגאָשע, זײַן ווײַב, איז ארײַנגעקומען אין שטוב.

וואָיטשעכ האָט געקײַט א שטיק הארטע רעפט, ער האָט געקוקט צו מארגאָשען. זײַנע צעצווינענע מויל-ווינקלען האָבן געוואָלט שמייכלען. נאָר מארגאָשע האָט זיך איבערגעצוילעמט, דערנאָך האָט זי געזאָגט:

— איך בין געווען בא יאדוויגען, איר קינד איז קראנק.

זי איז צוגעגאנגען צום אויוון, אָנגענאָסן א טעפּל מילך און עס צוגעטראָגן צום טיש. דאָ האָט זי דערזען זײַן אָפּגעהאקטן פּוס און דאָס שטיק האָלץ, וואָס איז געלעגן אפּ דער ערד. זי איז געבליבן שטיין, ווי געליימט, לאנג געקוקט אפן שטיק האָלץ און אפן אָפּגעהאקטן פּוס. נישט ארויסגערעדט קיין וואָרט. נישט פארקרימט דאָס קײַלעכיקע פּאָנעם. אירע אויגן זײַנען געווען גרויס — אין זיי האָט זיך געשפּיגלט דער שטומער געשריי פון א שווײַגנדיקן מענטשן.

וואָיטשעכ האָט געטרונקען די מילך און געשמייכלט מיט דעם זעלבן שמייכל פון פריער, ווען ער איז געגאנגען איבערן דאָרף צווישן די צוויי שורעס דערשראָקענע מענטשן.

האלבע מענטשנ

עמעצער האָט געגעבנ האנסנ א שטויס מיטנ פוס, אונ האנס האָט אופגעהויבנ דעם קאָפ.

— וואָס? — האָט ער געפרעגט.

— וויג, — האָט יענער געענטפערט.

האנס האָט זיכ אפירגעשלעפט פונ הינטער דער באנק, זיכ אופגעזעצט.

— וויג? — האָט ער איבערגעפרעגט, נאָר קיינער האָט אימ נישט געענטפערט. זיינ קאָפ איז געווענ פול מיט טשאד, מיט רויכ, מיט געשטאנק. ער האָט זיכ צוגעהאלטנ דעם קאָפ מיט ביידע הענט. אונ די אויגנ האָבנ זיכ אופגעריסנ. ער האָט פארגעסנ צוליב וואָס מע האָט אימ אופגעוועקט, נאָר דער וואגאָנ איז געווענ ליידיק. ליידיק? ווו זיינענ אהינגעקומענ די מענטשנ? דער וואגאָנ איז דאָכ געווענ פול, ווי א פעסל הערינג. ער האָט זיכ געוואָלט צוריק אנידערלייגנ, דער שווערער קאָפ האָט אימ געצויגנ צו דער פאָרלאָגע. דעמלט האָט ער געהערט:

— נא, גענאָסע, דו ווילסט גאָר נישט ארויסגייג פונ וואגאָנ?

האנס האָט נאָכאמאָל אופגעריסנ די אויגנ, אונ נאָכ שטארקער ווי פריִער.

אינ דער אָפענער וואגאָנ-טיר זיינענ איצט געשטאנענ צוויי זעלנער, רויטע בענדלעכ אפ די ארבל. צוויי פריינטלעכע מענטשנ, זיי האָבנ ביידע געשמייכלט.

— פעלט דיר עפעס? ביסטו קראנק? — האָט איינער פונ די צוויי געפרעגט.

האנס האָט שנעל געענטפערט:

— ניינ, ניינ. איכ בינ געזונט.

אונ ער איז אופגעשטאנענ. זײַנ זעלנערישער מאנטל איז געווענ צעריסנ. אכוצ דעמ אייגענעמ אָנטועכצ האָט ער גאָרנישט מער גע־פירט מיט זיכ.

איינער פונ די צוויי האָט אימ גערופנ:

— קומ מיט אונדז, גענאָסע.

זיי זײַנענ אלע דרײַ ארויסגעגאנגענ פונ וואגאָנ. א שיטערער, האר־בסטיקער נעפל איז געשטאנענ אינדרויסנ. אינעמ נעפל האָבנ זיכ געטונקענ זעלנער, שינעס, ווײַטער שײַנ פונ לאמטערנדלעכ אונ וואגאָנענ. האנס האָט געפרעגט ווו ער איז.

— ווינ, פראנציאָזעפס-באנ. — האָט מענ אימ געענטפערט.

אינ זײַנע ביינער האָט עפעס א שאָס געטאָנ. ער איז אונטערגעש־פרונגענ, ארומגעכאפט די צוויי באגלייטער.

אינ א ריזיק גרויסער שטוב, פריִער ווארט-זאל פונ ערשטנ קלאס, זײַנענ געזעסנ זעלנער בײַ גרויסע טישנ, מיט אויכ אזעלכע רויטע בענד־לעכ אפ די ארבל, ווי האָבנ פארשריבנ די נאָרוואָס אָנגעקומענע זעל־נער. די גרויסע שטוב איז געווענ פול מיט מענטשנ, מיט טאָרניס־טערס, מיט פעקלעכ.

— אינוואליד? — האָט איינער בײַמ טיש געפרעגט האנסנ.

— אינוואליד, — האָט האנס געענטפערט.

— ווילסט גיינ אינ רעקאָנוואלעסצענטנהיימ?

— ניינ. — האָט ער געענטפערט. — איכ האָב אליינ א היימ.

— א פרוי?

— יאָ.

— קינדער?

— נישט.

האנס האָט באקומענ צענ קראָנענ, ער האָט ארויסגעגײַלט פונ דער שטוב.

— שנעל — האָט ער צו זיכ געזאָגט — שנעל צו פריצי.

ער איז אריינגעשפרונגענ אינ א טראַמוויי־וואַגאָנ, מענטשנ האָבנ אפ אימ געקוקט, ווייל ער האָט געלאכט. אפ דער באַנק, וווּ ער האָט זיכ געזעצט, האָט מענ זיכ צוביסלעכ פונ אימ אָפּגערוקט. דאָס לאַכנ אפ זיינ פּנימ האָט זיכ נישט געביטנ, עס איז צוגעפרוירנ געוואָרנ צו די באַקנ. די מענטשנ האָבנ געטראַכט, אז ער איז משוגע. האַנט האָט געטראַכט, אז ער איז אינ ווינ — געטראַכט, וואָס פריצי טוט איצט.

ער וועט זי איבעראַשנ. נייג! וועט זי א געשריי טאָנ. גייג! דו ביסט געקומענ? און אירע שלאַנקע הענט האָבנ זיכ געוואָרפנ איבער זיינ האַלדז, שוינ איצט אינ טראַמוויי־וואַגאָנ. אירע שלאַנקע הענט — אירע שלאַנקע הענט — — — —

דער קאָנדוקטאָר פונעמ טראַמוויי־וואַגאָנ, וווּ האַנס איז געזעסנ, איז געווענ א פרוי. א קורצ קליידל, אנ ענג יאַקעלע מיט בלאַנקע קנעפּ, א קאָנדוקטאָר־היטל אפנ קאָפּ. פונ הינטערנ היטל זיינענ אַראָפּגעהאַנגענ געדיכטע שוואַרצע לאָקנ. זי איז געווענ א נידעריקע, א ביסל א קיילעכיקע. איבערנ וואַגאָנ איז זי געלאָפנ פלינק, ווי א פארשייט יינגל. אינ האַנס האָט צוביסלעכ פארלוירנ דאָס לאַכנ פונ פּנימ, ער האָט נאָכגעקוקט דער קאָנדוקטאָרקע. פריצי איז עפּשער נישט אינ דער היימ? פריצי איז עפּשער אויכ אזא קאָנדוקטאָרקע? פריצי — אזא פלינקע — און דער קריג האָט דאָכ אויפגעפרעסנ די מענער, די פרויענ האָבנ געקאָנט ווערנ, וואָס זיי האָבנ געוואָלט. איז עפּשער פריצי — — — —

די קאָנדוקטאָרקע איז צוגעקומענ גאַנצ נאָענט צו האַנסנ. ער האָט אויפגעהויבנ צו איר דעמ קאָפּ פול מיט פארגעניגטנ שמייכל אינ די אויגנ. די צווייטע סטאַנציע מוז ער ארויסגיינ און ווייטער פאָרנ מיטנ 46־טנ טראַמוויי, האָט זי צו אימ געזאָגט. ער האָט נישט געענטפערט, נאָר נאָכ פארגעניגטער געשמייכלט, און איר נאָכגעקוקט, ווענ זי איז פונ אימ אוועק.

— פריצי — א קאָנדוקטאָרקע? ער וועט קאָכנ, ער וועט האָבנ קינדער, און ער וועט די קינדער ניאַנטשענ — ער האָט ארויסגעשאָסנ א הילכיק געלעכטער. די מענטשנ אינ טראַמוויי האָבנ זיכ דערשראָקנ, קיינער האָט גאָרנישט געזאָגט.

— איר מוזט ארויסגיינ און אריבערגיינ אינ 46־טנ. — האָט די קאָנדוקטאָרקע נאָכאמאָל אויפמערקזאַמ געמאַכט האַנסנ.

ער איז אופגעשטאנענ, שמייכלענדיק פאר איר סאליוטירט, אונ ארויסגעשפרונגענ פונ וואגאנ.

— האפּס! — האט ער געזאגט, אונ די מענטשנ האבנ אימ נאכגע-קוקט.

איכ בינ אינ ווינ, האט ער געטראכט. אינ ווינ — — —

אפ דער גאס איז שוינ נישט געווענ קיינ נעפּל. דער טאג איז געוואקסנ פארנ אויג. געוועלבער האבנ זיכ געעפנט. אונ מענטשנ האבנ אויסגעזענ, גלייכ אלע וואלטנ זיי נארוואס ארויס פונ א פרישער באד. האנס איז געפארנ מיטנ 46-טנ. ער איז געזעסנ ערנסט, פארטראכט, ער האט איבערגעקליבנ אינ קאפ זיינ לאגע, דעמ פלוצעמ איבערגע-ריסענעמ קריג, ווינ, די מענטשנ. מיט דער באנ איז ער געפארנ דריי טעג, זעכציק מענטשנ אינ איינ וואגאנ, ער איז געווענ מיד. וועט ער זיינ זיכ באדנ אונ דערנאכ זיכ לייגנ שלאפנ אפ עטלעכע גוטע שא.

איצט איז ער ווידער געווענ וואכ, ער האט ארויסגעקוקט דורכנ פענצטער, געקוקט אפ ווינ. דריי א האלב יאר האט ער נישט געזענ די שטאט. זיינ שטאט, זיינ ווינ, דריי א האלב יאר! אונ ווינ איז דאכ — ער איז אראפגעגאנגענ פונ טראמוויי. אפנ וועג האט זיכ אימ דער קאפ ווידער צעמישט פאר פרייד. פריצי איז אימ געשוועמענ פאר די אויגנ. צעשוועמענ געווארנ, צעפלאסנ געווארנ, ווי וואסער, ווי נעפל. הייזער, מענטשנ, שטיינער פונ טראטואר זיינענ געשוואומענ פאר זיינע אויגנ צוזאמענ מיט פריצי.

אונ אט איז דאס הויז, וו ער האט געוווינט פארנ קריג. ער איז ארופ אפנ ערשטנ שטאק, אנגעקלאפט אינ דער טיר אפ דער רעכטער זייט. דערנאכ האט ער געזענ, אז א שילדל מיט א פרעמדנ נאמענ הענגט אפ דער טיר. א יונג מיידל האט געעפנט. האנס האט געדרייט מיטנ קאפ, געציטערט מיט די אויגנ, אונ געשוויגנ. דאס מיידל האט צוגעקלאפט די טיר. פאר די אויגנ צוגעקלאפט, ווי א וואנט וואלט זיכ אראפגעלאזט.

האנס איז פאוואליע אראפגעגאנגענ מיט די שטיגנ. אונטנ האט ער אנגעקלאפט באמ פארטיער. אנ אלטע פרוי איז פאר אימ געשטאנענ מיט א בעזעמ אינ דער האנט.

פריצי? ניינ. אזא קענ זי נישט. פריצי גראבשטיינער? האנס גראב-

שטיינערס פרוי? נײנ. זי קענ נישט אַזאַ. ער איז געווענ אינ קריג? זי איז אַלײנ געבליבנ? נײנ. זי ווייסט נישט.

אַנ אַלטע פרוי, האָט האַנס געטראַכט, פריִער איז געווענ אַנ אַנדערע. זיכער איז פריצי אַוועק אינ אַנ אַנדערער דירע, אונ די אַלטע ווייסט דאָס נישט. ער האָט זיכ אַנטשולדיקט, אונ איז אַוועקגעגאַנגענ פונ דער אַלטער פּאַרטיער־פרוי. ער וועט גיינ צו דער פּאָליציי, האָט ער געטראַכט, ווײַט איז נישט עפּעס דאָרט — אינ פינפ מינוט ווייסטו אַלצ.

נאָר אַפנ וועג האָט ער געטראָפנ אַנ אַלטנ באַקאַנטנ. זיי האָבנ זיכ ביידע דערקענט. אונ יענער האָט אימ געזאָגט, וווּ זײַנ פרוי וווינט. מער ווייסט ער נישט פונ איר, האָט ער געזאָגט, אַוועקגעדרייט דאָס פּאָנעמ, אַוועקגעגאַנגענ.

— מעשוגענע מענטשנ. — האָט האַנס געמורמלט. — אונדז האָט דער קריג צעשטאָסנ די קעפּ, זיי האָט ער מעשוגע געמאַכט.

„די שמעלצ“ איז האַנסנ נישט געווענ פרעמד. נישט זייער ווײַט פונ דאָרט איז ער אויפגעוואַקסנ. אונ די קופּקעלעכ מיסט, די קופּקעלעכ זשאַווער, זײַנענ אימ אויכ נישט געווענ פרעמד. אָבער וואָס טוט דאָרט זײַנ פריצי? דאָרט — אַפנ מיסט?

פּלוצעמ האָט א בראַזג געטאָנ אינ זײַנ קאָפּ, ווי עס וואָלט זיכ צעקלונגענ א קופּע גלאָז־שאַרבנס. ער איז אומגעפאַלנ.

מענטשנ זײַנענ צוגעלאָפנ. דאָרט, וווּ ער איז געלעגנ, איז געוואַקסנ א מענטשנ־ראָד. אינ דער ערשטער מינוט זײַנענ אַלע געווענ שטיל. זיי האָבנ געקוקט, ווי א מענטש קאָרטשעט זיכ אינ קראַמפּנ. יעדער פוס אונ יעדע האַנט האָט זיכ באַזונדער אײַנגעקאָרטשעט אונ צונויפגעוויקלט. די ליפּנ האָבנ זיכ געריסנ אַפ לינקס אונ אַפ רעכטס, אונ דער אונטערשטער טייל פונ מויל, האָט זיכ געדאַכט, וויל זיכ אינגאַנצנ אָפּרײַסנ פונ פּאָנעמ. די מענטשנ האָבנ זיכ דערשראָקנ. פאַרקרימטער ראַכמאָנעס איז געקראָכנ איבער זייערע פּענעמער, ווי א פאַרקרימטע מאַסקע.

דאָס האָט נישט לאַנג געדויערט, האַנס האָט זיכ באַרויִקט. אונ ער איז געבליבנ ליגנ א פאַרשוויצטער, אַנ אָפּגעמוטשעטער, מיט א הייסנ אָטעמ אונטער די בלייכע באַקנ. אַזוי איז ער געלעגנ עטלעכע מינוט, באַלד געעפנט די אויגנ, ומע האָט אימ געהאָלפנ זיכ אויפזעצנ. פּאַוואָליע

איז ער אויפגעשטאנענ. צוויי מענטשנ האָבנ אים געשטיצט. זיי האָבנ זיכ אומגעקוקט, איינער און דער אנדערער: וווהינ אים פירנ? מע האָט אים אריינגעפירט אינ א פאַרשטאָטיש קאַפע=הייזל.

האנס האָט געטרונקענ קאווע. ער איז געווענ שוואכ, זיינ פּנים איז געווענ בלייכ. ווי צוויי קליינע פארלוירענע באשעפענישנ האָבנ זיינע אויגנ געציטערט איבער די אָפּגעקראָכענע ווענט פונ טונקעלנ קאפע־הייזל, איבער די בלעכענע צעבויגענע טישלעכ, איבער די שווייגנדיקע מענטשנ, איבער דעם טעפּל קאווע, וואָס איז פאר אים געשטאנענ. עס האָט אלצ דאָ אויסגעזענ מאָגער און ליידיק, ווי דער קריג וואָלט פונ אלע אָפּגעגריזשעט שטיקער.

האנס האָט אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, פּאַוואָליע, ווי אָפּ אונטער=צושטעלנ די פּלייצע, אז עמעצער זאָל דערלאנגענ א שטארקנ קלאפּ. דער קאָפּ האָט זיכ אראָפּגעבויגנ ביז צומ ראנד פונ טיש, דאָס זעלנע=רישע היטל איז אראָפּגעפאלנ פונ קאָפּ. דעמלט האָבנ זיכ די מענטשנ א רוק געטאָנ אָפּ די בענקלעכ — שטיל, ווי אינ שרעק: ארומ קאָפּ זיינענ געווענ געדיכטע ברוינע האָר, אינמיטנ קאָפּ איז געווענ א לאָכ, א פּוסטע גריים.

האנס האָט אויפגעהויבנ דעם קאָפּ, באצאָלט פאר דער קאווע, גענומענ דאָס היטל, פאמעלעכ ארויסגעגאנגענ.

אינדרויסנ האָט ער זיכ דערמאָנט: אָטאָ האָט אנענ געשלאָגנ. דאָס איז געווענ נאָכ פארנ קריג. איינמאָל האָט ער אים געפרעגט, פארוואָס ער שלאָגט זי, דעמלט האָט אים אָטאָ געענטפערט: דו מעגסט דיר לאָזנ אָנמאכנ אפנ קאָפּ פונ דיינ פריצי, איכ בינ אנ אנדערער — פונקט אזוי האָט ער געענטפערט.

נאָר וואָס איז דאָס איצט וויכטיק צו וויסנ?

אכ, יאָ — אנע פלעגט זיכ פונ צייט צו צייט אוועקכאפּנ מיט אנדערע. פוי — טייוול! וואָס גייט דאָס אים אָנ? ער איז דענ געווענ א הייליקער אינ קריג? יעדער האָט געטאָנ, וואָס ער האָט געקאָנט. דער קריג איז געווענ א ווינט, ער האָט זיכ אריינגעריסנ אינ די שטיבער אונ די מענטשנ פונ דאָרט ארויסגעבלאָזנ. איינער איז געבליבנ שטיינ אָפּ די סאמאָא=אינדזלענ, דעם אנדערנ האָט דער ווינט ארומגעטריבנ אינ אלע בלאָטעס פונ זיינ אייגענער שטאָט.

האנס איז געשטאנענ אינמיטנ אָנגעברודיקטנ „שמעלצ“. די אָנ=

געוואָרפֿענע קופּעס, וויַטער ליגנקס, האָבנ אים דערמאָנט אָנ קריג. ער האָט אינ זיכ ביטער אריַנגעשמייכלט. אזויפֿיל קינדער, האָט ער געטראַכט. פֿונוואַנענ נעמענ זיכ אזויפֿיל קינדער? מע האָט דאָ געזענ א סאַכ מענטשנ מיט זעלנערישע מאַנטלענ, די אָנגעוואָרפֿענע קופּעס זיַנענ געווענ ענלעכ צו אָקאָפּעס.

א שענק האָט צוגעצויגנ זיַנ אויג. געשטאַלטנ האָבנ זיכ דאָרט געדרייט אריַנ אונ ארויס, מאָדנע געשטאַלטנ. מוזיק האָט פֿונ דאָרט ארויסגעקראַקעט, ווי א באַנדע קראָענ אפֿ א פּוסט פֿעלד.

דאָרט איז געווענ דאָס הויז נומער 28:

— ווױנט דאָ אינ דעם הויז פֿריצי, פֿרוי פֿריצי גראַבשטיינער?

זיַנ אָפֿנ פּאָנעם איז געווענ פֿול מיט האַרציקלאַפּעניש. אונ דאָס האַרצ איז בא אים געשטאַנענ שטיל. פֿאַר פֿרייד, פֿאַר שרעק.

דער שענקער, אַנ אַלטער בייזער מענטש, האָט נישט געענטפֿערט. נישט אזוי שנעל געענטפֿערט. אריבערגעקוקט איבער די ברילנ, גע־קוקט אפֿ דעם פֿאַרשוינ, וואָס איז אזוי מאָדנע ענלעכ צו די פֿאַרשוי־נענ, וואָס דרייענ זיכ ארומ אינ שענק, געמאָסטנ זיַנ אָפּגעריסענעמ הילעכ, אונ דערנאָכ ערשט איבערגעפֿרעגט:

— פֿרוי פֿריצי גראַבשטיינער?

— יאָ. — האָט האַנס זיכ געיַילט, דאָס פּאָנעם נאָכ אַלצ אָפֿנ, אונ פֿול מיט האַרציקלאַפּעניש.

— ניינ. — האָט דער שענקער געענטפֿערט קורצ אונ טרוקנ. — דאָ אינ דעם הויז ווױנט נישט אזא. אונ איכ בינ נישט קיינ אינפֿאָר־מאַציע־ביוראָ. — ער האָט נישט מער אריבערגעקוקט איבער די ברילנ, ער האָט אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ.

די הויט אונטער האַנסעס האַרטע באַקנ האָט זיכ געצויגנ ארויפֿ ביז צו די אויגנ, ווי אפֿ צו וויינענ. פֿונ אַלע זיַטנ האָבנ מענטשנ צו אים געקוקט. זעלנער, אינוואַלידנ. דער שענקער האָט בייז געקלאַפּט מיט די גלעזער.

— וואָס ווילסטו נאָכ? — האָט ער געפֿרעגט, ווי מע פֿרעגט א קליינ יינגל.

האַנס האָט זיכ נישט אָפּגערופֿנ. אזוי געשטאַנענ מיט א צונויפֿ־געצויגענער הויט ביז צו די אויגנ.

א מיידל, זי האָט אויסגעזענ צו זיַנ דאָ א באַדינערנ, איז צוגע־קומענ צומ שענק־טיש, נישט נאָר הויכ א זאָג געטאָנ:

— עפּשער מיינט דער הער פּריצי ברינקמאַנ? זי וווינט אפנ דריטנ שטאָק.

דער שענקער האָט איר צוגעוואָרפנ אַ בייזנ בליק, זי איז אַוועקגעגאַנגענ פונ שענק־טיש. האַנס איז פּאַוואָליע אַרויסגעגאַנגענ.

ער איז געלאָפנ גיכ איבער די שטיגנ. ערשטער שטאָק. צווייטער שטאָק. דריטער שטאָק. פּריצי ברינקמאַנ — האַנס איז געשטאַנענ לעבנ דער טיר. די טיר האָט געאָטעמט שווער, זי האָט גערעכעט מיט שוויס — אַ זעצ! און זי וועט צעשפּרונגענ ווערנ. ברינקמאַנ איז אַפּילע נישט געווענ איר מיידל־נאָמענ. די פּאַסקודסטווע! זי האָט כאַסענע געהאַט מיט אַנ אַנדערנ, זיכ אַוועקגעצויגנ אַפּ „דער שמעלצ“, באַגראָבנ איר אייגענעמ מאַנ לעבעדיקערהייט. און ער? ער איז אינ קריג נישט געפאַלנ — וועט ער פאַלנ נאָכנ קריג! — אָדער מע וועט אים אופהענגענ, אָדער מע וועט אים דערשיסנ.

אַ מיידעלע איז אַרופגעקומענ מיט די טרעפּ, אַ טאָפּ מילכ אינ דער האַנט. זי האָט זיכ דערשראָקנ, געבליבנ שטיינ און געגאַפט אפנ ווילדנ זעלנער.

האַנס האָט אפנ אָרט געביטנ זײַנ פּאָנעם. ער האָט זיכ צעשמייכלט ברייט, כאָטש די ליפּנ האָבנ בא אים געציטערט, אָבער ער האָט אופריכטיק געשמייכלט, און ער האָט געפרעגט די קליינע וואוהינ זי וויל גיינ. זי האָט געוויזנ צו וועלכער טיר. דאָס איז געווענ די טיר אַקעגנ פּריצי ברינקמאַנס. האַנס האָט שטאַרקער געשמייכלט. די קליינע האָט געעפנט די אַקעגנ־טיר, געקוקט אַפּ האַנסנ, און אַרײַנגעגאַנגענ. האַנס האָט זיכ אַנידערגעזעצט אַפּ די שטיגנ.

— נישט אַזוי ווילד, נישט אַזוי ווילד. — האָט ער צו זיכ געזאָגט. — מײַנ ליבער האַנס, נישט אַזוי ווילד. אַלצ אינ דער וועלט האָט אַ שרעקלעכ פּאָנעם, איידער מע קוקט עס אָנ. עס איז גאָרנישט אַזוי פּאַסקודנע, ווי די אייגענע פאַנטאַזיע.

דאָ האָט ער זיכ אָפּגעשטעלט. ווי מע שטעלט אָפּ אַנ אַוטאָ אינמיטנ געלויפ. און די געדאַנקענ האָבנ זיכ צעשפּריצט טומלדיק און הויל, ווי דער לעצטער אויספּופ פונ אַנ אָפּגעשטעלטנ מאָטאָר. עס איז געוואָרנ שטיל אַרומ אים, ער האָט צוגעמאַכט די אויגנ. צוויי מענטשנ זײַנענ אַרופגעקומענ מיט די טרעפּ, זיי האָבנ הויכ געלאַכט, די

שיב האָבנ הויכ געקלאַפּט. ער האָט אופגעעפנט די אויגנ, געזענ זײַנ פריצי מיט א פרעמדנ מאַנ, ער האָט זי דערקענט. און זי האָט אים נישט דערקענט? זי האָט אפ אים געקוקט, דער פרעמדער האָט אפ אים געקוקט, זי האָט שנעל אופגעשלאָסנ די טיר, ביידע זײַנענ אַרײַנ אינ שטוב.

האַנס איז געבליבנ זיצנ אפ די שטיגנ, נישט ווײַט פונ דער טיר. דאָס איז זי, פריצי איז דאָס, נישט פריצי ברינקמאַנ, נישט פריצי סטיאַסני, מיט איר מיידל-נאָמענ, נאָר פריצי גראַבשטײַנער — זײַנ פרוי. האַנס גראַבשטײַנערס פרוי — — —

ער איז אײַנגעשלאָפנ זיצנדיק אפ די שטיגנ.

א הויכער מענטש, א ברייטער, מיט א צעהאַקט פּאָנעם, האָט אים אופגעוועקט. געהאַלטנ א שווערע האַנט אפ זײַנ אַקסל און אים גע-וועקט. האַנס האָט אופגעריסנ די אויגנ, געזענ א צעהאַקט פּאָנעם, דאָס לינקע אויג נידעריקער, דאָס רעכטע אויג העכער. אינדרויסנ איז שוינ געווענ טונקל. א צעבראָכנ גאַז-פלעמל האָט געצװיטשעט איבער די שטיגנ, ווי דער געמורמל פונ אנ אַלטנ שיכער. פונעם הויכנס מויל האָט זיכ געפילט בראַנפנ. ער האָט געזאָגט:

— קומ, קומ אַראָפּ אינ שענק.

האַנס האָט פאַרשלאָפנ געפרעגט:

— ווער ביסטו?

דער הויכער האָט זיכ פונ אים אָפּגערוקט, זיכ פאָרגעשטעלט:

— איכ הייס קודלקאַ. סעבאַסטיאַנ קודלקאַ איז מײַנ נאָמענ. פרע-זידענט פונ אינוואַלידנ-פאַריינ „די שמעלצ“.

האַנס האָט געזאָגט:

— איכ בינ נישט קיינ אינוואַליד. דאָ וווינט מײַנ פרוי. — ער האָט געוויזנ מיט דער האַנט צו דער טיר. קודלקאַס לינקע אויג האָט זיכ צוגעמאַכט, דאָס רעכטע אויג האָט געשמייכלט.

— זי, פריצי ברינקמאַנ, דײַנ פרוי? מיכ וועסטו נישט אָפּנאַרנ, ברודער. איר מאַנ איז געשטאָרבנ אינ קריג. אפנ איטאַליענישנ פראָנט איז ער געשטאָרבנ. קומ —

האַנס איז אופגעשטאַנענ.

— איר מאַנ? דאָס בינ איכ. איכ לעב.

קודלקאַ האָט אפ אים אָנגעשריגנ:

— אַלזאָ, רייד נישט! אַז איך זאָג, קומ! — זיי זײַנענ ביידע אַראָפּ-
געגאַנגענ מיט די שטיגנ, קודליקאַ איז געגאַנגענ פאָרויס, האַנס איז
אימ נאָכגעגאַנגענ.

אונטנ איז קודליקאַ געבליבנ שטיינ, געקוקט האַנסנ אינ פּנימ
אַרײַנ.

— דו ביסט אַ אינוואַליד, ברודער. איך דערקענ שוינ, מיר וועס-
טו נישט אָפּנאַרנ. קומ אַרײַנ צו אונדז, וועסטו דיך פאַרשרײַבנ אינ
אונדזער סאָציאַל-דעמאָקראַטישנ פאַרײַנ. פאַרשטאַנענ? ווי הייסטו?

— האַנס גראַבשטייגער.

— אונדזער פאַרײַנ האָט צוויי הונדערט פופצנ מיטגלידער. אַלע
פונ „דער שמעלצ". פונ צײַט צו צײַט קוק איך אַפ די שטיגנ, קוק
צי עס האָבנ זיך נישט אַרופגעכאַפּט אַזעלכע ווי דו. אַרופ טאָרנ מיר
נישט גיינ. מיר מוזנ בלײַבנ אונטנ. דיסציפּלינ, מײַנ ליבער האַנס, מוז
זײַנ — קומ!

זיי זײַנענ ביידע אַרײַנגעגאַנגענ אינ שענק.

שפּעט באַנאַכט האָט זיך האַנס געקאָרטשעט לעבנ אַ בערגל מיסט,
וואָס איז „דער שמעלצ". פונ טונקל געשטערנטנ הימל זײַנענ פאַמע-
לעכ אַוועק די שטערנ, אונ ס'האָט אָנגעהויבנ רעגענענ.

צוערשט איז האַנס געלעגנ מיט אָפענע אויגנ, מיטנ פּנימ אַרופ.
זײַנע אויגנ האָבנ געבלאָנדזשעט צווישנ די שטערנ, די געשרייענ פונ
דער שענק זײַנענ נאָכ געלעגנ אינ זײַנע אויערנ אונ געטומלט אינ
קאָפּ. נאָרגלדיקע, כאָרכלענדיקע געשרייענ. נישט ווי פונ מענטשנ, ווי
פונ בעהיימעס. אינ זײַנ האַלדז זײַנענ געלעגנ קנופּנ, שווערע אונ האַר-
טע, ער האָט זיך נישט געקאָנט צורירנ צו זיי.

ווענ די ערשטע טראָפּנס, קײַלעכיקע אונ שווערע, זײַנענ געפאַלנ
אַפ זײַנ פּנימ, האָט עס אימ אויפגעוועקט פונ נישט געשלאָפענעמ
שלאָפ. עס האָט זיך אימ געדאַכט, אַז עמעצער וואַרפט אַפ אימ קליינע
שטיינדלעכ, צוערשט פונדערווײַטנס, דערנאָכ אַלצ נעענטער אונ אַלצ
מער. אויפגעוואַכט — האָט ער געהערט אַ שאָרכנ אַרומ מיסט-בערגל.
אַזוי שאַרנ זיך הינער, ווענ מע וועקט זיי אויפ אינמיטנ דער נאַכט.
אונ האַנס האָט זיך נאָכ מער צונויפגעקאָרטשעט, זיך אויסגעדרייט,
אונ מיטנ פּנימ, מיט די הענט, זיך פעסטער צוגעטוליעט צומ מיסט-

בערגל. דאָ זײַנענ געלעגנ מאַטראַצנ מיט אויסגעריסענע געדערימ, פאַרזשאַווערטע דראָטנ, צעבראָכענע טעפּ — דאָ איז געלעגנ מיסט. פאַרפוילט שטרוי פונ שעניקעס, פּאַפּירנ, שמאַטעס און ענלעכע זאַכנ. ס'האָט געשטונקענ. נאָר דאָס איז געווענ גוט פאַר האַנסנ. דער מיסטיק-פאַרדומפּענער רייעכ האָט צעקנוילט די קנופּנ פונ האַלדז, האָט געמאַכט לופט דער דערוואָרגעניש. די טעמפּע שווערקײַט, וואָס האָט געגניאָזדעט א גאַנצנ טאָג אונטער זײַנ האַרצ, האָט זיכ איצט אויפגעלייזט. ער האָט זיכ אײַנגעגומענ מיט אייגענע רייר, ווי א קינד.

— דו שלאָפסט ניט? — האָט מענ אימ געפרעגט אינ דער טונקל.

האַנס האָט געוווסט, ווער עס האָט אימ געפרעגט. דאָס איז געווענ דער קלײנער מיט דער רויטער באָרד, דער, וואָס האָט אימ דאָ אהער געפירט. ער האָט ניט געוווסט, וויאַזוי ער הייסט.

— איכ שלאָפ ניט. — האָט ער געזאָגט. — וויאַזוי הייסטו?

— קאָטשמאַטאַ.

עס האָט געקלונגענ, ווי פונ א פאַרדומפּענעמ פאַס. האַנס האָט אפ א מינוט אוועקגענומענ דעמ קאָפ פונ מיסטבערגל, יענער איז געלעגנ ניט ווײַט פונ אימ.

— קאָטשמאַטאַ הייסטו? פאַרוואָס הייסטו אזוי?

— דו ביסט א קאָמישער מענטש. — האָט קאָטשמאַטאַ געזאָגט. — עס ווײַזט אויס, אז דו ביסט נאָכ ניט לאַנג אינ איטאַליע. אינ מיר זײַנענ אַרײַנ דרײַ קוילנ באַלד די ערשטע וואָכ, ווענ ס'האָט זיכ אָנגעהויבנ די מילכאָמע.

האַנס האָט צוריק אַרײַנגעלייגט דעמ קאָפ אינ מיסט. עס איז געווענ וואַרעמ. נאָר באַלד האָט ער ווידער אָנגעהויבנ:

— איכ הייס האַנס גראַבשטײַנער. אונ האַנס גראַבשטײַנער איז געשטאָרבנ אינ קריג, אפנ איטאַליענישנ פראָנט. איכ געהער צו די מענטשנ, וואָס גייענ אַרומ, וואָס עסנ, וואָס שלאָפנ, ווי אַלע מענטשנ — נאָר זיי לעבנ ניט. אזעלכע מענטשנ זײַנענ איצט פאַראַנ א סאַכ. עפּשער מיליאָנענ. דער פונ דער שענק, וואָס זעט אויס ווי א זשאַבע, קסאַבאַנ רופט איר אימ, ער האָט געזאָגט, אז איר זײַט א פאַריינ פונ טויטע, דאָס איז איצט מעגלעכ, נאָכנ קריג. די אַלע מענטשנ

וואָס זײַנען געשטאָרבן אין קריג — און זיי לעבן נאָך — זיי האָבן געמאַכט אַזאַ פֿאַרײַן, אַ פֿאַרײַן פֿון טויטע.

— דאָס איז נישט עמעס. — האָט זיך אָפּגערופֿן קאַזשמאַטאַ — אונדזער פֿאַרײַן איז אַ צווייטער פֿאַר לעבעדיקע. לאָז שלאָפֿן.

האַגם האָט געזאָגט:

— אייגנטלעך איז עס דאָס זעלבע. איך פֿאַרשטיי נישט פֿאַרוואָס קודלקאַ, דער פּרעזידענט פֿון פֿאַרײַן, האַלט אין איין שרײַען, אַז דיסציפּלין מוז זײַן. צו וואָס דאַרפֿן האָבן טויטע דיסציפּלין?

— לאָז שלאָפֿן — האָט זיך קאַטשמאַטאַ געבעטן.

האַגם האָט מער נישט געפֿרעגט. נאָר געטראַכט האָט ער, אַז עס וועט פֿאַר אים זײַן דאָס בעסטע צו בלײַבן אין שענק באַם אינוואַלידן־פֿאַרײַן „די שמעלץ". מענטשן אייגענע, האָט ער זיך אײַנגערעדט, איינער פֿאַרשטייט דעם אַנדערן. די פֿאַרשיידענע קאַטעגאָריעס לעבעדיקע באַשעפֿענישן האָבן זייערע באַשטימטע ערטער, ווו זיי האַלטן זיך אויף אַלע צוזאַמען. ער געהערט צו דער שענק. אַרבעטן וועט ער שוין נישט. וויאַזוי וועט ער קאָנען אַרבעטן? ווער וועט אים נעמען? אינמיטן דער אַרבעט וועט ער באַקומען זײַן עפּילעפּטישן פֿאַל, קיינער וועט אים נישט האַלטן — — —

אין זײַנע אָפֿענע אויגן האָבן געפֿינקלט גרין־גלאַנציקע שטרײַלעך, קליינע קופּערדיק־פֿאַרשימלטע סאַלוזשקעלעך פֿון מיסט־בערגל.

הורכן פֿאַרהאַלטענעם רעגן, וואָס איז געבליבן הענגען הויך אין דער לופֿט, הורכן פֿײַכטן נעפּל, וואָס איז געקראָכן העכער פֿון דער ערד, ווי אַ מילכיק אויסגעשפּרייטער שוואָם, האָט זיך געגראָבן דער ווײַסער טאָג.

דער טאָג האָט זיך אַרײַנגערוקט אין שטאָט, ווי אַן אינוואַליד. ער איז געווען אויסגעווייקט־נאַס, אײַנגעהויקערט, מיט אַ פֿאַרטריפֿטן הימל.

האַגם האָט געזען, אַז ער איז נישט איינער אַליין אַזוי געפֿרוירן געוואָרן. בײַ די אָפּגעשיילטע מויערן זײַנען געשטאַנען אָנגעשפּאַרט דורכגענעצטע, צונויפֿגעקוועלטע פֿאַרשוויגענע, ווי אײַנגעהויקערטע קעץ.

זיי האָבן אַלע געדרעמלט מיט האַלב־אָפֿענע אויגן.

ווײַט אָנזעעוודיק איבערן גרויסן פּירעקיקן פּלאַץ, וואָס הייסט „די

שמעלצ", איז געהאנגענ דער שילד פונ שענק „צום זאנפטנ הייזריב". א נאמענ, וואס האט געצויגנ. א שטוב, וואס האט געווארעמט. אינעם גרויענ ארום איז עס געווענ די בענקעניש פונ א סאכ מענטשנ.

ווענ ס'האבנ זיכ געעפנט פרימארגנס די שווארצע טויערנ „צום זאנפטנ הייזריב", האבנ זיכ אנגעהויבנ ארייַנשיטנ דארט אינעם לאכ די צונויפגעקנוילטע פארשוינענ, ווי קריכנדיקע ווערעמ. נאר האנס איז אהינ נישט געגאנגענ. ערשטנס, האט ער א זוכ געטאנ אינ די קעשענעס, אונ דאס געלט, וואס ער האט דארט נעכטנ געהאט, האט געפעלט. באקאנטע, אדער מישפּאכע, האט ער נישט געוואלט אויפזוכנ. נישט געקלערט גאר דערפונ. די אלע סענטימענטנ, וואס זייַנענ אימ באפאלנ נאכ אפנ וועג קיינ ווינ, האט ער איצט שנעל אפּגעפארטיקט, באגראבנ זיי איבער נאכט אינ מיסט. עס זייַנענ נישטא קיינ פרייַנט, נישטא קיינ מישפּאכע, האט ער זיכ געזאגט. ווער עס איז נישט אזוי ווי ער — דער איז דאכ אנ אנדערער. נישט קיינ מיטגליד אינ פאריינ פונ טויטע, נישט קיינ „לעבעדיקער אפנ צווינטער". האנס האט זיכ א טרייסל געטאנ, זיכ געפרייט, וואס ער האט נאכ הומאר.

— איכ, — האט ער הויכ געזאגט, — געהער צו דער קאטעגאריע האלבע מענטשנ, הא־הא!

צוויי פארבייַגייער האבנ זיכ אומגעקוקט.

האנס האט אראפּגענומענ דאס זעלנערישע היטל, זיכ פארנייגט:

— אנטשולדיקנ זי.

די גאסנ האבנ זיכ געצויגנ אונ געשלענגלט, זיכ פארטונקלט אונ זיכ אויפגעהעלט, לויט די הייַזער אונ לויט די מענטשנ — אָ, ווינ האט זיכ געענדערט. ווינ האט באקומענ אנ אנדער פּאנעמ. נאר וואס פאר א נאמענ קאנ מענ געבנ דעמ פארענדערטנ פּאנעמ, דאס האט האנס נאכ נישט געוווּסט.

— ק א ר נ ע ו ו א ל!

האט ער א געשריי געטאנ הויכ אונ פארגאפט.

א הער מיט א מאנאקל אינ לינקנ אויג האט געווארפנ א בייזנ בליק.

— אנטשולדיקנ זי.

האנס האט אראפּגענומענ דאס זעלנערישע היטל, געשמייכלט.

מעשוגענער ווייטעק האט זיכ צעגאסנ אינ זייַנע אנגעשוואלע־

אָדערנ. ער איז געבליבנ שטיינ לעבנ א וואנט. דער ווייטעק האָט גע= זעצט צום קאָפּ, צעטומלט די געדאנקענ. ער האָט זיכ אָנגעלענט אָנ דער וואנט, שוואכ, געבויגנ, איבערגעבראָכנ, ווי ער וואָלט געווענ בלויז א פּאָר הויזנ מיט א רעקל — אָנגעשטאָפּט מיט ווייכנ שטרוי.

אפנ ברייטנ גלאנצנדיק אספאלטירטנ וועג זײַנענ געפלויגנ אויטאָמאָבילנ, ווי אפ א גליטש. אָנגעיאָגט איינער דעמ אנדערנ, אריבער= געיאָגט, שטיינ געבליבנ, ווײַטער געפלויגנ. די אויטאָמאָבילנ האָבנ זיכ געגליטשט, האָבנ זיכ געפלאָכטנ, זיכ געקײַקלט אינ לאנגע רייענ.

ער איז געשטאנענ אפ דער קערנטנער=שטראסע. פריער אויסגעווענ אינ גאנצ ווינ, ארומגעלאָפנ א גאנצנ טאָג פונ איינ עק אינ צווייטנ, געלאָפנ איבער דער לאנגער מאריאהילפער=שטראסע, געשטאנענ בײַ די רײַכע וויטרינעס. געקוקט — געקוקט אונ ווײַטער געלאָפנ. אינ שענ= ברונער פארק איז ער געלעגנ אפ א באנק, א „וואכמאנ" מיט ווײַ= סע הענטשקעס האָט אים געבעטנ, צארט אונ מילד, ער זאָל אופ= שטיינ. ער האָט באקוקט דעמ שענברונער קייזער=פאלאצ. די גרינגע רײַכקײַט איז געלעגנ אינ ווײַסנ נעפּל, אינ די הארבסטיקע געלע בלע- טער. ער האָט געטראכט א גאנצנ טאָג: צי וועט ער אמאָל נאָכ זענ זײַנ פרוי — זײַנ ווײַב אונ זײַנ געליבטע? פארנאכט איז ער געבליבנ שטיינ אפ דער קערנטנער=שטראסע, ווייכ אונ שוואכ, ווי א בינטל שטרוי.

בײַ דער אָפּערע זײַנענ געגאנגענ ארופ אונ אראָפּ אויסלענדישע אָפּי= צערנ. פארבנ־גלאנצ האָט געשווינדלט פאר האנס מידע אויגנ, זײַנע אויגנ האָבנ וויי געטאָנ, זיי זײַנענ צוגעפאלנ.

אינדרויסנ האָט ווידער אָנגעהויבנ ראָסיענ א דינ טריפנדיקער רעגנ. אינ שײַנ פונ די אָנגעצונדענע עלעקטרישע לאָמפּנ, פונ די אופגעהעל= טע וויטרינעס האָט דער רעגנ זיכ, געוועבט אינ דער לופט, ווי שנירעלעכ גלאנצנדיקע פּערל. דעמלט האָט האנס דערפילט א שטויס. ער האָט זיכ א וואקל געטאָנ, אונ ער האָט אופגעהויבנ דעמ קאָפּ. לעבנ זײַנ לינקער זײַט איז געשטאנענ א מאנ, א שווארצע באָרד, א לענגלעכיק פּנים, ווי יעזוס. נאָר זײַנ קאָפּ האָט זיכ געטרייסלט, נישט אופגעהערט זיכ צו טרייסלענ.

אינ דער וויטרינע פונ זייגערמאכער=געשעפט, אינ דער אקעגנדי-

קער זײַט, האָט זיכ א גרויסער קײַלעכיקער זײגער אויכ אזוי געטרייסלט היג אונ צוריק.

האנס האָט אראָפּגעלאָזט דעמ קאָפּ. ער איז געווענ מיד. אונ דער קילער דריבנער רעגנ איז געווענ גוט, ער האָט אימ אופגעפרישט. דער מאַנ פונ לינקס האָט אימ ווידער געגעבנ א שטויס מיטנ פוס. האנס האָט ווידער אופגעהויבנ די אויגנ. יענער האָט געטרייסלט מיטנ קאָפּ, געמורמלט ווי פריִער, נאָר דאָס מאָל א ביסל העכער. האנס האָט פאַרשטאַנענ:

— אוועק פונ מײַנ פּלאַצ!

ער איז געווענ בייז.

האנס האָט זיכ געריבנ אינ שטערנ, געטראַכט: דאָס איז יענעמס פּלאַצ — אונ ער מוז פונדאַנענ אוועק. ער האָט ערשט איצט געזענ, אז צווישנ זײַנע פיס ליגט זײַנ היטל, אינעווייניק ליגט געלט. ער האָט זיכ געוואונדערט: וויאזוי ליגט דאָ דאָס היטל מיט געלט?

א שטויס פונ דעמ מאַנ לינקס האָט אימ דערמאָנט, אז ער מוז פונדאַנענ אוועק. ער האָט זיכ געאײַלט: ארויסגענומענ דאָס געלט פונ היטל, אופגעשטאַנענ, אוועקגעגאַנגענ.

צוביסלעכ איז אימ געוואָרנ קלאָר: ער איז אָנגעפאַלנ, מענטשנ האָבנ געהאַט ראַכמאָנעס, געגעבנ געלט.

אינ די שמאָלע קלײנע געסלעכ ליגט די ווינער נאַכט אויסגעשפּרייט אומעטיק אונ פאַרשלאָפנ. אינמיטנ שטאָט, צווישנ די ברייטע גאַסנ אונ הויכע הײַזער, ציטערט די לופט פונ ליכט אונ פונ אימפּעט. דאָ, צווישנ די נידעריקע אַלטע הײַזלעכ, איז א טעמנע שטילקייט. דאָ שלאָגט זיכ אָפּ א טראָט אינ דער גאַס, ווי אינ א ליידיק הויז.

נאָר „די שמעלצ“ איז אָפּשער געווענ דער טונקלסטער אָרט פונ גאַנצ ווינ. דאָ האָט נישט געברענט קיינ איינציקער לאָמפּ איבערהויפּט. אינ אַלעכנ פענצטער האָט זיכ געבראָכנ דער קנאַפּער שײַנ פונ א גאַז-לעמפּל, אָדער פונ גאַז. דער גרויסער פּלאַצ אינדערמיט איז געווענ אנ איינציקע שטיק פינצטערניש. אונ פאַר די צוויי גלאָז-טירנ פונ שענק „צום זאַנפטנ היינריכ“ האָט זיכ דאָס גרינע ליכט, וואָס איז פונ דאָרט ארויסגעקומענ, אויסגעמישט מיטנ גרויענ נעפּל. ווענ עמעצער האָט דאָרט געעפנט די טיר, האָט ארויסגעזעצט א פּאַרע, ווי פונ א קאָכנדיקנ קעסל.

נאָך פֿונדערווײַטנס האָט האַנס געזען פֿון דאָרט אַרויסקומען פֿריצי מיט נאָך אײנעם אַ מאַן. זי האָט ער באַלד דערקענט פֿונדערווײַטנס. ער האָט נישט געוווּסט, צי זאָל ער בלײַבן שטיין, צי זאָל ער גײן ווײַטער, נאָר ער איז פּאַמעלעך צוגעקומען נענטער. ער האָט געזען: דער מאַן האָט זיך געקושט מיט פֿריצי און איז אַוועקגעגאַנגען. זי האָט אים נאָכגעווונקען. האַנס האָט זיך שנעלער צוגעאײַלט, ער האָט נישט געוווּסט צי ער גײט, דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט אין אַלע זײַנע גלידער.

דאָס איז דאָך פֿריצי. פֿריצי!

ער האָט אַראָפּגענומען פֿאַר איר דאָס היטל.

זי האָט אָנגעהויבן צו אים דאָס קלײנע פּנימל, געשמײכלט, ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן, פּלוצעם האָט זי זיך הויך צעלאַכט.

זײַן פּנים האָט געציטערט.

איר געלעכטער האָט געקלונגען ווײַט איבערן טונקעלן פּלאַץ. איר געלעכטער האָט זיך אַרײַנגעבויערט אין דער געדיכטער פֿינצטערניש און איז פֿון דאָרט צוריקגעקומען האַרט און רוי.

— פֿריצי! — האָט האַנס שטיל אַרויסגערעדט.

זי האָט אויפֿגעהערט צו לאַכן. געבליבן איז אַרום אירע ליפּן אַ קלײן שמײכעלע, ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן.

— פֿריצי! — האָט ער ווידער געזאָגט.

זי האָט זיך צו אים אַ דרײ געטאָן, גענומען אים אונטערן אָרעם:

— וואָס איז דען, מײַן ליבלינג?

זײַן האַרץ האָט זיך אָפּ אַ רגע אָפּגעשטעלט. זי האָט געפֿילט ווי ער ציטערט איבערן גאַנצן לײַב, געפֿרעגט:

— וואָס ציטערסטו אַזוי, מײַן ליבלינג?

ער האָט געציטערט מיט דער טרוקענער הויט איבערן פּנים, מיט די אויסגעלאָשענע אויגן — זי האָט אים אָפּגעלאָזט, געוואָרן ערנסט.

אין זײַן קאָפּ האָט עס געבראַזגעט, ווי צעבראָכן גלאָז, נאָר ער איז נישט אומגעפֿאַלן. געבליבן שטיין.

— בײַ דער פּיאַווע, אויפֿן איטאַליענישן פֿראָנט, — האָט ער געזאָגט, — האָב איך אַזויפֿיל מאָל וועגן דיר געטראַכט, אַזויפֿיל מאָל.

זי האָט אים געפֿרעגט:

— ווער זײַט איר?

665746

— איך? דײַן מאַן בין איך, פּריצי, צי דערקענסטו מיך נישט?
זי האָט געזאָגט:

— מײַן מאַן איז געשטאָרבן אין קריג. איך האָב אַ באַשטעטי־קונג פֿון מיליטער־קאָמאַנדע.

האַנס האָט געוויינט אינדערשטיל.

— אין איטאַליע האָב איך געטראַכט, ווען איך וועל אַהיימקומען, ווען איך וועל אַהיימקומען — — —

זײַן קאָל האָט געציטערט, ווי אויף אַ פֿאָדעם, און זיך אָפּגעריסן.

זי האָט זיך פֿון אים אָפּגערוקט, איר קליין פּנים איז געוואָרן בייז. זי האָט אים געפֿרעגט שטרענג:

— וואָס ווילט איר איבערהויפּט? האָט איר געלט?

— יאָ. — האָט ער שנעל אַ זאָג געטאָן. — איך האָב.

— וויפֿל?

ער האָט אַרײַנגעטאָן די האַנט אין קעשענע, אַרויסגענומען דאָס גאַנצע געלט, איר געוויזן.

פֿון אירע ליפּן איז אַוועק די בייזקייט. אַרום די שפּעלטעלעך האָט זיך אויסגעלייגט אַ קאַרגן, דינן שמייכעלע — זי האָט זיך ווידער אַ דריי געטאָן, פֿונסניי אים גענומען אונטערן אָרעם.

— קום! . .

זי האָט זיך געדריִיט מיט איר גאַנצן קערפּער, זיך געבויגן אין אַלע זײַטן, ווייך, עלאַסטיש, ער האָט געציטערט איבערן גאַנצן לײַב.

אויף די שטיגן האָט זי אים אָפּגעלאָזט, זי איז געלאָפֿן פֿאָרויס. ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך, גאָר פּאַמעלעך, ער האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן די פּאַרענטשעס, נישט אומצופֿאַלן. אין זײַן קאָפּ האָט געבראַזשעט צעבראָכן גלאָז.

— קום שנעלער. — האָט זי געזאָגט. זי איז שוין געשטאַנען אין דער אָפֿענער טיר, געהאַלטן אויסגעשטעלט די האַנט:

— גיב דאָס געלט.

ער האָט איר געגעבן דאָס גאַנצע געלט, וואָס ער האָט געהאַט אין קעשענע, אַרײַנגעלאָנגען צו איר אין שטוב.

— דו ביסט ווי אַן אומרויִקער פֿויגל, מײַן ליבער האַנס, און נישט ווי אַ מענטש. דו פֿליסט מיר צופֿיל אַרום.

אזוי האָט קודלקא אופגענומענ האנסנ, ווענ ער איז אריינגעקומענ אינ שענק נאָכנ דריטנ טאָג.

האנס האָט אימ געענטפערט:

— א מענטשו? ווער פונ אונדז איז א מענטש? מיר זיינענ האלבע מענטשנ.

קודלקא האָט זיכ געבייזערט:

— דאָס זיינענ כאָכמעס אזעלכע. איכ האָב עס נישט ליב. איכ וועל פארווערנ דאָ אזוי צו ריידנ. דיסציפלינ מוז זיינ!

האנס האָט געפרעגט:

— דיסציפלינ?

קודלקא האָט זיכ געבייזערט:

— אלזאָ, רייד נישט! אז איכ זאָג.

דאָס איז געווענ דער פאָרהער מיטנ נייעמ מיטגליד. קודלקא איז געווענ צופרידנ. ער האָט האנסנ צוגעווונקענ צו זיכ מיטנ ליגקנ אויג — דאָס רעכטע איז געשטאנענ העכער אונ זיכ נישט גערירט. האנס איז צוגעגאנגענ צומ שענק-טיש, באצאָלט פאר צוויי גרויסע גלעזער בראנפנ. קודלקא איז צוגעקומענ, אויסגעטרונקענ, געזאָגט:

— מענטש אונ מענטש מוז זיכ פארשטיינ. אנדערש גייט עס נישט אפ דער וועלט.

האנס האָט באשטעלט נאָכ צוויי מאָל צו צוויי גרויסע גלעזער, ער האָט אויכ מיטגענומענ א פולע פלאש פאר די אנדערע קאָלעגנ, אונ זיי זיינענ ביידע אריינגעגאנגענ אינ דער צווייטער שטוב. קודלקא האָט אימ פארגעשטעלט באלד אינ דער טיר:

— נומער צוויי הונדערט זעכצנ, אונדזער נייער מיטגליד, האנס גראבשטיינער.

אלע האָבנ געקלאפט מיט די פויסטנ אפ די טישלעכ. א מענגאזישע־ריע — האָט האנס געטראכט, געשמייכלט. פאר זיינע אויגנ האָבנ זיכ א גליטש געטאָנ אלערליי צירקוסנ.

— טאטאטאטא! זעצ דיכ לעבנ מיר. — האָט געזאָגט יענער, וועמענ האנס האָט גערופנ די זשאבע. ער האָט געהייסנ קסאבאנ. ער איז געווענ אריינגעשטעלט אינ א פלאכ קעסטעלע מיט רעדלעכ, ווי א געוויקס אינ א הילצערנעמ בלומעגטאָפ. אינאיינעמ מיטנ קעסטעלע איז ער געווענ ארופגעשטעלט אפ דער באנק. האנס איז צוגעגאנגענ,

זיכ לעבנ אימ געזעצט, די פלאש בראנפנ האָט ער ארופגעשטעלט אפנ טיש. אויבנאָנ האָט זיכ געזעצט דער פרעזידענט קודלקא, אמ יענער וואנט איז געהאנגענ דער גרויסער פירעקיקער שילד:

סאָציאל־דעמאָקראטישער אינוואלידנ־פאריינ
„די שמעלצ"

ארומ די ווענט זײַנענ געשטאנענ לאנגע בענק. דאָרט זײַנענ געזעסנ די קליינע מענטשעלעכ, אזעלכע שטילע, שווײַגנדיקע, מיט באהיטקײַט אינ יעדנ ריר, נישט צו שטערנ קיינ צווייטנ, געזעסנ ווי איבעריקע צוגעוואָרפענע רעשטלעכ. עס קאָרטשעט זיכ איינ דאָס קליינע מענטשל, עס ווערט דינ אונ פלאכ, די קליינע אויגנ זײַנענ דאנקבאר פאר יעדנ פיצל ליכט אונ פאר יעדנ ביסל אָטעמ, זיי זיצנ דאָ, ווי פארקרימטע, צעבויגענע פלאנצנ — אנדערע מעכטיקערע, האָבנ זיי צעדריקט.

האנס האָט איצט שוינ געוווּסט, אז די סאָציאל־דעמאָקראטישע אינוואלידנ זײַנענ אָרגאניזירט אינ אלע באצירקנ, זיי האָבנ באזעצט אלע וויכטיקסטע פלעצער אפ די גאסנ, אונ א זײַטיקער וועט זיכ אזוי לײַכט נישט צוכאפנ אינ ערגעצ. אָט האָט מענ אימ שוינ עטלעכע מאָל פארטריבנ, מענ מוז זיכ האלטנ בא די געזעצנ, האָט ער איצט געוווּסט.

פונקט אקעגנ אימ, אינ צווייטנ ווינקל, איז געזעסנ קאָטשמאטא, דער קליינער מיט דער רויטער באָרד. אינ ערשטנ אָוונט, ווענ קודלקא האָט האנסנ ארײַנגעפירט דאָ אינ שענק, האָט קאָטשמאטא אימ געוויזנ די מיסט־בערגלעכ, וווּ מע קאָנ שלאָפנ. ער טשאדעט האָרט אינ ווינקל, שווײַגט אינ האלב־דרעמל א גאנצנ טאָג. פונ אָרט רירט ער זיכ נישט. די בלייכע שטיקלעכ באקנ זײַנענ דורכזעעוודיק־דינ, ווי פאפיר. די הענט האלט ער צווישנ די קני. אונ כאָטש ער טשאדעט אינ האלב־דרעמל, זײַנענ זײַנע אויגנ אָפנ, טויט, ווי שטיקער גלאָז.

די ווענט זײַנענ געווענ ווײַס געקאלעכט, נאָכ עפשער פונ פארנ קריג. דערפאר האָבנ זיי אויסגעזענ טונקל־גרוי, אונ זיי האָבנ געהאט גרויסע אונ קליינע פלעקנ פונ פארשיידענע פארבנ. די פלעקנ איבער די ווענט

זײַנען געווען פֿײַכט. ווי גזשיבעס. אינדערמיט איז געהאַנגען אַ גאַז־לאָמפּ מיט אַ גרינעם שירעם. די שאָטנס פֿון דעם גרינעם ברודיקן שײַן האָבן זיך אַרײַנגעזויגן אין די טונקעלע פֿײַכטע פֿלעקן אויבער די ווענט און דאָרט געמאָלן פֿאַרקרימטע פֿיגורן פֿון טויטע באַשעפֿעניש.

קודלקאַ האָט איבערגעריסן צוערשט דאָס שווײַגן, ער האָט געמאָלדן:

— גענאָסע האַנס גראַבשטײַגער גיסט אָן פֿאַר אונדז אַלע צו גלעזעלעך בראָנפֿן.

האַנס האָט זיך אופֿגעשטעלט און אָנגעגאָסן. פֿאַר יעדן איז שוין געשטאַנען פֿון פֿריִער אַ גלעזעלע.

— און דו? — האָט ער געפֿרעגט האַנזי, די באַדינערין.

— זי טרינקט נישט. — האָט קסאַבאָן געזאָגט. האַנזי איז אַרויסגעגאַנגען אין דער ערשטער שטוב.

— טרינקט נישט? — האָט האַנס געפֿרעגט. — און פֿונוואַנען נעמען זיך די געלע פֿלעקן אויף פּאָנעם?

קסאַבאָן האָט געשווינד צוגעכאַפּט די האַנט צום מויל, געוויזן, אַז אַזוי טאָר מען נישט רײדן. ער האָט אים אַרײַנגערוימט אין אויער, אַז זי איז קודלקאַס געליבטע.

— אַאַאַ! — האָט האַנס געזאָגט.

אין די גלעזעלעך האָבן זיך אָנגעשלאָגן אײנס אין אַנדערן, געקלאַפּט אויפֿן האַרטן טיש, זיך איבערגעדרייט אינדערגיך און זיך צעקלונגען איבײַנעם מיטן הײזעריקלעכן וואָרטשען. עס האָט זיך אָנגעהויבן ראָיען אין שטוב, ווי אין אַן אָנגעוואָרפֿענער באַליע מיט פֿיש. פֿיס האָבן געטאָפּטשעט, הענט האָבן געקלאַפּט, עס איז געוואָרן לעבעדיק. מע האָט גערעדט אײנער מיטן אַנדערן, און אַלע אײנײַנעם האָבן געזונגען. דערציילט די גליקן פֿון אָפּגעגאַנגענעם טאָג. עס האָט קײנער נישט געזען, אַז קאָטשמאַטאַ האָט זיך ערשט אײַנט אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף, אַ וואָרף געטאָן מיטן טויבן קאָפּ, עטלעכע מאָל, ווי ער זאָל וועלן עפּעס אַרויסוואַרפֿן פֿון די פֿאַרשטאָפּטע אויערן. זײַנע אויגן זײַנען געבליבן שטײן ווײַט אויפֿגעריסן איבערן אָנגעגאָסענעם גלעזל בראָנפֿן, ער האָט אַ טיפֿן כניאָקע געטאָן מיט זײַן פֿוילוקער נאָז, און צוויי מאָל גאָכאַנאַנד איבערגעכאַזערט אַ ברייטן

צעשפּרייטנ נים. איצט האָט קאָטשמאטא אראָפּגעבויגנ דעם קאָפּ, ארײַנ-געכאפּט דאָס גלעזעלע אינ אָפּענעם מויל, אָנ הענט, און אזוי האָט ער עס ארײַנגעדרייט. דערנאָכ איז ער ווידער געשלאָפנ.

עמעצער האָט ארײַנגעוואָרפנ א גראָשנ אינ שפּיל-קאסטנ, ס'האָט אָנגעהויבנ דרינהזשען אינ שטוב איז טריב צו ווערנ. אפנ שפּיל-קאסטנ איז געשטאנענ א הילצערנער פּאיאצ, א קאליקע מיט א פּארקרימט מויל און מיט אנ אונטערגעהאקטנ פוס. איבער דער גאנצער צײַט ווענ דער קאסטנ האָט געשפּילט, האָט זיכ די קאליקע געדרייט ארום און ארום און געטאנצט. קסאבאנ האָט געטאָפּטשעט מיטנ געזעס איינעם קעכנצעלע און געפּאטשט מיט די הארע הענטלעכ.

אויב האנס איז געווענ לוסטיק. ער האָט געטראכט:

שלאָפּ, קאָטשמאטא, לאכ, קסאבאנ — — — —

ער האָט נישט געהערט וואָס קסאבאנ האָט די גאנצע צײַט אינ אים ארײַנגעהערט. דער שפּיל-קאסטנ האָט געדרינדזשעט אינ זײַנע אויערנ אנ אלטנ מיליטער-מארש.

— טאטאטאטא! — האָט קסאבאנ געזאָגט, — בא אונדז איז לוס-טיק, וואָס?

— יאָ. — האָט האנס געזאָגט. קסאבאנ האָט נישט אויפגעהערט צו ריידנ, ווייכ, ווי צעקײַט ברויט. ער האָט געהויקערט דאָס צוגעפּלעטשטע גופ, געטאָפּטשעט מיטנ געזעס אינ פלאכנ קעסטעלע, ווי א זשאבע אינ גרינעם געמויזעכץ.

קסאבאנ — אימ קענ שוינ האנס א ביסל מער פונ די אנדערע. אינ די לעצטע דרײַ טעג, וואָס ער האָט ארומגעבלאָנקעט איבער די גאסנ, האָט ער אימ עטלעכע מאָל באגעגנט: ער זיצט אפ דער בריק פונ „הייליקנ אנטאָניוס", דארט באם אײַזערנעם פּארענטש זיצט ער, ווי אנ אײַנגעהויקערטע בײַע. מע זעט בלויז ארויס בא אימ אנ אויס-געקראָכענעם קאָפּ, א קליינטשיקע קײַלעכיקע פּלייציקע, און פונ אונטנ, ווי פונ א שווארצ קלומיקל, שטעקט ארויס א האר, אויסגעדרייט הענטל. יעדנ טאָג זיצט ער אפ דער בריק פונ „הייליקנ אנטאָניוס" און יעדנ אָונט זיצט ער אינ שענק „צומ זאנפטנ היינריכ".

— טאטאטאטא! — האָט ער געזאָגט צו האנסנ, — האָט דער קריג אָפּגעשאָסנ א העלפט, און די אנדערע העלפט איז געבליבנ אזוי, ווי זי איז. טאטאטאטא!

דער שפּיל-קאַסטנ דרינדזשעט אַנ אַלטנ מיליטער-מאַרש — — —

קודלקא האָט געגעבנ א קלאַפּ אינ טיש, עס איז שטיל געוואָרנ, ער איז אופגעשטאַנענ אונ געהאַלטנ א רעדע:

— שלום מיט דער אַלטער צײַט! די מאָנאַרכיע אונ דער קײזער זײַנענ פאַרשווּנדנ, די מאַכט געהערט אונדז, דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטײ! אָנ דעמאָקראַטיע וועט גאָרנישט געשענ. אונ פאַר אונדז, די וואָס האָבנ אינ דעם קריג צומײַנסטנ געליטנ, זאָרגט די רעגירונג, זאָרגט די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטײ, איר קאָנט אײַכ רויִק פאַרלאָזנ, גענאָסנ. עס וועט איצט קײנעמ נישט געשענ קײנ קרויוודע, יעדער באַקומט זײַנ פּלאַצ. אפּ דערופּ לעבנ מיר אינ אונדזער פאָטערלאַנד, אינ אונדזער שטאָט ווינ. האָכ!

קודלקא האָט זיכ אַנידערגעזעצט. די גלעזלעכ האָבנ געקלאַפּט.

האַנס הײבט העכער דאָס פּאָנעמ אונ לאַכט מיט פאַרביסענע צײנ. אַלע קוקנ זיכ אומ, קודלקא פרעגט אימ:

— נא, וואָס לאַכסטו אזוי טאַריש?

— איכ? — זאָגט האַנס. — ווײַל דו האָסט געזאָגט: פאָטערלאַנד. וואָס איז דאָס?

קודלקא האָט אופגעהויבנ א פינגער:

— וואָס דאָס איז? ווינ! עסטרײַכ! דאָס איז דײַנ פאָטערלאַנד.

— מיכ האָט ווינ אָפּגענאַרט. — זאָגט האַנס שטיל, אָבער דײַטלעכ.

קסאַבאַנ האָט געפּאַטשט מיטנ געזעס אינ קלײנעמ קעסטעלע:

— טאַטאַטאַטאַ! ווינ נאַרט נישט אָפּ.

האַנס האָט געגעבנ א קלאַפּ אינ טיש.

— מיכ האָט ווינ אָפּגענאַרט!

קודלקא האָט זיכ ווידער אופגעהויבנ פונ בענקל, שטרענג, ווי א פּרעזידענט:

— ווינ? דו געהערסט צו אונדז, נישט צו ווינ. אַלזאָ רײד נישט!

עס איז געוואָרנ שטיל, קודלקא האָט זיכ ווידער געזעצט. אינ דער האָזיקער שטילקײַט האָבנ זיכ געצײכנט פּענעמער: גרינע, געלע, געפלעקטע, צעצויגנ, צעקרימטע, גריבלדיק, אינ בערגלדיק. עס האָט געיאָגט מיט שטילער אײַנגעהאַלטענער שרעק פונ די פּענעמער. דער רויטער קאָששמאַטאַ האָט זיכ אופגעכאַפּט. גלײַכ א כניאָקע געטאָנ מיט דער פוליקער נאָז, אונ זײַנע טויבע אויגנ זײַנענ געבליבנ הענגענ אי-

בערג לײדיקע גלעזעלע, ווי צוויי געפרוירענע טראָפּנס. אזוי זײַנענ זיי געהאנגענ א מינוט — אונ ער איז ווידער אײַנגעשלאָפנ.

דעמלט איז ארײַנגעקומענ אינ שענק דער בלינדער מאקס, געטאפּט מיט די הענט אינ דער לופט אונ ארײַנ אינ דער צווייטער שטוב, בא דער טיר געבליבנ שטײנ אונ געמאָלדנ:

— צו דער דעמאָנסטראציע! אינוואלידנ, ארויס אפ דער גאס!

קודלקא איז גלײַכ אופגעשטאנענ, געשריגנ:

— דו רויטער גאנעוו, קומסט שוינ ווידער אָפּנארנ אונדזערע מענטשנ?

פונ זײַנ טיפנ שלאָפ האָט זיכ אופגעכאפּט קאָטשמאטא, געטרייסלט מיט דער רויטער באָרד, א קלאפּ געטאָנ מיט דער פויסט אפנ טיש:

— פארוואָס אָפּנארנ? דאָס מײנט מענ אונדז, דאָס איז אונדזער דעמאָנסטראציע!

קודלקא האָט גלײַכ א שפּרײַז געטאָנ צו אים, ווי א בייזער אָראנ־גוטאנג, אָנגעכאפּט אים בא דער באָרד:

— וואָס? דו וועסט אויכ אגיטירנ פאר די רויטע?

— כאוויירים, צו דער דעמאָנסטראציע! — האָט דער בלינדער מאקס נאָכ העכער אויסגערופנ, אונ ווידער אוועק.

קודלקא האָט געהאלטנ קאָטשמאטאס באָרד מיט ביידע הענט, גע־שריגנ צו די אנדערע:

— קײנער רירט זיכ נישט פונ אָרט, קײנער גײט נישט צו די רויטע! — אונ א זעצ געטאָנ מיט דער פויסט אינ קאָטשמאטאס באק, יענער איז אומגעפאלנ. — אליזאָ, רייד נישט! דיסציפּלינ מוז זײַנ! — האָט קודלקא געזאָגט.

האנס איז אופגעשפּרונגענ, אינ זײַנ קאָפּ האָט זיכ עפּעס צעמישט, אונ פלוצעמ האָט ער געשריגנ:

— דער קרי—י—יג!

עס האָט גערעגנט. שוינ א גאנצנ טאָג איז געגאנגענ א ווינטערדי־קער, מיט שניי אונ מיט זאווערוכע אויסגעמישטער רעגנ.

האנס איז געשטאנענ אפּ א ראָג. שוינ די צווייטע וואָכ. יעדנ טאָג האָט ער זיכ דאָרט אנידערגעשטעלט אינדערפרי, געשטאנענ ביז ס'איז טונקל געוואָרנ, אונ דערנאָכ געגאנגענ אינ שענק ארײַנ „צום זאנפטנ הײנריכ“. צוערשט האָט ער נישט געוואָלט, ער האָט זיכ געבונטעוועט

קענען זיך אַליין, ער איז אַנטלאָפֿן פֿון „דער שמעלץ“, אַרומגעבלאָנקעט אין די ווײַטסטע ווינער גאַסן, געהונגערט, געשלאָפֿן אינדרויסן. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין אַלע טירן פֿון די פֿאַרשיידענע קאָמיטעטן — היימישע און אויסלענדישע — נאָר ער איז צוריקגעקומען, צוריקגעקומען צו „דער שמעלץ“. דאָ וועסטו שוין פֿינגערן — האָט ער זיך געזאָגט. און אַ גאַנצן טאָג האָט ער דעמלט געשמועסט מיט דער נאָז צו דער שענק, פֿונדערווײַטנס, ווי אַ הונט, דערנאָך האָט ער עטלעכע מאָל געפּרוּווט אַרופֿגיין, ווען קיינער האָט נישט באַמערקט, צו פֿריצי. עטלעכע מאָל האָט ער זיך אַזוי אַ לאָז געטאָן איבער די שטיגן, יעדעס מאָל מיט אַן אַנדערן אַנטשלוס. דאָס האַרץ האָט אין אים געזאָטן, די פֿיס האָבן געציטערט, ער האָט זיי נישט געפֿילט, נאָר פֿאַר דער טיר איז ער יעדעס מאָל שטיין געבליבן אָפּהענטיק, מוטלאָז, עס האָט אים געשווינדלט פֿאַר די אויגן. צולעצט איז ער פֿאַוואָליע אַראָפּגעגאַנגען און אַרײַן אין שענק. איצט שטייט ער דאָ אָפּן טאָג שוין די צווייטע וואָך.

דער רעגן האָט געפּאַטשט אין פּנים, דער ווינט האָט געשמיסן, ווי מיט נאַסע טיכער. האַנס איז געשטאַנען אָן אַ היטל — דאָס היטל האָט ער געהאַלטן אין קעשענע. דער קאָלנער בײַשט אויפֿגעשטעלט, אָפּילע דאָס אויסגעריבענע זעלנערישע רעקל איז געווען צעקנעפּלט (דעם מאַנטל האָט ער ערגעץ פֿאַרלוירן). און דאָס איז געווען די אָפּרעכענונג מיט דער שטאָט ווין, מיט זײַן ווין, מיטן פֿאָטערלאַנד, מיט די מענטשן. וואָס מער ער איז דורכגעווייקט געוואָרן, אויסגעפֿרוירן געוואָרן, וואָס מער ער האָט געליטן, אַף אַזויפֿיל שטאַרקער איז געווען די אָפּרעכענונג. זײַנע הענט זײַנען געווען פֿאַרבלויט און פֿאַרקוואַרט, זײַן נאַסע אײַנגעווייד איז געווען ווי אַרויסגעריסן פֿון אים. און יעדעס מאָל, ווען אַ מענטש איז פֿאַרבײַגעגאַנגען, האָט ער אים געקוקט שאַרף אין פּנים אַרײַן מיט די גלעזערנע אויגן: פֿילט ער? פֿילט ער די אָפּרעכענונג? זײַנע גלעזערנע אויגן, אָפּגעוואַשן פֿון רעגן, האָבן לאַבנדיק בײַז געפֿינקלט, זיי האָבן געשטאָכן מיט גרינע פֿײַערלעך יעדן מענטשן און אַפֿילע די פֿאַרגאָסענע מויערן און די פֿאַרוואַשענע פֿענצטער. זיי פֿילן, זיי פֿילן אַלע: עס איז זייער שאַנד!

דער ווירבלדיקער רעגן האָט געבליאַפּעט, ווי מיט שפּײַער. הינטער זײַן הויט האָט געדרעשטשעט די נאַסע קעלט. זאָל עס דרעשטשען! — האָט ער זיך געפֿרייט, גלײַך די וועלט וואָלט דערפֿון אונטערגעגאַנגען.

מיטיק־צײַט האָט דער רעגנ אויפגעהערט. פארנאכט האָבנ ווידער אָנגעהויבנ יאָגנ כמארעס, אָנגעטראָגנ זיכ איבער דער שטאָט, אָנגעלייגט זיכ איבער די קעפּ — פּעכ, שווארצ, געשוואָלנ. אונ דערנאָכ האָבנ זיי זיכ געעפנט. פּלוצעמ, אונ מיט א גערויש. מיט א נאסנ, פּאטשנדיקנ גערויש. שפּעטער איז נאָכ צוגעקומענ א ווינט, אונ די רעגנ־זאווערוכע האָט זיכ צעשפּילט.

האנס שטייט אויפנ דאָכ — אונטערנ נאקעטנ טאנצ פונ צעפלאמטענעמ רעגנ שטייט ער אָנגעלענט אָנ מויער, דאָס זעלנערישע רעקל צעקנעפּלט, דעמ דארנ האלדז אויסגעצויגנ צומ שעכטנ. די גאנצע צײַט האָט ער זיכ נישט גערירט פונ אָרט. אונ ווענ די נאכט איז צוגעפאלנ, שנעל אונ טונקל, לאמטערנס אונ פענצטער האָבנ זיכ צעצונדנ ארומ אימ, דעמאָלט האָט ער זיכ ערשט אויפגעכאפּט פונ זײַנ שווימענדיקנ שלאָפ. עס האָט זיכ אימ אויסגעדאכט, אז אזוי שטייט ער שוינ דא פונ זינט יענעמ ערשטנ טאָג, ווענ ער איז געקומענ קיינ ווינ. ער האָט זיכ א טרייסל געטאָנ, ווי א הונט, אונ זיכ גערירט פונ אָרט.

דער רעגנ האָט אויפגעהערט. אלצ פּאמעלעכער אראָפּגעקומענ אונ מיט איינמאָל אויפגעהערט. בלויז דער ווינט איז נאָכ געבליבנ, געטראָגנ זיכ העכער איבער די דעכער, ארויפ צו די כמארעס. איצט האָט האנס דערפילט דאָס אויסגעווייקטע רעקל אויפנ לײַב, דאָס אויסגעווייקטע העמד, דאָס וואסער אינ די שיכ. דער רויער אויפגעווירנער שטאָפ האָט געריבנ זײַנ הויט. ער האָט ארויסגענומענ דאָס היטל פונ דער קעשענע, עס אָנגעטאָנ. א דרעשטש האָט מיט אימ געוואָרפנ.

האנס האָט ארײַנגעלייגט די הענט אינ די קעשענעס, אונטערגעהויבנ די הויזנ אונ געגאנגענ. עס גראָבנ זיכ אינ אימ ווילדע געדאנקענ. זײַנע אויגנ לויפנ ארומ איבער דער שטאָט ווינ, איבער דער גאנצער וועלט, זיי נישטערנ אינ די ווײַטסטע ווינקלענ, זיי זעענ פאר זיכ אלערליי מענטשנ, די וואָס האָבנ אָנגעלייגט דאָס פײַער, אונ די וואָס מע האָט אונטערגעלייגט אונטערנ פײַער, א שטאָט האָלצ. א בילד, וואָס פלאקערט אויפ א סאכ מאָל פאר זײַנע אויגנ: מענטשנ ברענענ! אפ א ריזיק גרויס פעלד איז אָנגעלייגט א הויכע קופּע מענטשנ, די פלאמענ בוכענ ארויס, די מענטשנ ווארפנ מיט די פיס, מיט די הענט, שפּרינגענ אונטער, פאלנ צוריק אראָפּ. פונ אלע זײַטנ ווארפט מענ ארײַנ אינ דער ברענענדיקער קופּע נײַע מענטשנ.

די שטאָט האָט זיכ אָנגעצונדנ ארומ אימ מיט קלײנע בלינדע לאָמ-טערנדלעכ. אינ א קלײנער שמאָלער גאַס איז ער געבליבנ שטײנ לעבנ א סוטערענ. דורכ די גלאָז-טירנ האָט ער געזענ, אַז דאָרט איז א שנײַדער-וואַרשטאַט: דרײַ מענטשנ אַרבעטנ. אײנער זיצט, אײנ פוס פאַרוואָרפנ איבער דעמ אַנדערנ, נײט מיט דער האַנט, דער צווײטער שטײט אונ פרעסט א פּאָר הויזנ, דער דריטער גײט אפ דער מאַשינ. האַנס האָט שפּעקולירט ווער עס איז דאָ דער באַלעבאָס אונ ווער עס זײַנענ די געזעלנ. ער האָט געזענ, אַז אַלע דרײַ אַרבעטנ, אַלע דרײַ האָבנ אײנע אונ די זעלבע פּענעמער, געלע שנײַדערישע פּענעמער. האַנסנ זײַנענ אַזעלכע פּענעמער גוט באַקאַנט. דער שנײַדערישער געדאַנק איז אַרומגעשפּרונגענ שנעל אינ אַלע זײַטנ, ווי א דערשראָקענע זשאַבקע, געבליבנ שטײנ אפ א גרינעמ בלאַט אינ פּאַרנאַכטיקער רו: וועג האַנס איז אויכ געזעסנ אינ אַזא וואַרשטאַט, א סאַכ א גרעסערער ווי דער—אונטנ. אינ זײַנ קאָפּ האָבנ אָנגעהויבנ קלאַפּנ דרײַסיק מאַשינענ, אינ די ווענט ארומ איז געווענ א סאַכ גלאָז, בײַ יעדער מאַשינ א סאַכ ליכט. אפ האַנסנ פּאָנעמ איז געלעגנ מער פונ א האַלבנ טאָג א ווײַסזײַדיקער פּלאַסטער, ער איז געזעסנ בײַ דער מאַשינ — — — :

די לינקע האַנט האָט געהאַלטנ דעמ שטאָפ, די רעכטע האָט גענײט. די נאָדל האָט זיכ געטראָגנ ווײַכ אונ פלינק, דער פּאָדעמ האָט זיכ אויסגעצויגנ ווײַט. דערנאָכ האָט דער פוס אָנגעהויבנ דרעפּטשענ אפנ טרעטער, דער רעכטער פוס, שנעל אונ שנעלער, שנעל אינ שנעלער. די לינקע האַנט האָט צוגערוקט דעמ שטאָפ צומ „פּיסל", די רעכטע האַנט האָט דעמ שטאָפ אָפּגעצויגנ — דער אויבערשטער קערפּער האָט זיכ שטײענדיק געשאָקלט, הינ אונ צוריק, לויטנ ריטמ פונ דער מאַשינ. דערנאָכ האָט ער אָנגענומענ א פול מויל מיט וואַסער אונ געשפּריצט, אײנמאָל אונ נאָכאַמאָל. ער האָט זיכ אָוועקגעשטעלט זײַטלעכ, א נעמ געטאָנ מיט דער רעכטער האַנט דאָס שווערע פּרעסל אונ געגעבנ א זעץ. דער פײַכטער שטאָפ האָט אופגעזאָטנ, פונ אונטערנ שווערנ פּרעסל איז ארויס פונ אַלע זײַטנ א וואַרעמע פּאַרע — — —

ער האָט זיכ אומגעקוקט, א קלײנ פּאַרשעמט שמײכעלע איז ארויסגעקומענ אפ דער אויבערשטער ליפּ. לעבנ אימ איז געשטאַנענ אַנ עלטערע פרוי אונ דערשראָקנ אימ באַטראַכט. זי איז אַראָפּגעגאַנגענ

מיט די צוויי טרעפ, ארופגעלייגט א דערשראָקענע האנט אפ דער קלאמקע פונ דער טיר, אונ ערשט דעמלט האָט זי געפרעגט:

— וואָס ווילט איר דאָ?

ער האָט אראָפגענומענ דאָס זעלנערישע היטל פונ קאָפ, דאָס פארשעמטע שמייכעלע פונ דער אויבערשטער ליפ איז ארונטערגעקראָכנ אונטער די אויגנ.

— אנטשולדיקנ זי.

ער האָט זיכ געגעבנ א דריי אונ געהויבנ פיס, ער איז געלאָפנ.

אָבער ער האָט נישט געוווסט פארוואָס ער לויפט, וווהינ ער לויפט — ערשט ווענ א גרויסע ווײַס=באלויכטענע שויב האָט זיכ אימ געשטעלט אינ וועג, איז ער געבליבנ שטיינ. אפאמאָל ניכטער, מיד, פארסאָפעט. ער האָט אויסגעקרימט דעמ קאָפ, אויסגעקרימט דאָס פּאָנעמ, דעמ גאנצנ קערפער אײַנגעבויגנ. דאָס ווײַסע ליכט פונ דער באלויכטענער שויב איז געלעגנ אפ דער גאס אינ א גרויסנ פירעק. ער איז ווידער געשטאנענ אינ דער קערנטנער=שטראסע.

א ציגײַנער=קאפעליע האָט געשפילט הינטער דער ווײַס=באלויכטענער שויב א לוסטיקנ טשארדאש. אינדרויסנ זײַנענ געשטאנענ מענטשנ, ארײַנגעקוקט, זיכ צוגעהערט צו דער מוזיק. בא ווײַס=געדעקטע טישלעכ, אינ הויכ געבעטעטע שטולנ, זײַנענ געזעסנ מיליטערישע אוניפאָרמענ, שווארצע פראקנ, העלזײַדענע קליידער. די קליידער פונ די פרויענ האָבנ געגליצט ווי שלאנקע צעצונדענע לאמטערנס אינ פארשיידענע פארבנ. אפ די קעפ פונ די מענער האָבנ די שיטערע האָר געקלעפט פלאכ אונ גלאנצנדיק. אונ דער אונגארישער טשארדאש האָט געציטערט: די פידלענ, די צימבלענ, די באסנ, האָבנ געציטערט אינ הייסנ פיבער.

האנס האָט זיכ אָפגעווישט דעמ שווייס פונ שטערנ, עס איז אימ געווענ הייס. צוזאמענ מיט די דרויסנדיקע מענטשנ איז ער דאָ געשטאנענ א האלבע שעה, די אנדערע זײַנענ נאָכ לענגער געשטאנענ, ער איז אוועקגעגאנגענ. ער איז באלד ארײַנגעגאנגענ אינ א זײַטיקער גאס, אינ א טונקעלער, דעמ קאָפ אראָפגעלאָזט אָנ געדאנקענ. דערנאָכ איז ער געבליבנ שטיינ, זיכ אראָפגעבויגנ, עפעס אופגעהויבנ, אונ עס ארײַנגעלייגט אינ קעשענע. ווײַטער געגאנגענ. דער הימל, שוינ ווידער בלוי, מיט שטיקלעכ שטערנ, האָט זיכ געבויגנ אפ ביידע זײַטנ איבער

די דעכער. אזוי איז האנס געגאנגענ, נישט געקוקט אפ די גאסנ, אונ ווידער געבליבנ שטיינ בא דער ווײַס-באלויכטענער שויב.

ער איז שויג דא? ער האט זיכ געוואונדערט. אינ קאפע איז איצט געווענ א פאוזע. די מענטשנ אינדרויסנ זײַנענ נאכ געשטאנענ אזוי ווי פריער, ארײַנגעקוקט אינעווייניק אונ באוואונדערט די רײַכקײַט פונ פארבנ. האנס האט אפילע נישט ארײַנגעקוקט אינעווייניק. ווענ א נײַער טשאר-דאש האט ווידער אנגעהויבנ ציטערנ, האט ער אופגעהויבנ דעם קאפ. די ציגײַנער-מוזיקער זײַנענ געווענ אנגעטאנ אינ בלויע רעקלעכ מיט ווײַסע גלאנצנדיקע קנעפ. האנס האט א שלײַדער געטאנ א שטיינ דורכנ פענ-צטער. די גרויסע שויב האט זיכ צעקלונגענ, די מענטשנ האבנ זיכ צעשריגנ, צעלאפנ, צוויי האבנ האנסנ געהאלטנ. ער איז געשטאנענ רויק, נאר זײַנ פנים איז געווענ בלאס.

א דינער גלאק האט געקלונגענ — אכט אזייגער אינדערפרי.

האנס איז געזעסנ אפ דער ערד, די אויגנ האט ער ארײַנגעגראבנ אינ די הענט. איכ בינ אינ מעשוגאים-הויז! — פארוואס האבנ זיי מיכ ארײַנגעווארפנ אינ מעשוגאים-הויז?

די טיר האט זיכ געעפנט. גרויסע, פילצענע פאנטאפל האבנ זיכ ווייכ אונ שטיל געקלעפט צו דער פאדלאגע. ער האט זיכ נישט אומ-געקוקט.

פארוואס ער זיצט אפ דער ערד — האבנ געפרעגט די פילצענע פאנטאפל. געפרעגט אזוי ווייכ, ווי ווייכ זיי האבנ זיכ געקלעפט צו דער פאדלאגע. ער האט זיכ נישט אפגערופנ.

ער זאל אופשטיינ! — האבנ באפוילנ די פאנטאפל.

האנס האט געזאגט:

— איכ וויל נישט אופשטיינ.

— איר זײַט פרײַ.—האט געזאגט דער דינער א ביסל פײַערלעכער.— איר קאנט גיינ אהיים.

דערנאכ איז ער צוגעגאנגענ נענטער צו האנסנ, אראפגענומענ די פענסנע. האנס האט געענטפערט:

— איכ האב נישט קיינ היים, וויל נישט גיינ אינ ערגעצ.

— אבער בא אונדז קאנט איר נישט בלײַבנ, איר זײַט געזונט.

— איכ בינ געזונט? — האנס איז אופגעשטאנענ, באקוקט די

הענט, די פיס, — געזונט? אונ פאַרוואָס האָט מענ מיכ דאָ אַהער געפירט?

— נו, דאָס איז געווענ אַ קליינער טאָעס. — דער דינער האָט זיכ אַנטשולדיקט מיט אַ שמייכעלע.

— אַ קליינער טאָעס? — האַנס האָט געשטעלט אַ שריט נעענטער צום דינער. — קעדיי צו באַרויקנ די הערצ אויסלענדישע אָפיצערנ, האָט מענ מיכ געמאַכט פאַר מעשוגע? אַ שיינער טאָעס. אָבער איצט בלײַב איכ דאָ! עס איז וואַרעמ אינ שטוב, אַ גוט בעט, גוט עסנ, אינ שטאָט איז נישטאָ קיינ ברויט פאַר די געזונטע, נישטאָ קיינ שטוב, נישטאָ קיינ קוילנ. איכ בינ קראַנק. דאָ בלײַב איכ!

די גרויסע, פילצענע פאַנטאָפל האָבנ זיכ גערוקט צו דער טיר, די פענסנע איז אַרופ אָפ דער נאָז:

— יאָ, אויב מענ קוקט אײַכ אַזוי אָנ, קאָנ מענ עפּשער גלייבנ, אַז איר זײַט טאַקע נישט אינגאַנצנ געזונט.

האַנס האָט געלאַכט:

— האַהאַ-האַ! ניינ. איר זײַט גערעכט, הער דירעקטאָר. איכ בינ נישט געזונט. איכ האָב אַ לאָכ אינ קאָפ, אונ די פאַלנדיקע קראַנקײַט האָב איכ. יאָ. אונ איר זײַט דער פּראָפעסאָר, וואָס היילט מיכ לויטנ רעצעפט פונ די אָפיצערנ.

דער דינער האָט אַראָפגעריסנ די פענסנע פונ דער נאָז, צוגעלאָפנ צו דער טיר:

— איר זײַט גערעכט, גערעכט, איר זײַט נישט געזונט! איר זײַט קראַנק! מעשוגען! — אונ אַרויסגעלאָפנ.

האַנס איז געשטאַנענ לעבנ פאַרגראַטעוועטנ פענצטער.

אינדרויסנ איז געפאַלנ איבער נאַכט אַ דינער, נאַסער שניי. אָפ דער ערד, אָפ די נאַקעטע צווײַגנ, אָפ דער וואַנט אַרומ גאָרטנ איז געלעגנ שניי. מע זעט נישט צי איז דאָ ערגעצ אַ שטאָט, הײַזער, מענטשנ, די הויכע וואַנט צוימט אָפ. דער דינער שניי, דער נאַסער, זעט אויס, ווי פוילע גרײַפּלעכ.

האַנס איז געשטאַנענ לעבנ פאַרגראַטעוועטנ פענצטער.

פונ ערגעצוווּ האָט זיכ געצויגנ, זיכ געדרייט, דינ אונ לאַנג, אַ שפּיציקער געשריי, ווי פונ אַ פויגל. נאָכ איינ מאָל אַזוי, אונ עס איז שטיל געוואָרנ. אָבער האַנסנ האָט זיכ געדאַכט, אַז דער שפּיציקער

געשריי איז געבליבנ הענגענ אינ גאָרטנ. ער האָט זיכ צוגעבויגנ צו די אַנדערנע, קאַלטע גראַטעס, זײַנע אויגנ האָבנ געזענ שניי אויפ דער ערד, שניי אויפ די צווײַגנ, אונ אַרום איז געווענ שטיל.

דערנאָכ האָט איינער געזונגענ, העכער איבער אים — אונ נידערי-קער האָט איינער געוויינט.

מאַציִעװס פֿון מירמלשטײַן

1

— בום! — האָט געזאָגט פֿראַנציִשעק פּרביצקאַ.

— דער קריג שיסט!

ער איז געזעסן אױף אַ בענקל, רײַטנדיק װי אַ קאַװאַלעריסט, און זײַנע זעכציק יאָר האָבן זיך אױף זײַן פּנים אָנגעזען װי דרײַסיק. פֿאַרשטײט זיך, װען ניט די װאַלדיק גרױסע באַקנבערד און װען ניט די רױטע געשטופּלטע נאָז. נאָר געזען איז ער געװען. ער איז געזעסן אינמיטן שטוב, אַקעגן יונגע בורשטינער, מיט ברײט־צעשפּרײטע פֿיס, מיט אַ ברײט־צעשטעלטער ברוסט און מיט די הענט אױף אָנלען. פֿון יונגע בורשטינער האָט ער ניט אַראָפּגענומען קײן אױג און געזאָגט האָט ער נאָכאַמאָל:

— אַלזאָ, הער פּרשטינער, דער קריג שיסט!

דאָס איז געװען יונגעס ערשטער באַזוך באַם סמרוזש פֿראַנציִשעק פּרביצקאַ. ער איז געזעסן באַם טיש, באַם װײַס־לאַקירטן טיש, מיט אַ פֿאַרלאָשן ציגאַרל צװישן די פֿינגער. די צװײ פֿינגער, װאָס האָבן געהאַלטן דאָס פֿאַרלאָשענע ציגאַרל, זײַנען געװען געל, דאָס פּנים איז געװען שװאַרץ.

— װאָס װעט זײַן? — האָט ער געפֿרעגט. עס איז אים ניט געװען װיכטיק דאָס פֿרעגן, װי בלױז ניט צו זיצן אַזױ װי אַ שטומער. האָט ער געפֿרעגט, װאָס װעט זײַן.

— וואָס ס'וועט זײַנ, — האָט פּרביצקאַ דאָס אײנציקע איבערגעבאַזערט. — גוט וועט זײַנ! מיר וועלנ געווינענ דעם קריג, הער פּרשטינער! אונדזער קײזער וועט זיגנ, הער פּרשטינער!

און דאָס איז געווענ דעמאָלט, ווענ עסטרײַכ האָט שוינ געהאַט באַקומענ גוטע קלעפּ. עטלעכע וואָכנ שפּעטער איז קײזער פראַנצ-יאָזעפ געשטאָרבנ. און דעמאָלט האָט יוינע געוווינט שוינ באַלד א יאָר אינ יענעם הויז.

„פונוואַנענ?" האָט פראַנציִשעק פּרביצקאַ געפרעגט יוינענ צום ערשטנ מאָל, ווענ ער האָט באַדאַרפט פאַרשרײַבנ זײַנ נאָמענ. פּרביצקאַ איז געווענ דער סטרוזש פונ יענעם הויז, וווּ יוינע האָט זיכ אײַנגעצויגנ, און יוינע האָט דערעכערעצ געהאַט פאַר יעדנ ווינער שטיינ און נישט בלויז פאַר א סטרוזש. אַזאַ סטרוזש אינ א גרויסער שטאָט — דאָס האָט יוינע געוווּסט נאָכ אינ גאַליציע — אַזאַ סטרוזש פונ א הויפּ, דאָס איז א שטיקל פּאָליציי. דערצו האָט פּרביצקאַ געהאַט, מוז מענ זאָגנ, א מוירעדיק אויסזענ און יוינע האָט דערפאַר שטאַמלענדיק געענטפערט: „איכ בינ פונ האָראָדענקע, דאָס איז אַזאַ שטעטעלע." פראַנציִשעק פּרביצקאַ האָט דעמאָלט אַוועקגעשטעלט א בענקל אונטער שטוב, אָנגענומענ יוינענ בײַ דער פּלייצע און איהם אַראָפּגעדריקט אפנ בענקל. ער איז געבליבנ זיצנ ווי א קינד, און מיט דערשראָקענע אויגנ האָט ער געקוקט אופּ פּרביצקאַס געשטופּלטער נאָז, געקוקט אופּ די געדיכטע גרויע באַקנבערד, וועלכע האָבנ זיכ געצויגנ פונ נאַקעט אָפּגעגאָלטנ קאָפּ ביז אַראָפּ — נאָר אונטנ, בײַ דער גאָמבע, האָט געפעלט א שטיק אינ דער גאַנצער ברייט. יוינענ איז שוינ דעמאָלט באַלד אײַנגעפאַלנ, אַז אַזוי האָט ער געזענ: שטענדיק אָפּפאָטאָגראַפירט דעם אַלטנ קײזער פראַנצ-יאָזעפ — די באַקנבערד זײַנענ געגאַנגענ ביז צו דער גאָמבע, און אונטנ האָט געפעלט א שטיק. דער דערעכערעצ פאַר דעם סטרוזש פראַנציִשעק פּרביצקאַ איז פונ דער מינוט אָנ געוואַקסנ נישט פאָרצושטעלנ זיכ. „האָראָדענקאָ?" האָט פּרביצקאַ דעמאָלט איבערגעפרעגט שטרענג, ווי א פּוילישער ריכטער, און יוינע האָט פאַרטראַכט געענטפערט: „ס'דאָרט, הינטער לעמבערג". פּרביצקאַ האָט אַרויסגענומענ א קליינ טאַבאַק-פּושקעלע פונ וועסטלקעשענע, אופגעעפנט דאָס דעקל מיט א פײַערלעכנ זשעסט, און אָנגעבאָטנ יוינענ: „לעמבערג? געהערט. א גרויסע שטאָט". פונ יענעמ טאָג אָנ האָט ער זיכ פאַרליבט אינ דעם

יוינע בורשטינער, ווי א מאַן אין א ווײַב. נאָר וועגן זײַן טשעכישער אויסשפּראַך האָט ער אים גערופן פּרשטינער.

די גרויסע פרייד, מיט וועלכער מע האָט אין דער ערשטער צײַט פון מילחמה באַגעגנט אין ווין די אַנטלאָפענע פון גאַליציע, איז שוין לאַנג אויסגערונען — נאָר ניט די גרויסע פרײַנטשאַפט פון פּראַנצישעק פּרביצקאַ צו יוינע בורשטינער.

ווען קייזער פראַנץ-יאָזעף איז געשטאָרבן, איז פּרביצקאַ אַרײַנגעלאָפן צו יוינען אינמיטן דער נאַכט, אויפגעוועקט אים פון שלאָף, און שלוכצנדיק דערציילט די טרויעריקע נאַכריכט. ניט דערציילט, נאָר גערעוועט. אין דער שמאָלער, טונקעלער שטוב איז ער געשטאַנען, דער הויכער און ברייטער פּראַנצישעק פּרביצקאַ, און יוינע האָט דערפילט, אַזש ביז צו זײַן געלעגער אויף דער באַנק, דעם האַרבן ריח פון בראָנפן. אין דער טונקל האָבן געלויכטן פּרביצקאַס אויגן.

— שוין! — האָט ער געזאָגט. — דער גוטער קייזער איז געשטאָרבן. דער גוטער, אַלטער קייזער. און בײַ וועמען לאָזט ער אונדז איבער, הער פּרשטינער? בײַ וועמען?!

יוינע האָט געהערט דאָס ווייַנענדיקע קול, דאָס טרויעריקע, האַרצרײַסנדיקע קול, ווי פון א קינדערישן יאָמער. און ער האָט געפרעגט שטיל:

— זאָל איך אויפשטיין?

— אוי, ניין. — האָט פּרביצקאַ געענטפערט מיט א זיפץ. — וואָס וועט עס דען העלפן, הער פּרשטינער? ער איז טויט.

און אויך יוינעס ווײַב האָט זיך געלאָזט הערן פון בעט מיט א טיפן קרעכץ.

פון זינט יענער נאַכט איז די גרויסע פרײַנטשאַפט צווישן יוינען מיט פּרביצקאַ נאָך שטאַרקער פאַרקניפּט געוואָרן. ער איז זײַן איינציקע טרייסט, פלעגט פּרביצקאַ זאָגן צו יוינען. אין דער הײַנטיקער וועלט, ווו דער וועג פון מענטש איז אַזאַ וויַקטער, דאַכט זיך אים, גלײַך זיי ביידע וואָלטן אין איין וועג געבוירן געוואָרן.

עס איז אַוועק א יאָר און נאָך א יאָר, עס איז אַוועק א גרויס שטיק צײַט, און פּראַנצישעק פּרביצקאַ האָט נאָך אַלץ געגלייבט, הייליק געגלייבט, אַז דער איינציקער זיגער אין דער גרויסער מילחמה וועט זײַן עסטרײַך. ניט קיין אַנדערער, נאָר עסטרײַך. עס איז דער-

פאר, האט ער אופגעקלערט יוינענ, ווייל עסטרייכ איז דאס איינציקע לאנד, וואס האט שטענדיק געוואלט דעם פרידנ, דאס איינציקע לאנד, וואס הערשט מיט יוישער צווישנ די פעלקער, וואס לאזט ניט ליידנ קיינעם קיינ איבעריקע קריוודע, אונ מיילט איינ יעדנ דאס זייניקע. אויב דיר קומט גארנישט, האט ער געגעבנ צו פארשטיינ, וואס ווילסטו? קומט דיר גארנישט! ניינ, עסטרייכ מוז זיגנ. אונ פרביצקא האט זיכ געטרייסט, אז כאטש דער אלטער פראנצ-יאזעף איז געשטארבנ — מילא, ער איז שוינ געווענ אינ די יארנ — איז אבער געקומענ אפ זיינ ארט דער קייזער קארל, א יונגער, פיינער הער, וואס איז פונקט אזוי יוישערדיק, ווי זיינ פארשטארבענער פעטער. פרביצקא האט ביז צו דער לעצטער מינוט ניט פארלוירנ דעם מוט.

איז אבער איינמאל יוינע אריינגעקומענ, ווי געוויינלעכ, צו זיינ פריינט — אונ אינ שטוב האט ער אנגעטראפנ א כורווע. אינמיטנ שטוב איז געלעגנ א קופע צעבראכענע זאכנ — שטיקער פונ א בענקל, שארבנ פונ טעלער, טעפ, גלאזווארג, שמאטעס — אונ פרביצקא איז געשטאנענ אפנ טיש, געריסנ פונ די ווענט אלצ, וואס ס'איז אים געקומענ אונ-טער די הענט, אונ געווארפנ אפ דער קופע. דערביי האט ער געברומט ווי א לייב, אונ צווישנ זיינע ליפנ האט זיכ געבלעזלט געדיכטער שוים.

יוינע האט ניט געוווסט, צי זאל ער צוריק ארויסגיינ, צי בלייבנ אינ שטוב, ער האט מוירע געהאט. נאר פרביצקא, דערזעענדיק זיינ פריינט, האט ער זיכ בארויקט אפנ ארט, אונ אנשטאט דעם געדיכטנ שוים האט זיכ באוויזנ א פארשעמטער שמייכל אפ זיינע ליפנ. יוינע האט ציטערנדיק אונ פאמעלעכ צוגעמאכט די טיר. אונ פרביצקא איז אראפגעשפרונגענ פונ טיש, ארופגעזעצט זיכ אפ דער צעבראכע-נער קופע, אונ ארויסגעשטעלט א פאר ווילדע, ראכמאנעסדיקע אויגנ אקעגנ זיינ פריינט. יוינע האט געשטאמלט, צעשפרייט די הענט אונ געשטאמלט.

— וואס איז געשענ? הער פרביצקא, וואס איז געשענ?

— פארטריבנ! — האט פרביצקא געיאמערט, ווי א לייב.

— פארטריבנ: דעם קייזער!

זיינע לאנגע באקנבערד זיינענ געווענ צעשויבערט פונ ביידע זייטנ, די האר אפנ קאפ זיינענ בא אים געשטאנענ קאפויר.

— פארטריבנ? — האָט יוינע געפרעגט, נישט מיט זײַנ קאָל, אונ ער האָט זיכ געמוזט זעצנ באַטש אפ א צעבראָכנ בענקל.

הויכ אפ דער צעבראָכענער קופּע איז געזעסנ פרביציקא אונ ארויס־גערעדט פונ זיכ דאָס הארצ. וויאַזוי געמט מענ עס אַזאַ גוטנ, אַזאַ פײַ־נעמ אונ טײַערנ קייזער אונ מע פארטרײַבט אים? ווי האָט מענ גאָר דאָס הארצ צו אַזאַ אכזאָריעסדיקער האנדלונג? ווו האָט זיכ אהינגע־טאָנ דער פאַשעטער פארשטאנד? ווו איז געבליבנ די מענטשלעכקײַט? אונ צי האָט מענ דענ פארגעסנ גאָר, וואָס דערפונ קאָנ אַלצ ארויסקו־מענ? דאָס לאנד וועט צעדריכנ ווערנ אפ שטיקער, יעדער לאָבוס וועט כאפנ זײַנ בײלעק אונ אנטלויפנ, אָרעמקײַט וועט קומענ, הונגער, טויט איבערנ גאנצנ לאנד.

ער האָט פארבראָכנ די׳ הענט, אונ פונ זײַנ נאָז, אָנשטאָט פונ די אויגנ, זײַנענ געראָנענ נאַסע טראָפּנס, פונ זײַנ אופגעריסנ מויל האָט זיכ געפילט דער הארבער רייעכ פונ בראנפנ.

יוינע איז דערנאָכ ארומגעגאנגענ א גאנצנ טאָג מיט ווייטעק אינ קאָפּ — וויאַזוי א מענטש נעמט זיכ עס צומ הארצ, האָט ער גע־טראכט. א מענטש, וואָס איז נישט מער ווי א סמרוזש פונ א הויז, אונ אז סע טרעפט אימ עפּעס טיפ אינ הארצנ, ווערט ער גאָר אַזוי! יוינע האָט געטראכט וועגנ גורל פונ מענטשלעכנ לעבנ.

2

אינ האָראָדענקע, פאר לאנגע יאָרנ, האָט יוינע געהאַט א בודקע איגמיטנ מארק אונ פארקויפט סאָדעוואסער. געוויינלעכ איז דאָס גע־ווענ אינ זומער־צײַט, ווינטער־צײַט האָט ער פארקויפט געבראָטענע עפּל. אַזוי איז געווענ אינ האָראָדענקע, פאר לאנגע יאָרנ. אינ ווינ האָט זיכ אָנגעהויבנ א נײַע פארנאָסע: יוינע בורשטינער איז געוואָרנ א מע־לאמער. עס איז אימ אפילע נישט געווענ ניכע די דאָזיקע פארנאָסע, נאָר האָט ער דענ געהאט א ברייררע? ווײַל, אייגנטלעכ, איז זײַנ מעלאמ־דעס באשטאנענ אינ דערינ, וואָס ער האָט באדארפט צוגרייטנ פאר־דײַטשישע יינגלעכ צו בארמיצווע. אונ דערפאר האָט ער געמוזט ריידנ דײַטש אונ זינגענ דערבײַ אפנ הויכנ קאָל, כדיי עס זאָל דעמ יינגל געפעלנ ווערנ. אונ דעמלט האָט יוינעס ווײַב אופגעהערט זיכ ארומצו־

פאַרענ בא דער קיכ און זי האָט זיכ צוגעהערט צום מאָרגנעם קאָל, וואָס האָט זיכ געהערט אַזוי:

— יא ווייסנ זי, ווייסנ זי?

— זאָ אייגנע באַ-ר-מ-י-צ-וו-אַ-ראַ?

— יא ווייסנ זי, ווייסנ זי?

דערנאָכ איז יוינעס ווייב, געווייגלעכ, אַרויסגעפאַלנ א טעלער פונ דער האַנט, אָדער א גלאָז, און אינ דער קליינער שטוב האָט זיכ צע־קלונגענ א קלאַנג פונ צעבראָכענע שאַרבנס. איז צוליב דעם, אָדער צו־ליב אַנדערע סיבעס — א יאָר נאָכ א יאָר, און יוינעס ווייב האָט זיכ אַרײַנגעלייגט אינ בעט, אָנגעהויבנ קרענקענ. און יוינע שטייט גאַנצע שאָענ לעבנ פענצטער און קוקט אַראָפּ פונ פערטנ שטאָק. אונטנ, דאַכט זיכ אים, — איז א וואַסער, און איבערנ וואַסער שווימענ קאַפּעליושנ: הויכע, שפּיציקע, קליינע, קײַלעכיקע און ברייטע — סאַמע קאַפּעליושנ. ווינער גאַסנ, דאַכט זיכ יוינענ, טראָגנ זיכ, לויפנ, שווימענ. זיי ליגנ נישט, ווי א גאַס דאַרפ ליגנ, רוענ נישט אײַנ, נאָר הייבנ זיכ אונטער די פיס אַרופ און אַראָפּ, ווי א לויפנדיק וואַסער.

יוינעס ווייב, וואָס ליגט אינ בעט, רופט אַריבער צום פענצטער:

— יוינע? וואָס טוסטו באַם פענצטער? זעסט דאָרט עמעצנ?

און אַז ער דערהערט נישט באַלד, פרעגט זי איבעראַמאָל:

— יוינע? יוינע? וואָס זעסטו דאָרט אונטנ?

יוינע דרייט זיכ אומ צו דער שטוב, וואַרפט א זײַטלעכנ בליק אויפנ קראַנקנ ווייב און גייט א זיפץ. ענטפערנ ענטפערט ער נישט, ווײַל וואָס זאָל ער איר ענטפערנ? אַז אונטנ איז א וואַסער און איבערנ וואַסער שווימענ קאַפּעליושנ? ער ענטפערט נישט און גייט אַרויס פונ שטוב. דער לאַנגער קרעכצ פונ זײַנ ווייב באַגלייט אים אויפ די שטיגנ, ער האַלט אַראָפּגעבויגנ דעם קאָפּ, גייט פּאַמעלעכ און ציילט די טרעפּ. אונטנ וואַרפט ער אַרײַנ א בליק אינ קײַלעכיקנ פענצטערל פונ פּרביצ־קאַס דירע, און אויב ער זעט אים נישט דאָרט, גייט ער פּאַמעלעכ ווײַטער, גייט אַרויס אויפ דער גאַס. יעדעס מאָל פונסנײַ ווונדערט זיכ יוינע אויפ די גרילצנדיקע טראַמווײַענ, אויפ די שרײַענדיקע אויטאָמאָבילנ, אויפ די שווערע אָנגעלאָדענע וואָגנס. ער פאַרשטייט נישט וויאַזוי דאָס איז: אויבנ דאַכט זיכ אים וואַסער, אונטנ זעט ער עפּעס אַנדערש. און ער קריכט צווישנ די אײַלנדיקע מענטשנ, שמייכלענדיקע, פאַרבײַ־

טענע. ער קריכט פאמעלעך און אפגעהיט, ווי אין א געדיכטן וואלד. ער קוקט אף די הויכע הײַזער, וועלכע ער זעט זינט יארן יעדן טאג, קוקט מיט א פארגליווערטן בליק, מיט גלעזערנע אויגן, און טיף אינווייניק זיפצט ער שווער:

„ווײַ! אזא קראך!"———

לעבן א גרויס הויז מיט א שײַנעם פאסאד, מיט קליינע גאנעקלעך, בלײַבט ער שטיין, דערנעט אף שווער און טיף, און באטראכט דאס הויז, צי איז עס טאקע רעב עלעס. אזויפיל מאל קומט ער דא אריין אין דעם הויז, אזויפיל מאל האט ער עס שוין באטראכט, פון אלע זײַטן באטראכט, נאר איטלעכס מאל קוקט ער אף דעם פונסבײַ, קוקט און קוקט, און סאפקאָלסאָף באשליסט ער: „פארט רעב עלעס הויז!" אין וועג ער קריכט שוין ארויף אפן דריטן שטאק — מיטן גלעזערנעם ליפט האט ער מוירע צו פארן — דעמלט פילט ער יעדעס מאל באנײַס די גרויסע פרייד, וואס רעב עלען האט אפגעגליקט צו קויפן אזא שיין הויז: „אײַ ווײַ, אזא קראך!" און ציילנדיק די ווײַסע מירמלשטיינערנע טרעפ, דערמאנט ער זיך מיט גרויס פינקטלעכקײַט אן דעם הויז פון האראדענקע, אין וועלכן רעב עלע האט געוווינט: „אז ס'איז גאר נישט צו פארגלייכן אפילע אין כאלעם". האבן זיי געטאן א גאלדענע זאך, טראכט ער, די האראדענקער יידן אין אמעריקע, די האראדענקער „לאנדסמאנשאפט", מיט דעם, וואס זיי האבן געשיקט רעב עלען געלט פארן הויז. רעב עלע האט עס פארדינט. „צי דען פארא א סאך אזעלכע רעב עלעס?" אמעריקאנער יידן ווייסן וואס זיי טוען.

ער שטעלט זיך אפ לעבן רעב עלעס טיר, קוקט אפן געלן לאס, וואס בלישטשעט אזוי שיין, קוקט אפן מעשענעם שילדל לאנג, פארקלערט, נאך אלץ נישט זיכער, צי איז עס טאקע — רעב עלעס טיר. און אז ער לייענט איבער אפן מעשענעם שילדל: „עליאס ווײַנבערג". קנייטשט ער מיט דער נאז, שמייכלט מיט די אויגן און צמאטשעט מיט די ליפן אין גרויס צופרידנקײַט: „טאקע פארט רעב עלע!"

אינווייניק, שוין אין רעב עלעס באזונדערער שטוב, נאך שטייענדיק בא דער טיר, פאלט אים אײַן, אז עס איז גוט אזוי, וואס רעב עלע, אזא ייד, דארף נישט מער האנדלען ווי פריער מיט וואליוטע און אז איצט האט ער קענעהארע פארנאסע פונעם הויז אליין. יוינע האט נאך צײַט, דארט לעבן טיר, ארויסצונעמען די גרויסע שווארצע פא־

טשיילע, אָפּצווישנ דעמ שווייס פונ שטערנ, אויסצושנייצנ די נאָז, אָפּצוהדעבענ, ארויסצולאָזנ א טיפנ קרעכצ — ביז רעב עלע טוט אימ אינדערגיכ א פרעג, ווי א שטארק פארטומענער מענטש, אפילע נישט אופהייבנדיק די אויגנ פונ סייפער:

— נו, ראַב יוינע? וואָס־זשע הערט זיכ?

יוינע האָט אפילע יאָ געזענ א פינקל טאָנ רעב עלעמ אויג פונ הינטער די קיילעכיקע ברילנ, וואָס דאָס קאָנ הייסנ: זענ זע איכ דיכ, אָבער אופהייבנ די אויגנ האָב איכ נישט קיינ צײַט — נאָר ער האָט דאָס נישט האָבנ, יוינע. צו וואָס טויג עס אימ? קיינ קאָוועד זוכט ער נישט. ער איז פּאַוואָליע צוגעגאַנגענ צומ קלייִנעמ טישל, וואָס איז דאָרט געשטאַנענ אפ דער רעכטער זײַט צווישנ די צוויי גרויסע פענצטער, געגאַנגענ קימאַט אפ די שפּיצ פינגער, כאָטש אפנ גראָבנ טעפּיכ וואָלט מענ זײַנע טריט סײַווי נישט געהערט, א ביסל פונדערווײַטנס געבליבנ שטיינ, זיכ צוגעבויגנ אונ גענומענ רעב עלעמ דאַרע פינגער, וואָס יענער האָט אימ דערלאַנגט.

— זעצט אַכ, ראַב יוינע, — האָט רעב עלע געזאָגט, איבערמישנדיק א בלעטל.

ווענ ער האָט גערעדט, האָט זיכ זײַנ פּאָנעמ פארקרימט, אונ אזוי אויכ דער שטערנ, גלײַכ דאָס ריידנ וואָלט אימ אָנגעקומענ זייער שווער אונ עס וואָלט אימ אומגעוויינליק שטארק ווי געטאָנ. אָבער ערשט דערמיט האָט זײַנ צעקנייטשט פּאָנעמ אויסגעזענ עמעסדיק פרומ, נאָר שטארק פארטאָנ אינ גאָט־זאַכנ, אונ לײַדנדיק, אזוי שטארק לײַדנדיק פאר אַלע יידנ, עפּשער דערפאר טאַקע, פארוואָס זיי האָבנ נישט אַלע אזעלכע הײַזער אונ אזעלכע שטיבער, ווי ער.

יוינע גיט א קוק אפנ הויכנ אונ געדרייטנ אָנלעג פונעמ בענקל, אפ וועלכנ ער זיצט, אזא געדרעקסלטער, אזא געבויגענער, וואָס אזוינס קאָנ מענ עפּשער טאַקע נאָר טרעפנ בא עמעסע גראַפנ. ער קוקט אפ די געשניצטע בלעטער, אונ אפ די קאַרשנ, אונ אפ די עפּל, אפ די פייגל אונ) אפ די..די, ווער ווייס וויאַזוי מענ רופט דאָס נאָר? ער וואָלט אָקאָרשט א פרעג געטאָנ רעב עלענ — פארוואָס נישט? נאָר ווענ יוינע גיט זיכ א ריר אפנ בענקל, קעדיי צו פרעגנ רעב עלענ, ווערט ער בא זיכ אזוי קלײנ אקעגנ דעמ הויכנ אָנלעג, אז פלוצעמ הייבט ער נאָר

אָנ עפּעס גראַבלען אינ דער באָרד מיט צוויי פינגער, אונ פרעגט רעב עלען, וואָס סע הערט זיכ.

די גרויסע שטוב מיט די שווערע פּאַרצײַטיקע אלמערס, הענגלײַכטערס, ווײַכגעבעטע שטולנ אונ גראָבע גאַרדינעס האָט זיכ געשוואַרצט, זיכ געשאָטנט אונ אָנגעוואָרפנ אַנ אומהיימלעכע, קאַלטע מאָרעשכוירע. פונ הינטער די רויט-געבלימטע, ברייטע פּאָרהאַנגענ רײַסט זיכ א שטיק ווײַסע זונ אונ בלײַבט הענגענ אינדערלופטנ.

רעב עלע ענטפערט אפ יוינעס פראַגע, אז גאָרנישט, ער פילט זיכ עפּעס א ביסל אזוי — נאָר ער זאָגט נישט ארויס וואָס. ער קוקט ארײַנ אינ סייפער, מישט איבער א בלעטל, דרייט מיט דער נאָז אונ קנייטשט מיט די אויגנ, ווי דאָס זאָל ריידנ א סאַכ מער פונ אַלע רייד, אונ דערנאָכ גיט ער א זיפצ, אזוי שווער אונ שוואַרצ, אז דער הענגלײַכטער גיט א ציטער. אזוי דאַכט זיכ יוינען. אונ דאָס הייסט: צי איז דענ וויכטיק וויאַזוי ער, רעב עלע, אײנער אַליינ פילט זיכ? וויכטיק איז דאָכ אויכ ער, יוינע, אונ איבערהויפּט אַלע ייִדנ. ווי דענ אַנדערש? אונ אָט נעמט ער אַוועק די אויגנ פונ סייפער, אונ יוינע זעט קליינע, זשעדנע אויגנ הינטער די קײַלעכיקע ברילנ, נאָר די קנייטשנ ארום זײַנע טאָקע טיפ. אונ רעב עלע קוקט מיט זײַנע טיפע קנייטשנ צום פענצטער, צו דער וועלט, הייסט עס, אונ ער דערציילט א מוירעדיקע מײַסע:

דאָ ניט לאַנג האָט זיכ אימ געכאָלעמט א כאָלעמ פונ דער גרויסער אָרעמקײַט פונ ייִדנ — פונ ייִדנ אינ וויג, פונ ייִדנ אומעטומ, אז ער האָט אזש א געשריי געטאָנ אינ שלאָפ אונ זיכ אופגעכאַפּט. דעמולט איז ער אַראָפּ פונ בעט אונ צוגעלאָפנ צום פענצטער באָרוועסערהייט אונ עס האָט זיכ אימ געדאַכט, אז די גאַנצע וועלט מיט ייִדנ שרײַענ צו אימ. אונ די נאַכט איז דעמולט געווענ פול מיט אומעט — — — —

— דאָס נעמט זיכ דערפונ, ראַב יוינע, אז אפ אײנעמ ליגט דער גאַנצער אָל פונ א וועלט מיט ייִדנ. — האָט רעב עלע געזאָגט, אונ געקרעכצט.

אונ ווידער האָט ער איבערגעמישט א בלעטל אונ געפרעגט יוינען, ווי דאָס טרעפט געוויינלעכ א סאַכ מאָל, צי ער האָט עפּעס ידיעס פונ זײַנ זונ; צי ער שרײַבט אימ עפּעס, צי ער ווייס כאָטש, ווו ער איז? אונ ווי געוויינלעכ האָט יוינע ארויסגעלאָזט א טיפנ קרעכצ,

ארויסגענומען פון קעשענע די גרויסע שווארצע פאטשיילע, אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן, אויסגעשנייצט די נאָז און ערשט דערנאָך געענטפערט שטיל און פארשעמט:

— ווייסעך. ער שרייבט נישט. און אז ער שרייבט יאָ אמאָל, לייען עך נישט איבער. און אז ער טוט צו ווייסן אמאָל, וווּ ער איז, ווייס עך ערשט נישט, וווּ ער איז, ווייסעך ————

דעמלט הייבט אוף רעב עלע זיינע קליינע אויגן מיט די קיילעכיקע ברילן, קוקט אף יוינען לאנג און פארטראכט, שאָקלט זיך א ביסל, און צום סאָף זאָגט ער ארויס זיין מיינונג וועגן יוינעס זון, א מיינונג, וואָס בלייבט טאָמיד די זעלבע:

— אזא זון איז בעסער, אז מע האָט אים נישט. אף אזא זון איז אָסער לעראכעם. ווייל אזא זון פארשווארצט די יאָרן און פארביטערט די טעג. אזא זון פארמיערט דאָס לעבן פון טאטע-מאמע, און קאָן זיי פארפירן, נישט געדאכט זאָל עס זיין, אף קרומע וועגן און אף גלימשיקע שטעגן. פאר אזא זון איז גלייכער, אז מע פארשטאָפּט זיך די אויערן און מע פארשטעלט זיך די אויגן. עס איז א סאך גלייכער, אז דאָס הארץ כאָוועט א שטיין, איידער אזא זון ————

און דערנאָך דערציילט ער יוינען פון פארשיידענע געשעענישן אין דער וועלט, וואָס האָבן זיך פארלאָפן אין אמאָליקע ציטן, און וואָס דערפון זיינען אמאָל כאָרעוו געוואָרן גאנצע שטעט און גאנצע לענדער. רעב עלעס זשעדנע אויגן ווערן דעמלט פיצינקע קליין פון צופיל קנייטשן זיך, זיינע לאנגע הענט צעפאָכען זיך פאר יוינעס שווארץ-געוואָרענעם פאָנעם און זיינע דארע פינגער בייגן זיך, ווי געלע פארטריקנטע ביינדעלעך.

יוינע קרעכצט, יוינע זיפצט, און זיינע מידע אויגן פארמאכן זיך פאר טיפן ווייטעק. רעב עלע קוקט שוין ווידער אריין אין סייפער און מישט די בלעטלעך, וואָס זיינען געל און פארקנייטשט, ווי די הויט ארום זיינע קליינע אויגן.

און דערנאָך, ווען יוינע איז ארויסגעגאנגען פון רעב עלעס שטוב, אראָפּגעגאנגען מיט די ווייסע מירמלשטיינערנע טרעפּ און אים איז איינגעפאלן א זינדיקער געדאנק, אז ער איז שולדיק דירע-געלט, האָט ער אזש צוגעמאכט די אויגן, קעדיי אזוי ארום צו פארטרייבן דעם בייזן געדאנק. נאָר הינטער זיינע צוגעמאכטע אויגן, הינטער זיינע שלייפן,

האָט עמעצער ווי אומישנע געצילט אַפ די פינגער: צוויי באַראָשימ, דרײַ באַראָשימ, פיר באַראָשימ. אונ ווי זײַנ מוטער, האָט ער א טיפנ זיפצ געטאָנ אונ געזאָגט: „ע! ע!” אונ אויסגעשפּיגנ. אימ האָבנ אַזש באַגאָסנ הייסע אַנגסטנ, אַזוי שנעל איז ער אַראָפּגעלאָפנ די דרײַ הויכע עטאַזשנ אונ אַרויס אַפ דער גאַס. דאָ איז ער שטיינ געבליבנ פונסנײַ אונ באַטראַכט דאָס הויז, דאָס גרויסע הויז מיטנ שיינעמ פּאַסאַד אונ מיט די קליינע באַנעקלעך.

יעדעס מאָל איז אַזוי געווענ, ווענ ער איז געגאַנגענ צו רעב עלענ.

3

ווענ יווינעמ זונ איז אַוועק אינ מילכאָמע, האָט ער איינמאָל געשריבנ א קאַרטל אונ מער נישט געשריבנ. יווינע איז אַוועק קיינ ווינ, אַנטלאָפנ פונ האָראָדענקע צוזאַמענ מיט אַנדערע ייִדנ, ווײַל אַפ דער שטאָט האָט מענ א סאַכ מאָל געשאָסנ אונ א סאַכ מאָל האָט זיכ דאָרט געביטנ די מאַכט. נאָכ דער מילכאָמע, לאַנגע באַראָשימ נאָכ דער מילכאָמע, האָט זיכ געיאַוועט דער זונ, געוואָר געוואָרנ דעמ פאָטערס אַדרעס אונ אַרײַנגעקומענ אינ שטוב. דעמלט האָט זיכ יווינענ באַלד אָפנ אָרט אויסגעדאַכט, אַז דער זונ איז געוואָרנ אַנ אַנדערער. ער האָט נישט פאַרשטאַנענ אונ נישט געוווּסט פאַרוואָס עס האָט זיכ אימ אַזוי אויסגעדאַכט, נאָר געזענ האָט ער פאַר זיכ קימאַט א פרעמדנ מענטשנ. ווענ ער איז אַוועק אינ מילכאָמע, איז ער נאָכ געווענ יונג, אַזוי יונג, ווי א גרינ ביימעלע, דאַר אונ הויכ. אונ נישט נאָר דאָס אַלײנ, אַפ זײַנ פּאָנעמ איז דעמלט נאָכ געלעגנ האָראָדענקע, אונ פונ זײַנע רייד האָט געשמעקט מיט האָראָדענקע, א רייעכ, וואָס קיינ אַנדערנ קאָנ נישט זײַנ, ווײַל אַנ אַנדערער רייעכ איז אימ פרעמד. אונ פיר יאָר דערנאָכ איז שוינ האָראָדענקע נישט געווענ צו דערקענענ אַפ זײַנ זונ. עפּעס האָבנ זײַנע אויגנ אַנדערש געקוקט, אַנדערש געפינקלט, עפּעס האָט זײַנ מויל אַנדערש גערעדט. אונ יווינע האָט געפילט טיפ אינעווייניק, אַז זײַנ זונ האָט זיכ פונ אימ אָפּגערוקט, זיכ דערווײַטערט פונ אימ אַפ א סאַכ מײַלנ.

יווינעמ ווײַב האָט זיכ דעמלט דערפרייט מיט דעמ זונ, ווי נאָר א מאַמע קאָנ זיכ פרייענ מיט איר קינד. אונ דערנאָכ האָט זי שוינ געיאָמערט: „א זונ! אַזאַ זונ!”

ער איז אוועק פונ ווינ אונ ער האָט ארומגעוואַנדרעוועט אינ גאָר פרעמדע לענדער. ער איז אוועק פונ זייערע אויגנ אונ זיכ מער נישט געוויזנ.

איינמאָל איז אָנגעקומענ א קאַרטל פונ בולגאַריע, אונ אַנדער מאָל פונ אונגאַרנ — ווו ער האָט געלאָזט גריסנ, מער נישט — אונ ווידער איז ער פאַרפאַלנ געוואָרנ אַפ גאַנצע כאַדאָשים. אַפ א גאַנצ יאָר. יוינע האָט געשוויגנ. כאָטש אַפנ האַרצנ איז אים געווענ זייער שווער. וועגנ אונגאַרנ אונ אויכ וועגנ בולגאַריע האָט אים פרביצקא דערציילט שרעקלעכע זאַכנ, אונ אים געראָטנ ליבער נישט צו טראַכטנ אפילע וועגנ זונ. דערפאַר, ווענ איינמאָל איז אָנגעקומענ פונ אים ערגעצ פונ א פרעמדער שטאָט א ביסל געלט, האָט עס יוינע געוואָלט צוריקשיקנ. ער האָט דעמ ווייב וועגנ געלט אפילע נישט דערציילט, נאָר עטלעכע וואָכנ ארומגעטראָגנ בא זיכ דעמ קאָנווערט אונ דערנאָכ דאָס ביסל געלט אוועקגעלייגט אינ שופלאַד אַרײַנ. ער האָט נישט געוווּסט דעמ זונס אַדרעס אונ דאָס געלט נישט געקאָנט צוריקשיקנ.

4

א גרויסע אָפּרישונג אינ יוינעס קאַלאַמוטנעמ לעבנ איז געווענ דער דאָזיקער פרביצקא.

דער פרביצקא האָט זיכ געהאַט זײַנע באַזונדערע אייגנשאַפטנ אונ געוווינהייטנ, צווישנ וועלכע דער זונטיק איז פונ שטענדיק אָנ געווענ אַנ אויסגערעכנטער טאָג מיט זײַנע אייגענע טיפּ-אײַנגעקריצטע געזעצנ. דער פּאַרמיטיק איז אוועק מיט גיינ אינ קירכ, דערנאָכ מיט טרעפנ באַקאַנטע אונ, שטייענדיק אַפ די דרויסנדיקע פאָדערשטע טרעפּ פונ דער אַלטער קירכ, קוקנ אַפנ וועטער, אַפ אַלטע הײמישע מענטשנ אונ ריידנ וועגנ די, וואָס גייענ אוועק פונ דער וועלט. יונגע מענטשנ האָט פרביצקא נישט ליב געהאַט. ער האָט נאָר באַדאַרפט וואַרפנ א בליק אַפ זייערע שיכ, אונ דער קאָפּ האָט אַזש געמאַכט רויט זײַנ גרינלעכע נאָז אונ זײַנע געדיכטע באַקנבערד האָבנ געציטערט: אַזוינס קאָנ ער נישט דערלײַדנ. די נײַע מאָדעס אַפ שיכ שטעכנ אים אינ די אויגנ. אינ זײַנ צײַט, זאָגט ער, האָט מענ געאַרבעט איינגאַנצנ אַנדערש, נישט אַזוי לײַכטזיניק הוצ-פוצ, ווי הײַנטיקע צײַטנ. אינ זײַנ צײַט, ווענ ער איז

נאָך געווען א שוסטער אין הרוטשקאָ, אין לאַנד בעמען, איז מען געווען א סאך ערלעכער צום קונדן. און ער דערציילט, וויאַזוי אַמאָל איז עס געווען גאָר אינגאַנצן אַנדערש.

אַזוי איז אַוועק יעדעס מאָל דער זונטיק פאַרמיטיק.

אָבער דער זונטיק נאָכמיטיק פלעגט פריִער אַוועק בא דעם פּרביצקאַ אפ איינזאַמע ווייטע שפּאַצירגענג, אין דער לעצטער צײַט גייט ער שוין יעדן זונטיק נאָכמיטיק מיט זיין פריינט יוינע בורשטיינער.

זיי זיינען שוין געווען ביידע אפילע אפג ווייט „קאָבענצל“, אפ יענעם בארג, וווּ יוינען האָט זיך אמאָל אויסגעדאכט, אז דאָרט אויבן זאמלען זיך צונויף יענע קליינע וואסערלעך, וואָס דערנאָך ווערט פון זיי דער גרויסער דונײַ. דאָס איז געווען אין זומער, און יוינע מיט פרביצקאַ האָבן דאָרט אויבן געטרונקען זויערמילך. און אנדערשמאָל זיינען זיי ביידע געווען אין ווינער „פראַטער“, און יוינע האָט געזען אזעלכע זאכן, וואָס אין האָראָדענקע קאָן מען זיך ניט פאָרשטעלן אפילע. ער האָט געזען דאָס גרויסע „ריזנראָד“, א זאך, וואָס פאָרט ארום אין דער לופט מיט גאַנצע וואַגאָנען גרויסע, אזעלכע ווי בא דער אײַזנבאַן. ער האָט געזען גאַנצע קאַפּעלעס מיט פויקן און מיט באַסן, מיט פידלען און מיט טרומייטן, מיט צימבלען און מיט גלעקער, וואָס האָבן אליין געשפּילט אינגאַנצן אָן מענטשן. ער האָט געזען א האַלבע פרוי, א מענטש ביז צו דער ברוסט, און פאָרט א מענטש, ווי אַלע מענטשן. פרביצקאַ האָט מיט איר גערעדט און זי האָט אפ אַלץ גאַנץ לײַטיש געענטפערט. דאָרט אין ווינער „פראַטער“ האָט יוינע געזען גאָר א סאך זאכן, און ער האָט געטרונקען מיט פרביצקאַ „פילזנער ביר“.

און איינמאָל, עס איז געווען האַרבסט, שוין פאַרנאַכטלעך, זיינען זיי ביידע געגאַנגען צום „פרײַהײַט-פּלאַץ“, וואָס לעבן דער וואָטיוו-קירך. א קילער ווינט האָט דעמלט געפּאַטשט פון דער זײַט, אין גרויען אריבערגאַנג פון טאָג אפ נאַכט האָבן די עלעקטרישע לאָמפּן געברענט מיט א געלן שײַן פון צעגאָסענעם בוימל. די שטיינער פון טראָטואַר זיינען געווען פײַכטלעך, און א גרויער נעפּל האָט זיך געוויגט אין דער לופט ארום צעגאָסענעם געלן ליכט. א סאך מענטשן זיינען דעמלט געגאַנגען אפ די גאַסן, סײַ יאָנטעוודיק אָנגעטאָנענע, סײַ וואָכעדיק-פאַרזאָרגטע, געגאַנגען שנעל און פּאַמעלעך, הויך גערעדט און שטיל גע-

שווײַגנ. עס האָט זיכ געטראָגנ איבער די גאַסנ צוזאַמענ מיט די
מענטשנ א בייז=פריילעכע אָנגעכמורעטקײַט. טיילמאָל זײַנענ פארבײַגע=
גאַנגענ גאַנצע קופּקעלעכ מיט מענטשנ. זיי זײַנענ נישט געגאַנגענ אפ
די טראָטואַרנ, נאָר אינמיטנ וועג, און זיי האָבנ געטראָגנ פאָנענ.
דעמאָלט האָט פרביצקא שנעל אײַנגערוימט יונגענ אינ אויער אַרײַנ צוויי
הייסע ווערטער: „דאָס זײַנענ זיי!" און יונגע האָט געקוקט אפ „זיי"
מיט א שווער הארצקלאַפּעניש און מיט א נישט=פארשטענדלעכער שרעק
אינ בלייכנ פּאָנעם.

אײַנגעטלעכ איז פרביצקא דעמאָלט געגאַנגענ צומ „פרײַהײַט=פּלאַצ",
ווײַל עס האָט געהייסנ אינ דער צײַטונג, וואָס ער לייענט, אינ „עסט=
רײַכישנ אָדלער", אז דאָרט אפ די ברייטע טרעפּ פונ דער וואָטיוו=קירכ
וועט פאָרקומענ א פארזאַמלונג פונ דער גרופּע מאָנאַרכיסטנ, וועמעס
פירער עס איז דער גראַפ מיקלאַש פאָנ הרוטשקאָ. און דעמ גראַפ מי=
קלאַש פאָנ הרוטשקאָ קענ פרביצקא, ווי זײַנע פינגער. אינ הרוטשקאָ
איז פרביצקא יונגערהייט געווענ א שוסטער און דאָ אינ ווינ גייט ער
א סאַכ מאָל צומ גראַפ אפ באַזוכ. דער דינער פונ גראַפ מיקלאַש פאָנ
הרוטשקאָ איז זײַנ בעסטער גוטער פרײַנט. אויכ יונגענ האָט ער שוינ
אמאָל דערציילט וועגנ דער גוטסקײַט פונ גראַפ, וועגנ דער מענטשלעכער
גרויסקײַט פונ זײַנ פארשטאַנד, און אז די איצטיקע טשעכנ האָבנ קאָנ=
פיסקירט זײַנע גיטער, און אימ דערפאַר באַצאָלט פאַר אַלצ און
אַלעס עפּעס האָרט עטלעכע נארישע מיליאָנדלעכ. פראַנצישעק פרביצ=
קא האָט זיכ בעפיירעש אָפּגעשיידט פונ די „איצטיקע טשעכנ", כאָטש
ער איז געווענ פונ זעלבנ אָפּשטאַמ, ווײַל יענע זײַנענ רויבער, באַנדיטנ
און רעוואָליוציאָנערנ, האָט ער געזאָגט. ער האָט פונ זיי נישט גע=
וואָלט וויסנ, פונ די אייגענע מענטשנ און פונ זײַנ פאָטערלאַנד. פונ
ווינ, האָט ער געזאָגט צו יונגענ, וועט ארויסקומענ די האַבסבורגישע
דערלייזונג און פונאַנדער זיכ פארשפּרייטנ איבער דער וועלט. דערפאַר
איז אימ דער גראַפ מיקלאַש פאָנ הרוטשקאָ געווענ אַזוי נאָענט און
טײַער, אינ דערפאַר איז ער געגאַנגענ מיט יונגענ צומ „פרײַהײַט=פּלאַצ",
קעדיי צו זײַנ אפ דער פארזאַמלונג פונ דער גרופּע מאָנאַרכיסטנ, ווע=
מעס פירער עס איז געווענ דער גראַפ מיקלאַש פאָנ הרוטשקאָ.

אינמיטנ „פרײַהײַט=פּלאַצ", אנטקעגנ דער גרויסער וואָטיוו=קירכ,
שטייט א קליינער פּאַרק. און א ביסל ווײַטער אפ דער לינקער זײַט,

איבערנ וועג אַריבער, געפינט זיכ דער שטיינערנער גרויער אוניווער־
סיטעט. אויכ דאָרט אינ דעמ אוניווערסיטעט האָט פּרביצקאַ זײַנ אַלטנ
גוטנ פרײַנט. דערציילט ער יווינענ. דאָס איז דער אַלטער דינער וולאַצ־
ליוועק צרנטקאָ, דער פּעדעל, ווי עס רופנ אימ די סטודענטנ. זיי
האָבנ אימ נישט ליב, דעמ „פּעדעל", ווײַל ער האָט זיי אויכ נישט
ליב. זיי זײַנענ אָדער דײַטש־נאַציאָנאַלע, אָדער סאָציאַל־דעמאָקראַטנ,
אָדער גאָר קאָמוניסטנ, און וויניק זײַנענ שוינ איבערגעבליבנ אַזעלכע,
וואָס האַלטנ פונ קייזער פראַנצ־יאָזעפס אַלטנ שטאַמבוימ. פּרביצקאַ
וואָלט איבערגעגאַנגענ מיט יווינענ צו דעמ אוניווערסיטעט, צו יע־
נעמ גוטנ אַלטנ פרײַנט וולאַציליוועק צרנטקאָ, נאָר נישט איצנד, איצט
וויל ער מיט אימ ליבער גיינ צו דער פאַרזאַמלונג פונ דער גרופּע מאָ־
נאַרכיסטנ, וועמעס פירער עס איז דער גראַפ מיקלאַש פאָנ הרוטשקאָ.

און זיי גייענ פּאַמעלעכ דורכ דעמ קלייגעמ פּאַרק. דער פּאַרק איז
שוינ גוט אײַנגעהילט אינ פאַרנאַכטלעכנ קאָליר, בײַ די זײַטנ פונ די
שמאָלע געדרייטע סטעזשקעס שטייענ אַלטע, אײַנגעבויגענע, גידע־
ריקע ביימלעכ, זיי זעענ איצט אויס, אינ פאַרנאַכטלעכנ קאָליר,
ווי אַלטע אײַנגעבויגענע מאַצייוועס. נאָכ העכער איבערנ פּאַרק האָט
זיכ אַרויסגעזונ דער הויכער, גאָר הויכער קירכ־טורעמ, וועמעס שפּיצ
עס האָט זיכ פאַרלוירנ שוינ גאָר אינ בלויענ טונקל, און פונ אונטנ
האָט זיכ געהערט אַ געמורמל און עפּעס אַזוינס, ווי אַ געשריי.

ווענ פּרביצקאַ מיט יווינענ זײַנענ אַרויסגעקומענ פונ קלייגעמ פּאַרק,
האָט זיכ שוינ געשפּאַרט צומ ברייטנ פּאַסאַד פונ דער קירכ אַ רונד־
לעכער און נישט גאָר קיינ גרויסער אוילעמ. אַפּ די לאַנגע און ברייטע
טרעפּ איז מענ געשטאַנענ מיט פאָנענ, און איינער האָט דאָרט גערעדט
אַזוי הויכ, אַז דאָס רייד האָט מענ געהערט ווײַט אַפּ דער לינקער זײַט,
אַפּ דער רעכטער זײַט, און ביז צומ ראַנד פונ פּאַרק. אינ דער ערשטער
מינוט, צי איז דאָס געווענ פאַר פרייד, צי פאַר שרעק, האָט פּרביצ־
קאַ נישט פאַרשטאַנענ גלײַכ די ווערטער, וואָס זײַנענ געקומענ פונ
דאָרט אויבנ, און אויכ נישט דערקענט די פאַרב פונ די פאָנענ. עס
האָט זיכ געקאָנט דאַכטנ, אַז די פאַרב איז געל און שוואַרצ, די פאַרב
פונ אַלט־האַבסבורג, און עס האָט אויכ געקאָנט זײַנ אַן אַנדערע פאַרב,
יעדנפאַלס האָט ער אָנגענומענ יווינענ שנעל בײַ דער האַנט און
מיט ציטערנדיקע ליפּנ שטיל צו אימ געזאָגט: „קומאַנס, הער פּרשטי־

נער!״ זיי האָבן זיך געשטופּט בײַדע צווישן מענטשן, יונגע מענטשן מיט אָפֿן־פֿרײלעכע פּנימער, מיידלעך און פֿרויען, און דערווײַל האָט פּרביצקא נישט געזען קיין איינציקן אַלטן אָפֿיצער, נישט געזען קיין איינציקן צילינדער און נישט קיין מעדאַל אויף דער ברוסט. א ביסל איז אים פֿינצטער געוואָרן פֿאַר די אויגן, ער האָט זיי פֿאַרזשמורעט און ווידער געעפֿנט, גאָר פֿאַר די אויגן איז אים דערפֿאַר נישט ליכטיקער געוואָרן. ער האָט זיך געשטופּט, זיך געדרייט צווישן די מענטשן מיט זײַן ברייטער פּלייצע, געוואָרטשעט בייזלעך, און נאָכגעשלעפּט יונגע הינטער זיך. יונגע האָט געפֿאָלגט, ווי א קינד, דערצו איז ער געווען צעטומלט און בלייך, זײַנע קני האָבן געציטערט. די מענטשן האָבן זיך אָפּגערוקט און געמאַכט פּלאַץ דעם פּאָרפֿאָלק, נישט אַזוי ווײַט צוליב דרעכערעץ, ווי מער צוליב דערשטוינונג: א ייִד מיט א לאַנגן איבערציִער, מיט א ברייטער באָרד און פּייעס, מיט אַזא מאָדנעם קאַפּעליוש, וואָס דאָס זעט מען נאָר אין צווייטן באַציִרק, דאָרט, ווו עס וווינען די ייִדן פֿון גאַליציע — און צוזאַמען מיט אים קייזער פֿראַנץ־יאָזעפֿס באַקנבערד. א קליינטשיק־גרינג היטעלע מיט א ווײַסער פֿעדער פֿון הינטן?!

פּרביצקא איז געבליבן שטיין מיט יונגען האַרט לעבן די ברייטע טרעפּ, וואָס הייבן זיך אַרויף, זעקס אָדער אַכט אַזעלכע, צום הויכן אײַזערנעם טויער פֿון דער קירך. און כאָטש ער האָט שוין געוווּסט, וואָס פֿאַר א פֿאַרזאַמלונג דאָ קומט פֿאָר אַזוי דײַטלעך־קלאָר, ווי די רויטע פֿאַרב פֿון די פֿאָנען, האָט פֿראַנציִשעק פּרביצקא פֿונדעסטוועגן נאָך אַלץ נישט געוואָלט גלייבן זײַנע אייגענע אויגן. מיט דער גראָבער געשטופּלטער נאָז האָט ער צעשפּרייט געפּאָנפּעט אין אַלע זײַטן, גלײַך חערמיט וואָלט ער געקאָנט דערגיין, וואָס דאָ האָט, אייגנטלעך, געטראָפֿן. געזאָלט האָט זײַן א פֿאַרזאַמלונג פֿון דער גרופּע מאָנאַרכיסטן, וועמעס פֿירער עס איז דער גראַף מיקלאַש פֿאָן הרושקאָ. און דאָ טרעפֿט ער גאָר אָן אויף אַזא מיטינג פֿון — — —

ער האָט נישט געקאָנט דערטראַכטן דעם בייזן געדאַנק, נישט געוואָלט גאָר אַרײַננעמען אין זײַן מויל דאָס מיאוסע וואָרט. גאָר עמעצער האָט זיך צוגעבויגן צו אים, גאָר א פֿרוי, און אַרײַנגעשעפּטשעט איר הייסן אָטעם אין זײַן אויער: „אָנקלכע, מיר זײַנען גע־

קימענ א ביסל פריער פאר די מאנאַרכיסטנ און זיי זיינענ שוינ אוועק ערגעצ אנדערש. אָבער איר מעגט בלייבנ אויב בא אונדז". זי האָט פארשטאַנענ, וויַזט אויס, וועמענ זיינענ בייזע אויגנ זוכנ דאָ אזוי שטארק. נאָר פרביצקא האָט איר ניט געקאָנט קוקנ אינ פּאָנעם אריינ. ער האָט ווידער אָנגענומענ יונגנ בא דער האנט, ווי א טאטע א קליינעמ זונ, און זיכ א שפּאַר געטאָנ מיט אים דורכ די מענטשנ. איצט, בעשאס זיי זיינענ אנטלאָפנ, האָט מענ שוינ דאָס פּאָרל באג-לייט מיט געלעכטער, הויכ און שטיל, אפ פארשיידענע אויפנים. פרביצקא אָבער האָט געשטויסנ די מענטשנ מיט זיינ ברייטער פּליי-צע, ניט געשאָנעוועט קיינעמ מיט זיינע הארטע עלנבויגנס און נאָכגעשלעפּט יונגנ הינטער זיכ. די בייזע ווערטער, וועלכע ער האָט ארויסגעוואָרטשעט, האָבנ זיכ מער פארלוירנ צווישנ זיינע געדיכטע באקנבערד, איידער עמעצער האָט זיי געקאָנט הערנ. סאָפּקאָלסאָפּ האָט ער א ביסל מוירע געהאט פאר די דאָזיקע יונגע.

ערשט ווייַט אפנ אנדערנ ראנד פונעם קליינעמ פּארק איז ער געבליבנ שטיינ מיט יונגנ, צווישנ די קליינע קרומע ביימלעכ, וואָס האָבנ אויסגעזענ, ווי אלטע צעבויגענע מאציייוועס, דאָרט האָבנ זיי זיכ אנידערגעזעצט אפ א קאלטער באנק. פרביצקא האָט אריינגעקוקט אינ יונגנס בלייכ-דערשראָקענעמ פּאָנעמ, ער האָט טיפ באדויערלעכ געשאָקלט מיטנ גרויסנ קאָפּ און געזאָגט פול מיט הארצווייטיק:

— קאָמוניסטנ, הער פרשטינער, דאָס איז ניט קיינ גוטע זאכ.

און יונגנ האָט עס נאָכ שטארקער אָנגעהויבנ טיאָכקענ אינ שמאָלנ הארצ, ער האָט זיכ דערמאָנט אָנ זיינ זונ, אמאָל האָט זיכ געדאכט, ער וועט זיינ, ווי אינ אלע צייטנ די מענטשנ פונ האָראָדענקע. וועט ער ניט האלטנ א בודקע איצמיטנ מארק און האנדלענ מיט סאָדעוואַ-סער, וועט ער האנדלענ מיט ליַוונט. וועט ער ניט האנדלענ מיט ליַוונט און ווערנ א שוסטער, א ליַט וועט ער זיינ! היַינט ווייסט ער ניט, וו ער איז, וואָס ער טוט, וויאזוי ער לעבט. טיפ אינ זיינ שמאָלנ הארצ האָט עס יונגנ גענאָגט אזוי שטארק, אינ זיינ ענגער פאנטאזיע האָט זיכ געפּלאָנטערט דער איינציקער זונ, וועלכער איז אריינגעפאלנ ערגעצ-וווּ צווישנ רויבער, ערגעצ-וווּ צווישנ טערקנ, בולגארנ, ווער ווייס זיי דאָרט—ווער? און אינ היילנ, טונקעלע, אונ-טערערדישע, האָבנ זיכ געגראָבנ יונגנס ווייטיקלעכ-פארזשמורעטע אויגנ

און צווישן טערקן מיט רויטע היטלען, ווילדע ראַבוזשניקעס, געזען אַ געפּענטעטן און אַ פאַרוויגטן זײַן איינציקן זון. זײַן טיפמענטשלעכער קרעכץ האָט זיך אַרויסגעהערט פון צווישן די ווילדע גערוישן, וועלכע האָבן זיך געריסן אַרום דעם קליינעם פּאַרק און אים פאַרשיט מיט גרויס געטומל.

פראַנציִשעק פּרביצקאַ האָט געהערט יענעמס טיפמענטשלעכן קרעכץ, ער האָט געפילט דאָס שווער־צעבראָכענע האַרץ פון זײַן אַלטן גוטן פרײַנט און ער האָט אים געטרייסט:

— אויב אַזוי, בין איך נאָך גליקלעכער פון אײַך, הער פּרשטינער, ווײַל מײַן זון איז באָטש געפאַלן אין קריג.

מיט אײַנגעהויקערטע זײַנען זיי ביידע געזעסן, די צוויי אַלטע גוטע פרײַנט, דורך די קליינע צעבווינגענע ביימלעך פאַרשטעלט פון דער אַרומיקער וועלט. זייערע שווערע טראַכטענישן האָט נישט געקאָנט שטערן דער ווילדער גערויש, וואָס איז געקומען פון די זײַטיקע טראַמוויַען און אויטאָמאָבילן, און אויך נישט דער הויכער געזאַנג, וואָס איז געקומען פון דער דערבײַיִקער פאַרזאַמלונג לעבן וואָטיוו־קירך. און פּרביצקאַ האָט דערנאָך אַרויסגעזאָגט זײַן גרויסן געדאַנק, אַז יענע בורשטינער מוז מען אַ סך מער באַדויערן, ווי דעם פאַרטריבענעם יונגן קייזער קאַרל פון האַבסבורג, ווײַל בעשאַס יענעם קאָן די גאַנצע וועלט און די גאַנצע וועלט האָט אַף אים ראַכמאָנעס, לעבט ער, יענע, איינער אַליין מיט זײַן איינזאַמען האַרצווייטיק — שטיל האָט געבלאָזן דער האַרבסטיקער ווינט צווישן די ביימלעך.

5

און באַלד דערנאָך האָט געטראָפן אַ גאָר טרויעריקע זאַך.

עס איז געווען אין איינעם אַ זונטיק, פאַרמיטיק, יענע איז שוין אָפּגעשטאַנען היפּש לאַנג באַם פענצטער. שוין עטלעכע מאָל האָט אים זײַן קראַנק ווײַב געפרעגט, צי ער זעט עמעצן אין דרויסן, עס איז געווען אַרום צען אָדער אַרום עלף אינדערפרי. געבליבן איז נאָך גענוג צײַט ביז נאָכמיטיק, ווען פּרביצקאַ פלעגט רופן יענעם שפּאַצירן — האָט זיך די טיר האַסטיק געעפנט און באַלד אַף דער שוועל האָט פּרביצקאַ, וועלכער איז דאָס מאָל געווען קענטיק צעטראָגן,

גערופנ יוינע מיט א פינגער: „קומאנס, הער פרשטינגער!“ מיט די דאָזיקע װערטער האָט ער אים שטענדיק גערופנ, אָבער איצט האָט יוינע אינ זיי דערפילט עפּעס אזא באזונדער בייזנ אָנזאָג, װאָס דאָס האָט אים אפילו אָרט דערשראָקנ. עס איז געװענ אזוי, אז ער האָט אפילע נישט קיינ צייט געהאַט צוצוװאַרפנ דעמ קראַנקנ װייב א שטיקל בליק, װייל פרביצקאס גרויסע אויגנ מיט די גאָר גרויסע ברעמענ האָבנ אים צו זיך צוגעצויגנ װי א מאַגנעט, ער איז גלייך ארויסגעגאַנגענ אונ צוגעמאַכט די טיר.

אפ די טרעפּ האָט אים פרביצקא גאָרנישט געזאָגט, נאָר געלאָפנ פריערויס, אונ יוינע איז אים נאָכגעלאָפנ. פרביצקא איז געװענ אויסגעפּוצט װי געװיינלעכ, אונ אויכ יוינעס שטיװל זיינענ געװענ געפּוצט, פונעמ איבערציער מיט דער גרינלעכער פלייצע זיינענ געװענ זויבערלעכ אראָפּגענומענ די שטיקלעכ שטרויעלעכ מיט די אנדערע זאַכנ. אונ דער שװאַרצער קאַפּעליוש, כאָטש ער איז געװענ צעקנייטשט אונ געהאַנגענ איבער די אויערנ, איז פונדעסטװעגנ געװענ אויסגעבאַרשט אונ קיינ נייע פעטס־פלעקנ, אחוץ די אלטע, האָט מענ נישט געזענ. יוינע האָט גוט געװוסט, אז דער דאָזיקער פרביצקא האָט ליב זויבערלעכקייט, אונ דערפאַר האָט ער זיינע קליידער אזוי שטאַרק אָפּגעהיט, װאָס קיינ לייכטע זאַכ איז דאָס נישט געװענ. אויכ די שמאָלע באָרד איז געװענ א ביסל צוגעקעמט אונ די פייעס באַנעצט אונ געקרייזלט, קעדיי זיי זאָלנ נישט צו װייט אװעקשטיינ. פונדעסטװעגנ האָט ער ערשט אפ דער העלער גאס געזענ, אז דאָס מאָל איז פרביצקא געװענ אויסגעפּוצט נאָכ מער, װי אינ די אנדערע זונטיקנ: אחוץ דעמ גרינעמ היטעלע מיט דער װייסער פעדער פונ הינטנ, איז ער אויכ געגאַנגענ אָנגעטאָנ אינ א פראַק, װאָס אזוינס האָט יוינע אפ אים נאָכ קיינמאָל נישט געזענ.

גייענדיק שנעל אונ אָנגעשטרענגט, האָט פרביצקא דאָס ערשטע געזאָגט צו יוינענ אזוי:

— הויט געמא אינ ד׳בורג!

מער האָט ער דערװייל נישט געזאָגט, נאָר זיינע גרינע אויגנ האָבנ פייערלעכ געפינקלט.

אָבער פאַר יוינענ איז דאָס אליינ שוינ געװענ א גרויס געשעעניש. װעגנ דער „קייזערלעכער בורג“ אינ װינ האָט ער געהערט נאָכ אינ נאַ־

ליציע א סאך מאָל, ער האָט וועגן איר געהערט, ווען ער איז נאָך געווען א קינד. און פרומע ייִדן האָבן א סאך מאָל גערעדט וועגן דער „קייזערלעכער בורג״, ווי וועגן בעסמיקדש. און דערפאַר האָט יונגען ארומגענומען א ציטערניש בא דעם וואָרט, ער האָט זיך אזש אָנגע־קוקט און געטראכט, צי קען גאָר א מענטש ווי ער, אזא פּראָס־טער יונגע, אריינגיין אין דער גרויסער „קייזערלעכער בורג״? גאָר אז זײַנע אויגן זײַנען געפאלן אף דעם שטאָלצן און זיכערן גאַנג פון זײַן פרײַנט פּרביציקא, דערפילט האָט זיך אויך אין זײַן ברוסט אריינ־געכאפּט א ביסל מער זיכערקייט, און עפּשער איז דאָס אזוי באַשערט, ער זאָל אין זײַן לעבן נאָך אָנקוקן די בורג אויך?

דער דרויסן איז געווען א האַרבסטיק־לינדער, אָן א פּיצל ווינטל, די ייִדישע געסלעך האָבן נאָך געשמעקט מיט שאבעסדיקן טשאָלנט. פאַרקרימטע, פאַרשלאָפענע בעחלעך, מיט פאַרשעמטע ארונטערגעלייג־טע פּייעלעך אונטער די אויערן, זײַנען געגאנגען צום דאַווענען און הויך געגענעצט. טשעכישע סטרוזשעס, הויכע, ברייטע, מיט רויטע פּיסקעס, ווי צײַטיקע עפּל, זײַנען געשטאנען פאַר די טויערן, די הענט פאַרלייגט אף די ברייטע ברוסטן. און פּרביציקא קען דאָ אַלע לײַט. אף זײַן טאָפּלגווידערדיקן פּאָנעם שײַנט מאיעסטעטישע פײַערלעכקײַט, זײַנע גרינע אויגן בלישטשען, ווי בלאַנקע זעלנערישע קנעפּ. ער האָט דאָ א סאך פרײַנט, דער פּרביציקא, און יעדעס מאָל גיט ער א הייב דאָס קײַלעכיקע היטעלע און מאכט דערמיט א ברייטן ראָד ביז אראָפּ צו די פיס: „האָב ד׳ער, הער מרצלאוועק“, האָב ד׳ער הער שושאשעק!“

די אַלע באַקאַנטשאַפטן און באַגריסונגען האָבן אים געמאַכט גאָר א סאך שטאָלצער ווי ער איז געווען, זײַן הויכע ברוסט האָט זיך נאָך מער אַרויסגעהויבן, זײַן טאָפּלטיקער גווידער האָט זיך פון הויכן שטײַפן דראַנג נאָך מער אַרויסגעקוועטשט. פול אָנגעלאָדן מיט רויה, האָט ער יונגען דערציילט א פּאָר שײנע געשיכטעס איבערן וועג.

אינמיטן פון א גרויסן פּלאַץ זײַנען זיי געבליבן שטיין ביידע, א ביסל אָפּגעדעכעט און אָפּגערוט. פּרביציקא האָט זיך אָפּגעווישט דעם שווייס מיט א גרויס טיכל, און זײַנע אויגן זײַנען געפאלן אף א גרויסן ציפערבלאט, וועלכער האָט אראָפּגעקוקט פון א הויכן טורעם. דערשראָקן האָט ער אָנגענומען יונגען בא דער האַנט און שנעל א זאָג געטאָן:

— קומאַנס קשוויטנדער, הער פרשטינער!

זיי האָבנ אריבערגעטײַלט דעם גרויסנ פלאַצ אונ אריינ אינ א שמאָל געסל. ערשט אצינד האָט פרביצקא אָנגעטרויט יוינענ דעם זינ פונ זייער גיינ אינ דער „קייזערלעכער בורג“. מיט א טיפ-באסאָווע קאָל, אונ נאָכ א צווייפאכנ הוסט, האָט ער דערציילט, אז דער גראַפ מיקלאש פאָנ הרוטשקאָ איז געשטאָרבנ. אונ אויכ יוינע האָט ארויסגעלאָזט א שווערנ זיפצ. פרביצקא האָט דערציילט, אז נאָכ מיט פיר טעג צוריק איז דער גראַפ געשטאָרבנ אונ אז הײַנט, אָט איצט באלד, וועט זײַנ דאָס גרויסע באגרעבעניש, וואָס וועט זיכ אָנהייבנ אינ דער בורג מיט א גרויסער פארזאמלונג פונ דער גרופּע מאָנאַרכיסטנ, וועמעס פירער עס איז געווענ דער גראַפ מיקלאש פאָנ הרוטשקאָ. אונ פלוצעמ איז ער שטיינגעבליבנ, ארופגעלייגט א פינגער אפ זײַנ פראַק אונ געזאָגט:

— דאָס האָט מיר דער גראַפ איבערגעלאָזט א יערושע!

יוינע האָט אראָפּגעבויגנ דעם קאָפּ, באטראַכט די גרויסע יערושע אונ ער האָט געזענ, אז ביידע פּאָלעס פונ פראַק שטייענ אוועק פונ פרביצקאָס לאַנגע פיס, ווי בלעכ. זיי זײַנענ ווײַטער געגאַנגענ אונ נאָכ שנעלער ווי פריִער.

די קליינע געסלעכ צו דער בורג האָבנ זיכ געקרימט, זיכ געדרייט, ווי טונקעלע קאַנאַלנ, מיט צונויפגעקוועטשטע אלטע הײַזער פונ ביידע זײַטנ, שפּיציקע, איבערגעבויגענע, וואָס האָבנ אראָפּגעקוקט מיט א סאַכ קליינטשיקע פארגראַטעוועטע פענצטערלעכ. די זונטיקדיקע רו איז דאָ געלעגנ א קאַלטע, א צוגעדרושעטע מיט א פײַכט פארשימלטנ ריִעכ. די געוועלבער, טיפ אײַנגעגראָבענע אינ נאַסנ מאָביקנ שטיינ, זײַנענ געווענ פארהאַמעוועט מיט שווערע אײַזערנע לאָדנס, ארומגענומענ מיט ברייטנ פארזשאַווערטע רייפנ אונ באהאַנגענ מיט גרויסע פארצײַטיקע שלעסער. נאָר דורכ די קראַטעס אונ פארזשאַווערטע רייפנ האָבנ פונ די וויטרינעס ארויסגעקוקט לאַנגע שנירלעכ ווײַסע פערל, גאָלדענע קייטלעכ מיט זייגערס, אונ עס האָבנ געבלישטשעט בראָשנ מיט בלויענ פײַער פונ געשליפענעמ דימענט.

פונ א קליינ שטאָקיק פענצטערל קוקט ארויס א קליינ צעקנייטשט פּנימל, מיט א פארביקער יאַרמלקע אפנ ווײַסנ קאָפּ אונ מיט א לאַנגער פארצעלײַענער ליולקע אינ מויל.

פון א ברייטן שווערן טויער קריכט ארויס א קליינטשיק באבעלע, אן איינגעשרומפּנס, זי איילט זיך עפּעס אונטער, טרעפּקעט מיט די דריבנע אויסגעהאַקטע פאַנטאָפעלעך און שלעפּט נאָך הינטער זיך א קליין וועשיק הינטל מיט א קודלאטן קעפּל, מיט א גרינג שלייפעלע אפן קורצן העלדזל און מיט אן אָפּגעגאָלטן הינטערטייל. דאָס אַלטע באַבעלע קוקט זיך קעסיידער אום צו דעם קליינעם באַשעפעניש און זי פּישטשעט צום הינטל: „שנוקי, שנוקי" — נאָר שנוקי שטרעקט אויס די הינטערשטע פיסלעך און וויל נישט גיין ווייטער. אָבער זי שלעפּט עס, ציט עס, און לעבן א הויכן גאַז-לאַמטערן שטעלן זיי זיך ביידע אָפּ. דאָרט הייבט שנוקי אויף א קליין פיסל און דאָס איינגעשרומפּענע פּאָנעם פון דער אַלטער באַבעלע שמייכלט אין גרויס צופרידנקייט. „נא, שנור־קערל, איצט איז דיר לײַכטער? הע?" — פרעגט דאָס אַלטע באַבעלע און שנוקי ענטפערט אָפּ מיט צוויי בלישטשענדיקע פאַרטרערטע אייגעלעך. דערנאָך גייט דאָס פּאָרל ווײַטער שפּאַצירן.

א געסל א קרומס, א געסל א געדרייטס, און די „קייזערלעכע בוהן" שנײַדט זיך שוין פון דערווײַטנס. „קשווינדער, הער פרשטינער, קשווינדער!" מונטערט אונטער פרביצקא, און יוינע איז שוין פאַרגאָסן מיט קאַלטן שווייס.

מאסיווע טונקעלע שטיינער, ווי צונויפגעשמאָלצן אײַזן, האָבן זיך געשטעלט פאַר די אויגן און זיך געהויבן העכער איבער אַלע מויערן. א פאַרבראָנזעטער קופּאָל, גרין פאַרלאָפן און קײַלעכיק, ווי א גלאָבוס, קוקט אַראָפּ אויף די מענטשן מיט בייזער מאָרעשכוירע. און א דרײַפאַכיקער אײַזערנער טויער מיט גראָבע שטאָלענע שטאַבעס, הויך ווי א פיל-שטאָקיקער מויער, שטייט דראָענדיק אויפגעפּראַלט, ווי א ריזיק מויל פון אן אומהיימלעכער באַרג־הייל — דאָרט איז פרביצקא אַרײַנגעגאַנגען מיט יוינען.

יוינע האָט געציטערט און זיך געשראָקן, זײַנע ליפּן האָבן שטיל געמורמלט, ווי עפּעס א געבעט. איין הויף קייטלט זיך מיט א צווייטן, א קלענערער מיט א גרעסערן, און אַרום שטייען הײַזער, אַלטע הויכע און שטיינערנע. די פענצטער זײַנען שמאָל און פאַרגראַטעוועט מיט גראָבע אײַזערנע שטאַבעס. אויף די געזימסן אַרום די פענצטער וואַקסט גריבער מאָך און גרינע שימל. די שטייגערנע מויערן זײַנען טונקל און קאַלט. עס דרעשטשעט יוינען אין די ביינער. ער ציטערט אזש איבערן גאַנצן

לייב, שלעפּט זיכ נאָכ הינטער פּרביצקא מיט א צעקראָכנ־דערשראָקענעמ גאנג אונ בעט זיכ בא אימ עפּעס שעפּטשענדיק אונ אומפּארשטענד־לעכ. אָבער פּרביצקא טרייבט, פּרביצקא יאָגט — פונדערווייטנס הערט זיכ שוינ א שטילע טרויער-מוזיק, די טרומייטנ אונ די טאַצנ קרעכצנ שווער.

אַז זיי קומענ אריינ אינ גרויסנ פּאראַד־הויפ, דערזעענ זיי עטלעכע שוואַרצ־באַפּראַקטע מענטשנ מיט הויכע צילינדערס, וואָס באַ־גלייטנ א שוואַרצע טרומנע, גייענ ארויס דורכנ גרויסנ טויער פונ דער צווייטער זייט. די מוזיק האָט אויפגעהערט צו שפּילנ.

פּרביצקא האָט דעמולט אָנגענומענ יווינענ בא דער האנט, אונ מיט דער צווייטער ציטערנדיקער האנט האָט ער ארויסגענומענ א קראָכ־מאַלעט ווייס טיכל פונ הינטערנ שפּאַלט פונ פראַק אונ מיט דעמ געוואונקענ דעמ אָפּגייענדיקנ שוואַרצנ הייפל. „אַכ, פּארשפּעטיקט די פּארזאַמלונג!“ האָט ער געזאָגט. אונ א טיפער קרעכצ האָט זיכ ארויס־געריסנ פונ זיינ אויפגעהויבענער ברוסט.

געשפּיזלטע זונ פונ האַרבסטיקנ הימל האָט זיכ געשפּיגלט מיט פּאר־גילדעטע שטיקער (האכ אפ די אָרומיקע הייזער, אונ ליידיק איז גע־שטאַנענ דער גרויסער קייערלעכער פּאַראַד־הויפ.

פּארגליווערט שטייענ די בראָנזענע גענעראַלנ אפ מאָנומענטנ פונ מירמלשטיינ, פּארגליווערט רייטנ זיי אפ צעפּלאָשעטע פערד, פונ זייערע קריגערישע טשאַקעס פלאַטערנ בושלענ־פּעדערנ, זייערע בראָנ־זענע הענט זיינענ אויסגעשטרעקט מיט געצייקטע שטאָלענע שווערדנ. אונ די גראָבע ליפּנ זייערע זיינענ אויפגעריסנ, טונקל אונ טיפ זיינענ זייערע מיילער, איבער זייערע קעפּ איז פּארשטאַרט געוואָרנ דער פעלד־הערישער געשריי פונ אָנהייב אכצנהונדערט.

פּרביצקא איז צוגעגאַנגענ מיט יווינענ צומ דענקמאָל פונ „ערצ־הערצאָג קארל“ אונ זיכ פּארטראַכט אינ די פילע פיגורנ, וואָס זיינענ דאָרט ארײַנגעקריצט אינ טאָוול פונ שטיינ.

פּארטראַכט, ווי ער איז אזוי געשטאַנענ, האָט ער כאַראַקטעריזירט דעמ פּארשטאָרבענעמ גראַפ מיט עטלעכע קורצע ווערטער, גערעדט וועגנ זיינ גוטסקייט, קלוגקייט, וועגנ זיינע גרויסע מיילעס אונ וועגנ זיינ העלדישנ איינשטעלנ זיכ פארנ פּארטריבענעמ יונגנ קייזער קארל, פּארגלייכנ דעמ גראַפ מיקלאָש פאָנ הרוטשקאָ צו די אלע העלדנ, וועלכע

זײַנען דאָ ארום אויפגעשטעלט אף די מירמלשטיינערנע מאָנומענטן, און ארויסגעזאָגט זײַן באַשטימטע האָפענונג, אז אויך דעם גראף וועט מען דאָ באַלד און גיך אויפשטעלן צווישן די אלע גרויסע לײַט. פלוצעם האָט זיך פּרביצקא א פעסטן קלאַפּ געטאָן אין דער ברוסט, זיך אויסגעצויגן אין דער גאנצער הייך און אויסגעשטרעקט די רעכטע האַנט ארויף צום הימל — מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ האָט ער אויסגערופן:

— אָ, קארל! דו גרויסער קייזער קארל, ווו ביסטו?

דערנאָך האָבן זיי זיך ביידע אנידערגעזעצט, פראַנצישעק פּרביצקא און יוינע בורשטינער, אף א קאַלטן שטיין, קעדיי זיך אָפּצוקילן פון דער האַרבסטיקער זון.

6

און יענעם טאָג איז גרויס געוואָרן דער ווייטעק אין פּרביצקאַס ברוסט. אין ערגעץ האָט ער נישט געקאָנט געפינען פאר זיך קיין אָרט. די מענטשן אין גאַס האָבן אים געשטאָכן ווי מיט שפּילקעס אין די אויגן, די ווענט אין זײַן שטוב האָבן אים געגריזשעט ווי מיט שאַרפע ציין: פארוואָס ער האָט פארשפּעטיקט צו דער פארזאַמלונג און צום באַגרעבעניש, דאָס האָט ער זיך נישט געקאָנט מוחל זײַן! נאָכלויפן דער אָפּגייענדיקער פארזאַמלונג האָט ער נישט געקאָנט, דאָס האָט אים נישט געפּאַסט. ער איז נישט קיין יינגל און ער וועט זיך נישט צו־טשעפּען אינמיטן וועג! און אזוי לאַנג לעבט א מענטש, אזוי לאַנג, אָבער נאָר איין מאָל שטאַרבט ער.

די לעצטע ווערטער האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, סײַ צו יענע, סײַ צו זיך אליין. אין דער היים האָט ער א כאַפּ געטאָן דאָס היטל און א טראַסק געטאָן דערמיט אף דער פּאָדלאָגע. דאָס האָט באַדײַט א גרויסע דערלײַכטערונג אפן האַרץ, דאָס איז געווען שוין אין האַלב טונקעלן פארנאַכט, און דעמלט איז אויך געקומען דער גרויסער אנטשלוס. צוערשט האָט ער זיך נאָך ארומגעדרייט א שטיק צײַט ארום די ווענט, ווי א בייזער פויגל, ער האָט קיין רו נישט געהאַט צו נעמען זײַן ליולקע אין דער האַנט אַרײַן, צו שמעקן טאַבעק פון פּושקעלע, נאָר ער האָט געהאַלטן אין איין שפּײַען. פון צײַט צו צײַט האָט זיך ארויסגעריסן א בייזער מרוק פון זײַן מויל, ווי פון א געפּענטעטן לייב. ערשט ווען די ווענט האָבן זיך געהילט מיט טונקעלע טיכער, איז ער געבליבן שטיין אינמיטן שטוב, ווי אין א טונקעלן וואַלד, פארטומלט

אויך אויסגעמאַטערט, און זײַנע געדיכטע ברעמען האָבן זיך אויפֿגעהויבן מיט אַ נײַעם ליכט אין די אויגן: ער וועט גיין מיט יוינע בורשטינער אין קאַפּע רייניקע!

יוינע האָט נישט געוווּסט, וואָס דער פּרביצקא וויל פֿון אים האָבן, ער האָט זיך שוין דערמידט געוואָלט ליגן שלאָפֿן, ווען די טיר האָט זיך מיטאַמאָל געעפֿנט און פּרביצקאַס קאָל האָט אַרײַנגערופֿן אין דער טונקעלער שטוב: „קומאַנס, הער פֿרשטינער!"

יוינע האָט געטראַכט: סײַווי האָט ער צײַט געהאַט. ער שלאָפֿט דאָך נאָך דערפֿאַר, ווײַל שלאָפֿן מוז מען. און אַזוי ווי ער האָט אים נישט געפֿרעגט קיינמאָל צו וואָס ער רופֿט אים, וועט ער גיין מיט אים, אַזוי אויך איצט, כאָטש באַנאַכט, איז ער אים נאָכגעגאַנגען געהאָרכ-זאַם און שווײַגנדיק. ער האָט אָפֿן וועג געטראַכט אַזוי: און דעמלט, ווען די אַנטלאָפֿענע פֿון גאַליציע זײַנען געפֿאָרן קיין ווין, האָט זיך דען נישט געטראָפֿן, אַז ערגעץ אָפּ אַ סטאַנציע האָט מען מיטאַמאָל אויפֿ-געמאַכט די טירן פֿון אַלע וואַגאָנען און געהייסן אַלעמען אַרויסגיין? עס האָט געטראָפֿן. און די בילדער פֿון יענעם באַנאַכטיקן אַרויסגיין פֿון די וואַגאָנען, מיט באַלויכטענע לאָמטערנס, מיט געשרייען פֿון די ווײַ-בער, מיט געוויין פֿון די קינדער, איז געגאַנגען דורך זײַן קאָפּ. אַזוי אויך איצט, האָט ער געטראַכט, ווי איז אַ שיף, ווי איז אַ באַן — און ער זיצט אין וואַגאָן. רופֿט מען, גייט ער.

און אויך פּרביצקא, ווײַזט אויס, איז געווען פֿאַרנומען מיט טיפֿע טראַכטענישן, ווײַל נישט לויט זײַן טעווע האָט ער געשוויגן, געשוויגן ביז זיי זײַנען ביידע אָנגעקומען צום קאַפּע רייניקע.

קאַפּע רייניקע איז פֿון דער גאַס נישט אַזוי שטאַרק קענטיק. מע זעט נישט קיין באַלויכטענע וויטרינעס מיט גלאַנציקע שפּיגלען, מע זעט נישט קיין רויטע שילדן מיט גרינע פֿײַערן — נאָר פּאַשעט אַ שמאָל שילדל איבער דער טיר: „קאַפּע רייניקע".

פֿונדעסטוועגן איז יוינע שטיין געבליבן לעבן דער טיר און נישט געוואָלט אַרײַנגיין. מיט אַזעלכע זאַכן האָט ער נאָך ביז איצט נישט געהאַט צו טאָן. ער האָט געשאָקלט מיטן לאַנגן קאָפּ און מיט דאַ-מאָנעסדיקע אויגן געקוקט אָפּ זײַן אַלטן פֿרײַנט פּרביצקא: וואָס וויל ער פֿון אים האָבן? אין זײַנע אויגן איז געלעגן אַ שטום געבעט, אָפּ זײַן אויסגעצויגענעם פּנים האָט זיך געמאָלן בלייכע שרעק,

נאָר פּרביצקאַ האָט געמאַכט אַ בייזע גרימאַסע, ווי אַן עלטערער ברודער האָט ער אים אָנגענומען בײַ דער האַנט און מיט אים אַרײַנגעגאַנגען אין קאַפע.

אינעווייניק האָט ער געוואָרפן אַ שנעלן בליק אויף אַלע זײַטן, וווּ עס שטייט זיך אַ ליידיק טישל, צוגעגאַנגען מיט יויזען אין אַ ווינקל און אים אַראָפּגעדריקט אויפן בענקל. יויזע איז געבליבן זיצן צעטומלט מיט פאַרלוירענע אויגן און מיט קאַלטע הענט. ווען פּרביצקאַ האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף זײַן בענקל און אויסגעטאָן זײַן גרין היטעלע, האָט אויך יויזע געוואָלט טאָן דאָס אייגענע, נאָר פּרביצקאַ האָט עס נישט דערלאָזט, אָוועקגענומען זײַן האַנט פון קאַפּעליוש און געזאָגט: „מע טאָר נישט". די מענטשן האָבן אין דער ערשטער מינוט אויפגעהויבן די קעפּ פון זייערע באַשעפטיקונגען און פאַרוווּנדערט געקוקט צו דעם גרויסן געשעעניש, וואָס דאָס האָט נאָך קיינמאָל נישט געטראָפן אין קאַפע רייניקע. אָבער פּרביצקאַ האָט זיי אָפּגעענטפערט אויף דעם דאָזיקן קוקן מיט זײַנע אויגן אַזוי, אַז זיי האָבן זיך שנעל ווידער געכאַפּט צו זייערע איבערגעריסענע באַשעפטיקונגען: צו קאָרטן, צו דאָמינאָ, צו שאָך, צו ביליאַרד, און גלאַט צו שמועסן. אַחוץ דעם האָט פּרביצקאַ צו וויסן געטאָן אין דער הייך:

— קוקן נישט קוקן, פרעגן נישט פרעגן, יעדער גאַסט איז אַ גאַסט! שטימט, באַלעבאָסטע?!

און ער האָט באַשטעלט פיר פלעשער ביר. „נישט צוויי, נאָר פיר!" האָט ער געזאָגט אויפן הויכן קול.

די באַלעבאָסטע איז געזעסן הינטערן בופעט. און כאָטש דער בופעט איז געווען אַ הויכער, האָט מען זי אָבער שטאַרק אַרויסגעזען. נישט נאָר דאָס פעטלעכע פּנים מיטן קורצן נאָז, מע האָט אויך געזען די הויכע ברוסט, וואָס איז אָפּגעשטאַנען פון איר גוידער, ווי אַ קליין טישעלע. אירע הענט זײַנען געלעגן אויפן שויס און די גראָבלעכע פינגער האָבן געשטריקט אַ ווײַבעריש יאַקעלע. ווען דער קעלנער איז צוגעגאַנגען צום בופעט און בײַ דער באַלעבאָסטע עפּעס באַשטעלט, האָט זי דאָס יאַקעלע מיט די לאַנגע שטריק־נאָדלען אַרויפגעלייגט אויף דער ברוסט, און מיט די שווערוואָגיקע הענט האָט זי זיך גענומען פּאָרען איבערן בופעט. אַלצדינג איז דאָ צוגעגאַנגען שטיל און פּאַמעלעך, די געסט זײַנען געווען אַזעלכע לײַטישע, ווי די באַלעבאָסטע, און

דער קעלנער, אַזאַ ווי די געסט. כאָטש ער פֿון זײַן זײַט איז געווען אַ דאַרער און אַ קלײנער, אָבער זײַנע באַקן זײַנען פֿון בײדע זײַטן אַראָפּגעהאַנגען, ווי לױזע זעקעלעך. און דאָס איז געווען ערשטנס אַ סימן פֿון אַ ווינערישן מענטשן, צווייטנס אַ סימן פֿון אַ באַלעבאַטישן אָפּשטאַם. מיט די פֿיר פֿלעשער ביר איז ער געגאַנגען צו פּרביצקאַס טישל צוויי מאָל. ערשטנס ווײַל ער איז שטאַרק אָפּגעהיט, און דערפֿאַר האָט בײַ אים נאָך קײנמאָל נישט געטראָפֿן, ער זאָל דאָ עפּעס צעברעכן. צווייטנס האָט ער געוואָלט פֿרעגן דעם הער פּרביצקאַ (אַן אַלטער גאַסט פֿון קאַפּע רײנעקע), צי ער זאָל אים אױך ברענגען פֿיר גלעזער. נאָר פּרביצקאַ האָט געזאָגט, אַז צוויי מענטשן דאַרפֿן נישט האָבן קײן פֿיר גלעזער.

דער פּראָק, וועלכער הענגט אַראָפּ לױזלעך פֿונעם דאַרן קעלנער, האָט פּרביצקאַ טרױעריק באַמערקט, איז פֿונדעסטוועגן אַ ביסל לײַטישער, ווי זײַן אײגענער פּראָק, וועלכן ער האָט באַקומען אַ ירושה פֿון גראַף מיקלאַש פֿאָן הרוטשקאָ. יענער פּראָק האָט נאָר צוויי פֿלעקן, אײנעם פֿון פֿאָרנט און אײנעם פֿון הינטן, אָבער זײַן ירושה־פּראָק האָט גאַנצע דרײַ גרױסע פֿלעקן פֿון סאַמע פֿאָרנט. און טיף־טרױעריק האָט ער אױסגעטרונקען צוויי גלאָז ביר נאָכאַנאַנד, נאָך אײדער יענע האָט בײַ זיך געקאָנט פֿויעלן, צי ער זאָל איבערהויפּט דאָ טרינקען אָדער נישט. און דערפֿאַר האָט אים פּרביצקאַ גענומען אױסרײדן מיט פֿאַרשײדענע ווערטער, אַז אַזוי טוט מען נישט, באַזונדערס הײַנט, ווען זײ טרינקען פֿאַר דער פֿאַרשטאָרבענער נשמה.

נאָר סײַווי איז דאָס שוין אַזוי צוגעגאַנגען, אַז יעדעס מאָל ווען פּרביצקאַ האָט פֿונסנײַ באַשטעלט פֿיר פֿרישע פֿלעשער ביר, האָט ער אױסגעטרונקען גאַנצע דרײַ, אײדער יענע האָט ווידער בײַ זיך געפֿועלט, צי זאָל ער טאַקע טרינקען אָדער נישט.

די לענגלעכיקע אױסגעווײַסטע שטוב פֿון קאַפּע רײנעקע מיט דעם הױכן קײַלעכיקן סופֿיט איז געווען פֿול אָנגעשטאָפּט, טישל לעבן טישל, מיט אַלטע הײמישע געסט. עס איז געווען אָנהײב „סעזאָן“, האַרבסט, און אַ ביסל איז נאָך נישט געווען אַלץ אין אָרדענונג. דאָס אײַנגעפֿונדעוועטע ווינטערדיקע לעבן פֿון קאַפּע רײנעקע האָט נאָך נישט מיט אַלעמען פֿונקציאָנירט. די פֿרוי רײַטשקע מיט איר טאָכטער האָט נאָך געפֿעלט. די פֿרוי רײַטשקע קומט אַרײַן מיט איר טאָכטער שוין

א סאך ווינטערס, זי וויל זי דאָ באַזעגנ מאכנ מיט דעם הער לאנגמייער, וועלכער איז אנ אלמענ שוינ נאָכנ דריטנ ווײַב. נאָר ער זאָגט, אז ער וויל נישט ווערנ צום פערטנ מאָל קיינ אלמענ. אָבער די פרויענטשקע זאָגט, אז די הויפטזאך איז, וואָס דער הער לאנגמייער פארדינט נישט שלעכט בײַ זײַנ קליינעם גאַלאַנטעריי־געשעפטל און קאָנ אויסהאלטנ א ווײַב.

דער הער לאנגמייער איז איצט האַפקע יאָ האָ אינ קאַפּע, פרביצקא ווײַזט יוינגע דאָס טישל, וווּ ער זיצט מיט דרײַ אנדערע אלטע געבט באַם דאָמינאָ־שפּיל. און דאָרט, ווײַזט ער יוינגע, יענער אלטיטשקער, וואָס די הויזנ פאלנ אים אראָפּ קעסיידער, דאָס איז דער הער ברוקנער, ער איז אויך א מיטגליד פונ דער גרופּע מאָנאַרכיסטנ, וועמענס פירער עס איז געווענ דער גראַף מיקלאַש פאָנ הרוטשקאָ. איצט שפּילט דער הער ברוקנער ביליארד און יעדעס מאָל ווענ ער דאַרפ נעמענ א שטויס מיטנ שטעקנ, כאזערט ער איבער: האָפּס, פאר עסטרײַך!

דאָס מאכט פרביצקא באַנײַסטערט. ער שפּרינגט אויפ אונטער פונ זײַנ בענקל, גיט א קלאַפּ אפנ טישל, אז די ליידיקע פלעשער גיבנ א טאנצ אינ א קלונג, און ער באַשטעלט פיר פרישע פולע פלעשער. און שוינ אונטערגעפּריילעכט פונ טרינקענ, מיט א געלנ גלאַנצ פונ בירשוויים אפנ שטערנ, קלאַפּט ער אָנ אינ טישל, ווענ דער קעלנער ברענגט צו טראָגנ די פיר פלעשער: פארנ קייזער! פאר עסטרײַך! פארנ הער פרעזידענט!

און יוינגע מוז טרינקענ מיט געוואלט נאָך א גלאָז, אינ פרביצקא טרינקט נאָך פיר גלעזער — פאר דער פארשטאָרבענער געשאָמע.

דער הער ברוקנער, יענער אלטיטשקער, וואָס די הויזנ פאלנ אים אראָפּ קעסיידער, דערציילט פרביצקא, האנדלט אַבוצ דעם מיט קנעפּ און מיט ווליטשקעס. זאָל ער זיך אומקוקנ, יוינגע, דאָ אינ קאַפּע־הויז, און ער וועט נישט געפינענ קיינ איינציקנ, וועלכער טראָגט נישט אפ זיך פונעם הער ברוקנערס קנעפּ. און מיט זײַנ ווליטשקעס מוזנ אלע ווײַבער, וואָס קומענ דאָ אריינ אינ קאַפּע, שטריקנ ווײַבערישע יאַקעלעך, אויב נישט זאָקנ פאר די מענער.

דער הער לײַטזעליק, פרביצקא רוימט אײַנ א סאָד אינ יוינגעס אויער, האנדלט מיט קאָקאָינ. קאָקאָינ, זאָגט פרביצקא, אז מע נעמט

דאָס איינ א ביסל מער ווי מע האַרפּ, מאַכט מענ אַפּטשיק! אונ מע באַדרייט זיכ מיטנ דאָס ארופּ. דער הער ליטזועליק, דער, וואָס האַנדלט מיטנ קאָקאַינ, זיצט דאָרט אקעגנ אונ שפּילט אינ קאָרטנ. דאָס איז נישט דער מיטנ שפּיציקנ קאָפּ, דאָס איז יענער מיט דער פלאַכער נאָז. אזא פּלאַטשיקע נאָז, אַז פונדערווייטנס דערקענט מענ אפילע נישט צי דאָס איז א נאָז. קאָקאַינ, זאָגט פּרביציקא, דאָס איז א גוט גע=שעפט. נישט גאָר קיינ קאָשער געשעפט. אָבער א גוט געשעפט איז עס. די פּאָליציי טאָר דערפונ נישט וויסנ. אָבער דער הער ליטזועליק איז סווואי בלאַט מיט דער פּאָליציי. די פּאָליציי גיט אַכטונג, אַז דאָס געשעפט זאָל גיינ אינ אָרדענונג.

יונגעס קליינע אויגנ זיינענ שלעפעריק, זיי קלעפּנ זיכ. זיינע גע=דאַנקענ זיינענ פאַרנעפּלט, זיי וואַנדערנ ארומ אינ קליינעמ לאָקאַל פונ קאַפע ריינעקע, ווי א מייזל אינ א לאַפּקע. דאָ זעט ער די באַלעבאָסטע, וועלכע זיצט הינטערנ בופעט, מיט דער הויכ=אויפגעשטעלטער ברוסט, אונ ער כאַפּט אַוועק פונ איר די אויגנ. אָבער ווי אומישנע גייענ די אויגנ נאָכאַמאָל אהינ, אונ אַנטלויפנ פונסניי. אזוי קעסיידער. דער=נאָכ פאַלנ זיינע אויגנ אפ דעמ הער לאַנגמייער, וועלכער שפּילט דאָ=מינאָ אונ וויל נישט כאַסענע האָבנ מיט דער פרוי ריטשקעס טאָכ=טער. דערנאָכ באַטראַכטנ זיי דעמ אַלטיטשקנ הער ברוקנער, וואָס די הויזנ פאַלנ אימ קעסיידער אַראָפּ, וואָס האַנדלט מיט קנעפּ אונ מיט וויטשקע אונ וואָס איז א מיטגליד פונ דער גרופּע מאָנאַרכיסטנ. אונ ווידער קוקט יונגע צו דעמ הער ליטזועליק, וועלכער האָט א פּלאַטשיקע נאָז אונ האַנדלט מיט קאָקאַינ. אונ אָבעראַמאָל גיט ער זיכ א כאַפּ בא דער אווייערע, בעשאַס זיינע אויגנ רוענ אפ דער הויכ=אויפגעהויבענער ברוסט פונ דער דיקלעכער באַלעבאָסטע — ער כאַפּט אַוועק די אויגנ אונ גיט א זיפּצ.

די לענגלעכיקע אויסגעווייסטע שטוב פונ קאַפע ריינעקע מיט דעמ הויכנ קוילעכיקנ סופיט איז שטענדיק פול מיט א טיפ סוידעסדיקנ גע=מורמל, מיט א רויק באַלעבאַטישנ געמיט, אונ שטענדיק גייענ די געסט פונ דאָרט אהיימ מיט א שטיל צופרידענעמ געוויסנ. נאָר היינט, פאַרנ אוועקגיינ, האָט עס דאָרט אויסגעזעענ אַנדערש ווי אַלעמאָל. פראַנציישעק פּרביציקא האָט זיכ צוליב דער „פאַרשטאַרבענער נעשאָמע“ שטאַרק אָנ=געשיקערט. זיינ פּנימ איז געווענ רויט אונ פאַרשוויצט, ער איז עט=

ליכע מאָל אויפגעשטאַנענ פונ בענקל אונ עטלעכע מאָל האָט ער גע-
האַלטנ הויכע רעדעס. דאָס וואָלט עפּשער די געסט נישט אַזוי שטאַרק
פאַרינטערעסירט, ווענ פּרביציקאַ וואָלט נישט פּלוצעמ אָנגעהויבנ ריידנ
וועגנ יויגנ, וועגנ זײַנע מײַלעס אונ מענטשלעכער גרויסקײַט, וועגנ
זײַנ הייליקנ גײַסט, וואָס איז פאַרוואָגלט אונ וואַנדערט אַרומ פונ
לאַנד צו לאַנד. צומ סאָפ האָט ער אימ פאַרגליכנ צומ קייזער קאַרל,
ווײַל זיי ביידע זײַנענ פאַרטריבנ אונ ביידע וואַלגערנ זיי זיכ אינ פרעמדע
לענדער. דאָס לעצטע האָט אַזוי מעכטיק אויפגערודערט די געסט פונ
קאַפּע רייטעקע, אַז אַלע ווי איינער זײַנענ זיי צוגעגאַנגענ צו פּרביציקאַס
טיש אונ אַרומגערינגלט יויגנ מיט גרויס אָפּשײַ אונ פאַרווונדערונג.

זיי האָבנ אימ געהאַלטנ פאַר אַ ראָוו, פאַר אַ רעבנ, פאַר אַ „וווּנדער-
ראַבי פונ אָסטנ". די פרויענ האָבנ אַפ אימ געקוקט מיט לאָרנעטקעס,
אונ די מענער האָבנ זיכ פאַר אימ פאַרנייגט. דער אַלטיטשקער הער
ברוקנער, דער מיטגליד פונ דער גרופּע מאָנאַרכיסטנ, האָט געזאָגט זײַנ
איבערצײַגטע מיינונג, אַז די פרומע יידנ זײַנענ געגליכנ צו די פרומע
קריסטנ; אונ אַז פונ זיי וועט קומענ די הײלונג פאַר אַלע געפּלאָגטע
פעלקער. דער הער לײַטזעליק, דער וואָס האַנדלט מיט קאַקאַאָ אונטער
פּאָליציישער אויפזיכט, האָט געפרעגט יויגנ צי ער קאָנ טאָנ וווּנדער
אינ הײלנ קראַנקע?

די געסט האָבנ געוואַרט אַפ יויגנס וואָרט, נאָר ער האָט טיפ געש-
וויגנ. זײַנע אויגנ זײַנענ איצט שוינ געווענ אינגאַנצנ אַראָפּגעלאָזט, אונ
זײַנ ענג האַרצ האָט געהאַלטנ אינ איינ קלאַפּנ. אינ זײַנ צעטומלטנ מויעכ
האָט זיכ געמאָלנ אַ בילד, וויאַזוי מע טראָגט אימ אַוועק אונ מע לייגט
אימ, אַ געבונדענעמ, אַפ שײַטערהויפנ אונ די רויטע פלאַמענ ציִענ
זיכ צומ הימל — — —

עס איז געווענ אַ פײַערלעכער מאָמענט פונ הײליקנ שווײַגנ אינ
קאַפּע רייטעקע.

דעמאָלט איז פּרביציקאַ אויפגעשטאַנענ פונ זײַנ בענקל. ער האָט זיכ
געוואַקלט פונ איינ פוס אַפ אַנדערנ, אונ ער האָט געזאָגט מיט ערנ-
סטער אויפריכטיקײַט אַזוי:

— אַלע יידנ זײַנענ שווײַנע! אַלע יידנ זײַנענ הינט. נאָר ער איז דער
איינציקער, דער הער פּרישטינער, דער בעסטער פונ אַלע יידנ. נידער
מיטנ אַנטיסעמיטיזמ!

מיט א הויכנ „הורא“ האָבנ צו דעם צוגעשטימט אלע געסט פונ קאַפּע רײנעקע — אונ ארויסבאגלײט דעם הער פּרביצקא מיט יוינענ, וועלכע האָבנ זיכ געהאלטנ בײדע שטארק ארומגענומענ.

7

פאַר גרויס צאַר, וואָס דער גראַפ מיקלאָש פאָנ הרושקאָ איז געשטאָרבנ, האָט פּרביצקא באַשלאָסנ כאַסענע צו האָבנ. אונ געקומענ איז עס פּלוצעמ:

ווײל האָט יוינע געוווּסט, אז שאַבעס איז דער טאָג, ווענ פּרביצקא מאַכט די גרויסע רײניקונג אינ גאַנצנ הויז. שאַבעס וואַשט פּרביצקא די שטיגנ מיט זײפ אונ מיט א לאַנגער באַרשט, שאַבעס פּוצט ער ארומ אינ אלע ווינקעלעכ פונ אינדערפרי ביז שפּעט אַפּדערנאַכט. אָבער זונטיק האָט אים יוינע נאָכ קײנמאָל גישט געזענ מיט א בעזעמ אינ דער האַנט. פּלוצעמ עפנט זיכ אײנמאָל זונטיק בײ יוינענ די טיר, אונ פּרביצקא האָט זיכ באַוויזנ, אָנגעטאָנ אינעמ ווײַסנ פאַרטעכ אינ מיטנ לאַנגנ בעזעמ אינ דער האַנט.

עפּשער צום ערשטנ מאָל אינ זײַנ לעבנ האָט יוינע דעמאָלט געלאַכט מיט א מענטשלעכנ געלעכטער. ווײַל אכוצ דעמ ווײַסנ פאַרטעכ מיטנ לאַנגנ בעזעמ איז פּרביצקא אויכ געגאַנגענ אָנגעטאָנ אינ א שוואַרצנ הויכנ צילינדער, אונ די באַקנ זײַנע געווענ אָנגעבלאָזנ, ווי א רויטער פּויק. באַלד האָט ער ארײַנגעטאַנצט אינ שטוב, ווי אנ אלטער פּאַיאַצ, אויפגעלײגט פאַר יוינעס קראַנקנ ווײַב א שטיק לעקעכ, אונ אים האָט ער אָנגענומענ באַ דער האַנט, לויט זײַנ געוווינהײַט, אונ אים ארויסגעשלעפּט. אינ קאָרידאָר האָט ער פּלוצעמ יוינענ געגעבנ א קוש אונ אים דערצײלט פול מיט פרײד, אז ער גײט כאַסענע האָבנ.

מער האָט יוינע גישט געוווּסט פונ גאָרנישט, ווײַל פּרביצקא האָט אים א הײב געטאָנ אַפּ די הענט, אראָפּגעטראָגנ איבער אלע טרעפּ אונ ארײַנגעשטעלט צו זיכ אינ שטוב.

דאָ איז פול געווענ די קלײנע שטוב. אונ יוינע האָט באַלד דערקענט כײַ עטלעכע סטרוזשעס פונ שכײניעסדיקע הײַזער מיט זײערע ווײַבער, כײַ אײנע א פרוי, וועלכע ער האָט שוינ געזענ א סאַכ מאָל ארײַנגײנ צו פּרביצקא. אינ ערשטנ שרעק האָט ער זיכ א כאַפּ געטאָנ אונ געלאָפנ צו דער טיר. נאָר פּרביצקא האָט אים פאַרהאַלטנ אונ אויפגענ=

זעצט אַפּ א בענקל איג סאַמע אויבנאָנ. איצט האָט יוינע געוווּסט, אי־כע וועט אים שוינ גאָרנישט העלפנ. ער מוז בלײַבנ. צו די אַנדערע געסט האָט פּרביצקאַ געזאָגט, אַז דער הער פּרשטינער איז זײַנ בעס־טער פרײַנט אונ אָנ אים וועט ער נישט כאַסענע האָבנ.

די קאַלע, פּרביצקאַ האָט זי פאַרגעשטעלט פאַר יוינען מיטנ נאָ־מענ מאַטיקאַ, — זי איז ערשט אַלט געווענ דרײַ אונ פופציק יאָר, דאָס הייסט א סאַכ יינגער פונ כאָסנ, — זי איז איצט אויפגעשטאַנענ, צוגע־גאַנגענ צו יוינען אונ אים געגעבנ די האַנט. אַז יוינע האָט זיכ גע־שראָקנ אויפצוהייבנ די האַנט, האָט זי די קאַלע בא אים א ריס גע־טאָנ מיט קויעכ, זי שטאַרק געדריקט אונ אים פאַרזיכערט, אַז ייִדנ האָט זי ליב, ווײַל בא זיי, בא די סאָציאַל־דעמאָקראַטנ, איז דאָס אַלצ איינס. איר ברייט פּאָנעם איז געווענ רויט נאָכ מער ווי פּרביצקאַס פּאָנעם, א סימענ, אַז זי האָט שוינ גענוג געטרונקענ, זי האָט געגלעט יוינעס שמאָל בערדל אונ אים געבעטנ, ער זאָל זיכ פילנ, ווי בא זיכ אינ דער היימ.

דעמאָלט האָט זיכ די כאַסענע אָנגעהויבנ.

ביז שפּעט אינ דער נאַכט האָט מענ געטרונקענ אונ געטאַנצט, א גראַמאָפאָנ האָט געשפּילט. אונ וויפל מאָל יוינע האָט זיכ געוואָלט אַרויסרײַסנ פונ דאָרט, איז עס אים קיינ איינציק מאָל נישט געלונגענ. פאַרקערט, יעדעס מאָל נאָכ אַזא פּרווו האָט פּרביצקאַ באַשלאָסנ, אַז פאַר שטראָפּ מוז ער פונסנײַ אויסטרינקענ. אַלע אַנדערע האָבנ זיכ אַפּ אים ווייניק אומגעקוקט, זיי האָבנ געהאַט צו טאָנ צווישנ זיכ גענוג, מיט די אייגענע ווײַבער אונ מיט די פרעמדע. אַכוצ דעם האָט די קאַלע איטלעכס מאָל געמוזט טאַנצנ מיט אַנ אַנדערנ סטרוזש אינ זיצנ בא אים אַפּ דער שויס. איינ פּרביצקאַ האָט נישט אָפּגעלאָזט יוינענ, אים געהיט, ווי אַנ אויג אינ קאָפּ. ער האָט צו אים געזאָגט, אַז זי, די מאַטיקאַ, וועט ער דאָכ סײַווי שוינ האָבנ די גאַנצע צײַט, די אַנדערע געסט דאַרפּ ער נישט האָבנ, נאָר אים אַליינ, יוינענ, באַטראַכט ער פאַר זײַנ איינציקנ אונ בעסטנ פרײַנט. ער איז מיט אים געזעסנ אינ אַנ אָפּגעזונדערט ווינקל אונ אים אײַנגערעדט דאָס האַרצ. ער האָט מיט אים גערעדט וועגנ פּאָליטיק, דערציילט וועגנ דעמ שלעכטס, וואָס האָט זיכ אויסגעלאָזנ אַפּ דער הײַנטיקער פאַרשײַטער וועלט, אונ ענלעכע אַזעלכע דערהויבענע זאַכנ.

דאָס האָט יויגנ בארויקט. אפנ קאָפּ איז אים געקומענ רעב עלע, אקוראט ווענ פרביצקא האָט גערעדט פונ פארשטאָרבענעמ גראפ. אזא גראפ, האָט זיכ יויגנ אויסגעטראכט, איז באַ זיי לעהאוודל אזוינס ענלעכ ווי רעב עלע. רעב עלע זאָרגט זיכ פאַר אלע ייִדנ, אונ אזוי אויכ דער גראפ באַ זיי. עס איז איינ וועלט אומעטום, האָט יויגע געטראכט, עס איז פאראנ שלעכטס דאָ אונ דאָרט אונ עס איז פאראנ גוטס דאָ אונ דאָרט. די דאָזיקע געדאנקענ האָט ער ארויסגעזאָגט אפ זיינ אייגנ צו זיינ פריינט פרביצקא, וועמענ ער האָט געהאלטנ, לעהאוודל, פאַר אזא מענטשנ, ווי זיכ אליינ. פארשטייט זיכ, אז באַ יויגנ האָט דאָס ארויסזאָגנ זיכ מיט הויכע געדאנקענ היפּש לאנג געדויערט, ער האָט נישט געהאט אקוראט דאָס דייטשישע וואָרט באַ דער האנט, אונ ביכלאל איז דאָס א ביסל שווער געווענ פאַר יויגנ אזוי צו ריידנ. אָבער פרביצקא האָט אים האפּקע גוט פארשטאנענ, ער האָט געהאט גענוג געדולד אים אויסצוהערנ, אונ א ביסל האָט ער אים פארהאָלפנ מיט ביישפּילנ פונ גראפנ לעבנ אונ טאטנ.

אינ דעמ דאָזיקנ הויכנ שמועס האָט פרביצקא יויגנ דערציילט מיט באגייסטערונג, אז אינ בולגאריע האָט מענ אופגעהאנגענ זיבנ קאָמוניסטנ אונ צווישנ זיי איז אוואדע אויכ געווענ יויגעס זונ. ווענ ער האָט געזענ, אז יויגע איז דערביי בלייכ געוואָרנ, האָט ער זיכ אפ אים גענומענ בייזערנ אונ אויסריידנ, אז אזוי ווייכ טאָר מענ נישט זיינ צו קאָמוניסטנ, אפילע ווענ סע האנדלט זיכ באַ אינ אייגענעמ זונ. ער, לעמאָשל, פרביצקא, ווענ זיינ זונ וואָלט נישט געפאלנ אינ קריג אינ געווענ וואָלט ער א קאָמוניסט, וואָלט ער אים אליינ אופגעהאנגענ אינמיטנ דער נאכט.

נאָר דאָס בלייכע פּנים באַ יויגנ, קאָנ זיינ, האָט זיכ גענומענ פונ גאָר עפּעס אנדערש, ווייל ווענ ער האָט זיכ א ביסל דערבאפּט, האָט ער דערציילט, אז דאָ נישט לאנג, פאַר עטלעכע טעג, האָט ער פונ זיינ זונ באקומענ א קארטל גאָר פונ אונגארנ.

— דאָס שאט נישט. — האָט פרביצקא געזאָגט מיט גרויס איבערצייגונג. — אינ אונגארנ הענגט מענ אויכ די קאָמוניסטנ.

אונ פאַר באגייסטערונג, וואָס מע הענגט אפ די קאָמוניסטנ אויכ אינ אונגארנ, האָט פרביצקא א קלאפּ געגעבנ אינ טיש אונ צו וויסנ געטאָנ, אז אלע זאָלנ איצט אופשטיינ, מע וועט זינגענ דעמ קייזער־

לעבן הימן! אַליין איז ער אויפֿגעשפּרונגען מיט אַ פֿײַערדיקן קאָפּ און דער ערשטער אָנגעהויבן זינגען — — —

העמלט איז שיער נישט אַרויסגעקומען אַ גרויסער סקאַנדאַל. די קאַלע איז צוגעלאָפֿן צום כאָסן און אים פֿאַרשטאָפּט דאָס מויל. זי האָט געשריגן, אַז נײַן! זי וועט נישט דערלאָזן, בײַ איר אין שטוב זאָל מען זינגען דעם קייזערלעכן הימן! אָבער פּרביצקא האָט זיך ווי אַ ווילדער פֿון איר אַרויסגעריסן, אַרופֿגעשטעלט די הענט אויף די ברייטע באָקעס און אָנגעבלאָזן די באַקן:

— וואָס, מאַטיקא! דו וועסט זיך מיר אַקעגנשטעלן און גאָר זאָגן, אַז דאָס איז דײַן שטוב?

מאַטיקא, די קאַלע, נאָך ברייטער אין די היפֿטן פֿון פּרביצקא, נאָך רויטער אין פּנים פֿון אים, האָט אויסגעשפּיגן פֿאַר זײַנע פֿיס, אַ כאַפּ געטאָן איר שאַל און געלאָפֿן צו דער טיר. אָבער צוויי שבײַגעסריקע סטרוזשעס האָבן זי געהאַלטן בײַ די הענט, כאָטש זי האָט זיך געריסן מיט אַלע אירע כּוחעס, גאָר זיי האָבן זי פֿעסט געהאַלטן און נישט אַרויסגעלאָזט פֿון שטוב. אַנדערע געסט ווידער זײַנען געשטאַנען לעבן דעם צעקאָכטן פּרביצקא, זיי האָבן אים געגלעט פֿון אַלע זײַטן און מיט ווייכע ווערטער אים באַרויקט. דערנאָך האָבן זיי אים צוגעפֿירט צו דער קאַלע, אים געצוווּנגען, ער זאָל זי אַרומנעמען און איר געבן אַ קוש. קוים מיט טרערן אין די אויגן האָט ער זיך בײַ איר געבעטן:

— גוט, מאַטיקא, מײַן אויסדערוויילטע קאַלע, איך גיב צו, אַז די שטוב איז דײַנע אַזוי גוט ווי מײַנע, איך גיב דיר אַלץ אַוועק, אַפֿילע מײַן לעבן. אָבער דעם קייזערלעכן הימן, דאָס ליד, וואָס איז אַרײַנגעבאַקן אין מײַן אַלטן האַרץ, דאָס ליד נעם נישט צו בײַ מיר. מיר האָבן אָפּגערעדט: איך בלײַב בײַ מײַנעם, דו בײַ דײַנעם, אײנער מישט זיך נישט אין די העכערע זאַכן פֿון צווייטן. אָבער דאָס ליד, דאָס טײַערע קייזער־ליד, לאָמיר איצט זינגען אַלע אײַנגעם — — —

יעדער, ווער עס האָט העמלט געהאַט אויגן, האָט געזען זײַן צעווייטעקט פּאָנעם, האָט געפֿילט, אַז דאָס אַלטע האַרץ וויינט אין אים. אָבער מאַטיקא, די קאַלע, איז געבליבן שטיין, ווי אַ שטיק האָלץ. זי האָט געהאַט נאָר איין טענה: אויב שוין זינגען אַ פּאַטריאָטיש ליד, טאָ זאָל עס זײַן דאָס אָטאָ־באַוער־ליד.

קורצ און גוט, די געסט האָבנ זיכ אַרײַנגעלייגט אין אַל אויסגלײַכ, צונויפגעפירט כאָסנ־קאַלע, און זיי האָבנ זיכ ביידע אַרײַנגעוואָרפנ אין די הייסע אָרעמס. צוערשט האָט זי אָנגעהויבנ וויינענ, געכליפּעטשעט די טרערנ, ווי זי וואָלט געטרונקענ וואַסער, דערנאָכ האָט מענ אויכ בײַ אימ געזענ גרויסע טראָפּנס טרערנ אָפּ די דערהיצטע באַקנ. אויסגעלאָזט האָט זיכ דאָס געוויינ מיט א. פּולקומענעמ אויסגלײַכ, וואָס האָט באַפּרידיקט ביידע פּאַרטייענ: צוערשט האָט מענ געזונגענ דאָס אַטאַ־באַוער־ליד, דערנאָכ האָט מענ געזונגענ דעמ קייזערלעכנ הימנ.

אַלע האָבנ געזונגענ. שטייענדיק און מיט געהויבענע ברוסטנ.

נאָכ געזאַנג, ווענ מע האָט זיכ ווידער געזעצט טרינקענ, די געמיטער האָבנ זיכ באַרויקט, האָט מענ זיכ אומגעקוקט — און דער הער פּרשטינער איז געווענ פאַרשוונדנ. לאַנג האָט מענ אימ אַרומגעזוכט אינ שטוב, אונטער די בעטנ, אונטער די בענקלעכ און אונטערנ טיש, נאָר מע האָט אימ נישט געפונענ. דעמאָלט האָט פּרביצקא געזאָגט, אַז מע זאָל זיכ צוליב דעמ נישט אָפּרעגנ, ווײַל בײַ יידנ איז דאָ אַזאַ צײַט באַנאַכט — אַזוי האָט אימ דערציילט טאַקע דער הער פּרשטינער אַליינ — ווענ זיי גייענ אינ הימל אַרײַנ.

און ווענ יוינע האָט זיכ געלייגט שלאָפנ אָפּ דער באַנק, האָבנ זײַנע מידע אויגנ נאָכ א לאַנגע צײַט זיכ נישט געקאָנט צומאַכנ. זײַנ שווערער קאָפּ האָט געזוכט צו פאַרענטפערנ די האַרבע פראַגע, צי קאָנ מענ דענ טאַקע פאַרגלײַכנ רעב עלענ צו א גראַפ?

8

אינ יענע טעג, עס איז שוינ געווענ אינ ווײַטנ ווינטער, אָבער קיינ שניי איז נאָכ נישט געפאַלנ, איז מענ געקומענ אָנזאָגנ יוינענ, אַז רעב עלע איז געשטאָרבנ.

עס איז געווענ אינדערפרי און יוינע איז נאָכ געלעגנ אָפּ דער באַנק, ווי געוויינלעכ מיטנ איבערציִער צוגעדעקט ביז צומ האַלדז און מיטנ הימל אָפּנ קאָפּ, ווי געוויינלעכ האָט ער געדרימעט זײַנע אַלטע טראַכטענישנ, וועלכע רירנ זיכ קיינמאָל נישט פונ אָרט. שנעל איז ער אַראָפּ פונ דער באַנק, ווענ ער האָט געהערט פונ דער אַנדערער זײַט טיר דעמ בייזנ אָנזאָג וועגנ רעב עלעס טויט, שנעל האָט ער זיכ אָנגעטאָנ און געוואָלט אַרויסלויפנ. נאָר א קרעכצ פונעמ קראַנקנ ווײַב האָט

אימ פארהאלטנ אינמיטנ געלויפ. ער האָט א קוק געטאָנ אפ איר־ געל פּאַנעם, אפ אירע גרויסע אויערנ, און ער האָט צוגעמאכט די אויגנ. „און איכ?“ האָט זי געפרעגט. ער האָט נישט באלד פארשטאנענ, וואָס זי מיינט, געענטפערט מיט א טיפנ זיפצ און ארויסגעגאנגענ.

די גאס האָט זיכ געדרייט ארומ זײַנ קאָפּ, געפּאָרנ און גערוישט, אײַלנדיקע מענטשנ האָבנ אימ געשטויסנ, א קאלטער ווינט האָט געבלאָזנ, ער האָט נישט געזענ גאָרנישט, נישט געפילט גאָרנישט. דעמ לאנגנ קאָפּ אראָפּגעבויגנ, די אויגנ האלב צוגעמאכט — אזוי איז ער געגאנגענ, גלײַכ ער וואָלט געשווומענ אינ א וואסער.

לעבנ רעב עלעס הויז איז ער געבליבנ שטײנ, אינסטינקטיוו, ווי אלעמאָל. זײַנע אויגנ האָבנ זיכ אופגעהויבנ און ער האָט געזענ דעמ פרייטנ שײנעמ פּאכאד מיט די קליינע גרינע גאנעקלעכ. דאָס הויז האָט געלויכטנ מיט א העלער פארב, מיט גרויסע פענצטער, מיט א הויכנ מאסיווע טויער. אינ יוינעמ מויעכ האָט א קלאפּ געטאָנ א געדאנק, שווער ווי א שטײנ:

„דאָס הויז איז געבליבנ — רעב עלע איז געשטאָרבנ — — — “

קריכנדיק אפ די ווײַסע מירמלשטײנערנע טרעפּ, פּאמעלעכ און געבויגנ, איז אינ אימ אופגעקומענ נאָכ א זינדיקער געדאנק:

„סאָפּקאָלסאָפּ — פאר וועמענ האָבנ די האָראָדענקער ייִדנ אינ אמעריקע געשיקט דאָס געלט? סאָפּקאָלסאָפּ — אינ וועמענס הענט וועט איצט ארײַנפאלנ דאָס שײנע הויז?“

לעבנ רעב עלעס טיר איז ער ווידער געבליבנ שטײנ, אזוי ווי אלעמאָל, ער האָט געקוקט אפנ געלנ לאָק, וואָס בלישטשעט אזוי שײנ, אפנ מעשענעמ שילדל, וו עס איז ארײַנגעקריצט מיט גרויסע אויסיעס „עליאס וויינבערג“ — און ארײַנ אינעווייניק, עפּעס מיטאמאָל שנעלער, רירעוודיקער, גלײַכ ער וואָלט נאָכ געקאָנט זענ רעב עלענ א לעבעדיקנ, אימ נאָכ געבנ די האנט, כאָטש צומ לעצטנ מאָל — — —

אָבער דאָרט, אינ דער גרויסער שטוב מיט די שווערע פארצײַטיקע אלמערס, העגנלײַכטערס, ווייכגעבעטע שטולנ און גראָבע גארדינענ — וו רעב עלע פלעגט טאָמיד זיצנ בא א סייפער — דאָרט איז איצטער געלעגנ רעב עלעס טויטער גופ אפ דער ערד, איבערגעדעקט מיט א שווארצנ צודעק — ווי אנ אײַנגעפאלענע וועלט.

אפ דער שוועל איז יוינע געשטאנענ מיט צוגעמאכטע אויגנ און

מיט א פארשלאָסענעמ מויל. אינ איר האָט זיך אָפּגעריסנ א וועלט אונ אראָפּגעפאלנ אינ טיפנ טהאָמ, וווּ עס איז נישטאָ קיינ גרונט אונ קיינ סאָפּ.

נאָר דווירשע, רעב עלעס עלטסטע טאָכטער, איז באלד צו איר צוגעלאָפנ אונ מיט איר הויכנ געוויינ האָט זי איר אויפגעוועקט פונ זײַנ טונקעלער פארטראכטונג. ווי א קינד האָט זי געבלאָזנ אינ אירע באמאָלענע באקנ, אונ אירע געשוואַרצטע וויִעס האָבנ זיך געקלעפּט, ווי שווארצע טײַגלעך. איר קאָפּ האָט זיך געוואקלט מיט שטומענ טרויער, איר האנט האָט ציטערנדיק געוויזנ צום טויטנ פאָטער. „ווער בלײַבט בא אונדז? — האָט זי געהעשעט, — ראב יוינע, אוי, ראב יוינע, ווער בלײַבט בא אונדז?"

לאנגע שווערלעך טרערנ האָבנ זיך געקײַקלט איבער אירע באקנ — אונ יוינענ האָט זיך געדאכט, אז אירע טרערנ זײַנענ שווארצ, ווי די געשווארצטע וויִעס. „דאָס הויז — האָט ער געטראכט — אונ זײַנע בייזע מאכ־שאָוועס — דאָס הויז, אונ אלצ, וואָס ארומ הויז, וועט בא איך בלײַבנ!"

אפּ צומאָרגנס אינדערפרי איז געווענ די לעווײַע. דעמ טויטנ רעב עלענ האָט מענ אוועקגעפירט אפּנ בעסוילעמ אונ די מענטשנ האָבנ זיך דאָרט צונויפגעזאמלט. יוינע איז געקומענ מיט פרביצקא. זיי זײַנענ נאָכגעגאנגענ ביידע פונ הינטנ — דער ערשטער: צעבראָכנ, אײַנגעבויגנ, מיט א שטעקעלע אינ דער האנט, די נאסע גלימשיקע ערד האָט זיך געקלעפּט צו זײַנע פיס, — דער צווייטער: אנ אויסגע־גלײַכט־שטאלצער, אָנגעטאָנ אינעמ פראק פונ גראָפ מיקלאש פאָנ הרו־שקאָ, מיט א הויכנ צילינדער, די גראָבע באקנבערד באשפּריצט מיט ביליקנ אָדעקאָלאָנ, אונטנ בא דער גאָמבע פריש אָפּגעגאָלט.

יוינע האָט נישט געזענ די גרויסע, שרײַענדיקע לעווײַע, נישט גע־זענ די דײַטשנ מיט די גלאנציקע צילינדערס, די ראבאָנים מיט די ברייטע סאמעט־קאפּעלושנ, די קינדער אונ די איידעמס, די אייניקלעך אונ אורייניקלעך האָט ער נישט געזענ, נישט די בעטלערס אונ די קא־ליקעס, נאָר דעמ טויטנ רעב עלענ — די וועלט, וואָס איז אײַנגע־פאלנ, דעמ טהאָמ, וואָס האָט נישט קיינ גרונט אונ נישט קיינ סאָפּ — — —

דערפאר האָט פרביצקא באטראכט יעדנ איינעמ באזונדער פונ די לעווײַע־באגלייטערס, אונ מיט פרייד יקנ שטאָלצ האָט ער פארגליכנ

די דאָזיקע אויסדערוויילטע מענטשן צו די מיטגלידער פֿון דער גרופּע, מאָנאַרכיסטן, וועמעס פֿירער עס איז געווען דער גראַף מיקלאַש פֿאָן הרוטשקאָ.

און יוינע האָט אַפֿילו נישט געהערט די הויכע דראָשעס, וואָס ראַבאָנים און דײַטשן האָבן געהאַלטן באַם אָפֿענעם קייווער. דערפֿאַר האָט פּרביצקאַ געהאַלטן אויפֿגעריסן דאָס מויל, געשלונגען איטלעכס וואָרט, וואָס ער האָט פֿאַרשטאַנען, און אויך איטלעכס וואָרט, וואָס ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען. ווײַל זיס און טונקל האָבן זיך געגליטשט די ווערטער אויף זײַן צונג, דאָס זײַנען געווען אַלט־באַקאַנטע, הײמישע און אייגענע ווערטער. מיט גרויס דאַנקבאַרקייט האָט ער אַריבערגעקוקט צו יוינען, וואָס ער האָט אים מיטגענומען צו דעם גרויסן באַגרעבעניש.

דערנאָך — צוריקגייענדיק פֿון דער לעווייע, זײַנען יוינע מיט פּרביצקאַ געבליבן הינטערשטעליק, פּאַמעלעך נאָכגעקראָכן דעם גרויסן עולם — און נישט געזען ווי די מענטשן זײַנען אַרײַנגעשפּרונגען אין די וואַרטנדיקע אויטאָס, אין די טראַמווײַען, און פֿאַרשוווּנדן געוואָרן, ווי נישט געווען גאָרנישט. נאָך לעבן טויער האָט זיך יוינע מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט און אַ טיפֿער קרעכץ האָט זיך פֿון אים אַרויסגעריסן:

— אוי! נישטאָ מער ראַב עלע.

פּרביצקאַ האָט פֿאַרשטאַנען דעם טיפֿן באַטײַט פֿונעם קרעכץ און ער האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן גרויסן קאָפּ. נאָך פּלוצעם האָט זיך יוינע אַ כאַפּ געטאָן, גלײַך ער וואָלט זיך אָן עפּעס נאָך וויכטיקס דערמאָנט, און געגאַנגען צוריק, מער געלאָפֿן ווי געגאַנגען. גיך־גיך געטרעפּקעט מיט די לאַנגע פֿיס און מיטן שטעקעלע געקלאַפּט אויף די קליינע שטיינדלעך. שווײַגנדיק איז פֿון הינטן נאָכגעגאַנגען פּרביצקאַ, פֿאַרשטוינדיק געקוקט אויף דער אײַנגעהויקערטער פּלייצע פֿון זײַן גרויסן פֿרײַנט יוינע בורשטינער און געהאַט אַ וווּנדערלעכע האַנאָע.

דער בעסוילעם, אַ גרויסער, נישט צו דערזען מיטן אויג, איז געלעגן אין אײַנגעהאַלטענער שווײַגעניש. אַ קאַלטער ווינט האָט געציטערט אין דער לופֿט. דער וועג איז געווען געפּלאַסטערט מיט קליינע ווײַסע יאַם־שטיינדעלעך, און פֿון ביידע זײַטן זײַנען געלעגן די קוואָרים אַרומגעהילט מיט ווײַסע און מיט רויטע סאַמעט־בלומען, מיט ברײַ־

טע גרינע בלעטער, מיט לאַנגע שמאָלע גראָז. קײַלעכיקע ביימלעך, ני־
דעריק־צעשפּרייטע אונ הויכ־שלאַנקע, זײַנענ געשטאַנענ פונ ביידע
זײַטנ מאַצייוועס, ווי גרינע וועכטערס. די פאַרביקע שיינקייט האָט זיכ
געשפּרייט מיטנ אויג, גלײַכ דאָ וואָלט געווענ פאַרפּלאַנצט א רײַכער
בלומענ־גאָרטנ אונ נישט קיינ בעסוילעם. לויפנדיק האָט פּרביצקא א
זאָג געטאָנ הינטער יוינעס פּלייצע, אז דער ייִדישער בעסוילעם איז קי־
מאַט אזוי שיינ, ווי דער קריסטלעכער. אָבער יוינע האָט דאָס דאָפּ־
קע א שטאָכ געטאָנ אינ דער זיבעטער ריפּ. ער האָט דערפּאַר א דריי
געטאָנ מיטנ קאָפּ אהער־אהינ אונ שטיל, אײַנגעהאַלטנ געזיפצט. ווײַל
ער האָט דאָס אינגאַנצנ נישט ליב, יוינע. לויט זײַנע באַגריפנ האָט א
בעסוילעם זײַנ א קלייניער, א בערגלדיקער, מיט צעוואָרפענע צעבויגענע
מאַצייוועס, האַלב שוינ אײַנגעזונקענע אינ דער ערד. אפ א בעסוילעם
דאַרפנ וואַקסנ גראָזנ, וואָס זײַנענ פאַרטריקנט אונ פאַרוויאַנעט אפ איי־
ביקע יאָרנ, אפ א בעסוילעם דאַרפנ וואַקסנ שטעכענעס, פּאָקראָוועס
אונ געלע מילכ־בלימעלעכ, וואָס זײַנענ פול מיט כאָמ. אונ קרומע ווער־
בעס, צעשפּרייטע מיט שווער־אריבערגעבויגענע צווײַגנ, דאַרפנ שטיינ
אפ א בעסוילעם, אונ נישט האָרט עפּעס — זע נאָר, גיב נאָר א
קוק — — —

אפ ביידע זײַטנ וועג, צוקאָפּנס פונ די קוואָרימ, שטייענ הויכע
שוואַרצע מאַצייוועס פונ מירמלשטיינ, שטרענגע אונ ברייטע — ווי
בייזע, אָנגעכמורעטע זשאַנדאַרנ. זיי האָבנ געוואָרפנ א פּאַכעד אפ יוי־
נענ, ער האָט זיכ נאָכ מער אײַנגעקאָרטשעט, געוואָרנ נאָכ קלענער,
דאַרער. אונ אפ בייזער טשיקאַוועס איז ער געבליבנ שטיינ לעבנ איי־
נער אזא גרויסע שוואַרצע מאַצייוועס, פינקלענדיקע מיט גאָלדענעמ
שטויב, אינ פלוג זיכ דערמאָנט אָנ גרויסנ קייזערלעכנ פּאַראַד־הויפ
מיט די בראָנזענע גענעראַלנ אפ מאָנומענטנ פונ מירמלשטיינ — אונ
ציטערנדיק האָט ער געהויבנ די האַנט צומ קאָפּ, געוואָלט אראָפּנעמענ
דעם קאַפּעליוש. נאָר ווענ ער האָט זיכ צוגערוקט נעענטער צו זיי,
די קורצזיכטיקע אויגנ צוגענעענט צו דער גאָלדענער שריפט, האָט ער
דערזענ די לאַשנקוידעשדיקע אויסיעס אונ זײַנ האַנט איז דערשראָקנ
צוריק אראָפּגעפאַלנ. פּרביצקא איז געשטאַנענ הינטער אימ אונ שווײַגנ־
דיק זיכ איבערגעציילעמט. יוינע האָט שווער אָפּגעדעכעט אונ געפּרוווט
לייענענ די לאַשנקוידעשדיקע ווערטער אפנ קאָל:

אקי ריפוזא איל מוג אמאדו
פרדי אי קירירו מארידו
חיים ויטאל
פירנאנדים דוד דיאם
די סאלאָניק

וווּנדערלעך האָבן געקלונגען די פרעמדע ווערטער אין פרביצקאס אויערן. זײַנע אויגן האָבן געגלאָצט. יוינע האָט זיך צוגעשאַרט צו א צווייטער מאַצייווע, צוגעגעגט די אויגן און ווידער געלייענט אפּ קאָל:

סיניורו די בחר קונסירטידי
נסים בחר אליהו די אדרינופלי

מער האָט ער נישט געלייענט. די לאַשנקוידעשדיקע אויסיעס האָבן געטאַנצט פאַר זײַנע דערשראָקענע אויגן צוזאַמען מיטן גאָלדענעם שטויב, וואָס האָט פון זיי געפינקלט. ער האָט זיך אָפּגערוקט פון די מאַצייוועס מיט א קאַלטן שווידער, ווי פון שטרענגע זשאַנדאַרן, און א פרעמדע וועלט איז פאַר אים אויפגעגאַנגען אין א ווײַטן נעפּל — אָפּגעריסענע יידישע שטאַמען, צונויפגעמישטע מיט אַנדערע פעלקער, מענטשן פון אַלע עקן און אַלע ענדן, ברייטע שטרײַמלען מיט הויכע ספּאָדעקעס, רויטע מיצלען מיט ווײַסע טראָלדן, כאַלאַטן פון געבלימלטע שטאָפן און בעקעשעס פון זײַד און פון סאַמעט — א וועלט, וואָס טאַנצט פאַר זײַנע אויגן מיט צילינדערס און מיט וואַליוטע, מיט שײנע הײַזער און מיט שוואַרצע טרערן — א וועלט, וואָס איז אזוי ווײַט פון אים, ווי האָראָדעניקע פון ווין — — —

יוינעס אויסגעצויגענער דאַרער גוף האָט זיך געקאָרטשעט, ווי אַן אַלטע איבערגעבראָכענע מאַצייווע. זײַן לענגלעכער פּאָנעם האָט זיך געשוואַרצט ווי אויסגעברענטער קויל. קאַלט האָט געגליווערט אַרום אים דער גרויסער בעסוילעם, שווערע וואַרגנדיקע פלאָנטערס האָבן געדושעט זײַן ענגן מויעך, געריסן פון אים שטיקער און טונקל געצייכנט דעם סאָף. ער האָט ביטער געקרעכצט:

— אוי! נישטאָ מער ראַב עלע.

און מיט א באַסאָווע קאָל האָט פרביצקא געזאָגט:

— יא, יא. דאס וואר דער יידישע גראף מיקלאש פאָן הרוטשקאָ!

און יוינע איז אוועק טיפער אין בעסוילעם, געוווּנקען צו פרביצקא, ער זאָל נאָכגיין, שנעל געלאָפן, געקראָכן, געטרעפּקעט און פאַרקראָכן צווישן די אָרעמע קוואַרטאַלן, ווו אָנשטאָט מאַציייווס זײַנען אַרײַנגעשטעקט ברעטלעך צוקאָפּנס; ער האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן צערידלטע ביימלעך, צווישן אָפּענע גריבער — הינטער אים האָט מאַיעסטעטיש געשפּאַנט דער סטרויש פּראַנציישעק פרביצקא, שוויצנדיק־שטאָלץ, אינעם גריגעם פראַק און מיטן שוואַרצן צילינדער. באַם פרומען קוואַרטאַל, ווו עס האָבן זיך ווידער באַוויזן שטרענגע מאַציייווס פון מירמלשטיין, האָט זיך יוינע אָפּגעשטעלט לעבן רעב עלעס פרישן קייווער. ער האָט זיך דאָ א ווײַלע געשאָקלט, ווי באַם דאַווענען, טיף זיך אַראָפּגעבויגן, און מיט א הייזעריק קאָל געשעפּטשעט צום בערגל געלן ליים:

— ראַב עלע, ווו זײַנען מיר פאַרקראָכן, ראַב עלע — — — —

די לאַנגע האָרע פיס האָבן באַ אים געציטערט, זײַנע אויסגעצויגענער קאָפּ האָט זיך געשאָקלט און געשאָקלט — און פאַר גרויס פאַרציקונג האָט פרביצקא אַרויסגענומען פון הינטערן שפּאַלט די קראָכמאַליעטע פאַטשיילע און זי צוגעדריקט צו די אויגן.

דערנאָך האָט יוינע ווידער א ווונק געטאָן פרביצקא, נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט, אַרויסגעלאָפן פון גרויסן בעסוילעם, שנעל געלאָפן, און געמיינט, אַז אַזוי אַנטלויפט ער נישט נאָר פון די מירמלשטיינערנע מאַציייווס — אויך פון ווינ, פון דער גרויסער און פרעמדער וועלט, אַנטלויפט ער איצט אַף אייביק — — — —

עס איז שוין געווען אין ווײַטן ווינטער, אָבער קיין שניי איז נאָך נישט געפאַלן. א פײַכטער הימל איז שווער געהאַנגען איבערן ברייטן וועג, איבער די געדעכער און הײַזלעך פון ביידע זײַטן וועג. א קאַלטער ווינט האָט געבלאָזן יוינען אין פּנים אַרײַן, צעשויבערט זײַן שיטערלעכע שמאָלע באָרד און געמאַכט טעבויגן זײַן קאָפּ. אַלע טראַכטענישן און מעשונעדיקע גריבלענישן האָבן איצט געדרעמלט אין זײַן אויסגעמאַטערטן מויעך. ער איז געגאַנגען שווײַגנדיק, און שווײַגנדיק איז לעבן אים געגאַנגען פרביצקא, נישט געוואָלט שטערן דעם אײַנגעבויגענעם ייִד, וועמען ער האָט אַמאָל פאַרגליכן מיטן פאַרטריבענעם קייזער קאַרל. זיי האָבן נישט געזען די נעץ פון הויכע פאַבריק־קוי־

מענגעס, וואָס האָט זיך אַרויסגעהויבן פֿונדערווײַטנס און זיך געשפּרייט אַרום שטאָט מיט שוואַרצע, פֿלאַטערנדיקע רויך־פֿאָנען. זיי האָבן נישט געזען די טראַמווײַען, וואָס זײַנען אַלע צוויי מינוט פֿאַרבײַגעפֿאָרן, נישט געהערט זייער געקלינגערײַ. זיי האָבן נישט געזען די פֿליִענדיקע אויטאָ־מאָבילן מיטן ווינט אַרום זיך. געהויקערט דעם בייגעדיקן רוקן, גע־בויגן דעם קאָפּ אַראָפּ צו דער ערד, אַזוי איז יוינע געגאַנגען פּאַמעלעך מיט זײַנע לאַנגע דאַרע פֿיס, באַם ראַנד פֿון ברייטן וועג, פֿאַרמאַטערט און מיד. מיט אַלע געפֿילן בײַ זײַן פֿרײַנט יוינע בורשטינער, דעם לײַדנ־דיקן מעסיאַס, דער וואָס טראָגט די פּיין און מאַטערניש פֿון דער וועלט, איז געגאַנגען פּרביצקא מיט גרויס אָפּשײַ הינטער אים — און זייערע אויגן האָבן נישט געזען די לאַנגע רייען מענטשן, וואָס האָבן זיך געשוואַרצט פֿונדערווײַטנס, זייערע אויערן האָבן נישט געהערט דעם געזאַנג, וואָס האָט זיך פֿון דאָרט געטראָגן.

ווען דער געזאַנג מיט די מענטשן זײַנען געקומען נענטער, דעמלט האָט פּרביצקא פֿאַרוווּנדערט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און געזאָגט דער־שראָקן:

— יעזוס, הער פּרשטינער!

שנעל האָבן זיי אַריבערגעײַלט איבערן שמאָלן ראָוו, געבליבן שטיין לעבן אַן אַלטן פּלויט. און ווידער האָט פּרביצקא געזאָגט צו יוינען, צוגעבויגן צום אויער, אַז „דאָס זײַנען זיי, די קאָמוניסטן". פֿול מיט באַהאַלטענע סודות האָבן זיך געקײַטשט זײַנע אויגן און זײַנע באַקנ־בערד. יוינע האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן אַלטן, נידעריקן סלופּיקל פֿון פּלויט, און געזען, פֿריִער פֿאַר אַלץ, רויטע פֿאָנען. דער רויטער שטאָף האָט געפֿלאַטערט אין ווינט, גלײַך הייבע מענטשן־רייען וואָלטן דאָרט געגאַנגען און געוווּנקען מיט רויטע טיכער. דערנאָך האָט זיך זײַן אויג נידעריקער אַראָפּגעלאָזט און געזען אַ לאַנגן אויטאָמאָביל מיט רויט און ווײַס, מיט שטאָפֿן און מיט קרענץ, הינטער אַ ברייטער ריי מענטשן. און הינטער דעם גרויסן אויטאָמאָביל זײַנען ווידער געגאַנ־גען מענטשן, ריי נאָך ריי, אַ לאַנגע קייט.

— קאָמוניסטן! — האָט פּרביצקא געשעפּטשעט.

אין דער זעלבער רגע איז יוינע צעטומלט געוואָרן. זײַנע שלייפֿן האָבן הייס געשלאָגן, ער האָט אויפֿגעמאַכט דאָס מויל, געוואָלט שרײַען— אין דער פֿאָרנטיקער ריי האָט ער דערקענט זײַן אייגענעם זון — — —

נאָר זײַן אױפֿגעריסן מױל האָט זיך װידער צוגעמאַכט, דער געשרײ האָט זיך פֿאַרקראַמפּט אין זײַן האַרץ, װי אַ ברענענדיקע װוּנד. ער איז געװאָרן שװאַך, זײַנע שליפֿן זײַנען געװאָרן קאַלט. און פּרביצקא האָט נאָכגעקוקט די לאַנגע רײען קאָמוניסטן, װעלכע באַגלײטן זײערן אַ כאַװער מיט רױשנדיקן געזאַנג. פֿול מיט־סינע האָט ער אין זײ אַרײַנגעשטאָכן זײַנע גרױע אױגן, ביז האָבן זײַנע ליפּן געשאָלטן, אָבער שטיל.

לעבן קלײנעם פּלױטל האָט זיך יױנע געקאָרטשעט, װי אַ פֿרױ, װאָס גײט צו קינד. ער האָט זיך אַלץ טיפֿער אַראָפּגעבױגן צו דער ערד און ער איז געװאָרן אַזױ קלײן, אַזױ נישט־אָנזעעװדיק, װי דאָס נידעריקע, האַלב־אײַנגעפֿאַלענע סלופּיקל, באַ װעלכן ער האָט זיך אָנגעהאַלטן. אַ װײַלע האָט ער נאָך אַרױסגעזען דעם הױכן קאָפּ פֿון זײַן זון, דערנאָך האָבן די הינטערשטע רײען אים פֿאַרשטעלט פֿאַר זײַנע אױגן.

יױנע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַף דער הילער ערד, פֿאַרמאַטערט און שװאַך.

פּרביצקא איז לעבן אים געשטאַנען מיט פֿאַרבראָכענע הענט. ער האָט זיך צו אים אַראָפּגעבױגן און געפֿרעגט אין גרױס פֿאַרצװײפֿלונג:

— הער פֿרשטינער, פֿילײַכט אַ דאָקטער?

אין שפּעטלעכן פֿאַרנאַכט, װען יױנע מיט פּרביצקא האָבן זיך אױפֿגעהױבן, קעדײ װײַטער זיך לאָזן אַף זײער װעג אין שטאָט אַרײַן, האָט אָנגעהױבן שיטן אַ נאַסער שנײ פֿון גרױען הימל.

נאָכן קריג

צוויי קאָמיסאַרנ

פעטרע יערעמטשוק האָט אָנגעשטאָפּט די קליינע פּײַקע, אָנגעריבנ א שוועבעלע. לעבנ דער טיר האָט ער געכאַפּט א בליק פונ ווײַב, פונ דער טאָכטער, שנעל ארויסגעגאַנגענ פונ בעט, אײַנגעהילט ביז צום האַלדז, האָט זיכ ארויסגעזעענ פאַרזאַמקעט קלײנ קעפּל אונ דורכ די צעשויבערטע האָר האָבנ ארויסגעקוקט שוואַרצע, פאַרבענקטע אויגנ. זי וואָלט עפּשער געוויינט, די קליינע, האָט פעטרע ביטער געטראַכט — ווײַל פריִער, ווענ די מוטער האָט אימ געפרעגט, צי ער וועט נאָכ אמאָל צוריקומענ, האָט זי זיכ פּלוצעמ אויפגעוועצט אינ בעט אונ געשריגנ: יאָ, יאָ, צוריקומענ!

ער איז געשטאַנענ אינ טונקעלנ פירהויז, מיט פאַרקרימטע ליפּנ גע־פּיפּקעט די קליינע פּײַקע, דאָס הארצ האָט זיכ אימ פאַרקלעמט. אזא קינד, האָט ער געטראַכט, דאָס האָט א געפיל, ווי א שטומע בײַע. שוינ פריִער, נאָכ וואַרמעס, ווענ זי איז ארופגעקומענ מיט די גענדז פונ פאַרשווייסקע, איז זי פונ אימ נישט אָפּגעטרעטנ. נאָר געקוקט אונ געקוקט. אונ אז די מוטער האָט זי געפרעגט, פאַרוואָס אזוי פרי איז זי געקומענ מיט די גענדז, האָט זי געזאָגט, די קליינע, אז זיי האָבנ זיכ שוינ גענוג אָנגעגעסנ, די גראָבע גענדז. פעטרע האָט צוגעמאַכט די אויגנ, א מינוט אויפגעהערט צו פּיפּקענ. ער האָט פריִער געזאָגט דעמ אלטנ האַווריליאָ, ווענ יענער האָט דערציילט א מעשׂה פונ מילכאָמע, אז דאָס אלצ וועט אמאָל אויפהערנ. „עהע. מיר וועלנ דאָס שוינ נישט דערלעבנ“, האָט דער אלטער געענטפערט. ארופגעקוקט צום הימל אונ געהויבנ די אַקסלענ. אויבנ האָבנ זיכ גערוקט, פּול־בײַכיק אונ שווער,

טונקעלע כמארעס. און דעמלט איז אָנגעקומענ פאראנקע מיט די גענדז. פונ אונטנ, פונ טאָל, איז צוערשט געקומענ א זאמדיקער שטויב און דערנאָכ די קליינע מיט די גענדז. אירע נאקעטע פיסלעכ זיינענ געווענ גרוי פארשטויבט און די קײַלעכיקע בײַכער פונ די גענדז זײַנענ געווענ שווארצ אײַנגעריכט. און ווענ דער שטויב האָט זיכ געלייגט, זײַנענ זײַ־נע אויגנ געלאָפנ אראָפּ-בארג און געזענ דעמ קרומענ נעלויפ פונעמ זברוטש, דאָס ברייטע, הארבסטיק-צעגראָבענע פעלד אפ דער אנדערער זײַט — — —

פעטרע האָט געפרוווט א פיפקע טאָנ מיט די ליפנ, נאָר די פײַקע איז געווענ אויסגעלאָשנ. ער האָט אויסגעשפיגנ און איז ארויס אינדרויסנ, פול מיט א צעווייטעקט הארצ.

עס האָט געגאָסנ א שלאקסרעגנ. פעטרע האָט פאמעלעכ צוגעמאכט די טיר פונ אויסגעלאָשענעמ פירהויז, ער האָט זיכ אײַנגעהויקערט ווי א קאצ און זיכ א לאָז געטאָנ אפנ נאסנ גליטש. ווײַט פונ מארק, נאָכ אלע הינטערגעסלעכ, אינמיטנ באַרג־אראָפּ, שטייט פעטרע יערעמטשיקס שטוב. די לעצטע פארשטאָט־הײַזלעכ, וואָס אינ נאָענטער שכייניעס, נידע-ריקע לײמיקע כאטקעס, האָבנ זיכ צעגאָסנ אינ דער טונקלעניש, ווי פעסער שווארצע סמאָלע, פארזונקענ געוואָרנ אינ דער טיפ פונ דער נאכט. דעמ שמאָלנ פאס וועג האָט מענ געמוזט ארומטאפנ מיט די הענט. אזוי טונקל איז געווענ. און דער רעגנ האָט געגאָסנ, גלײַכמעסיק און הארט, איבער די דעכער, איבער די גערטנער, אפנ וועג. פעטרע יערעמטשוק איז נישט געגאנגענ. ער איז געשווומענ מיט די הענט. באַרג-ארויפ צו דער שטאָט האָט ער זיכ קעסיידער נעגליטשט אפ צו-ריק, טיפער זיכ אײַנגעבויגנ, דערכאפט זיכ מיט די הענט און ווײַטער געשווומענ. נעבנ איז ער געגאנגענ מיט א בריוו אינ דער שכייניעס-דיקער שטאָט — וועגנ בלײַבנ אינ קאָנטאקט. עס איז געווענ אנ אנדע-רער וועג, אנ אנדערער טאָג, עס איז אימ נאָכ געווענ א סאכ פרײלע-כער אפנ הארצ. א פריש ווינטל האָט געטריבנ די כמארעס, לײַכט אונ שטיל איז ארומגעלאָפנ דאָס ווינטל און אָפּגעריייניקט די שווארצע שטיק-לעכ פונ בלויענ הימל. דער וועג איז געווענ בלאָטיק, נאָר אפנ הארצ איז אימ געווענ לײַכט, און ער האָט מיטאמאָל אָנגעהויבנ זינגענ. אָבער ווענ דאָס הארצ איז בא אימ פרײלעכ, דעמלט לאָזט ער זיכ הערנ מיט א טרויעריק לידל. שטיל און ווייכ ווי א קינד. אזש די טרערנ רײַסנ זיכ אינ

די אויגנ. עס זײַנענ נאָך נישט געווענ אויסגעגראָבנ אַלע קאַרטאָפליעס, עס זײַנענ נאָך געשטאַנענ קרויט=קעפּלעך אַפ די פעלדער. אינ דער שכײַנעסדיקער שטאָט איז ער אָנגעקומענ פאַרנאַכט. דאָרט זײַנענ שוינ געווענ די פּאָליאַקנ. די שטאָט האָט געקרעכצט פונ מיליטערישנ גערודער, איבער די גאַסנ האָבנ געטלויקעט שווערע וואָגנס מיט אַמוניציע, מיט פּראָוויאַנט, פוסגייער האָבנ זיך געשלעפּט שווער אונ פאַרבלאָטיקט, אויסגעמאַטערט אונ פונ הונגער פאַרקרימט די פּנימער, רײַטער האָבנ געקלאַפּט אַפ די שטיינער מיט שוימיקע פערד, אָפיצערנ האָבנ געשריגנ אונ געשאָלטנ. ווי אַ גאַנעוו האָט ער זיך געדרוקט בײַ די ווענט, אַ האַלב אויג האָט ער געהאַט פאַרנ מיליטערישנ גערודער, אַ האַלב אויג פאַר דער אייגענער זיכערקייט. די געוועלבער זײַנענ געווענ פאַרשלאָסנ, שטאָטישע מענטשנ האָבנ זיך געוויזנ זעלטנ. דאָ אונ דאָרט איז געווענ אויפגעריסנ די טיר פונ אַ קראָם, לייִדיקע שאַכטלענ, ברעטלעך פונ צעהאַקטע קעסטלעך, שטיקער לײַוונט, צעריסענע שטאָפנ, פלעשער אונ צעבראָכנ גלאָז האָבנ זיך געוואַלגערט אַפ דער גאַס. ערגעצ=וווּ האָבנ געבילט לײַכטע קאַנאָנענ. אַנ אַלטע אוקראַיִנישע פרוי, צו וועלכער ער האָט זיך צוגעטשעפּעט, האָט ער געפרעגט אַפ אַ וואָס אונ דערבײַ האָט ער געפרעגט, צי געשלאָגנ האָט מענ אויך, אָדער בלויז געראַבעוועט. נאָר אייגעמ, האָט זי געזאָגט, אַ ייִדישנ באָלשעוויק, האָבנ זיי צעהאַרגעט. זי האָט אימ געוויזנ די גאַס אונ ער איז אַוועק. געדרייט זיך אינ קלײנע, זײַטיקע געסלעך, געפּאָרשט אינ אַלע זײַטנ, עס איז דאָ געווענ אויסגעשטאָרבנ=שטיל, אונ ער איז אַרײַנ אינ אַ הויפ מיט עטלעכע שטיבלעך, נאָכאַמאָל געמוזט פרעגנ אַפנ אַדרעס אונ געשטאַנענ אינ יענער שטוב, וועלכע ער האָט געזוכט. אַנ אַלטער ייִד, אַנ אַלטע ייִדענע זײַנענ געזעסנ אינ אַ ווינקל, אינ בעט איז געלעגנ אַ מענטש, אײַנגעוויקלט אינ הוילע שמאַטעס. די צוויי אַלטע האָבנ גאָרנישט געפרעגט, נישט אויפגעהויבנ אַפילע די קעפּ, זיי זײַנענ געווענ פאַרגליווערט — אויסגעזענ, ווי מע וואָלט זיי געהאַרגעט אַזוי זיצנדיק. ווענ ער האָט אָנגערופנ דעמ נאָמענ, האָט זיך אַרויסגעדרוקט אַ האַנט פונ בעט, די בלייכע הויט צעקראַצט, אונ עס האָט זיך באַוויזנ אַ פּאָנעמ, אַרומ אונ אַרומ פאַרבאַנדאַזשירט. פּעטרע האָט אַרויסגעגראַבלט פונ לינקנ אַרבל אַ צעטעלע אונ צוגעגאַנגענ צומ בעט: „פונ פּישלענ“—האָט ער געזאָגט שטיל. אינ יענער אינ בעט האָט גענומענ דאָס צעטעלע, קוימ געריקט מיט דער האַנט, די

אויגן האָבן ארויסגעקוקט פֿון די באַנדאַזשן, ווי זיי וואָלטן געקוקט אין אַ ווײַטער וועלט, און די ליפּן האָבן געשעפּטשעט: „איך ווייס — אָבער", מער האָט ער נישט געזאָגט. פּעטרע האָט פֿאַרשטאַנען, עס איז שוין נישטאָ מיט וועמען צו ריידן, זיי האָבן אים צורעכט געמאַכט. דאָך האָט ער אים געזאָגט: „דו מוזט פֿון דאַנען אַוועק, אויב דו וועסט געזונט ווערן".

פּעטרע האָט שטיל געזיפֿצט, זיך אומגעקוקט אויפֿן נאָסן וועג, צי זעט מען נישט אויך דאָ שוין דאָס פּוילישע מיליטער. ער איז געשטאַנען אין מאַרק, טונקל האָבן געגליווערט די ברייטע הײַזער אין גרויסן פּירעק, מען האָט נישט געזען קיין הונט. בלויז אין איינציקע שטוב האָט ארויסגעלויכטן דורך די שמאָלע שפּאַרעס פֿון פֿאַרמאַכטע לאָדנס, דער רעגן האָט נישט אויפֿגעהערט צו כליאָפּען. דורכגעווייקט ביז אויף דער הויט, צונויפֿגעקאָרטשעט, מיט אַ קאַלטן דרעשטש איבערן לײַב, האָט זיך פּעטרע געלאָזט גיין דאָרט הינטערן מאַרק, אין די ייִדישע הינטער־געסלעך, וווּ פֿישל קאַפּטשיק וווינט. אין יענע געסלעך איז די ערד אַ ליימיקע, און פּעטרע האָט געשלעפּט מיט זײַנע צעזאַשענע שטיוול, ווי מיט פּולע לאַפּעטעס, די קלעפּיקע ראָשטשינע. ער האָט זיך אָפּגעמאַטערט באַם גיין, נאָר געגאַנגען איז ער שנעל, וואָס גיכער געוואָלט אַנטלויפֿן פֿון רעגן. פֿונדעסטוועגן האָט ער נישט אָנגעקלאַפּט באַלד אין דער טיר פֿון פֿישל קאַפּטשיקס שטוב, פֿריִער אַריבערגעקלעטערט איבערן נידעריקן פּלויט אין גאָרטן אַרײַן און געקוקט דורכן פֿענצטער. אין דער פֿאַרגאָסענער טונקעלער נאַכט האָט די שטוב נישט אַנדערש אויסגעזען, ווי אַ פֿאַרגראָבענע באַרג־הייל מיט אַ קליין פֿינקלדיק פֿײַערל. נאָר שטייענדיק נאָענט לעבן פֿענצטער, האָט פּעטרע געזען אַן אַלט־באַקאַנטע שטוב, אַ מער־לענגלעכיקע, אָפּגעטיילט מיט אַ האַלבן פֿאָרהאַנג אין צוויי העלפֿטן — הינטן דאָס בעט מיט אַלע אַנדערע זאַכן, ווי אין אַ וווין־שטוב — פֿאָרנט אַ פֿריזיר־טישל מיט אַ גרויסן וואַנט־שפּיגל, גלאַנציקע פֿריזיר־געצײַג, פֿאַרשיידענע פֿלעשלעך און אַ גרויסן סלוי מיט פּיאַווקעס. דאָס קליינע טישל איז איצט געשטאַנען פֿאָרנט אין פֿריזיר־אָפּטייל, באַם טישל זײַנען געזעסן פֿישל, פֿאַרוואָרפֿן די לאַנגע פֿיס און ווײַט אָנגעלענט אינעם פֿריזיר־שטול, ווי צום גאָלן זיך, זעליק און דער אַלטער באָרעכ קרול. פּעטרע האָט זיך געוווּנדערט: קרול? וואָס טוט דער איצט דאָ? נאָר קיין בייז איז נישט געווען, האָט ער געזען, שנעל

אריבער צוריק דעם נידעריקנ פלויט, אָנגעקלאפּט אינ דער פאַרנטיקע־טיר.

— האָסט געלאָזט אפ זיכ וואַרטנ, פעטרע, — האָט פישל געזאָגט, ווידער צוגעשלאָסנ די טיר, זיי זײַנענ אַרײַנ בײַדע אינ שטוב.

זעליק — דער ליבער זעליק, וואָלט פעטרע געזאָגט, ווײַל סאָפּקאָל־באָפּ געהערט ער שוינ נישט צו די יונגע, און אפ זעליקנ ליגט די פרישע צאַרטקײַט פונ דער גליקלעכער יוגנט, דער לײַכטער צופרידענער שמייכל, דער פלינקער בייגעוודיקער באַוועג פונ די שפּיציקע אַקסלענ — ער איז שנעל אופגעשטאַנענ, אויסגעשטרעקט צו פעטרענ די האַנט מיט דער דורכזעעוודיקער הויט:

— גוטנ אָוונט, פּאַניע קאָמיסאַר.

נייג, איצט האָט דאָס וואָרט נישט געהאַט מער די ווירקונג פונ דעמלט, ווענ אוראָמטשע הויש האָט דאָס געזאָגט. דעמלט האָט מענ האַרציק געלאַכט, איצט האָט מענ ערנסט געקוקט אפ פעטרענ — עס האָבנ זיכ געקרײַזלט צוויי טרויעריקע פאַלדנ אַרומ זײַנע ליפּנ, אונטער דער שוואַרצער וואָנצע, ער האָט זיכ לײַכט אָפּגעטרייסלט פונ דער דורכגעזאַפּטער נאַסקײַט, געזאָגט שטיל, מיט אַנ אַראָפּגעלאָזטנ קאָפּ, אָפּקלעפּנדיק די הויזנ פונ דער הויט:

— שוינ. נאָכנ קאָמיסאַר.

דערנאָכ האָט ער זיכ געזעצט צומ קלײנעמ טישל, אויכ באָרעב קרולנ געגעבנ די האַנט. און פישל האָט אָנגעצונדנ דאָס ספּירט־מאַשינדל, צוגעשטעלט וואַסער אפ טיי. מיט די לאַנגע דינע פיס האָט ער זיכ אַרומגעפּאַרעט אינ הינטערנ אָפּטייל, דינ און בייגעוודיק געוואָרפנ די הענט אַרומ זײַנ באָבערישער ווירטשאַפט, און מיט אַ פרייליכ קאָל געטרייסט פעטרענ:

— באַלד, באַלד, וועסט דיכ דערוואַרעמענ, איכ וועל דיר געבנ טיי, און עפּעס אַ ביסל בראָנפנ אויכ? נײנ, וועסט דיכ נאָכ אָנשיקערנ, און הײַנט טאָר מענ דאָס נישט. נאָר אַ קליינ ביסעלע וועל איכ דיר געבנ, פונדעסטוועגנ. נאַ, נעמ אַ מאַנטל, טו אויס דײַנע דורכגעווייקטע שמאַטעס. — ער האָט אימ צוגעטראָגנ אַ לאַנגנ ווינטערדיקנ מאַנטל. — טו אויס, שעמ זיכ נישט, ווי אַ קליינטשיק קינד, ביסט שוינ אַ דערוואַקסענער, גיי, טו אויס די שמאַטעס.

ער האָט אימ געטריבנ, און פעטרע האָט עמעסדיק אויסגעזענ, ווי

א רינגעדיקע ריטשקע — כאָטש ער האָט זיך פֿריִער אָפּגעטרייסלט, האָט נאָך אַלץ פֿון אים געקאַפּעט אין אַלע זייַטן: דער שוואַרצער שטרויענער קאַפּעליוש איז געווען אויסגעבויגן, ווי א קינדעריש־קליינע שיף און אַרום אויפֿן ראַנד איז געלאָפֿן א ריטשקעלע, ווי אין א רינווע. פֿישל האָט אים געהאָלפֿן זיך אויסטאָן, ער האָט אים געגעבן א האַנטעך זיך אָפּצווישן, און אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף אים דעם מאַנטל. די אַנדערע צוויי האָבן געשוויגן. דעם יונגן זעליק איז נישט באַקומען דער פֿריערדיקער שפּאַס מיטן „פֿאַייע קאָמיקאַר“, „שוין. נאָכן קאָמיסאַר“ — האָט פּעטרע געענטפֿערט, און דאָס וואָרט איז געבליבן שטעקן אין זעליקס האַלדז ווי א טרוקענער ביין. די האָפֿענונג, אַז די באָלשעוויקעס וועלן ווידער צוריקקומען, איז נישט פֿאַרשוווּנדן, אָבער דערווייַל וועלן קומען די פּאָליאַקן, און דער טונקעלער געדאַנק האָט אין אים געקעכערט, ווי די שוואַרצע נאַכט. זייַן יונגטלעך פּנים מיט דער צאַרטבלייכער הויט האָט איצט געקוקט איבער דער שטוב טאָמעוואַטע אין לעפּיש, א קרענקלעכער קראַמפּ האָט פֿאַרצויגן זייַן ליפּ אונטער דער נאָז. און דער עלטער באָרעך קרול איז לעבן אים געזעסן וואַקסנע־שווייַגנדיק. די עלנבויגן אויפֿן טיש, דאָס פּנים אין די הענט — דאָס ברייטע, אַלטרצע־קנייטשטע פּנים מיט דער קײַלעכיק־אַרומגעשווירענער באָרד, מיט דעם גלאַנג קאָפּ און מיט די געדיכטע ברעמען. פֿישל קאַפּטשיק האָט גערייכערט איין ציגאַר נאָכן אַנדערן, פּעטרע יערעמטשוק האָט אָנגעצונדן די קליינע גראָבע פּייַקע. ער האָט זיך פֿון סײַ דערמאָנט, וואָס פֿישל האָט אים פֿריער געזאָגט, אַז ער האָט געלאָזט אַף זיך וואַרטן:

— ס'האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז מייַן ווייַב האָט מיר אָנגעזאָגט שפּעטלעך, אַז דו ביסט בייַ מיר געווען און אַז דו דאַרפֿסט מיך האָבן. אָבער פֿאַרנאַכט האָב איך דאָך נישט געקאָנט גיין, אַז מע זאָל מיך זען בייַ דיר, איצטער דאַרף מען דאָך שוין — — — —

— גאָרנישט דאַרף מען. — פֿישל האָט אים איבערגעריסן. — די פּוילישע זייַנען נאָך נישטאָ, און ביז זיי וועלן קומען, האָבן מיר נאָך צייַט גענוג. דערווייַל שטייען נאָך אונדזערע היינטער דער שטאָט, דו וועסט אַוועק מיט זיי, פּעטרע, פֿאַרשטייסט?

פּעטרע האָט אויפֿגעמאַכט דאָס מויל. אויף דעם האָט ער זיך נישט געריכט, ווייַזט אויס, געמיינט, אַז פֿישל וויל מיט אים ריידן וועגן דער אונטערערדישער אַרבעט אין דער צייַט, ווען די פּוילישע וועלן דאָ זייַן,

דערווײַל הייסט ער אים גאָר אוועק. ניינ, דאָס קאָנ נישט זײַנ. גאָר ער האָט נישט געענטפערט, מיט שטומע שוואַרצע אויגנ געקוקט אויפֿ פֿישלענ.

— וואָס קוקסטו? — האָט פֿישל געפֿרעגט. — דו ווילסט נישט? איכ האָב געוווּסט, אַז דו וועסט זיכ נאָכ איבערלייגנ. אָבער עס וועט דיר גאָרנישט העלפֿנ, אַזוי איז באַשלאָסנ. — ער איז אויפֿגעשטאַנענ דערלאַנגענ טיי.

די גלעזער האָבנ געבלאַנקט פֿונ ריינקײַט, די טונקעלע טיי איז אויפֿגעגאַנגענ מיט א פֿײַנעמ רייעכ. פֿישל האָט זיכ געפֿאַרעט, געזאָגט „טרינקט“, דערנאָכ זיכ ווידער עפּעס דערמאָנט, און צוגעטראָגנ פּעטרענ א גלעזעלע בראָנפֿנ. „טרינק“, האָט ער נאָכאַמאָל געזאָגט. אָבער פּעט-רע האָט נישט געוואָלט טרינקענ, אוועקגעדרייט דעמ קאָפּ, פּינצטער אינ פּאָנעמ. פֿישל האָט אַנידערגעשטעלט לעבנ אימ דאָס גלעזעלע.

— פּעטרע, דו ביסט טאַקע ווי א קינד, און אַלט ביסטו שוינ פֿער-ציק יאָר.

— דאָס איז נישט אַזוי. — האָט פּעטרע געזאָגט און אויסגעטרונקענ דעמ בראָנפֿנ. מער האָט ער נישט גערעדט.

די אַנדערע האָבנ געטרונקענ די הייסע טיי. און צווישנ דער גע-קרײַזלטער בלויער פּאַרע, וואָס איז אויפֿגעגאַנגענ פֿונ די בלאַנקע גלעזער, און צווישנ די פּאַרנעפּלטרויעריקע אויגנ, וואָס האָבנ אַרײַנגעקוקט אינ די גלעזער מיט טונקעלער טיי, האָט זיכ געדרייט דער ערנסט-פֿאַר-טראַכטער געדאַנק, דאָס טונקל-אומקלאָרע פּאַרשפּיל פֿונ דעמ, וואָס דאַרפֿ קומענ. און באָרעכ קרול, דער אַלטער פּעפּעסאָוועצ, דער סטאָליע-רישער באַלמעלאָכע און זײַנ געזעל זעליק, זיי זײַנענ דאָ געווענ די צענטראַלע פֿיגורנ. באָרעכ קרול איז שוינ אַלט עפּשער זעכציק יאָר. גע-נוי ווייסט מענ נישט, אינ סאָציאַליסטישנ פֿאַריינ איז ער געוואָרנ א מיט-גליד נאָכ אינ יאָר 1888. דאָס איז געווענ אינ לעמבערג, וווּ ער האָט אויס-געלערנט דאָס פֿאַכ. און ביזנ הײַנטיקנ טאָג אַרבעט ער נישט דעמ ערשטנ מײַ, און ביזנ הײַנטיקנ טאָג טוט ער אָנ דעמ ערשטנ מײַ א הויכנ, שטײַפֿנ קראַגנ מיט א ברייטנ, שוואַרצנ שניפּס — די זאַכנ האָט ער נאָכ פֿונ דער לעמבערגער אַלטער צײַט. און דאָ, אינ דער שטאָט לעבנ זברוטש, האָט ער אַנ אייגענעמ וואַרשטאַט שוינ גאָר א סאַכ יאָר, ער

האָט שוין קינדער און אייניקלעך, אָבער פון „פעפעס" האלט ער, ווי א
פרומער ייד פון גאָט. אפילע ווען די באָלשעוויקעס זיינען דאָ געווען
אין שטאָט, האָט ער זיך אויך נישט אָפגערוקט פון זיין אלטן גלויבן.
זעליק האָט אין אים געפרווט ארייננטייטשן יעדעס מאָל מיט אנדערע
באווייזן, אָבער ער איז געבליבן בא זיינעם: „די אידיי בייט ער נישט
ווי א פאר הויזן". פלוצעם, ווען עס האָט געהייסן, אז די באָלשעוויקעס
מוזן אוועק, האָט זיך אין אים צעפלאָמט די סינע צום פולישן מילי-
טער, ער האָט עס געזאָגט זעליקן, זיין געזעל: „ער וואָלט געגעבן וויפל,
אז דאָס פולישע מיליטער זאָל איינעמען א מיס-מעשונע". און אז זע-
ליק האָט דערציילט פישל קאָפטשיקן, האָט ער געזאָגט, גוט, אזעלכע
דארפן מיר איצט האָבן. זיצט ער דאָ, צום ערשטן מאָל בא פישל
קאָפטשיקן, בא דעם „בייזן קאָמיסאר", און טרינקט הייסע טיי. און
צווישן דער געקרייזלטער בלויער פארע, וואָס גייט אוף פון די בלאנ-
קע גלעזער, בלאָנקען זעליקס יונגע אויגן צווישן זיין באלעבאָס, בא-
רעך קרול — און „דעם בייזן קאָמיסאר". בא באָרעך קרול האָט ער
געלערנט מאכן ביליקע טרומנעס פאר אָרעמע פויערים און טייערע
קופערטעס פאר רייכע מיעשטשאנעס צו דער כאסענע, בא פישל קאָפ-
טשיקן האָט ער געלערנט דעם נייעם וועג צום לעבן. ער גערענקט
דעם קאָמיסארס ערשטע רעדע, ווען די באָלשעוויקעס זיינען געקומען:
„בעווערע, איינס דארף איך קיין סאך נישט דערציילן, איר האָט אלצ-
דינג אליין געזען און געהערט. נישט מער, סע טאָר נישט זיין קיין
שום אן א רודער, אָרדענונג מוז זיין, דאָס הייסט, די אָרדענונג פון
דער רעוואָליוציע, דאָס הייסט, פראָלעטארישע אָרדענונג. מיר זיינען
פארן קליינעם באלמעלאָכע פונקט ווי פארן אָרעמען פויער".—דעמלט
האָט באָרעך קרול נישט געוואָלט וויסן דערפון. איצט זיצט ער דאָ.
דער געדאנק האָט זעליקן דערפרייט. ער האָט א טיפן ציג געטאָן פון
גלאָז און אופגעוועקט פעטרע יערעמטשוקן.

בעשאס זעליקס געדאנקען האָבן זיך ארומגעדרייט דאָ אין דער לאנ-
גער שטוב, צווישן מענטש און מענטש, האָט פעטרע יערעמטשוק גע-
שפאנט אף ווייטע מיילן, ארומגעקרייזט באלד א צוויי צענדליק יאָרן,
פונסנייע דורכגעפילט יענע ווייטע טעג, וואָס זיינען געפלאָסן, ווי וווּנ-
דערלעכע קינדערישע מייסעס מיט זייער זיסן האָפענונג-טרוים—אפן
זברוטש איז געשווומען א שיפל — — — איז געשווומען א שיפל אזוי:

זברוטש אונ ער, פעטרע יע'רעמטשוק, האלב=נאקעט, זונ=פארברענט, האָט מיט א לאנגער ווענטקע געכאפט פיש. צוערשט איז דאָס געווענ א לײַכטע שפיל אונ א קלײנער פארדינסט, פונ זונ=אויפגאנג ביז זונ=פארגאנג פארבראכט אינ קלײנעם שיפל, זיכ אויסגעצויגנ אינ דער גאנצער לענג איבער דעם שארפנ גלאנצ פונ דער זונ, אויפגעזעצט זיכ אונ ארויסגעצויגנ די לאנגע ווענטקע מיט א גאריש=פיטשינקנ פישל, פארנאכט פארקויפט די מעציע אינ שטאָט — דערנאָכ איז געקומענ, ווי א פויגל צו פליִענ, פישלס באקאנטשאפט. ווער קאָנ זיכ דערמאָנענ יענע פארנאכטנ, ווענ די קלײנע פעקלעכ זײַנענ אריבערגעפלויגנ אפ דער אנדערער זײַט זברוטש! „אפ דער אנדערער זײַט זײַנענ קאָזאקנ", האָט מענ געזאָגט אפ דער זײַט. „נישט קײנ מענטשנ, אזעלכע, וואָס דארפנ ערשט ווערנ מענטשנ". אינ מיטאמאָל פישלס באקאנטשאפט, מיטאמאָל פעקלעכ פאר דער אנדערער זײַט!

— איכ וועל נישט אוועק.

מיט אנ איראָניש שמייכעלע האט זיכ פישל אומגעקוקט, געווענ הארציע קנאָכנ אונטער פעטרעס שווארצע אויגנ, אלײנ באלד געוואָרנ ערנסט.

— ווי דו ווילסט. פלוצעמ האָסט זיכ דערמאָנט? וואָס עפעס געשענ?

וואָס עס איז פלוצעמ געשענ, דאָס האָט פעטרע נישט אויסגעזאָגט, די לאנגע=לאנגיאָריקע ברידערלעכע פרײַנטשאפט מיט אָט דעם פישלענ — אונ מער עפעס מיט דעם, וואָס הינטער פישלענ, וואָס מע זעט נישט ארויס פונ זײַנ לאנג=נאָזיקנ, איראָניש=פארשפיצטנ פאָנעם — דאָס האָט פעטרענ, טיפ אינ הארצ, נישט דערלאָזט איצט זיכ אָפרײַסנ פונ זײַנ כאווער. ער האָט געזאָגט:

— איכ וועל אָנ דיר נישט אוועק.

דער שטײַפער אלטער באָרעכ קרול האָט זיכ גערירט, א סענטימענטאלע ווייכקײַט האָט זיכ געלייגט ארום זײַנע געדיכט=באברעמטע אויגנ. אויכ זעליק, דער פריִער דערשלאָגענער, האָט זיכ פריילעכ א ריר געטאָנ. פישל קאָפּטשיק האָט געזאָגט, אז קײנ באפעל, פעטרע זאָל אוועק, איז נישטאָ, נאָר ער וועט זיכ נישט קאָנענ אויסבאהאלטנ, אונ די פוילישע וועלנ זוכנ, שטארק זוכנ. דאָס זאָל ער געדענקענ. פעטרע האָט געענטפערט קורצ:

— דו וועסט נישט אוועק? איכ אויכ נישט.

ניין. פישל האָט נישט אַזוי גיך נאָכגעגעבן, נאָכאַמאָל און נאָך אַמאָל האָט ער אויפגעקלערט פעטערן זײַן געפערלעכע לאַגע, ער וועט נישט פאַרשטיין ווי געהעריק זיך צו באַהאַלטן. אַ סך אויפטאָן וועט ער דערפאַר נישט קענען, עס איז בעסער, ער זאָל אַוועק מיט די באָלשעוויקעס — ער וועט מיט זיי ווידער צוריקקומען. פישל קאַפּטשיק האָט געדרייכערט איין ציגאַר נאָכן אַנדערן, פעטערס לעבן איז אים נישט געווען גלײַכגילטיק. אָבער אויך פעטער, ווי אויפגעוואַקסן פון דער באַווערישער וואַרעמקייט, האָט קעסיידער געפּיפּקעט די קליינע פּײַקע און געבלאָזן פולע קנוילן רויך — זײַנע געדאַנקען האָבן אַרומגעקרײַזט באַלד אַ צוויי צענדליק יאָרן — און אַזוי ווי בײַ זײַן פרײַנט זײַנען די יאָרן געווען אויסגעפילט מיט רעוואָלוציאָנערער אַרבעט, איז בײַ אים אַליין געווען אַ ווײַסער בלויז, אַ ווײַסע פּליאַמע פון גאָרנישט טאָן, ווײַל ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס צו טאָן — און איצט ווייס ער, פאַרשטייט ער:

— איך וועל אופטאָן דאָס זעלבע, וואָס דו.

דאָס איז געווען דאָס לעצטע וואָרט. אויך פישל האָט מער נישט געוואָלט אים אָנטוירן:

— אונדזער פאַרבינדונג וועט זײַן באַם באַוווער קרייז. אונדזער פאַרבינדונגסמענטש וועט זײַן זעליק. איך בלײַב נישט אין שטאָט, ערגעץ אין שכײנעס — ווו וועסטו זײַן?

די האַזיקע פראַגע האָט פעטערן דערפילט ווי די ערשטע האַרבע פּרוּוונג, ווײַל דעם האָט ער עמעס נישט גאָר קיין טראַכט געטאָן אַפילו. אַ רויטע היץ איז אים אַרײַן אין פּנים, פונעם קאַלטן רעגן האָט ער זיך שוין לאַנג געהאַט דערוואַרעמט, ער האָט שנעל געענטפערט:

— איך וועל זײַן, איך וועל זײַן אין דאָרף. און איך ווייס נאָך נישט ווו — — —

דאָס וואָרט האָט זיך אָפּגעהאַקט. ער האָט געזען זײַנע באַקאַנטע טעמפּע פּויערים פון דאָרף, זייער אומוויסנקייט, די רײַכע אײַנטערלעקערס, דעם פּאָפּ, די זשאַנדאַרן, וואָס וועלן נישטערן אין דאָרף. דערפאַר האָט ער געזאָגט: „איך ווייס נאָך נישט ווו", און דערפאַר האָט ער איצט פאַרהאַקט די ציין מיט בייזער אַקשאָנעס. עס האָט אין אים געקאָכט: „איך וועל מיך שוין דורכשלאָגן".

די אַנדערע צוויי האָבן געשוויגן. ווען זיי זײַנען אַוועק פון פישלען, האָט ער נאָכאַמאָל געזאָגט צו פעטערן:

— געדענק, דאָס ערשטע געבאָט פונ א רעוואָליוציאָנער איז צו אר=בעטנ אונ נישט אריינצופאלנ אינ די הענט פונ פיינט. זאָלסט לאָזנ וויסנ זעליקנ ווו דו ביסט.

זייער דריקנ זיכ אינ די הענט איז נישט געווענ אזא, ווי אינ דער אלטער צייט פונ אריבערוואַרפנ פעקלעכ ליטעראַטור אפ דער אנדערער זייט זברוטש, יוגנטלעכ=פריש, וואַרעמ אונ וואָליוטניש — עס איז גע=ווענ, ווי צוויי ברידער געזעגענענ זיכ איידער זיי גייענ אינ מילכאָמע — פעטרענ זיינענ געשטאַנענ טרערנ אינ די אויגנ. „נו!" האָט פישל גע=זאָגט — איינ וואָרט אונ א כאַכ. ער האָט אימ אריינגעקוקט אינ די אויגנ, דערנאָכ האָבנ זיי זיכ ארומגענומענ אונ געקושט. אינ דער אָפע=נער טיר האָט פישל נאָכגעקוקט פעטרענ, ביז ער איז ארומגענומענ גע-וואָרנ פונ דער טונקעלער ווייטקייט — — —

אפנ וועג אהיימ, ווענ רעגנ האָט ביסלעכווייז אופגעהערט, האָט פעטרע געזענ דעמ גרויסנ, פארגליווערטנ פירעק פונ מארק אונ ווידער געזענ די איינציקע שטוב, וווּ עס האָט ארויסגעלויכטנ דורכ שמאָלע שפאַרעס פונ פארמאַכטע לאָדנס. דאָס איז געווענ אוראַמטשע הויש הויז, א נידעריק=ברייטער מויער, אינדערמיט אנ אָפענער גאַנעק מיט טרעפ פונ ביידע זייטנ — דער ארייננגאַנג אינ דער וווינונג — אונ אונטנ, נאָכ נידעריקער פונ טראָטואַר, צוויי נידעריק-ברייטע טירנ, באַשלאָגנ מיט שוואַרצנ בלעכ, טירנ פונ באַרימטע געוועלבער אינ שטאָט. פאַרנט אינ דער גרויסער שטוב זיינענ איצט געזעסנ אוראַמטשע הויש מיט זיינ הויזגעזינד אונ עטלעכע היימישע יידנ פונ שטאָט. די יידנ זיינענ גע-זעסנ ארומ טיש, אוראַמטשע הויש אויבנאָנ — די קינדער אפ דער פליושענער קאַנאַפע אונ אפ זייטיקע שטולנ. עס האָט אויסגעזענ ווי שאַבעסצונאַכטס, אָדער אינ א מאָצע=יאָנטעוו. יעדנפאלס זיינענ די מענטשנ דאָ אינ שטוב געווענ ביז גאָר פייערלעכ אינ די רויט=אָנגעלאָ-פענע פענעמער. מע האָט געגעסנ פרישע גריוונ, גאָרוואָס געבאַקענע האָ-ניק-קיכלעכ, אונ אפנ טיש איז געשטאַנענ א פלאַש בראַנפנ. מע האָט גערעדט וועגנ דער „איבערגעקומענער שרעק". אוראַמטשע הויש שווייגט איצט. ער, ווענ ער רעדט, וויגט זיכ די שטוב, הוידעט זיכ דער הענג=לאָמפ, שאָקלענ זיכ די יידנ — א ווינט פאָרט צווישנ די ווענט, די בערד שטעלנ זיכ קאָפויר, די פארשמאַכטע אויגנ ווערנ אזש פארגלאָצט מיט-

קאלטנ ציטער — אווראָמטשע הוש רעדט נישט בלויז מיטנ מויל, אויכ זײַנע הענט, אַקסלענ, פּלייצע, באָרד און פּייעס ריידנ דערמיט, און איצט שווײַגט ער. די „איבערגעקומענע שרעק“ רוט אפ זײַנ פרידלעכ פּאָנעמ. זײַנע שפּיציק-גרויע אויגנ קוקנ אפ דער שטוב, אפ די ווענט, און נאָכ ווײַטער פונ די ווענט, הינטער די ווענט, און ביז אראָפּ אינ די צוויי געוועלבער, קוקנ אפ דעמ אלצ, וואָס איז געבליבנ גאַנצ נאָכ די באָלשעוויקעס, „נישט אָנגערירט קיינ נאָגל“, האָט ער פריער געזאָגט. און קיינער ווייסט נישט פאַרוואָס, ווײַל קיינער ווייסט נישט, וויאַזוי אימ איז געלונגענ אלצ — אָבער טאַקע אלצ! — אַוועקצופירנ ערגעצ, ווו קיינ מענטש קאָנ נישט צוקומענ, אי פונ דער שטוב, אי דאָס וויכטיקסטע פונ ביידע געוועלבער. ווענ די באָלשעוויקעס זײַנענ אַרײַנגעקומענ אינ שטאָט, האָט מענ געעפנט די געוועלבער — מעל? עס איז געווענ א האַלב זעקל. נאַפט? עס איז געווענ א האַלב פעסל — די געוועלבער זײַנענ געווענ ליידיק. „שעכט מיכ, — האָט ער געזאָגט, — איכ האָב נישט מער“. פאַרשטייט זיכ, אז מע האָט אימ נישט געשאָכטנ, און איצט זיצט ער יאָמערדיק אויפגעלייגט און שווײַגט. און ווענ ער שווײַגט, איז עס נישט יענער אווראָמטשע הוש, ווענ ער רעדט. ראַבאָנישדיק-גלײַכ און בלייכ לאָזט זיכ אראָפּ זײַנ נאָז פונ די שפּיציקע גרויע אויגנ, זי קוקט אפ דער באָרד, דאַכט זיכ, זי איז שמאָל און איידל. שמאָל און איידל זײַנענ דערמיט זײַנע באַקנ, זײַנ גלאַטיקער שטערנ גלאַנצט מיט מענטשלעכער קלוגשאַפט. און ווי אפ א רעבנ, ווי אפ א גוטנ ייִדנ, אזוי קוקט אפ אימ זײַנ ווײַב, וואָס איז סײַווי שטענדיק הוילע איידלקײַט. שטענדיק איז בלייכ איר לענגלעכיק פּאָנעמ, שטענדיק הענגענ אראָפּ די דינע אויגנ-הײַטלעכ, און שטענדיק איז זי אַרומגעהילט מיט א לײַכט-זײַדענעמ שאַל, פונ ווו די צאַרטע טראָלנ באַמבלענ זיכ אינ אלע ווינטנ. ווי לאַנג די באָלשעוויקעס זײַנענ געווענ אינ שטאָט, האָט זי געהאַלטנ אינ איינ קרעכצנ, פונ קרעכצנ איז אזש די הויט אפ אירע באַקנ אָפּגעבליאַקעוועט געוואָרנ. די גאַנצע צײַט איז זי אַרומגעגאַנגענ אינ ווײַכע פאַנטאָפל, אפ דער גאַס נישט אַרויסגעקומענ, נאָר געזעסנ גאַנצע טעג אינ גרויסנ שטול און געדרעמלט. און ווענ זי איז אַרומגעגאַנגענ איבער דער שטוב, האָבנ די פאַנטאָפל זיכ געשאַרט מיט א שטיל-באַזונדער שאַרעכצ, פול געמאַכט די ווענט מיט אויסטערלישע מײַסעס. די דאָזיקע מײַסעס, ווײַכע אינ גליטשיקע, ווי אָנ א שיר ווערעמלעכ, האָבנ נישט אויפגעהערט צו

-קריכן יעדן איינעם אין שטוב פֿון פֿוס-זויל ביז צו די האָר-שפּיצן פֿון קאָפּ און פֿון האַרץ צוריק אַראָפּ. די האָזיקע פּאַנטאָפֿלמײַסעס האָבן יעדן איינעם אין שטוב געקעבערט אין מויעך און געצופּט באַם האַרץ. אַז אַפֿילע אוראַמטשע הוש, דער אייגענער מאַן, וואָס וועגן אים, איינגעמלעך, האָבן דערציילט די מײַסעס, איז אַמאָל אָפּ איר אָנגעלאָפֿן מיט זײַן שפּיציקן ווינט און געוואָלט זי אײַנשלינגען: „גו שוין, געקורמען באַלשעוויקעס, שלעפּערס, צאָרעס, כאָליערעס, גו שוין, איז דערפֿאַר עק וועלט? הע?“ — אָבער ווען איינמאָל האָט געטראָפֿן אַן עמעסער אומגליק, אַז דער רויפֿע-יונג פֿישל קאָפּטשיק, „דער מעשומעד“, האָט אוראַמטשע הושן פֿאַרשלעפּט אָפּ אַרבעט, גראָבן אָקאָפּעס — אינמיטן דאַווענען, פֿון בעסמעדרעש אַרויס האָט ער אים פֿאַרשלעפּט — דערמלט וואָלט אָפּ דעם באַזונדערן שאַרעכץ פֿון זײַן ווײַבס פּאַנטאָפֿל אַפֿילע אוראַמטשע הוש אַליין, דער אומדערשראָקענער, אויך גאָרנישט געזאָגט. און איצט האָט זי דאָס טאַקע דערציילט וועגן דער גרויסער געשעעניש דערמלט — אירע רויטלעך-פּאַרקאַטערטע נאַז-פֿלינלען האָבן זיך דערבײַ געבלאָזן שטאַרק באַלייריקט, אירע דינע אויגןהײַטלעך האָבן זיך פֿרום פֿאַרפֿגעלאָזט: „איך האָב דערמלט געמיינט, אַז איך וועל כאַלעשן אָפּן אָרט“, האָט זי געזאָגט מיט אַ פֿאַרשלאָגן קאָל.

און די דרײַ יידן, פֿון פֿאַרשיידענע מינים, האָבן געהוסט און גיכשנײַצט די נאָז, געטרונקען טיי און זיך געקוויקט. זיי זײַנען געווען בעטעווע אָרעמעלײַט, די דרײַ יידן, וואָס זײַנען דאָ געזעסן — „מעקאָרוויס“, רופֿט מען אַזעלכע, „אײַנגייער“, זאָגט מען אין גאַליציע, — אוראַמטשע הוש האָט זיך מיט זיי באַדינט ווי מיט שיקריינגלעך, זיי זײַנען געלאָפֿן צען מײַל פֿאַר אים, אין דערפֿער און אין אַנדערע שטעט, באַצאָלט האָט ער זיי אַ קאַדאָכעס, אַ כאַלע אָפּ שאַבעס. דערפֿאַר האָבן זיי געטרונקען טיי באַ אים אין שטוב און אין שטאָט האָט עס געהייסן, אַז זיי זײַנען אוראַמטשעס רעכטע האַנט. איינער פֿון זיי האָט געהאַט אַ רויטע נאָז, דער צווייטער אַן אויסגעצופּטע באָרד, דער דריטער האָט געהאַט אויסגעקראָכענע ברעמען. אַז זיי האָבן גערעדט, האָבן זיי מייניסטנס גערעדט אַלע דרײַ אינאיינעם. איינער איז אַרײַנגעפֿאַלן אין אַנדערן מיט די רייד, מיט די הענט, מיט דער באָרד. אויב אוראַמטשע הוש האָט גערעדט, אָדער זײַן ווײַב, דערמלט האָבן זיי אַלע דרײַ לײַטיש געשוויגן, געשאָקלט די קעפּ, מער נישט. און איצט האָבן זיי גערעדט אַלע דרײַ: „ווען די

פּאָליאַקן זײַנען דאָ געװען פֿאַר די באָלשעװיקעס און געװאָלט נעמען מענטשן אױף אַרבעט, — נו, טאַקע, האָט די קעהילע געצאָלט פֿאַר פֿיר־ציק אירע יעדן טאָג און שױן, — יאָ, אָבער די באָלשעװיקעס האָבן פֿון דער קעהילע נישט געװאָלט װיסן און גענומען רײַכע מענטשן צו דער אַרבעט, שײנע ייִדן. — דערפֿאַר זײַנען זײ אַרײַנגעקומען מיט מוזיק, — נו, טאַקע, און אָן מוזיק אַרױס. — נאַרישע מענטשן פֿלעגן זאָגן, אַז די פּאָליאַקן שלאָגן ייִדן, שנײַדן בערד — עפּעפּעפּע! שלאָגן, שנײַדן בערד! אָבער װאָס האָט געזאָגט דערנאָך כאַים־װיניע — נו, טאַקע, כאַים־װיניע האָט געזאָגט, אַז בעסער מע זאָל אײנעם שלאָגן, אײדער צאָלן מיט געשלאָגענע קאַרבאָװאַנצעס. — העהעהע, העהעהע, העהעהע!" די דרײַ ייִדן האָבן געלאַכט, די שטוב האָט געלאַכט. אורקאָמטשע הױש האָט זיך געשמאָלצן אין שװײַגנדיקן נאַכעס. זײַן װײַב האָט לײַטזעליק אױפֿגעהױבן די דינע אױגן־הײַטלעך. די קינדער אױף דער פּליושענער קאַנאַפּע און אױף די זײַטיקע שטולן האָבן צופֿרידן־טאַמעװאַטע געקוקט. מע האָט פֿרײלעך געפֿײַערט די „איבערגעקומענע שרעק" ביז שפּעט אין דער נאַכט.

װען די מלחמה האָט זיך אָנגעהױבן און עס זײַנען אַרײַנגעקומען די ערשטע רוסן אין שטאָט, האָט מען אורקאָמטשע הױשן אָפּגעשמיסן אױפֿן מאַרק. עטלעכע טעג דערנאָך איז ער געװען פֿאַנבראַט מיט אַלע העט ביז אַרױף, ביזן סאַמע נאַטשאַלניק. װיאַזױ דאָס איז עפּעס צוגעגאַנגען, האָט מען קײנמאָל נישט אַרױסבאַקומען און שפּעטער, װען די עסטרײַכער האָבן זיך װידער געיאָװעט, איז אורקאָמטשע הױש געװען אײנער פֿון די ערשטע, װאָס איז זײ אַקעגנגעגאַנגען מעקאַבל־פּאָנעם זײַן — און באַלד געװאָרן אױך בײַ זײ דער סאַמע אױבנאָן. װען די עסטרײַכער זײַנען װידער אַװעק און די רוסן האָבן פֿונסנײַ אײַנגענומען די שטאָט, איז אורקאָמטשע הױש געװאָרן זײער אַלטער באַל־יועץ. האָבער פֿאַר די פֿערד, מעל פֿאַר די סאָלדאַטן, שטיװל און קנעפּלעך האָט קײנער פֿאַר זײ נישט אײַנגעהאַנדלט — נאָר ער, אורקאָמטשע הױש. און איז געקומען די צײַט, װען די רוסן האָבן פֿונסנײַ געמוזט פֿאַרלאָזן די שטאָט, אונטערפֿרי האָבן די הענער געקרײט אױף עסטרײַכישן לשון, האָט מען װעמען געזען פֿאָרן זיך איבערן מאַרק מיט צװײ עסטרײַכישע אָפֿיצערן? — דאָס איז געװען ער, אורקאָמטשע הױש.

ארום שטאָט האָבן געדונערט קאַנאָנען, אָפ צעאַקערטע פעלדער זייַנען געוואַקסן ליימיקע בערגלעך מיט צווייַגלדיקע צלאָמים, אווראָמטשע הויש האָט זיך נישט געשראָקן פאַר גאָרנישט. אווראָמטשע הויש איז געווען א טעלעפאָן-סטאַנציע, צו וועלכער ס'האָבן זיך געצויגן דראָטן פון אַלע זייַטן. ער איז געבליבן א רויִקער אין אַלע סיטואַציעס און ער איז געווען פאַרבונדן מיט אַלע פאַרטייען, וואָס האָבן פון צייַט צו צייַט זיך באַזעצט אין שטאָט. א לעבעדיקער באַראָמעטער פון רויִקן, אָדער אומרויִקן ווינט. בא אים האָט מען געפרעגט: „ראַב אווראָמטשע, הייַנט קאָן מען אופמאַכן דאָס געוועלב?“ און האָט ער געגעבן א שאָקל אָפ יאָ, האָט מען אופגעמאַכט — האָט ער געגעבן א שאָקל אָפ ניין, האָט מען נישט אופגעמאַכט. אָפ אים האָט געקוקט א מאַרק מיט געוועלבערנקעס, מיט טווע-הענדלער, מיט האַלץ-סאָכרים, מיט שלעפערס, מיט מעקלערס — מיט מעקלערס פון אַלע מינים.

שמאָלע הינטערגעסלעך מיט הילצערנע הייַזלעך, קרומע, אייַנגעפאַלענע, צעלעכערטע, צעהויקערטע, געסלעך מיט סטאָליערס, מיט קאָוואַלעס, מיט שוסטער — זיי האָבן בא אווראָמטשען נישט געפרעגט. זיי האָבן געהאַט זייער אייגענעם „באַראָמעטער“. עסטרייַכער, צי רוסן, האָבן זיי געוווּסט, ביידע זייַנען איין שוואַרציאָר — מילכאָמע איז מילכאָמע. זיי זייַנען געשוואָלן געוואָרן פאַר צאָרעס.

און אויך דאָס מאָל זייַנען די טירן פון די הינטערגעסלעך נאָך געווען פאַרמאַכט, ווען דער הענדלערישער מאַרק האָט זיך שוין לעבעדיק א ריר געטאָן. פלוצעם, ווי אָנגעבלאָזן דורכן ווינט, איז אווראָמטשע הויש מיט נאָך עטלעכע ייִדן געשטאַנען אינמיטן מאַרק. לייַכט אייַנגעבויגן, די הענט האָפערדיק צעלאָזן, מיט די קעפ געקערעוועט אין אַלע זייַטן — ווי רויב-פייגל. די געשטאַלטן פאַרשיידענע, די פנימער פאַרשיידענע — דער גלאַנציקער בליק בא אַלע דער זעלבער. אווראָמטשע (הויש איז הויך און דאַר און שפיציק. ער באַוועגט זיך, בייגט זיך, שלייַדערט מיט די הענט, מיטן קאָפ — ער רעדט. א בינטל שוואַרצע רויב-פייגל זייַנען געשטאַנען אינמיטן מאַרק.

זעקס ליידיקע וועגן ציִען זיך צום גרויסן, פירקאַנטיקן מאַרק. דער גראָבער שטויב ליגט צוגעדרושעט אָפ די זעקס ליידיקע וועגן, רירט זיך נישט. באַנאַכט האָט גערעגנט — די כמאַרעס זייַנען אַוועק. זעקס גרויסע פאַסן ציִען זיך אין ווייַטן באַרגיקן פעלד, פאַרלירן זיך איינציינעם מיט

וויטן הימל. קיינער גייט דאָרט נישט, קיינער פֿאָרט דאָרט נישט, אַז די זעקס ליידיקע וועגן.

די רויב־פֿייגל אינמיטן מאַרק שטייען אויף איין אָרט. זייערע לאַנגע קערפּערס דרייען זיך, שנעל און לײַכט, אַהער־אַהין. זייערע העלזער זײַנען אויסגעצויגן, זייערע בערדיקע קעפּ וואַרפֿן זיך אין אַלע זײַטן — געשווינד, בייגיק, פֿלינק — פֿאָרשן אויס די זעקס ליידיקע וועגן.

אווראַמטשע הויש שטייט אונטער׳ן מיטן — די קעפּ האַרגן זיך אויף צו דרייען, קוקן אויף אים מיט גלעזערנע אויגן. זײַן נאָז, ראַבאַנישדיק־גלײַך און בלייך, לאָזט זיך אַראָפּ פֿון די שפּיציקע גרויע אויגן, זי קוקט אַף דער באָרד. און זײַנע גרויע אויגן זײַנען פֿאַרקאַפּן מיט אַ פֿאַרטראַכט וואַכערל. ער שטייט אומבאַוועגלעך און שווײַגט. ווי אַלעמאָל שפּעקולירט ער אויף דער נײַגעריקייט פֿון די אַנדערע. ערשט ווען די אויפֿגעהויבענע בערד ווערן מידלעך און פֿאַוואָליע לאָזן זיי זיך אַראָפּ, דעמולט זופּט אַרויס אווראַמטשע הויש עטלעכע שפּאַרעוודיקע פֿאַרשלייערטע ווערטער. און מיטאַמאָל גיבן זיי זיך אַלע אַ צעלאָז אין פֿאַרשיידענע זײַטן.

די רויב־פֿייגל אינמיטן מאַרק האָבן אײַנגעצויגן די לאַנגע קעפּ, זיך אַ דריי געגעבן מיט די שמאָלע קערפּערס און פֿאַרשוווּנדן געוואָרן — גלײַך דער ווינט וואָלט זיי אַוועקגעטראָגן.

דער מאַרק איז געבליבן ליידיק. אַ גרויסער, פֿירקאַנטיקער מאַרק, מיט ברייטע, גראָב־שטיינערנע מויערן, מיט גרויסע, קײַלעכיקע אײַנפֿאָר־טויערן — ווי אין אַלטע פֿעסטונגען.

ערשט אַרום מיטיקצײַט איז אַרײַנגעקומען דאָס פּוילישע מיליטער. אַ קאַוואַלעריע־פּאַטרול האָט געגאַלאָפּירט איבער דער שטאָט, אַרײַן אין פֿאַרשיידענע געסלעך, דערנאָך זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן מאַרק, געפֿאָרשט אויף אַלע זעקס וועגן — ווי פֿריִער די שוואַרצע רויב־פֿייגל. זייערע מונדירן זײַנען געווען פֿון טונקל־גרינער פֿאַרב.

די ערשטע טיר האָט אַ זינג געטאָן בײַ אווראַמטשע הויש שטוב, ברייט זיך געעפֿנט. און פֿאַמעלעך, גייענדיק קוים אויף די שפּיץ פֿיס, איז אַרויסגעקומען אווראַמטשע הויש אַליין, מיטן קאַפּעליוש אין דער האַנט, מיטן קאַפּל אויפֿן קאָפּ. ער האָט זיך געבויגן, געשמייכלט, די רעכטע האַנט צוגעדריקט צום האַרץ. דער קאַוואַלעריע־פּאַטרול איז צו־

געריטנ צומ נאַנעק. די פאַרשוויצטע פערד האָבנ פאַמעלעכ געהויבנ די פיס, געבויגנ די קעפ. אווראַמטשע הוש האָט זיכ אָנגעלענט אָנעמ פאַרענטש, מיטנ קאַפעליוש אינ דער האַנט, עטלעכע ווערטער געריכט צומ פאַטרול — איידל, באַרעכנט, מיט אַ טיפנ פאַרנייג.

דער קליינער קאַוואַלעריע־פאַטרול איז אַרויס פונ שטאָט — אַ גרויסע מיליטער־מאַסע איז אַרײַנ. דער ערשטער אָפיצער איז באַלד אַוועק צו אווראַמטשע הושנ אינ שטוב.

דער צווייטער טאָג. אַ הילצערנע שאַפע, עפעס אַ סקלאַד, אינ אַ ווינקל ליגט פעטריע יערעמטשוק געבונדנ. ליכט פונ אַ קומענדיקנ טאָג, געל ווי דער אָפשײַנ פונ האַרבסטיקע בלעטער, שלײַכט זיכ דורכ די ענגע ברעטער־שפאַרעס, ווערט פאַרפאַלנ צווישנ אָנגעוואָרפענע זעק, פונ סער, שטויב. פעטריע הערט די פוסטריט פונ דער דרויסנדיקער וואַכ, די קורצע שריט, וואָס שפאַנענ לאַנגווײַליק אַרומ דער קליינער שאַפע — ער טראַכט נישט וועגנ עפעס אַנדערש. ער וואָלט עפשער געשלאָפנ, ווענ נישט די האַרטע טריט הינטער זײַנ קאָפ. זײַנ מויעכ רוט, די אויגנ זײַנענ צײַטנווײַז פאַרמאַכט. אַמאָל בײַסט אימ אינ דער באַק, אַמאָל אינ פוס, נאָר די הענט זײַנענ געבונדנ. דאָכ, עס קומט אַ געדאַנק: פאַרוואָס האָט ער זיכ אַקוראַט מיט אַ טאָג פריִער אָפגעגאָלט? די פוסטריט פונ דער דרויסנדיקער וואַכ שפאַנענ לאַנגווײַליק אַרומ דער שאַפע. פעטריעס געדאַנק צעשווימט, צעפליט זיכ, דער מויעכ רוט.

ווײַט פונ אימ, אינ די געסלעכ הינטערנ מאַרק, איז גענוי פעסטגעשטעלט געוואָרנ — ווו ער ליגט, ווער עס האָט אימ אַרויסגעגעבנ און ווער עס איז געווענ דער העלפער. „אַז מע האָט דעמ אווראַמטשע הושנ נישט אוועקגעלייגט צו דער רעכטער צײַט" — האָט זיכ פישל קאַפטשיק געביסנ און געגריזשעט, נישט געקאָנט קוקנ זעליקנ אינ פאָנעמ אַרײַנ. גלײַכ פאַרטאָג איז פעטריע יערעמטשוקס ווײַב געלאָפנ צו באָרעכ קרולנ, אימ אופגעוועקט און דערציילט וועגנ אַרעסט: פעטריע איז נישט געווענ אינ דער היימ, פאַרשטייט זיכ, אָבער זײַנ שוואָגער האָט געוווּסט ווו ער איז, ער אַרבעט בײַ אווראַמטשע הושנ, און קעדיי זיכ אײַנצושמייכלענ, האָט ער עס אימ דערציילט. ער האָט אויכ דערפאַר באַקומענ אַ פינפערל. דאָס אַלצ איז זי געוואָר געוואָרנ דערנאָכ, ווענ מע האָט פעטרענ שוינ געהאַט צוגענומענ. אינ אַנ ענגער קאַמער, בײַ פאַרמאַכטע

לאַדונס, האָבנ פישל מיט זעליקנ באַראַטנ, וואָס דאָ לאָזט זיכ טאָנ — אונ געקומענ צום באַשלוס, אַז דערווײַל קאָנ מענ גאָרנישט טאָנ. אַווראַמטשע הושנ דאַרפ מענ האָבנ אַפנ אויג — אונ ער, פישל, מוז אַפ יעדנ פאַל אַוועק אינ אַנ אַנדער אָרט. אָבער וווּהינ? אַפ דעם האָבנ זיי זיכ איצט פאַרטראַכט, זעליק מיט פישלענ.

אַרום מיטיקצײַט האָט מענ פעטרע יערעמטשוקנ געפירט צום פאַרהער. די פיס אָפגעבונדנ, די הענט, האָט ער זיכ געפילט אַ ביסל פרײַער, טיפ אַרײַנגעאָטעמט די פרישע לופט אונ זיכ אומגעקוקט אינעמ הויפ, דורכ וועלכנ מע האָט אימ געפירט. אינמיטנ הויפ האָט געברענט אַ פײַער אונטער אַ גרויסנ אײַזנ-קעסל, אינ וועלכנ מע קרילט געווײַנלעכ באַזיירים. סאָלדאַטנ אינ פאַרשמירטע מונדירנ האָבנ זיכ געדרייט איבערנ הויפ.

פעטרע יערעמטשוק איז נאָכ קיינמאָל נישט געווענ אַרעסטירט, נאָכ קיינמאָל נישט געשטאַנענ פאַר אַזעלכנ פאַרהער, ער האָט זיכ אויכ אַצינד נישט געפילט שלעכט. דער אָפיצער האָט אימ באַפוילנ זיכ זעצנ, אונ געזאָגט: „דערצייל". פעטרע האָט זיכ געזעצט, אויסגעשטרעקט די הענט, אויסגעקנאַקט די פינגער. אינ זײַנ שוואַרצ-וואָנצעדיקנ פּאָנעם איז געלעגנ אַ קינדערישע פאַרטראַכטקייט. „וועגנ וואָס זאָל איכ דערציילנ?" — האָט ער געטראַכט, אָנגעקוקט דעם יונגנ אָפיצער אַקעגנ אימ. דער אָפיצער האָט געהאַט געדולד, געוואַרט, דערנאָכ נאָכאַמאָל געזאָגט: „דערצייל". פעטרע האָט אָנגעהויבנ דערציילנ, וויאַזוי מע האָט אימ אַרעסטירט, אַז מע האָט אימ אויפגעוועקט אינמיטנ דער נאַכט, אַז מע האָט אימ געבונדנ, נאָר פאַרוואָס מע האָט אימ אַרעסטירט, ווייס ער נישט. געדולדיק האָט דער יונגער אָפיצער אויסגעהערט, וואָס פעטרע האָט דערציילט, געדולדיק געזאָגט „נישט דאָס מיינ איכ", אָנגעקוקט פעטרענ, אונ געוואַרט. פעטרע האָט געטראַכט: „וואָס דענ מיינט ער?" ער האָט געשוויגנ. דער אָפיצער איז אויפגעשטאַנענ, צוגעגאַנגענ צו פעטרע יערעמטשוקנ, פאַרלייגט די הענט איבער דער ברוסט:

— נישט דאָס מיינ איכ. דו ביסט געווענ אַ קאָמיסאַר בײַ די באָלשעוויקעס, אָבער איבער דיר איז געווענ נאָכ אַ העכערער קאָמיסאַר: פישל קאָפּטשיק רופט מענ אימ, איכ וויל וויסנ, וווּ ער איז אונ אויכ וועגנ די אַנדערע באָלשעוויקעס זאָלסטו דערציילנ ווער זײַנענ זיי.

ניט אנדערש ווי פריער האָט פעטרע געקוקט מיטנ קינדעריש־פאַר־
טראַכטנ פּאָנעם אופנ אָפיצער, אָבער איצט האָט ער שוינ פאַרשטאַנענ
דעם יונגנ אָפיצער, פאַרשטאַנענ, צו וואָס מע האָט אים אַרעסטירט,
וואָס מע וויל האָבנ פונ אים. ער האָט געשוויגנ. פולקומ רויק און גע־
דולדיק האָט דער אָפיצער געזאָגט צו פעטרענ:

— מיר וועלנ דיך שיסנ.

פעטרע האָט איצט באַגריפנ זײַנ ערנסטע לאַגע — פאַר זײַנע אויגנ
האָט זיך געשטעלט זײַנ ווײַב, די קליינע טאָכטער פראַנקע. די עט־
לעכע גענדז, די אַלטע כאַטע, בײַ וועלכער מע דאַרפ פאַריכטנ דעמ דאַך.
יאָ, דער פאַרפוילטער שינדל־דאַך איז געוואָרנ פאַר פעטרענ אַ פּראָב־
לעמ. ווער וועט אים דאָרט פאַריכטנ, האָט ער געטראַכט, אויב מע וועט
אים שיסנ? ער האָט אַרופגעלייגט עטלעכע פאַרזשאַווערטע בלעכנ אפ
די לעכער, אָבער דאָס קאָנ דאָך אייביק אַזוי ניט בלײַבנ? דער קאַל־
טער גלאַנצ פונעמ יונגנ אָפיצערס אויגנ האָט אים דערמאָנט, אַז ער
דאַרפ עפּעס ענטפערנ.

— איך ווייס ניט גאָרניט. — האָט ער געזאָגט.

דער אָפיצער איז צוגעגאַנגענ צומ טיש. דאָרט איז געשטאַנענ אַ גע־
קעסטל פונ אַ פעלד־טעלעפאָנ, ער האָט אָנגעקלונגענ. פעטרע האָט גע־
טראַכט: „עפּשער וועלנ זיי מיך ניט שיסנ?" — דעמלט וועט ער האָס
ערשטע פאַריכטנ דעמ דאַך. דער אָפיצער האָט געזאָגט באַמ טעלעפאָנ:
„גוט, פאַרשטאַנענ!" — און ווידער צוגעגאַנגענ צו פעטרענ. ער איז
ניט געווענ אַזוי רויק ווי פריער, זײַנע אויגנ האָבנ געוואָרפנ אַ
שטרענגנ בליק אפ די צוויי זעלנער, וואָס זײַנענ געשטאַנענ לעבנ פעט־
רענ, ער האָט געזאָגט צו איינעמ פונ זיי:
— אַרײַנרופנ דעמ פעלדפעבל!

ווענ דער פעלדפעבל איז געקומענ — אַ קליינער, אַ שוואַרצער, ווי
פעטרע יערעמטשוק, מיט אויך אַזעלכע וואָנצעס, — האָט דער יונגער
אָפיצער באַפוילנ:

— אַרײַנפירנ צוריק אינ שאַפע דעמ קאָמיסאַר! אויסטאָנ אימ נאַ־
קעט, ווי די מאַמע האָט אים געהאַט! אַז ער וועט ניט דערציילנ אַלצ
פינקטלעך, אָפּבריִענ אים אינעמ קעסל צוזאַמענ מיט די כאַזיירימ! און
שוינ!

ווענ פעטרע יערעמטשוק איז געלעגנ אינ דער שאפע א נאקעטער האט ער מער נישט געטראכט וועגנ פאריכטנ דעמ דאכ, אפילע נישט געטראכט שוינ וועגנ פאראנקענ און וועגנ ווייב — ער האט געטראכט וועגנ אייגענעמ טויט. אזוי האט ער זיכ דעמ טויטנ קיינמאל נישט פארגעשטעלט, ס׳איז דעמלט, ווענ ער האט אריבערגעווארפנ פעקלעכ ליטעראטור אפ יענער זייט גרענעצ צוזאמענ מיט פישל קאפטשיקנ, ס׳איז דעמלט, ווענ ער האט געפירט אנ אפענע אגיטאציע איידער די באלשעוויקעס זיינענ געקומענ, האט ער זיכ פארגעשטעלט דעמ אייגענעמ טויט אינגאנצנ אנדערש. עס איז געלעגנ אינ יענעמ טויט עפעס העלדישס, עפעס שיינס — פעטרע קאנ נישט געפינענ דאס ריכטיקע ווארט, אבער ער פילט עס. אונ איצט? אפקרילנ — א מיעסער טויט. דאס קאכנדיקע וואסער וועט דורכברינענ די הויט ביז צומ פלייש, ביז צומ ביינ — די הויט וועט אראפקריכנ און ער וועט נאכ לעבנ — א שרעקלעכער טויט.

עס איז שוינ געווענ נאכנ צווייטנ פארהער. פעטרע האט אינ זיכ ארייננעטריבלט וועגנ אייגענעמ טויט ————

שפעט נאכמיטיק האט מענ פעטרע יערעמטשוקנ ארויסגעפירט אינ הויפ. פונ דריי זייטנ האט דעמ קליינעמ הויפ אפגעצוימט א הויכער ברעטער־פלויט, אינ אייג זייט איז געשטאנענ דאס הויט־צינגלדיקע הויז פונ די זשאנדארנ. פונ די פענצטער האט דארט קיינער נישט ארויסגעקוקט. נאר דער הויפ איז געווענ פול מיט זעלנער. עטלעכע האבנ ארויסגעלאזט א שטילנ קוויטש, ווענ זיי האבנ דערזענ פעטרעס נאקעטנ קערפער, אנדערע האבנ אינסטינקטיוו צוגעכאפט די הענט צו די אויגנ. דער ניידעריקער פעלדפעבל אונ פיר זעלנער האבנ פעטרע יערעמטשוקנ צוגעפירט צומ אייזערנעמ קעסל. אונטנ האט דאס טרוקענע האלצ געקנאקט צווישנ די פלאמענ, פונ גרויסנ קעסל האט ארויסגעשפריצט דאס זידנדיקע וואסער. דער פעלדפעבל האט פעטרענ געפרעגט, צומ לעצטנ מאל, צי ער וועט אויסזאגנ. פעטרע האט ארייננעקוקט מיט פארביסענע ציינ אינעמ זידנדיקנ וואסער, געשוויגנ. די פיר זעלנער האבנ אימ אופגעהויבנ — זיי האבנ געהערט א שטארקנ קריצ פונ זיינע ציינ, געשריגנ האט ער נישט — דאס ברינענדיקע וואסער האט געגעבנ א שטארקנ פליוסק, ארויסגעשפריצט אינ אלע זייטנ, די זעלנער זיינענ אוועקגעשפרונגענ פונ קעסל.

באַנאַכט איז געזעסן דער יונגער פּוילישער אָפֿיציר בײַ וואָראַמ-טשעס הויז אין דער פֿאָרנטיקער שטוב. ער איז געבליבן אַלס קאָמענ-דאַנט פֿון דער שטאָט, און וואָראַמטשעס הויז האָט אים פֿאַרבעטן צו זיך. די כמאַרעס, וואָס זײַנען אַוועק מיט צוויי טעג פֿריִער, האָבן זיך ווידער אָנגעטראָגן. באַנאַכט איז געווען שטאַרק טונקל, דער מאַרק איז געווען ליידיק, עס האָט אָנגעהויבן צו רעגענען. איבערן קליינעם אָפּע-נעם גאַנעק פֿון וואָראַמטשעס הויז זײַנען די טירן געווען ברייט צעעפֿנט, פֿון שטוב האָט אַרויסגעשטראַלט אַ ראַכוועסדיק-ברייטלעך ליכט. דאָס ליכט איז געווען געל און פֿעט. וואָראַמטשעס הויז האָט מער נישט קיין מוירע געהאַט ווי אין פֿריִערדיקע טעג. איצט האָט ער נישט געפֿײַערט די „איבערגעקומענע שרעק“, נאָר די אָנגעקומענע פֿרייד. און די האָפֿענונג אויף נײַע פּאַרדינסטן. ער האָט נישט גערעדט, ער האָט געשוויגן. ראַבאָנישדיק-גלײַך און בלייך האָט זיך אַראָפּגעלאָזט זײַן נאָז פֿון די שפּיציקע גרויע אויגן, געקוקט אויף דער צוגעקעמטער באָרד מיט גרויס צופֿרידנקייט. ער איז נישט געווען איצט ענלעך צו אַ ווילדן רויב-פֿויגל. ער האָט איצט אויסגעזען ווי אַן איידעלער מענטש, וואָס ווייס וויאַזוי צו לעבן. אַקעגן אים איז געזעסן דער יונגער אָפֿיציר, אין אַ בליץ-בלאַנקן מונדיר, מיט מאַטע אויגן און אַ מאַטן שמייכל אויף די יונגע ליפּן. אין וואַרשע האָבן זײַנע קאָלעגן צו אים געזאָגט, אַז אין מיזרעך-גאַליציע זײַנען דאָ שיינע ייִדישע פֿרויען. ער איז נישט געווען קיין אַנטיסעמיט. ווען זײַנע זעלנער האָבן אָפּגעשניטן מיט באַגנעטן ייִדישע בערד, האָט ער דאָס נישט געוואָלט הערן, עס האָט אים דער-פֿון געעקלט. בערד האָט ער נישט ליב געהאַט. אָבער ייִדישע פֿרויען — וואָראַמטשעס הויז האָט נישט קיין מיִעסע פֿרוי. און די עלטערע טאָכטער, באַטש זי וועט אַלט זײַן עפּעשער ערשט פֿופֿצן יאָר, איז אויך נישט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט. ביידע האָבן איצט צוגעטראָגן צום טיש פֿײַנע זאַכן — מיטאַמאָל האָט זיך פֿון ערגעץ אַרויסגעראַבלט סײַ די זילבערנע טאַץ, סײַ די אַלע פֿײַנע זאַכן. דער יונגער אָפֿיציר האָט גע-האַלטן אין דער האַנט אַ דין גלעזעלע אויף אַ הויכן פֿיסל און געוואָרפֿן זײַטיקע בליקן צו די צוויי פֿרויען — — —

אינדרויסן, פֿאַר דער טיר, איז געבליבן שטיין פֿישל קאַפּטשיק. עס האָט שטאַרק גערעגנט. די ברייטע הײַזער אין גרויסן מאַרק האָבן

טונקל געגליווערט. דורכ דער אָפענער טיר איז ארײַנגעפלויגנ א קויל אינ שטוב, אויפגעבליצט אונ געטראָפנ אורהאָמטשע הושנ אינ קאָפ — דער יונגער אָפיצער איז אויפגעשפרונגענ, א צווייטע קויל האָט אים א וואקל געטאָנ. ער האָט זיכ אָנגעכאפט אָנ טיש מיט ביידע הענט, זיכ געקרימט אונ פאמעלעכ אראָפגעפאלנ אפ דער ערד. א דריטע קויל איז געבליבנ שטעקנ אינ סטעליע.

אנדריי אונ דער פּאָפּ

דאָס קינד שטארבט

זיי זײַנענ איינמאָל געזעסנ — פיר מענטשנ — פאַר דער שטוב אונ געשיילט קוקורוזע.

אוודאָכא די אלטע, מארינא איר טאָכטער, יורקאָ אונ ווארקא אירע איינִיקלעכ.

זיי זײַנענ געזעסנ ארומ א קלייִנער, גרינגראָזיקער קופּע: אוודאָכא אפ א שטיקל האָלצ, מארינא אפ אנ ערדענעמ טאָפּ, יורקאָ אונ ווארקא אפ דער ערד. זיי האָבנ געשיילט קוקורוזע אונ געזונגענ אינ כאָר. אוו־דאָכעס קאָל האָט געקרעכצט, ווי א וואָראָנע, שטיל אונ ניט זיכער, ווי א הינטערשטעליקע פידל, האָט מארינא געצויגנ די טענער פונ האלדז, יורקאָ האָט אונטערגעהאלטנ מיט זײַנ סאָפּראַנ, ווי א ווילדער פויגל, אונ ווארקא האָט נאָר אזוי געפּישטשעט, ווי א יונג הינדעלע.

ס'איז געווענ הארבסט. די לעוואָנע האָט באלויכטנ דעמ דרויסנ ארומ דער שטוב, ווי מיט א לאמטערנ. אינ געלבלעכנ ליכט האָט מענ געזענ: א שטיבל, ווי א שטאלעכל, א שטאלעכל, ווי א קורניק, באמ שטאלעכל א קופּע מיסט אונ באמ שטיבל, צו דער סטעזשקע צו, אנ אײַנגעפאלנ פּלויטל.

— וואָלסט ארײַנגעגאנגענ אינ שטוב א קוק טאָנ, מארינא? דאָס קינד שטארבט, — האָט געזאָגט די אלטע אוודאָכא צו איר טאָכטער.

מארינא איז ארײַנגעגאנגענ אינ שטוב, זיכ ניט געזאמט אונ באלד צוריק ארויסגעקומענ. זי האָט זיכ אנידערגעזעצט אפנ ערדענעמ טאָפּ

אין געשוויגן. יורקאַ און וואַרקאַ, צוויי פֿייגעלעך פֿון זעקס און פֿינף יאָר, האָבן אַראָפּגעלאָזט די שפּיציקע נעזלעך, און מיט די דינע דורכזעעוודיקע הענטלעך, ווי די נאַקעטע פֿיסלעך פֿון אַ הינדל, האָבן זיי געדליבעט, געדליבעט די האַרטע לאַנגע שאָלן פֿון דער קוקורוזע. און דאָכא די אַלטע, מיט אַ פּנים, ווי אַ הויפֿן קאַרטאָפֿל-שאָלעכץ, האָט טעמפּ אַריבערגעקוקט צו איר טאָכטער און געפֿרעגט:

— אַנו, מאַרינאַ, האָסט געזען, וואָס עס טוט דאָרט דאָס קינד?

— דאָס קינד שטאַרבט, מאַמאָ.

מאַרינעס אויגן זײַנען געווען טרוקן. אירע הענט האָבן ניט געציטערט. די לעוואָנע האָט באַלויכטן דעם הויף, ווי מיט אַ לאַמטערן.

אַנטקעגן שטיבל ציט זיך אַ באַרג-אַראָפּ מיט אַ גרינער לאָנקע. אונטן אין טאָל שטייען עטלעכע הײַזלעך, עטלעכע בײַדלעך, און הינטער די בײַדלעך גייט דער דינינקער זברוטש. אַריבער דעם זברוטש הייבט זיך אַ באַרג, הויך און פֿעלדזיק, ווי אַ טויער. צווישן פֿינצטע באַרג האָט נאָך מיט אַ סאַך יאָרן צוריק עמעצער צוגעקלעפּט אַ דאָרף.

— וואָלסט אַריבער, מאַריאַ, טאָכטער, אין הויף אַרײַן צו דײַן מאַן און אים זאָגן?

מאַרינאַ האָט געזאָגט:

— אַנדריי איז בייז. איך וויל פֿון די זאַכן גאָרניט וויסן, זאָגט ער. מײַן קאָפּ איז פֿול געווען מיט דער הויפֿישער אַרבעט, זאָגט ער.

— אַנדריי איז בייז? עך-עך-עך! געווען אַמאָל קאָלאָמוך, האָט ער זיך אויסגעקענט אַף קראַנקייטן פֿון מענטשן, איז ער געשטאָרבן. איצטער ווייסט מען נאָר פֿון דאָקטוירים, און נאָך אַ דאָקטער מוז מען פֿאָרן ערשט הערט אין מילניצע. איצט גיי ערשט דינג אַ וואָגן און באַצאָל פֿאַר דעם וואָגן. איצט גיי ערשט ברענג דעם דאָקטער און באַצאָל דעם דאָקטער. און ווו נעמען, אַז ניט גאַנווענען?

מאַרינאַ האָט אַף דעם נישט געענטפֿערט גאָרנישט. ס'איז געוואָרן שטיל אַ ווײַלע. די שאָלן פֿון דער קוקורוזע האָבן געשורשעט, געלעשטשעט, געמורמלט, ווי עפּעס לעבעדיקס.

— עס קאָן זײַן, טאָכטער, אַז ווען דו באַקסט אָפּ אַ צוויי ברויט, וואָלט דער דאָקטער עס צוגענומען און געקומען.

מאַרינאַ האָט געזאָגט:

— צוויי ברויט? אָפּ וויפֿל מער איז נאָך דאָ אין שטוב? דאָס מעל,

וואָס ס'איז דאָ, מוז אויסהאַלטנ כאָטש נאָכ א פינפ וואָכנ. אנדריי האָט געזאָגט, אז פריִער וועט ער אינ הויפ ניט באַקומענ.

— איז עפּשער וואָלט דער דאָקטער אויכ גענומענ קוקורוזע?

— קוקורוזע? געאַרבעט א גאַנצנ זומער באַם פּאָפּ אפ אָפּצוראָביענ דאָס ביסל, אונ עס קומט א ווינטער, מאַמאָ, אוו וועסטו נעמענ אפנ ווינטער דערנאָכ?

די אַלטע אונ מאַריאַנאַ האָבנ געשוויגנ. אז זיי האָבנ אָנגעהויבנ די אויגנ פונ דער אַרבעט, האָבנ זיי געזעענ דעם באַרג־אַראָפּ אונ אונטנ דעם זברוטש.

אַמאָל באַווײַזט זיכ אפ יענער זײַט זברוטש, אפנ באַרג דאָרט, וואָס אינ סאָוועט־רוסלאַנד, א פײַער אונ א סאַכ פײַערנ. אַמאָל גייענ דאָרט אפ יענעמ באַרג מענטשנ מיט לאַמפּיאָנענ: רויטע, גרינע, בלויע, אונ זינגענ לידער — כוצפּעדיקע, פריילעכע לידער. דאָס קאָל, א צונויפגע־נומענס אונ א פילפאַרביקס, ציט זיכ אהער אריבער אונ פאַרשפּרייט זיכ איבערנ גאַנצנ שטעטל, קרײַזלט דאָס גראָז אפ דער לאָנקע אונ פאַרפּלאָנטערט זיכ אינ די צווײַגנ פונ די ביימער. אינ דער ווײַטער בלויער נאַכט זעט מענ דעמלט נאָר לאַמפּיאָנענ אונ מענ הערט זינ־גענ. דעמלט איז מענ אפ דער זײַט שטיל אונ מע זאַפּט אַרײַנ אינ זיכ די אָפּגעוועקטע לידער.

די אַלטע אונ מאַריאַנאַ האָבנ געשוויגנ.

האַלבע נאַכט איז פּאַוולאָ געשטאָרבנ. זײַנ שמאָלע נאָז האָט זיכ געבלייכט, ווי בא איינעמ, וואָס פאַראיקשנט זיכ צו שווײַגנ. אפ דער וואַנט האָט זיכ באַלויכטנ א בילד פונ דער הייליקער מוטער מיט א קינד אפ די הענט, בא וועמענ דאָס פּנים איז אויפגעגאַנגענ אינ שטראַלנדיקנ ליכט. וואַרקאַ אונ יורקאָ זײַנענ שוינ געשלאָפנ. זיי האָבנ נאָכ ניט געוווּסט, אז פּאַוולאָ, זייער ברודער, איז געשטאָרבנ. אפ א געשטעל בא דער לינקער וואַנט, ווו ס'איז געווענ צורעכט געמאַכט א געלעגער פונ שמאַטעס, איז געזעסנ די אַלטע, האַרט אפנ ראַנד. זי האָט געשעפּטשעט מיט אירע ליפּנ א תּפילה, אונ די ביינערדיקע פינ־גער האָט זי געהאַלטנ צונויפגעפּלאָכטנ אפ איר שויס. דאָס קליינע פיר־עקיקע פענצטער מיט די פיר שטיקלעכ שײַבלעכ, אינ דער רעכטער וואַנט, האָט אינ זיכ אַרײַנגעזויגנ די אײַנגעצערטע בלאַסקײַט פונ דער לעוואָנע, ווי א זויגנדיק קינד. האָרט איז געשטאַנענ מאַריאַנאַ, נאָכ

בלאַסער, ווי די בלאַסקייט פונ דער לעוואָנע, אירע ליפּנ האָבנ ניט געשעפּטשעט, אירע פינגער זײַנענ ניט געווענ צונויפגעפלאָכטנ.

די אַלטע האָט געזאָגט:

— וואָלסט געגאַנגענ, מאַרינאַ, טאָכטער, צו אַנדרייענ און וואָלסט אים דערציילט, וואָס ס'איז געשענ.

דער הויפ איז געלעגנ אינ צווייטנ עק דאָרפ. א סטעזשקע האָט זיכ פאַרנומענ צווישנ צעגראָבענע בערגלעכ, גערטנער, הײַזלעכ — א לײמיקע און גראָזיקע סטעזשקע. די סטעזשקע איז אַרופ אַפ א וועג. דער וועג, א געשטיינערטער, האָט זיכ געצויגנ, ווי א געווײַסט וואַסער.

וואָס איז געשענ מיט דער לעוואָנע?

זי האָט באַווײַזט די גערטנער, די הײַזלעכ, דאָס פעלד, דעמ וועג. זי האָט געשטאָכנ אינ די אויגנ מיט איר ווײַסקייט.

אַריבער דעמ פעלד האָט זיכ געבאָרגנ א יונגער וואַלד אינ דער בילויכטענער נאַכט. און לעבנ וואַלד האָבנ זיכ געפּאַשעט פערד. דמיטראָ און האַנדזיאַ האָבנ געהיט די פערד. זיי האָבנ זיכ אויסגעוואַלגערט אינ דעמ פּײַכטלעכנ גראָז, זיכ צעקראַצט די געזעסנ, און איצט האָבנ זיי געזונגענ א ליד. טענער האָבנ געגלעט די נאַכט, ווי די פאַרביקע סטעגנעס האָבנ געגלעט האַנדזיאַס האַלדז אינ אַנ אויסגעפּוצטנ זונטיק.

מאַרינאַ איז געגאַנגענ אַפנ ווײַסנ געשטיינערטנ וועג. זי האָט זיכ אויכ אַמאָל געוואַלגערט מיט אַנדרייענ אינ פּײַכטלעכנ גראָז און דערנאָכ צוזאַמענ געזונגענ א ליד.

דמיטראָ און האַנדזיאַ זײַנענ נאָכ יונג. און א זונטיקדיקנ נאָכמיטיק קומט ער צו גייִנ, און זי וואַרט שוינ אַפ אים פאַר דער שוועל. איר טונקל קלייד איז אויסגעוואַשנ און ליגט זיכ אינ הונדערט שמאַלינקע פאַלדנ. שוינ איז אויסגעהאָפטנ איר ווײַס העמד מיט געלער, רויטער, שוואַרצער און גרינער וואָליטשקע. אירע יונגע האָר זײַנענ פאַרבונדנ מיט שרײַענדיקע סטענגעס. נאָר זי שמייכלט, די פאַרפּידערקע. און דמיטראָ שטייט פאַר איר, ווי א שטאָלצער פּאַנ. זײַנ קליינ שטרויענ היטעלע איז אַרומגענומענ מיט א שייִנעמ באַנד און מיט שייִנע בלימעלעכ, וואָס זי האָט אים געשענקט. פונ זײַנ פּײַנ אויסגעגאַרבטנ פעלצל שמעקט אַראָפּ, ווי פונ א לעבעדיקנ באַראַנ.

מאַרינאַ און אַנדריי האָבנ זיכ אויכ אַמאָל אַזוי פײַנ אויסגעפּוצט

אינ א זונטיק נאָכמיטיק. איצט גייט זי אימ דערציילנ, אז זייער פאָוולאָ איז געשטאָרבנ.

מיכײַלאָ, דער היטער פונ הויפ, האָט איר געוויזנ, וו אנדריי איז געשלאָפנ. ער האָט זיכ אויסגעבעט א געלעגער אינ א זשלויב אונ געשלאָפנ געשמאק. אינ שטאל איז געווענ וואַרעמ, די רייכעס האָבנ אײַנגעשלעפערט א שטיינ. מארינא האָט אימ געצויגנ באמ רעקל:

— אנדריי, א — אנדריי — — —

ס'האָט לאנג געדויערט. אנדריי איז געלעגנ מיטנ פּנימ צו דער וואנט. ער האָט זיכ איבערגעדרייט מיטנ הינטנ ארופ אונ דערנאָכ ווידער צו דער וואנט.

— אנדריי, א — אנדריי — — —

ער האָט זיכ געוועקט אונ געוואָרטשעט:

— דו ביסט עפּעס מעשוגע געוואָרנ, מיכײַלאָ, וואָס דו וועקסט אינמיטנ דער נאכט?

— אנדריי, דאָס בינ איכ, דײַנ ווײַב, מארינא.

אנדריי האָט זיכ געטאָנ א וואָרפ, געבליבנ ליגנ מיטנ פּנימ ארופ אונ געווישט מיטנ ארבל דעמ שטערנ.

— אנאָ, הײַנט? הע? האָט זיכ דיר פארגלוסט, מארינא?

— אנדריי, פאָוולאָ איז געשטאָרבנ.

— הע?

— פאָוולאָ.

— פאָוולאָ?

— פאָוולאָ איז געשטאָרבנ, אנדריי.

מארינא האָט זיכ אראָפּגעלאָזט אפ די קני אונ געוויינט אינדערשטיל. די פערד אינ שטאל האָבנ אופגעהערט צו גריזשענ פונ די זשלויבנ. זיי האָבנ געפאָכעט מיט די אויערנ, געוואָרפנ מיט די וויידלענ, מיט די גריוועס — ווי זיי וואָלטנ פארטריבנ פליגנ.

— מארינא, וויינ נישט, וויינ נישט, מארינא.

אנדריי האָט זיכ אויסגעצויגנ אינעמ זשלויב, די הענט אריבערגעוואָרפנ איבערנ קאָפּ. ער איז געוואָרנ צוויי מאָל לענגער.

— אנו, קומ אהער, מארינא, וויינ נישט.

זײַנ האנט האָט זי ארומגענומענ, זי צוגעדריקט צומ זשלויב. מארינא האָט באהאלטנ א געשריי צווישנ די ציינ. די ארומגענומענע

האַנט, ווי אַ שטאָלענע צוואַנג, האָט זי אַ הייב געטאָן און זי אַרײַנגעלייגט צו זיך אין געלעגער.

— מאַריגאַ, דו הער אויף צו וויינען. דו ביסט נישט קיין קעלבל, פּאַוולאָ האָט געדאַרפט אַ סאַך עסן. ס'איז נישט געווען גענוג ברויט פאַרזײַנעטוועגן.

ער האָט זי שטאַרקער אַרומגענומען, ער האָט זי געוואָלט טרייסטן.

אין שטאַל איז שטיל געוואָרן. דערנאָך האָט אַנדריי געקרעכצט, און די פערד האָבן געגריזשעט פון די זשלויבן.

אינדערפרי האָט זיך אַרײַנגעשטופּט אין די פיר שטיקלעך שײַבלעך פון קליינעם פענצטער אַ בלאַסע, אַ קאַלטע, די לעצטע האַרבסטיקע זון.

אויף אַן אויסגעריבענעם געשטעל איז געלעגן פּאַוולאָ, מיט אַן אָפּגעוואָשן פאָנעם, מיט געצײַלטע הערן אויף דער ברוסט. לעבן אים זײַנען געשטאַנען די פינפיאָריקע וואַרקאַ און דער זעקסיאָריקער יורקאָ און געקוקט מיט אייגעלעך מעקאַנעדיקע אויף זייער אָפּגעוואַשענעם און צוגעקעמטן ברודערל.

שפּעטער האָט זיך געמאַכט, אַז מאַריגאַ איז געבליבן איינע אַליין מיט איר פּאַוולאָ. זי האָט זיך צו אים נעענטער צוגעבויגן און אים געזאָגט:

— דו, פּאַוולושאַ, וואָלסט נישט זײַן בייז אויף אונדז. נישט פיל מאָל איז אויסגעקומען, אַז דײַן פאָטער זאָל דיך שלאָגן, ווײַל ער איז דאָך נישט געווען אין דער היים, נאָר אין זונטיק. און איך, פּאַוולושאַ, איך האָב דיך דאָך ליב געהאַט. אַז כ'האָב דיר נישט געגעבן קיין ברויט, ווען דו האָסט געוואָלט, אַן אָפּגעקאָכטע קאַרטאָפל, אַ שטיקל קאַלטע מאַלײַ — דאָס, פּאַוולושאַ, דאָס, ווי אַזוי זאָל איך עס דיר זאָגן? עס איז נישט געווען, פּאַוולושאַ. אָבער דו, דו פּאַוולושאַ, האָסט נישט באַדאַרפט שטאַרבן. דו האָסט שוין געפּאַשעט דעם זומער בײַ שקרומעלאַק די קו. און עפּשער, אין נאָך אַ יאָר אַרום, עפּשער וואָלסטו שוין געקאָנט גיין דינען אויפן הויף. עך, פּאַוולאָ, פּאַוולאָ — דאָס וואָלט געהייסן נאָך אַ האַלבן זאַק קאָרן איבערן יאָר. עך, פּאַוולאָ, פּאַוולאָ — פאַרוואָס ביסטו געשטאָרבן?

מיטיק־צײַט איז אַנדריי געקומען אויף אַ שפּרונג. ער איז צוגעגאַנ-

גען צו זײַן זון, אים אָנגעקוקט, זיך איבערגעצייילעמט און צוריקגעגאַנגען צו דער אַרבעט.

די באָבע אוודאָכאַ איז דערנאָך אַריבער צום פּאָפּ. זי האָט געקושט דעם זוים פֿון זײַן כאַלאַט, זיך איבערגעצייילעמט און געציטערט מיט די ליפּן. געציטערט און דערציילט: אַזוי און אַזוי.

נאָר דער פּאָפּ האָט געזאָגט:

— אָבער, טײַערע אוודאָכאַ, וועגן צוויי ברויט קאָן נישט זײַן גאָר קיין רייד. דו קומסט, ווי א נעלעכטער. און דו ביסט דאָך א פרומע? צי האָסטו נישט גאָר קיין מוירע פאַר גאָט?

די באָבע אוודאָכאַ האָט געציטערט און געשעפּטשעט מיט די ליפּן און געבעבעט: אַזוי און אַזוי.

נאָר דער פּאָפּ האָט געזאָגט:

— אָבער, טײַערע אוודאָכאַ, צוויי ברויט? צוויי ברויט? נײן, נײן, נײן, דו קומסט, ווי א נעלעכטער. אוודאָכאַ, דו פרומע, צי האָסטו נישט קיין מוירע גאָר פאַר גאָט? פאַר צוויי ברויט, ווילסטו זאָל איך באַגראָבן א מענטשן? א קינד, זאָגסטו? און בא דיר א קינד איז נישט קיין מענטש? בא גאָט, מײַנע טײַערע, זײַנען קינדער און דערוואַקסענע גלײַך. גאָט פרעגט נישט אָפּ קיין יאָרן. גאָט פרעגט, וויפל האָסטו באַצאָלט?

דער פּאָפּ האָט געשמעקט טאַבעק, באַגלייט די אַלטע אוודאָכאַ צו דער טיר און נעביקעט מיטן נווידער:

— נײן, נײן, אוודאָכאַ, דו פרומע, פאַר א געשטאָרבענעם מוז מען מער עפּעס טאָן.

מען איז געזעסן אין שטוב און געטראַכט. און באַטראַכט האָט מען געבאַקן פיר ברויט, גרויסע, ווי די האַלבע טישן. מאַרינאַ האָט אויסגעלײַדיקט דאָס זעקל מעל און אַרײַנגעקנאָטן שפּאָרעוודיקע טרערן אין טייג. אָפּ צומאָרגנס האָט מען געטראָגן די פיר פרישע, וואַרעמע, פּאַרעדיקע לאַבנס צום פּאָפּ.

בא איוואַן טשאַרני, דעם דאָרפישן סטאָליער, האָט מען באַשטעלט א קליין קעסטעלע. אוודאָכאַ, די באָבע, האָט צו אים געזאָגט:

— איוואַנטע, קלאַפּ אָט צונויף וואָס ס'קומט דיר אונטער דער האַנט. פוילן וועלן מיר סײַווי אַלע.

מע האָט אים געגעבן אַ ביסל קוקורוזע, ער האָט צוגענומען און געשוויגן. און מע האָט פּאָולע באַגראָבן.

אַ דינינקער רעגן, אַ שיטערער, האָט מיט לאַנגע דורכזעעוודיקע פעדעם געשטעפּט די פאַרטריקנטע האַרבסטיקע ברילעס ערד.

אנדריי

יענע נאַכט איז אַנדריי אַרויסגעקראָכן פון זשלויב און אַרויסגעגאַנגען פון הויף. אַז מיכײַלאָ דער היטער האָט אים געפרעגט, וווהין ער גייט, האָט ער געענטפערט, אַז אין כאַטע צום ווײַב גייט ער. אַנדרייס שטיוואַלעס האָבן געקלאַפּט אויפן געשטייגערטן וועג, און דאָס האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין דער אויסגעצויגענער נאַכט, ווי דאָס באַמקען אין אַן אויסגעצויגענער פעל פון אַ פּויק. ער האָט געטראַכט:

— אַנדריי כאַם, דו גייסט, ווי אַ בער, און נישט, ווי אַ מענטש, ווי אַ מענטש אַזאַ, וואָס האָט אין זינען עפּעס צו טאָן אינדערשטיל.

געטראַכט און געבליבן שטיין. דערנאָך האָבן די שווערע שטיוואַלעס זיך גענומען שאַרן, ווי זיי וואָלטן געקראָכן אין געדיכטער ראָשטשינע. דער רעגן פון באַטאָג האָט לאַנג נישט געדויערט. די דינע, דורכזעעוודיקע שנירלעך פעדעם האָבן געשטעפּט, געשטעפּט און פּלוצעם האָבן זיי זיך איבערגעריסן. באַנאַכט האָט די ערד געשמעקט מיט פרישן אויפגעוועקטן ריח. די שטיבלעך זײַנען געשלאָפן. די אָפּגעבלעטערטע ביימער האָבן געבענקט נאָכן פאַרגאַנגענעם זומער. די לעוואָנע איז געהאַנגען צווישן צעריסענעם בלאָ-בלויען געוואַנט.

אינמיטן דאָרף, רעכטס פון געשטייגערטן וועג, איז געשטאַנען דער קליינער, אין צוויי-און-צוואַנציקסטן יאָר אויפגעשטעלטער נײַער קלויסטער. פון פאָרנט אַ הילצערנער פּלויט, און הינטערן פּלויט אַ הייליקער פון שטיין מיט אַן אויסגעקרימטן קאָפּ און מיט אַ קליין היטעלע אויפן קאָפּ. דער הייליקער האָט געהאַלטן אין די הענט אַ קליינעם ציילעם און איז אים שטאַרק צוגעדריקט צום האַרצן.

אַנדריי האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט און אַרויפגעלייגט די הענט אויפן פּלויט. מיט זײַנע בענקעדיקע אויגן האָט ער אַדורכגענומען דעם הייליקנס פּנים. ער האָט צו אים געזאָגט:

— דו ביסט, גאָט, אַ באַשיצער פון די אָרעמע, דו ביסט אַ פאָ-

טער פון די לײַדנדיקע, און דו האָסט ליב גערעכטיקײט. בעט איך בא דיר, גאָט געהײליקטער, אַז זאָלסט מיך פירן אויפן גערעכטן וועג און אַז זאָלסט מיך באַגלייטן און באַשירעמען אין מײַנע גענג.

געזאָגט און געגאַנגען ווײַטער. ער האָט זיך גערוקט האַרט באַם פלויט מיט געוויגענע טריט. אין שכײנעס פון קלויסטער איז גע־שטאַנען דער הויף פונעם פּאָפּ. א גרויסער הויף. געשטאַנען זײַנען דאָרט סטאָדאָלעס און שטאַלן און שײַערן. און עס זײַנען דאָרט גע־שטאַנען א סאך וועגענער, אקערײַזנס, בראָנעס און א גרויסע דרעש־מאַשין. ווײַטער ליִנקס האָט זיך געצויגן אן אָפּגעזונדערטער קלײנער גאָרטן מיט גרינלדיקע בערגלעך, בלומען־בײטלעך, צוגעשניטענע ציר־לעכע סטעזשקעס, א הויז מיט א בלעכענעם דאַך און מיט א וועראַנדע.

אַנדריי האָט זיך דאָ גוט אויסגעקוקט. באָכערווײַז האָט ער געדינט א שטיק צײַט באַם פּאָפּ. איצט האָט זײַן מאַרינאַ געאַרבעט אויפן פּאָפּס פעלדער „פאַרן דריטל". און ער איז אַריבער איבערן פלויט, שטיל, ווי א קאַץ וואָלט זיך געדראַפּעט. געבליבן שטײן, געהאָרכט, געשאַרט זיך ווײַטער. רעכטס הינטער דער סטאָדאָלע האָט ער געמאַכט א גרויס ראָד אַרום דער שטאַל. דאָרט שלאָפט איוואַן. ער האָט אים ניט געוואָלט אויפוועקן. געבליבן שטײן באַם קלײנעם טירל פונעם שײַער. אויפן טירל הענגט א שווערער הענגשלאָס. אײן מאָל א דרײ מיט דער האַנט, נאָכאַמאָל, פעסטער, די טיר האָט געטאָן א שטילן קרעכץ — אַנדריי איז געשטאַנען אינעווייניק אין שײַער. צוגעגאַנגען צו דער קופּע קאָרן. א גרויסע קופּע. פריש געדראָשן.

ס'איז טונקל. שטיל. אַנדריי נעמט אַרויס א לײדיקן זאַק פון אונ־טערן פעלצל, קניט אַנידער. די לינקע האַנט שפּרײט אויף דאָס גרויסע מויל פון זאַק, די רעכטע האַנט שיט אַרײַן שנעל. שטיל. א גאָרשטש — אַרײַן. א גאָרשטש — אַרײַן.

— פאַר מיר. פאַר מאַרינען. פאַר יורקען. פאַר וואַרקען. פאַר דער אַלטער — — —

— פאַר מיר. פאַר מאַרינען — — —

— פאַר מיר — — — —

א האַלבער זאַק אָנגעפילט, מיט א שטריקל צוגעבונדן דעם האַלדז, אַרויס. א גרויס ראָד אַרום דער שטאַל. רעכטס הינטער דער סטאָדאָ־לע. אַריבער איבערן פלויט. האַרט באַם פלויט, פאַרבײַ דעם הײליקן

מיט דעם קרומען קאָפּ. דער הייליקער שמייכלט. אַנדריי בלייבט שטיין. שעפּטשעט:

— א דאַנק דיר, געהייליקטער. דו ביסט א באַשיצער פון די אָרעמע, דו ביסט א פּאַטער פון די לײַדנדיקע, און דו האָסט ליב גערעכטיקייט. א דאַנק דיר, געהייליקטער.

דער געהייליקטער שמייכלט. אַנדריי שאַרט זיך ווײַטער. שעפּטשעט:

— פאַר מיר. פאַר מאַרינען. פאַר יורקען — — — —

— פאַר מיר — — —

— פאַר — — —

און ער האָט זיך דערשראָקן.

— הע? וואָס? טריט. טריט. טריט. שנעלער! טריט. טריט. שנעלער! שנעל — —

— שטיי! שטיי!

ער איז געבליבן שטיין. זיך אומגעקוקט. דרײַ טריט הינטער אים — צוויי גרענעץ־זעלנער. איינער האָט געפרעגט:

— א טי? פונוואַנען אינמיטן דער נאַכט?

אַנדריי האָט געלעקט מיט דער צונג צווישן די גראָבע ליפּן.

— פונוואַנען, פרעגט מען דיך!

אַנדריי האָט געזאָגט:

— הע?

— מירן דיר געבן א „הע“! מע ענטפערט, אז מע פרעגט! פונוואַנען גייסטו?

— הע?

א שטויס אין דער ריפּ.

כאָטש ער, אַנדריי, וואָלט זיך געקאָנט פאַרמעסטן זיי ביידן צו פּאַסטאָרקען אזוי, אז ס'זאָל זיך זיי אָפּגלוסטן ס'קוקן. נאָר זיי זײַנען זעלנער. און אַנדריי איז א דערעכערעצדיקער מענטש.

— איז ענטפער, דו דוראַק.

אַנדריי האָט געלעקט מיט דער צונג צווישן די ליפּן און זיך דערלעקט:

— וואָס הייסט עפּעס ענטפערן? וואָס איז פאַראַן צו ענטפערן? הייסט עס, אז פאַולאַ מײַנער איז געשטאָרבן. פאַולאַ, אָט אַזאַ ייִנגל. האָט מען געבאַקן פיר ברויט. און — גרויסע — ווי זאָל איך זאָגן? —

— זאָג נישט! כאַמסקע דוראַק דו איינער. וואָס טראָגסטו אין זאק?

— וואָס הייסט וואָס איך טראָג? וואָס זאָל איך טראָגן? קאָרן טראָג איך. וואָס דען זאָל איך טראָגן? העי?

— און פונוואַנען איז דער ווען?

— וואָס הייסט פונוואַנען? פונוואַנען זאָל ער זיין? א שיינע דאָס איז. פונוואַנען? פון מיר — נו.

— און וווהין?

— וואָס הייסט וווהין? ווי קאָן איך דאָס זאָגן? פראַגעס אזעל־כע. וווהין? צום פּאָפּ גיי איך — נו.

ער האָט פאַרגעסן, אז ער גייט פון פּאָפּ, און איינער פון די זעל־נער האָט א געשריי געטאָן:

— פאַרקערעווע, כאַמסקע דוראַק דו איינער!

אַנדריי האָט פאַרקערעוועט. אַנשטאָט צו לעקן מיט דער צונג צווישן די גראָבע ליפּן, האָט ער זי געלאָזט איצט העננגען אינדרויסן און צובעביסן מיט די ציין. ער האָט געטראַכט:

— דו ביסט א כאַם, אַנדריי. א כאַמולע ביסטו. אָט ווי דו גייסט, ווי א בער גייסטו, און נישט ווי א מענטש אזא, וואָס וויל עפּעס טאָן אינדערשטיל. נו — פאַרפאַלן. אפן צווייטן מאָל וועסטו וויסן, אז מע דאַרף גיין מיט אַן אַנדערן וועג. הינטן־אַרום.

פון הינטן זיינען אים נאָכגעגאַנגען די צוויי פּוילישע גרענעצ־זעלנער און געשמועסט צווישן זיך אינדערשטיל. בא דער גרענעץ זיינען זיי געווען ערשט אָנהערהאַלבן שאָ, איז נאָך צייט געווען א האַלבע שאָ אָפּ דורכגיין זיך. אַן אַנדערשמאָל שטעלן זיי זיך אונטער א פּויערי־שער סטאָדאָלע און וואַרטן צו די פולע צייט. איצט האָט זיך זיי גע־מאַכט א זאַבאַווע.

אַנדריי האָט געביסן די צונג און עפּעס פאַר זיך געוואָרטשעט. די צוויי שווערע הענט זיינען האָבן געהאַלטן דעם האַלדז פונעם זאַק, וואָס אויף זיין רעכטן אַקסל. די גראָבע פינגער האָבן זיך אַריינגעריסן אין צוגעבונדענעם שטריקל, דער נאָכהענגענדיקער שלייף האָט אים גע־קיצלט אין דער דלאָניע. די גראָבע פינגער האָבן געצופּט, געצופּט. דער שלייף האָט זיך אויפגעקניפּט. די שווערע הענט האָבן געהאַלטן דעם

זאַק, דער קאָרנ האָט זיכ געשיט פאַמעלעכ אַפנ פעלצל, פונ פעלצל אַראָפ אױפ דער ערד, דער זאַק איז געװאָרנ מאָגערער, לײדיקער.

זעקס שװערע שטיװל האָבנ געקלאַפט אַפנ געשטײנערטנ װעג.

דער טויער פונ פאָפס הויפ איז א הויכער מיט ברײטע ברעטער. בא דער זײַט הענגט א דראָט מיט א פאַרקאָװע. אײנער פונ די זעלנער האָט געצויגנ בא דער פאַרקאָװע.

איװאַנ האָט זיכ צוגעװאַקלט מיט פאַרשלאָפענע, דערשראָקענע אויגנ, מיט נאָכשלעפנדיקע באָרװעסע פיס. ער האָט געקײַקלט די װערטער צו זיכ אינ בויכ אַרײַנ:

— אגא, אגא, אגא. אינמיטנ דער נאַכט? װאָס פאַר א טײַװל טראָגט אײַכ? העי?

אײנער פונ די זעלנער האָט געזאָגט:

— נישט געװאָרטשעט, מאַכ אופ! א װיכטיקער אינטערעס.

דער הויכער טויער האָט געסקריפעט. אַנדרײ האָט צונויפגעלײגט דעם לײדיקנ זאַק אונ אים אַרונטערגעשטופט אונטערנ פעלצל. איװאַנ האָט געקוקט אונ נישט פאַרשטאַנענ. אונ װאָס האָט ער דאָ געזאָלט פאַרשטײנ? אַנדרײ אונ צװײ זעלנער — גײ פאַרשטײ.

— פיר אונדז צומ פאָפ, — האָט געזאָגט דער מער באַרײדעװדיקער זעלנער.

— דער פאָפ שלאָפט, אונ אז מ'װעקט אים אופ, בײזערט ער זיכ, — האָט געענטפערט איװאַנ אונ זיכ געקראַצט אינ די פאַטלעס.

— דו זײַ נישט קײנ חכמ, נאָר פיר אונדז צומ פאָפ.

מע איז געגאַנגענ איבערנ צװײטנ בלומענדיקנ גאָרטנ. איװאַנ האָט געקלאַפט אינ פענצטער. צוגעװאַרט א ביסל אונ אָנגעקלאַפט פונס נײַ. אינװײניק אינ שטוב האָט זיכ געצונדנ א ליכט. פאַמעלעכ האָט זיכ דאָס ליכט צוגענענט צומ פענצטער. פונ הינטער גרויסע שויבנראַמענ האָט מענ דערנאָכ געזענ צװײ ברײטע הענט מיט קורצע, גריבלדיקע פינגער, װאָס האַלטנ א מעשנ לײַכטערל, אונ מע האָט געזענ א גראָבשפּיציקנ בויכ, אַרומגעהילט מיט א װאַטענעמ כאַלאַט, אונ א קײַלעכיק פּאָנעמ מיט לויזע הויטנ פונ בײדע זײַטנ באַקנ, — הויטנ, װאָס ציענ זיכ װי גומי, לויט װי דער קאָפ הייבט זיכ אופ אָדער לאָזט זיכ אַראָפ.

דער פאָפ האָט געעפנט דאָס פענצטער. צװײ צעשויבערטע בערשט־

לעכ איבער די אויסגעריבלעכ האָבנ פארשלאָפנ געציטערט. די זעלנער האָבנ צונויפגעקלאפט די אײַזערנע פאָדקאָוועס פונ די שטיוול, ווי געווײנלעכ, קלינגענדיק־הויכ. דער מער בארײדעוודיקער האָט אָפגעזאָגט א פיזמענ, דערציילט, וואָס אים האכט זיכ. דערנאָכ האָט ער נאָכאמאָל צונויפגעקלאפט די פאָדקאָוועס אונ א צי געטאָנ מיט דער רעכטער האנט באם רימענ פונ דער ביקס.

— צססס, צססס, צססס, אזוי, אזוי, אזוי. — האָט געזאָגט דער פאָפ אונ נישט פארשטאנענ, וואָס מענ האָט צו אים גערעדט. אונ ווײַטער האָט ער געזאָגט:

— וואָס האָט איר געטאָנ? קינדער פונ הייליקנ גאָט, וואָס האָט איר געטאָנ? איר האָט אויפגעוועקט א מענטשנ אינמיטנ דער נאכט? צי ווייסט איר נישט, קינדערלעכ, אז א מענטש, ווענ ער שלאָפט, איז ער געגליכנ צו א מאלעכ? איר האָט דאָס נישט געוווסט?

— אָבער, אָבער — ס'האנדלט זיכ וועגנ, וועגנ א גאנעוו, — האָט געזאָגט דער זעלנער. — ער, ער האָט געגאנעוועט א זאק קאָרנ.

— געגאנעוועט נישט געגאנעוועט! — האָט זיכ אָנגעדריי א מונטער געטאָנ, אָפגעשלעפט דעמ זאק פונ אונטערנ פעלצל אונ אים אונטערגעטראָגנ נעענטער צומ פענצטער צו. — דער זאק, אָט דער, איז מײַנער, צי געהערט ער דעמ הייליקנ פאָטער? איכ זאָג, אז מײַנער. הע?

אונ ער האָט אים צוריק ארונטערגעשטופט, דעמ ליידיקנ זאק, אונטערנ פעלצל.

די צוויי פוילישע זעלנער האָבנ אינ וואקלדיקנ שײַנ פונעמ ליכט אָנגעקוקט אנדריים ברייטבייִנערדיק פאָנעמ אונ דאָס פעט־קײַלעכיקע פאָנעמ פונעמ פאָפ. ביידע זעלנער האָבנ איצט געשריגנ אפ אמאָל.

— א גאנעוו אזא, א פארשאָלטענער אזא, א סקורווע סינ אזא, א פארשטונקענער אזא, — א — — —

זיי האָבנ געשריגנ ביידע, גלײַכ עמעצער וואָלט זיי געביסנ אינ גאָרגל.

דער פאָפ האָט געלאָזנ שטיינ דעמ מעשענעמ לײַכטער אפנ פענצטער־ברעטל אונ אויפגעהויבנ די הענט, ווי צומ דוכענענ, זײַנ באסאָוועקאָל האָט געקרעכצט, ווי א הייזעריקער אָרגל:

— קינדער, קינדער! וואָס האָט זיכ דענ פארלאָפנ? באם פאג יעזוס דעמ הייליקנ! קינדער, קינדער, וואָס האָט זיכ פארלאָפנ? רעדט דאָכ, רעדט דאָכ.

אונטער זײַנ קלײנעמ געפּאָלדעוועטנ און פרומענ שטערנ האָבנ זיכ די צעשויבערטע בערשטלעכ אופגעהויבנ און ארויסגעוויזנ צוויי פעטע אײגעלעכ, קײַלעכיקע און שווארצע, ווי בא א דערשראָקענעמ באראנ.

— נו, דאָס קאָנ איכ דאָכ זאָגנ, וואָס ס'איז זיכ פארלאָפנ, — האָט אנדרײ געמײנט, אז ער דערצײלט א מײַסע אינ שטאָל צווישנ די פאַ־ראָבקעס. — פארלאָפנ? העי! געהערט אזוינס פארלאָפנ! וואָס האָט זיכ געקאָנט אזוינס פארלויפנ? די קו איז געקראָכנ צומ בוהײַ און זיכ אויסגעדראָסט אינמיטנ שטאָל, און נישט מע האָט עמעצנ געשאָסנ, און נישט מע האָט עמעצנ געהארגעט. וואָס זאָל געשענ זײַנ? גאָרנישט, פאווליאָ איז געשטאָרבנ. נו, פאווליאָ, דער קלײנער. און מארינא האָט מיטנ לעצטנ ביסל מעל אויסגעבאקנ פיר גרויסע ברויט און די פיר גרויסע ברויט — — —

— נישט גלײבט אימ. ער זאָגט א ליגנ! — האָט א געשרײ געטאָנ אײנער פונ די זעלנער.

— און די פיר גרויסע ברויט האָט מענ אהער געבראכט פאר די כאזײרימס וועגנ. — האָט זיכ אנדרײ נישט געלאָזט שטערנ.

— נישט גלײבטנ! ער האָט געגאנוועט א זאק קאָרנ.

— און די כאזײַדימ האָבנ געהאט וואָס צו זשערענ און די פיר ברויטנ אויכעט.

— און דאָס, וואָס דער זאק איז א לײדיקער, איז נישט אנדערש, נאָר ער האָט פארשיט דעמ קאָרנ אפנ וועג, דער כאזער.

— אינ שטוב איז נישט פארבליבנ קײנ שטויבל מעל, און פינפ מענטשנ — — — —

— האלט ס'מויל! דו כאזער אײנער. האָסט געגאנוועט? האלט ס'מויל.

דער מער בארײדעוודיקער זעלנער האָט נאָכאמאָל הויכ צונויפגע־קלאפּט די אײַזערנע פּאָדקאָוועס און נאָכאמאָל הויכ דערצײלט די גאנ־צע מײַסע. און דאָס מאָל איז שוינ אויכ דער פּאָפּ צו זיכ געקומענ און געכאפּט פינקטלעכ, וואָס דאָ טוט זיכ. די גומי־זעקעלעכ אפ בײדע זײַטנ באקנ האָבנ זיכ בא אימ אויסגעצויגנ. ערנסט און שטײַפ האָבנ זיכ געהויבנ זײַנע צוויי פינגער און זיכ געוויגט הויכ איבערנ קאָפּ:

— אוהו! הוהוהוהו — עכעכ! גאָט דער הײליקער וועט שטראָפנ. עכ־עכנ! וועט ער שטראָפנ, אנדרײ. גאָט דער הײליקער איז א גוטער און

א בייזער, אנדריי. גאָט דער הייליקער לאָזט נישט צו קיינ אומגערעכ־טיקייטנ. נאָט דער הייליקער — עעעכ! גאָט דער הייליקער—אָ, דו, לעצ־טער מענטש! נישט פונ א מאמענ ביסטו געבוירנ, אונ נישט פונ א טאטנ. היינט האָבנ געוויינט דעמלט אינ וואלד, ווייל צו זיי געהערסטו. זאָג, וועלכער טייוול האָט דיר געגעבנ א מענטשלעכ פּאָנעם? וועלכער הימלישער צאָרנ האָט דיכ אראָפּגעלאָזט אפ דער מענטשלעכער ערד? א סקאָרפּיאָנ ביסטו, אנ עקלדיקע שפּינ ביסטו אונ דיינ גלייכנ. פול איז מיט אייכ די ערד. אונ דורכ אייכ ווערנ געפּייניקט די מענטשנ — — —

ער האָט זיכ אָנגעכאפּט פארנ קאָפּ מיט ביידע הענט.

— אָ—אָ—אָ! ווייס איכ שוינ. ווייס איכ שוינ. דו באָלשעוויק!

אונ באפוילנ, אויסשטרעקנדיק ווייט פונ זיכ די רעכטע האנט:

— פירט אים צום קאָמענדאנט! פירט אים, דעם באָלשעוויק! פי-י-ירט אי-י-ים — — —

די רייד פונעם פּאָפּ האָבנ געפלאקערט, פייערדיקע בליצנ פונ אָנ־געצונדענעם צאָרנ האָבנ זיכ געשפּרייט איבערנ גרויסנ טונקעלנ הויפ. אונ דערציטערט זיינענ געוואָרנ די צוויי פוילישע גרענעצ־זעלנער, אונ אנדריי, אונ איוואנ, אונ די וועכטער, אונ די אָקערייזנס, אונ די בראָ־נעס, אונ די גרויסע דרעשמאשינ. א יונג קעלבל האָט זיכ צעמעקעט, א קו האָט אים אָפּגעענטפערט, א פערד האָט געהירזשעט, א האָנ האָט געקריימ.

מע האָט אוועקגעפירט אנדריינ.

דער פּאָפּ האָט זיכ צוריק געלייגט שלאָפנ, נאָר ס'האָט געדויערט לאנג, ביז ער איז ווידער איינגעשלאָפנ.

אפנ געשטיינערטנ וועג איז אנדריי געגאנגענ פריערויס, די צוויי גרענעצ־ביקסנ נאָכ אים.

א שווערער אָקס, האכט זיכ, גייט אזוי, ווי אנדריי איז דעמלט גע־גאנגענ. דער קאָפּ אראָפּ. די פּלייצע הויכ אונ קיילעכיק. די הענט אפ הינטנ.

גרוי אונ פּראָסטיק איז געשטאנענ דער באנגענדיקער דרויסנ. רעכטס אונ לינקס האָבנ זיכ ארויסגעשיילט קליינע איינגעקאָרטשעטע הייזלעכ, איינגעבעט אינ נעפּלדיקער וואטע, ראכמאָנעסדיקע שטרויענע רעכעלעכ מיט איינגעפאלענע שווארצלעכע קוימענס.

דער ווײַסער טויט

אינדרויסנ איז געלעגנ דער ווײַסער טויט, ווי א קינד אפ דער שוועל פאר דער טיר.

דער ווײַסער טויט האט זיכ געצויגנ העט ווײַט, בארג־אראפ, אריבער איבערנ זברוטש.

נאקעטע ביימער מיט קאלטע, געפרוירענע הענט האבנ שווײַגנדיק געטראגנ דעם טויט פונ ארט צו ארט.

בארג־אראפ, ווו אינ זומער פארנעמט זיכ די סטעזשקע, האבנ זיכ געשליטלט דער קאמענדאנט פונ דער גרענעץ־וואכ גורעוויטש אונ טאמארא, די געליבטע טאכטער פונעם פאפ.

ווי א שמאל, ווייכ בעט, איז געלאפנ די סטעזשקע צווישנ די נאקעטע גערטנער, איבער דער ליידיקער לאנקע, צווישנ קליינע הײַזלעכ אונ אפגעשניטענ געווארנ באם זברוטש. דאס שליטל איז געפלויגנ שנעל, ווי א שווארצער פונקט איבער ווײַסנ שוים. אונטנ, באם זברוטש, איז עס געבליבנ שטיינ מיט א קוויטש — א היכנ, א געדרייטנ, א פיל־זאגנדיקנ.

דער פעלדזיקער בארג אנטקעגנ האט א כאפ געטאנ דעם קוויטש אונ אים צוריקגעשלײַדערט. דער בארג איז געשטאנענ ערנסט אונ שטרענג, באלאדנ מיט ווײַסע הויקערדיקע רוקנס אונ ארויפגעקוקט אפנ טאל, אפנ דארפ מיט גרויע, שטיינערדיקע, הונדערטיאריקע אויגנ. דער זברוטש איז געלעגנ צוגעדושעט אונטערנ הארטנ, פאראקשנטנ אײַז, ווי א קינד אונטער א שווער איבערבעט.

געקומענ צו גיינ פונ וואלד איז מארינא מיט די צוויי קינדער. איטלעכס מיט א מאגער בינטל געטריקנטע צווײַגעלעכ אפ דער פלייצע. מארינא האט אונטערגעלייגט פײַער אונ זיכ אוועקגעזעצט צום פענצטער. זי האט ארײַנגעקנאטנ די הענט אינ בויכ. אירע גרויע אויגנ האבנ געגעסנ די שויבנ. ווארקא אונ יורקא, די צוויי פייגעלעכ, האבנ זיכ געהאלטנ ארומ פײַער, ווי פליגנ ארומ ליכט אינ א זומערדיקנ פארנאכט. אפנ געלעגער איז געלעגנ די אלטע אווראמכא מיט אויסגע־לאשענע אויגנ. זי האט געקרעכצט.

— אנדריי, אנדריי וועט נישט קומענ אזוי באלד, אנדריי? אדער וועט ער קומענ באלד, אנדריי?

ס'האָט איר קיינער נישט געענטפערט. דאָס לעמפל איבערנ בילד פונ דער הייליקער מוטער מיטנ שטראַלנדיקנ קינד איז געווענ אויסגע־לאָשנ. דער הונגער האָט געדלובעט אינ די פוסטע ווינקעלעכ, ווי הונגע־ריקע פייגל קלייבנ אַמאָל זשעדנע זשאָרקעס אינ פוסטנ פעלד. באַ מאַ־רינעס זײַנענ אַרויסגעשפּרונגענ די אויגנ פונ הוילנ מויעכ. זי האָט זיכ נישט געקאָנט קיינ אייצע געבנ. זי איז געבוירנ געוואָרנ אַפ שטרוי אינ די סטאַדאָלעס פונ יענעמ הויפ, ווו אַנדריי איז ביז איצט געווענ באַ־שעפטיקט. צענ מאַמעס האָבנ זי געקאָרמעט — פאַר ראַכמאָנעס, און צענ טאַטעס האָבנ פונ איר נישט געוואָלט וויסנ. אַז זי איז אונטערגע־וואַקסנ, האָט זי געפּאַשעט שאָפּ, געפּאַשעט קי, געאַרבעט אינ שטאַל, אינ פעלד — געווענ יאָרגלאַנג פאַרהונגערט אַפנ הויפ, ביז אַנדריי האָט מיט איר כאַסענע געהאַט. זי איז אינ דעמ הײַנטיקנ ווינטער געגאַנגענ צו שכיינים, געוואָלט זיכ באַראַטנ, וואָס צו טאָנ, געוואָר ווערנ, ווו מע קאָנ עפּשער עפּעס פאַרדינענ — און קיינ אייננציק מאָל האָט זי נישט געקאָנט אַרויסדערציילנ אַלצ, וואָס ס'טוט זיכ באַ איר אינ שטוב. צוויי מאָל האָט זי באַקומענ אַרבעט אַפנ הויפ — איינ מאָל דרײַ וואָכנ לאַנג, דאָס צווייטע מאָל בלויז צוועלפ טעג. פּאַראַסקאַ די אַלמאָנע האָט אַמאָל אַרײַנגעבראַכט אַנ אויסגעבאַקנ שטיקל מאַלײַ, אַמאָל האָט זי אַריבערגענומענ די קינדער צו זיכ.

עטלעכע מאָל אינ טאָג האָט אַלצ די אַלטע איבערגעכאַזערט:

— אַנדריי, אַנדריי וועט נישט קומענ אַזוי באַלד, אַנדריי? אָדער וועט ער קומענ באַלד, אַנדריי?

די נעזלעכ פונ די קינדער זײַנענ געוואָרנ שמעלער און שפּיציקער פונ טאָג צו טאָג. אַז זיי זײַנענ געקומענ פונ וואַלד, זײַנענ זייערע נעזלעכ געווענ ווײַס — ווי די אויסגעפרוירענע רזשובעס באַ טויטע וואָראָנעס.

קאַרטאָפל מיט קוקורוזע

דער שניי אַפ די פעלדזיקע רוקנס האָט באַקומענ פּאָקנ. שוואַרצע קליינע גריבלעכ, ווי ווילדע שוועמלעכ, האָבנ זיכ אַרײַנגעגעסנ אינ ווייכנ ווינטערדיקנ לײַב. אינ טאָל זײַנענ געלעגנ קויטיקע, צעגריזשעטע רעשטלעכ שניי, צוגעטוליעט צו פּלויט, צו בוימ, צו הײַזל — ווי פרעמדע אונטערגעוואָרפענע קלימעקלעכ. די שטרויענע דאַשקעס פונ די רעכער האָבנ געקאַפּעט מיט דינע, אויפגעטײַעטע טראָפּנס.

— דער ווינטער פארנעמט זיכ אפנ וועג, דער ווינטער. ער וועט באלד נישט זײַנ, דער ווינטער, עהע־העהע, דער ווינטער.

די אלטע אווהאכא האט געהוסט. איר געלעגער האט געקרעכצט. זי האט געזענ דורכנ פענצטער, ווי א נישט־אַנזעעוודיקער ווינט האט צע־קעמט די טרוקענע צווײַגנ פונ די ביימער אונ געגלעט דעם צעשווי־בערטנ שטרוי פונ דערבײַיקע דעכער.

שווערע יארנ האבנ די אלטע אנידערגעלייגט אפנ געלעגער. פונ טאג צו טאג איז זי אלצ מער אײַנגעטריקנט געווארנ, ווי עס טריקנט אײַנ א בוים מיט נאקעטע קארענעס. פארנ ווינטער האט זי זיכ שטארק געשראקנ. אינ אזא ווינטער צו שטארבנ! אונ אט איז ער פארבײַ. דער נישט אַנזעעוודיקער ווינט אינדרויסנ האט איר געווישט אי־בער די אויסגערונענע אויגנ. אונ איר אײַנגעשרומפנ הארצ האט זיכ דערפרישט מיט א ביסל ווארעמדיק בלוט. זי האט געמאלנ צווישנ די יאסלעס:

— הע, מארינא? וואלסט געגאנגענ, מארינא, טאכטער, וועגנ א שטיקל פעלד? הע, מארינא?

אינ א טונקעלנ פארנאכט איז מארינא געגאנגענ אפנ וועג אינ הויפ ארײַנ. צום פאפ קאנ זי נישט גיינ. ביז איצט האט זי נאכ באקו־מענ איטלעכס יאר א קליינ שטיקל פעלד פונ פאפס ווירטשאפט, וואס זי האט פארזעצט מיט קארטאפל אונ מיט קוקורוזע אונ דערנאכ אהיימ געבראכט צוויי דריטל פונ ארויסבאקומענעמ. צו אנדרייס פארדינסטנ איז דאס געווענ א גוטער צושטייער. איצט וועט איר דאכ דער פאפ נישט געבנ קיינ פעלד. אונ דער הויפ, ווייסט זי, פארטיילט נישט. עפשער פארירעטוועגנ? זי איז דארט א היימישע. זי וועט פרווונ.

זי איז ארײַנגעקומענ אינ דער גרויסער קיכ פונעם עקאנאמ, ווו א געלער קודלאטער הונט, גרויס ווי א בער, האט זיכ פאוויטעט מיט ברייטע, פארבלאטיקטע לאפעס אפ אירע ברוסטנ. ס'איז ארויסגעקומענ די טאכטער פונעם עקאנאמ, א בלאנד אויסגעפוצט קײַלעביקס, מיט געקרײַזלטע לאקנ, אונ געפרעגט, וואס זי וויל. מארינא האט געשטאמלט אונ ארויסגעקראצט ווערטער פונ איר טרוקענעם האלדז, ווי דאס לעצ־טע אויסקראצעכצ פונ א דייזשע. דאס אויסגעפוצטע קײַלעביקס איז צוריק ארײַנ אינ שטוב אונ מיטגענומענ דעם געלנ הונט מיט זיכ.

מארינא האט צורעכט געמאכט דאס טיכל אפ איר קאפ, עס פעס־

טער צוגעבונדנ. מיט דער לינקער האַנט איז זי אַריבערגעפאָרנ איבערנ פּנים און מיטגענומענ די קאַלטע טראָפּנס שווייס, וואָס האָבנ באַ איר אַרויסגעזעצט אפ דער הויט.

די קיכ איז געווענ אָנגעשטעלט מיט טעפּ זיסע מילכ, מיט טעפּ זויערמילכ, מיט זעקלעכ צוגעפּרעסטנ קעז, מיט לאַבנס ברויט, מיט א פעסל קרויט, און מיט סלויענ, הונדערטער סלויענ מיט פאַרשיידענע אײַנגעמאַכצנ.

אינ א שמאָלנ שפּאַלט פונ שטוב-טיר האָבנ זיכ באַוויזנ א פּאָר לאַנגע, באַקאַנטע, בייזע וואָנצעס. מאַרינע האָט עס א דרעשטש געטאָנ, ווי עמעצער וואָלט איר מיט א האַרטנ בעזעמ אַריבערגעפאָרנ איבערנ לײַב.

— אַנאָ. הע? און דו וואָס ווילסט? וולויקעסט זיכ אַרומ אינ דער נאַכט?

זי האָט געשטאַמלט:

— פאַניע מיצלאַוועק, איכ — איכ וואָלט אײַכ געבעטנ — — —

— וואָס איז דאָ צו בעטנ? דו ווייסט שוינ נישט קיינ אַנדער צײַט אויסצוזוכנ און נישט קיינ אַנדער אָרט? הע?!

די קרוווישע קלאַנגענ פונ דער פּוילישער און אוקראַינישער שפּראַכ האָבנ דאָס מאָל זיכ באַגעגנט האַרט און פּײַנטלעכ — ווי א בייזער הונט מיט א פרעמדער, פאַרבלאָנדזשעטער ציג.

מאַרינע האָט זיכ אַראָפּגעלאָזט אפ די קני, דעמ קאָפּ האָט זי געהאַלטנ אויסגעקרימט, ווי א הייליקע:

— פאַניע מיצלאַוועק, פאַניע מיצלאַוועק, די קינדער זײַנענ הונגעריק. און די אַלטע שטאַרבט, די אַלטע. ווענ איר זאָלט מיר צוטיילנ א שטיקל פעלד. איכ וועל עס באַאַרבעטנ, ווי אנ אייגנס, ווי א קינד. דערבאַרעמ זיכ, פאַניע מיצלאַוועק — — —

איר אָטעמ האָט געזעצט, ווי פונ א קראַנקער, אַסטמאַטישער קו. זי האָט זיכ צעוויינט און מיטנ אַרבל געווישט די טרערנ.

אינ שפּאַלט פונ דער שטוב-טיר האָט זיכ, העכער פונ די אויסגעצויגענע וואָנצעס און אַריבער דער קורצער נאָז, געקנייטשט א שמאָלער שטערנ:

— עכ, מאַרינע, וואָס פאַר א קו דו ביסט. דו מיינסט, איכ וואָלט דיר נישט צוגעטיילט? אָבער אַז מיר טיילנ נישט אויס קיינ פעלד,

קיינמאָל נישט? דו וועסט עס האָב וויסנ, מאַרינאַ? אַרבעט קענסטו האָבנ אינ קי-שטאָל, אינ פעלד.

מאַרינאַ איז אופגעשטאַנענ. ווענ קאָנ זי קומענ ווענג אַרבעט?

— אינ א וואָכנ צוויי אַרום. ווענ דער שניי וועט זײַנ אײַנגעזאַנצ צענגאַנגענ.

זי האָט געוואָלט קושנ די האַנט פונעם הער מיצלאַוועק. ער האָט נישט צוגעלאָזט.

אינדרויסנ איז געריטנ א פאַרפריליגדיקער ווינט אפנ טונקעלנ האָרב פונ דער נאַכט. דער ווענ האָט זיך געצויגנ נאָס, בלאָטיק. פונ בײדע זײַטנ ווענ האָבנ זיך געטוליעט הײַזלעך, ווי אויסגעווייקטע, אײַנגעשרומפּענע סטערדעס שטרוי. מאַרינעס פּיס האָבנ געציטערט. אירע הענט האָבנ צוגעהאַלטנ קראַמפּיק דאָס לויזע אײַנגעדאַרטע פּעקל, וואָס איז פונ איר אַראָפּגעהאַנגענ, ווי אנ אופגעבלאָזענער זאַק.

ס'איז געווענ שווער איבערצוקלערנ: אינ צוויי וואָכנ אַרום — און ביז דעמולט? און דערבײַ קאָנ זי האָב קוים פאַרהינגענ פאַר זיך אַלײנ? מע צאָלט אַביציק גראָשנ אָדער א זלאָטע פּאַרנ טאָג. הערפונ זאָלנ לעבנ פיר מענטשנ? און אַרבעטנ מוז זי פונ זעקס אַזייגער פרימאָרגנ ביז אײַנגעדרנאַכט אַרײַנ. די אַלטע קאָנ זיך נישט רירנ. זאָלנ די קינדער זײַנ אַלײנ? און ערשט וואָס וועט בלײַבנ פאַרנ ווינטער?

דער באַרג מיט טרויער, וואָס האָט זיך אָנגעהויפט דאָרט אינ דער קלײנער שטוב, איבער די לאַנגע ווינטערדיקע טעג און נעכט, האָט זיך איצט א הייב געטאָנ איבער מאַרינעס קאָפּ און אים אַראָפּגעדריקט אפ איר אָפּגעשוואַכטער פּלייצע — נאָר זיך אויסצוצינ אינמיטנ ווענ.

בלויז פונדערווײַטנס האָט געפלעמלט א טליענדיקער פונק. דער פונק האָט זיך געצויגנ איבער ווענג, איבער פעלדער, איבער שטעט, זיך געצויגנ מײַלנווײַז — פונ דאָרט, ווו אַנדריי איז געווענ. פונ יענעמ נישט קלאָרנ, ווײַטנ אָרט.

ער קאָנ האָב א ליאַדע טאָג אָנקומענ, אַנדריי — — — —

פונ לייבושקעס שטוב האָט אַרויסגעלויכטנ א פענצטער. די פענצטער פונ די אַנדערע כאַטעס זײַנענ נישט אַרויסגעאַנגענ אפנ ווענ אַרויס.

וויאַזוי מאַרינאַ האָט זיך דאָס פּלוצעמ אָפּגעשטעלט? אירע פּיס האָבנ געציטערט. אירע הענט האָבנ נאָך קראַמפּיקער צונויפגעצויגנ

דאָס הארטע פעלצל. אָט, לייבושקע האָט דאָך אויך פעלד? נאָר ווי קאָנ זי דאָס ארײַנגיינ צו אים? ווענ האָט זי דענ געהאט צו טאָנ מיט אים? דער ייִד איז א קארגער — אָבער פעלד? ווענ זי זאָל כאָטש באקומענ אוואָסער שטיקל פעלד! מע קאָנ ארבעטנ אפנ פעלד, אינ־צווישנ קאָנ מענ דערווײַל עפעס פארדינענ, קארטאָפל קאָנענ זײַנ באלד פרישע. אונ וואָס מענ ארבעט אָפ אינ זומער בלײַבט אפ ווינטער.

זאָל זי ארײַנגיינ צו לייבושקענ אינ שטוב?

וועט אנדריי באלד קומענ?

זאָל זי גיינ ארבעטנ אפנ הויפ?

איבערנ קאָפ איז איר געוואקסנ דער בארג מיט טרויער. זי איז צוגעגאנגענ צו לייבושקעס שטוב — בײַ דער טיר האָט זי פארלוירנ דעם מוט, פארלוירנ דאָס לאָשנ אונ געגאנגענ צוריק.

א פארפרילינגדיקער ווינט איז געריטנ אפנ טונקעלנ האָרב פונ דער נאכט.

די אלטע האָט געהוסט, איר געלעגער האָט געקרעכצט, זי האָט געפ־רעגט:

— אננאָ, מארינא? ביסט געווענ ערגעצ?

ס'האָט זיכ געהערט, ווי אינמיטנ דער נאכט וואָלטנ שטשורעס גע־קראצט אונטערנ בעט.

אינדערפרי איז מארינא געשטאנענ באַם פענצטער. ווער קומט דאָס דאָרט ארופ מיט דער סטעזשקע? לייבושקעס זונ. וואָרהאפטיק — —

זי האָט ארופגעכאפט דאָס פעלצל אפנ הוילנ העמד אונ ארויס פונ שטוב. געבליבנ שטיינ באַם פלויטל, וואָס גרענעצט מיט דער סטעזשקע. לייבושקעס זונ איז צוגעקומענ נעענטער. מארינא האָט געפ־לאמט איבערנ גאנצנ פאָנעם. זי האָט פארגעסנ צו פארקנעפלענ דאָס פעלצל. אונ פונ העמד האָבנ ארויסגעקוקט האלבע, קײַלעכיקע ברוסטנ מיט דינינקע בלויע אָדערלעכ. לייבושקעס זונ האָט זיכ אָפגעשטעלט אונ צוגעקומענ צום פלויט. ער איז געווענ הויכ אונ דאר מיט א ברוינ קנאָכיק פאָנעם. זײַנע שווארצע אויגנ האָבנ צום ערשטנ א כאפ גע־טאָנ דאָס אופגעדעקטע אונטער מארינעס נאקעטנ האלדז.

— גוטמאָרגנ, מארינא, אנדריי קומט נישט, הע?

— דאָברי דזיענ, פאניטשו. ווייס איכ ווענ אנדריי וועט קומענ?

— אנדריי וועט לאנג נישט קומען. פארלאָז דיך. דער פּאָפּ האָט שוין געזאָגט, אַז אַנדריי — — —

זײַן אָטעם האָט זיך איבערגעריסן, ווי א שוואכער פאָדעם. ער האָט זיך שטאַרקער צוגעבויגן צום פּלויט. זי האָט געזאָגט:

— פּאַניטשו — — —

— זאָג, מאַרינאַ, הע? איך מיין, מאַרינאַ, דו קאָנסט לעבן אַזוי לאַנג אָן אַ מאַן? הע? מאַרינאַ — דו ביסט, אַ כאַליערע, שיין — ווי אַ יונגע זשורעכיע. עך, מאַרינאַ!

— פּאַניטשו, איך וואָלט אײַך געבעטן, פּאַניטשו — ווען אונדזער טאַטע וואָלט מיר געגעבן אַ שטיקל פעלד — איך וואָלט עס באַאַרבעט, ווי אַן אייגנס. ווי אַ קינד. אַ, פּאַניטשו? פּאַניטשו? — — —

— ביסט דאָך נישט קיין קינד, מאַרינאַ, וואָס וועסטו טאָן מיטן אונדזער פעלד? אַז בײַ אונדז וועט מען שטעלן הײַיאָר לויטער טאַבאַק. וואָס טויג דיר טאַבאַק, הע? פאַרשטייסט: איך וואָלט דיך שוין געוואָלט האָבן בײַ אונדז, פאַרשטייסט? דו ביסט, אַ כאַליערע, שיין, אַזוי ווי כ'האָב געזאָגט, נאָר ווי אַ יונגע זשורעכיע. כ'וואָלט אָפּגעגעבן אַ שטיק — כאַליערע!

— נו און קאַרטאָפל מיט קוקורוזע? אַ, פּאַניטשו? און עפּשער וואָלט עס מעגלעך געווען? אַ? פּאַניטשו — איך וואָלט אַזוי געבעטן.

זי האָט אויסגעשטרעקט צו אים די הענט, נישט ווייסנדיק צוליב וואָס. עפּשער האָט זי געמיינט אַזוי צו בעטן בײַ אים? ער האָט אָנגעכאַפּט אירע הענט און פאַמעלעך, גליטשנדיק דערגרייכט די ווערטער צווישן די נאַס געוואָרענע ליפּן, זײַנע זײַנען אויסגעצויגענע, דראָטענע פינגער צוגעקראָכן צו די האַריקע גריבלעך און דאָרט געגראָבלט, ווי מיט אַ גראַבליע אין גראָז.

— קאַרטאָפל מיט קוקורוזע? איך פאַרשטיי. ווי אַזוי זאָל איך דאָס נישט פאַרשטיין? אַז איך זאָג דיר, איך פאַרשטיי, נאַ? הע? מאַרינאַ! וועסט האָבן, אַז זאָל איך אַזוי געזונט זײַן, אַז וועסט האָבן. דו קעלבל דו, דו!

מאַרינאַ האָט אָפּגעכאַפּט אירע הענט. עמעצער איז אָנגעקומען מיט דער סטעזשקע פון וועג. לייבושקעס זון האָט געשטעלט אַ פּוס אום צוריק.

— גוטמאָרגן.

— א גוטמאָרגנ.

אנ אלטיטשקער פויער, איינגעהילט אינ אנ אָפּגעקראָכנ פעלצל, מיט א שטרויענעמ היטעלע איבער די קודלעס, האָט געקוקט מיט נאַקעטע פארבלאָטיקטע פיס די ווייסע ראָשטשינע.

לייבושקעס זונ האָט זיכ ווידער דערנעענטערט:

— דו, מארינא? ס'איז ווער דאָרט בא דיר אינ כאטע?

— יאָ. די קינדער, די מאמע.

מארינעס פּאָנעמ האָט זיכ געבלייכט. אירע ליפּנ האָבנ געציטערט:

— פאניטשו, נו, אונ וואָס וועט זיינ מיט פעלד?

— מיט פעלד? מיר וועלנ באטראכטנ. איכ קאָנ דיר דאָס שוינ היינט זאָגנ. אָבער ווו? ווע? ווו?

מארינא האָט אויפגעמאכט דאָס מויל אונ נישט פארשטאנענ, אונ נישט געוווסט, וואָס צו ענטפערנ.

— ווייס איכ דאָכ ווו! — האָט זיכ לייבושקעס זונ געכאפּט. — ווייסט וו, מארינא? היינט באנאכט אינ אלטנ קלויסטער. וועסטו קומענ?

מארינא האָט שנעל א זאָג געטאָנ, נישט באטראכטנדיק זיכ:

— כ'וועל קומענ.

לייבושקעס זונ האָט זיכ צו איר צוגעבויגנ נעענטער:

— איכ וועל דיר געבנ א גרויס שטיק פעלד. פארשטייסט? א גרויססס, א גרויססס, מארינא. אז ס'וועט ווערנ טונקל — פארשטייסטו? איכ וועל ריידנ מיטנ טאַטנ. וועסט קומענ ?

— איכ וועל קומענ.

ווי א גאנעוו, וועלכער האָט מוירע פארנ טאָגליכט, אזוי האָט זיכ ארײַנגעכאפּט די נאכט אינ דאָרף. פאמעלעכ, קריכעדיש, אפ נישט צו באמערקנ — אינ מיטאמאָל שטייט די נאכט פארנ פענצטער.

אז דער לאנגער זונ לייבושקעס איז געגאנגענ צומ קלויסטער, איז די נאכט שוינ געלעגנ אפ די דעכער, ווי א געדיכטע וואָלענע דעק.

דער קלויסטער איז געווענ אמאָל גרויס אפ ארײַנצונעמענ עטלעכע הונדערט מענטשנ אינ זיכ. דער רוסיש-עסטרײַכישער קריג האָט בא אימ ארויפגעשאָכנ דעמ דאכ אונ צעשפּאָלטנ די ווענט. דאָס געהילצ איז פארברענט געוואָרנ. דער ברייטער, הויכער ארײַנגאנג איז באדעקט מיט שווארצער סאזשע. דער פּאָפּ זאמלט צוגויפ געלט אפ צו רעגאָווירנ אימ,

דערווײַל שטייט ער ליידיק אונ איז א באַהעלטעניש פֿאַר מעשונע גע-וואָרענע קעצ אונ פֿאַר הינט, וואָס ווילנ זיך פּאָרנ.

לייבושקעס זונ האָט זיך אָנגעשטויסנ אָנ צעבראָכענע הענט, פיס, קעפּ פונ פאַרשיידענע הייליקע. אינעווייניק, הינטער דעמ שוואַרצ פאַ-סאַזשעטנ אַרײַנגאַנג, האָט ער שוינ געטראָפנ שטיינ מאַרינען. ער האָט זיך דערשראָקנ. זי האָט אויסגעזענ אינ איר איינגעהילטער געבויגנקייט, ווי א לעבעדיקע הייליקע.

— דאָס ביסטו, מאַרינאַ? גוט האָסט געטאָנ, גערעדט מיט טאַטנ, באַקומסט פעלד. אָבער א גרויס שטיק, זאָג איך דיר. פאַרשטייסט?

— א, פאַניטש? איך האָב אַזוי מוירע.

ער האָט זי א נעמ געטאָנ, ארונטערגעקראָכנ מיט זײַנע לאַנגע הענט אונטערנ פעלצל.

— דו האָסט מוירע? ביסטו אָבער א נאַר. לויטער שטיינ. ס'לאָז ניט רירנ. אונ קיינ לעבעדיקער מענטש איז ניטאָ.

ער האָט אויפגעריסנ ס'פעלעצל, זי צוגעדריקט צו זיך. מאַרינאַ האָט שווער געאָטעמט.

— דו האָסט מוירע? ביסטו אָבער א נאַר, מאַרינאַ. דו וועסט דאָס פעלד אַליינ ניט קאָנענ באַארבעטנ — אַזוי גרויס וועט עס זײַנ. האַ?

— כ'וועל אַליינ באַארבעטנ. כ'וועל גוט באַארבעטנ. ווי אַנ אייגנ קינד. לאָז מיך אָפּ, פאַניטשו.

— אַניט וועסטו קאָנענ אַליינ באַארבעטנ? ס'וועט זײַנ צו שווער פאַר דיר. אַזוי פיל פעלד! כ'וועל דיר לאָזנ העלפנ דורכ אונדזערע באַ-ראָבקעס. עס וועט קיינער ניט וויסנ. פאַרשטייסט?

ער האָט זי א בייג געטאָנ, זי שיר ניט איבערגעבראָכנ. זי האָט זיך געבעטנ:

— פאַניטשו? לאָז מיך אָפּ, פאַניטשו.

— דאָס פעלד וועסטו האָבנ אפ צוויי יאָר, ניט אפ איינ יאָר.

ס'איז געוואָרנ שטיל. ס'האָט זיך געהערט דאָס שאַרנ פונ פיס, דאָס שורכנ פונ קליידער. צווישנ די פיר הויכע, שטיינערדיקע ווענט האָט זיך געטונקענ, ווייכ־דורכזעעוודיק, א בלויע געדיכטקייט. מאַרינאַ איז געלעגנ האַרט בײַ דער וואַנט, אפ א גרויסנ שטיינ מיט אַנ אויסגע-קריצטנ צײַלעמ, וועלכער האָט צוגעדעקט דעמ קייווער פונ הייליקנ פאַ-

טער גרינאַרי האָוולישטשוק, דעמ ערשטנ פּאַפּ פונ קודריניץ. ס'האָט זיכ פונ איר געהערט:

— אָי באָזשע, מי באָזשע. אַנדריי וועט מיכ דערהרגענענ. אָי באָזשע, מי באָזשע. פּאַנימשו — — —

— אַנדריי וועט דיכ נישט דערהרגענענ. ער וועט נישט קומענ שוינ מער צוריק. זײַ איצט רויִק, מאַרינאַ.

— פּאַניטשו? פּאַנימשו?

— נו, איצט רויִק, מאַרינאַ, איכ בעט דיכ. איטלעכס יאָר וועל איכ דיר געבנ א סאַכ פעלד. וויפל דו וועסט נאָר וועלנ — אַזויפיל פעלד.

זי האָט צונויפגעביסנ די ציינ אונ שטיל שעפּטשענדיק, האָט זי אויסגערופנ אַלע הייליקע אָװעס בײַ זייערע נעמענ.

דער אויסגעקריצטער צײַלעמ אויפנ שטיינ פונ גרינאַרי האָוולישטשוקס קייווער האָט זיכ אַרײַנגעשניטנ טיפ אינ מאַרינעס רוקנ. ס'האָט איר שטאַרק וויי געטאָנ.

קודריניץ

די אויגוסט-זונ האָט זיכ געבאָדנ אינ שטויב. דער פּײַנמעליקער שטויב אויפנ ברייטנ וועג האָט געגליט, ווי אַש פונ ברענענדיקע קוילנ. ס'איז געווענ זונטיק. די זונ איז אַרויס מיט אַנ אָפּגעוואַשנ פּנים, מיט א גלאַנצנדיקנ שטערנ אונ מיט פלאַמענדיקע אויגנ. דער בלויִלעכער הימל איז געווענ ציכטיק — ווי די מענטשנ, וואָס אויפנ וועג אינ קלויסטער אַרײַנ.

מענ איז געגאַנגענ אויפ די זײַטיקע סטעזשקעס אונ אויפנ ווײַסגעשטייגערטנ וועג, וועלכער האָט אַדורכגעשניטנ דאָס דאָרפ אינ צוויי העלפטנ ווי א וואַסער. טונקל טוכ, ענג אַרומגעוויקלט, אָנשטאָט געגייטע קליידער, האָט געקלאַפּט אויפ האַרטע כאָליעוועס פונ שוואַרץ-גלאַנציקע שטיוול. ס'האָט געקלאַפּט האַרט אונ שנעל ווי א פּעכער, ווי פילע פּעכערס. פונ אונטערנ גראָבנ טוכ האָבנ זיכ אַרויסגעוויזנ ווײַסע, לײַוונטענע זוימענ פונ העמדער. די פענעמער פונ די ווײַבער זײַנענ געווענ פאַרבונדנ מיט שוואַרצע טיכלעכ, פונ אונטנ אַרופ, גלײַכ אַלע וואָלטנ זיי געהאַט ציינווייטיק. פונ אונטער דער גאָמבע זײַנענ אַפּירגעגאַנגענ די שפּיצנ פונ די טיכלעכ, ווי הערנ, אויסגעצויגענע העלדזער בײַ מאַ־

גערע גענדז. די מיידלעך זײַנען געווען אָנגעטאָן אין פאַרביקע קליידער, זיי האָבן געהאַלטן גרויסע, ווײַסע טיכלעך אין די הענט, און זיי זײַנען געגאַנגען באָרוועס. שטאָלץ ווי די הענער זײַנען געגאַנגען די מענער. מיט זייערע קליינע שטרויענע קאַפּעליושלעך, באַפּוצט מיט העל־פֿאַר־ביקע בענדלעך, מיט זייערע קורצע, אָנאַרבלדיקע, גלאַט־געאַרבעטע פּעלצלעך, גראָבע, לײַוונטענע הויזן און שוואַרץ־געגלאַנצטע שטיוול — האָבן זיי אויסגעזען, אין דער ווײַס־גלאַנצנדיקער זון, ווי מאַסקאַראַדן אין אַ פֿריילעכן יאָנטעוו.

זיי זײַנען געגאַנגען מישפּאָכעווײַז: צוערשט די מענער, הויכע, ברייטע, מיט בלאָנדע וואָנצעס, די הענט אויף הינטן — הינטער זיי די ווײַבער — און צום לעצט האָט זיך נאָכגעשלעפּט דאָס יונגוואַרג.

מען האָט געשוויגן. פֿרומע לײַטזעליקייט איז געלעגן אויף די ברייטע פֿאַרהאָרעוועטע פּנעמער.

פֿאַרכאַלעשט זײַנען געשטאַנען די גרינבלעטיקע ביימער. זיי האָבן אײַנגעצויגן דעם אָטעם און געלעכצט אַנטקעגן דער ברענענדיקער זון און געוואַרט אויף רעגן. פֿון זייערע צעשפּרייטע צווײַגן זײַנען אַראָפּ־געהאַנגען בלויע, קײַלעכיקע, מיט גרויען שטויב באַשאָטענע פֿלוימען, געלבלעכע גרינע באַרן און ראָזע עפּל.

שטיל, ווי אויסגעשפּרייטער לײַוונט, איז געהאָנגען דער הימל הויך איבער קוהרינייץ. רעכטס פֿון דאָרף האָט זיך געצויגן דער וואַלד — אַ געדיכטע גרינע בלויקייט — העט ווײַט זיך געצויגן ביזן האַלדז פֿון ווײַטן האָריזאָנט. לינקס איבערן זברוטש האָט זיך געהויבן דער גרוי־פֿעלדזיקער און גראָזיק געפֿלעקטער באַרג פֿון סאָוועטרוסלאַנד.

די קלויסטער־גלאָקן האָבן געזונגען אין אַלט־באַקאַנטן, זונטיקדיק־אויפֿגעפֿרישטן געזאַנג. געטראָגן זיך איבער קוהרינייצער כאַטעס און אײַנגעשטופּט זיך דורך די שפּאַרונעס אין די שטאַלן. די קי האָבן אויפֿגעריסן די אויערן, אויסגעצויגן די העלדזער און פֿרום־פֿאַרטראַכט געמעקעט. אין קליינעם שאָטנדיקן קלויסטער האָבן געל־וואַקסענע ליכט געפֿלעמלט, מענטשן זײַנען געשטאַנען, ווי פֿאַרשטיינערט, הויך אויס־געצויגן, און שווײַגנדיק זיך געצײלעמט.

און נאָך דער הייליקער צערעמאָניע האָט דער פּאָפּ זיך געווענדעט מיטן פּנעם צו די בעטערס און צו זיי געזאָגט אַזוי:

— האָרט, אויף דער אַנדערער זײַט, האָט גאָט אַראָפּגענומען די האַנט

פונ זייער פארשטאנד, פארנעפּלט זייערע אויגנ אונ באשווערט זייערע הערצער מיט א שווערנ שטיינ. זיי, דאָרט, לעסטערנ גאָט מיט שאנדהאפטע ווערטער אונ פארומרייניקנ די צערקוועס מיט קלובנ, מיט שקאָלעס אונ מיט אנדערע אומרייניקייטנ. האָט גאָט זיי דערפאר נאָכ מער געשטראָפט, אונ אויפגעריצט זיי איינעמ אנטקעגנ אנדערנ. זיי האָבנ זיכ נישט מער באנוגנט, ווי ביז איצט, מיט געטריבטע פעלדער פונ פרעמדנ אייגנס אינ מיטנ צעטיילנ דעמ גערויבטנ צווישנ די רויבערס — גאָט האָט זיי פארבלענדט אונ זיי רויבנ איצט איינער בא'מ אנדערנ. ווער ס'האָט א שטיקל פעלד, בא דעמ נעמט מענ עס אוועק אונ מע מאכט דערפונ, ווי זיי רופנ דאָס אָנ, א קאָלעקטיוו. קיינער איז נישט מער זיינ אייגענער באלעבאָס — איינער איז א דינער בא א צווייטנ דינער אונ אזוי ווייטער.

— אָ, גאָט דער הייליקער האָט שווער געשטראָפט רוסלאנד אונ באזונדערס אונדזערע אוקראַינישע ברידער אונ אונדזער פאָטערלאנד. לאָמיר זשע בעטנ צו גאָט דעמ הייליקנ, אָ, לאָמיר פאלנ אפ די קני אונ בעטנ צו גאָט דעמ גרויסנ אונ דעמ געהייליקטנ, אז ער זאָל אויסלייזנ די ברידער אונדזערע אונ אונדזער פאָטערלאנד, אונ זיי באהיטנ פונ די אומרייניקע הענט, פונעמ זינדיקנ ווילנ פונ די פארשאָלטענע אונ זינדיקע אונ אומרייניקע באָלשעוויקעס — אזוי ווי ס'זאָגט זיכ אינ טילימ.

דער ווייבער, פליישיקער באס פונעמ פּאָפּ האָט זיכ געשפּרייט איבער די קעפּ פונ די גלייביקע אונ אריינגעזונגענ אינ די אויערנ פונ איטלעכנ איינעמ באזונדער גאָטפאָרכטיקע ווערטער.

מענ איז אוועק פונעמ קלויסטער מיט פולע מאָגנס, כאָטש נישט אלע האָבנ פארשטאנענ, וואָס דער פּאָפּ האָט געזאָגט. די, וואָס האָבנ נישט פארשטאנענ דעמ פּאָפּ, האָבנ זיכ נייגעריק נאָכגעפרעגט—אונ די, וואָס האָבנ פארשטאנענ, האָבנ נישט קיינ סאכ געוווּסט, וואָס נאָכצודערציילנ. דערפאר האָט זיכ דאָס געהערטע צעוואקסנ אינ דער לענג אונ אינ דער ברייט, ווי אנ איבערגעיוירנ ברויט.

ארומ גאנעק פונ דער פּאָסט איז געבליבנ שטיינ א גרויסער מענטשישער אוילעמ. די הענט פארלייגט פונ הינטנ, די הענט פארפלאָכטנ אפ דער ברוסט. דער ברייטער פלאצ פאר דער פּאָסט איז געווענ פול מיט געל־געגארבטע פעלצלעכ, מיט שווארצ־גלאנציקע שטיוול אונ מיט קליינע, שטרויענע, באבלומטע היטעלעכ.

באבי, איוואנ באבי, דער ווייט, האָט שמייכלענדיק געוויזנ זיינע שוואַרצע, צעגריזשעטע ציינ. צוערשט געשוויגנ. געוואָלט הערנ „די שטימונג" פונ די אייגענע. ער איז געווענ א קלוגער, אָט דער איוואנ באבי.

מע האָט גערעדט אפנ פלאַצ:

— וואָס איז אזוינס א קאָלעקטיוו?

— אזא פאַריינ.

— א וואָס? דאָס איז דער הערשער זייערער.

— רייד נישט קיינ נארישקייטנ! דאָס איז א באפעל אזא.

— איכ זאָג, מע קאָנ נישט וויסנ. מע קאָנ נישט וויסנ, זאָג איכ, וואָס די באָלשעוויקעס טראַכטנ. נישט אלצ אויס. ס'וועט באלד באַ זיי הייסנ, אז מע זאָל גיינ מיטנ קאָפּ אראָפּ אונ קנייענ גראָז... איצט גיי זשע דו אונ זיי א באָכעם.

— אונ דו בעבעסט, ווי אנ אלטע קאָקאָשקע, אונ פארשטייסט גאָר־נישט. שיינ וואָלט עס געווענ, אז מע זאָל דעמ פאָפּ אונדזערנ אלצ גלייבנ. ס'פארשטייט זיכ לויטנ פּאָשעטנ פארשטאנד, אז וואָס זיי האָבנ דאָרט דעמ פאָפּ זייערנ אָנגעטאָנ א קיטשמע איבער די אויערנ, אונ אימ פארטריבנ צו די אלטע פריידזיאדקעס — אז דאָס־אָ, פארשטייט זיכ, ברייט דעמ אונדזעריקנ שטארקער ווי הייסער אָקריפּ אפנ הוילנ הינטנ. פארשטייט זיכ.

— אָט, אָט, אָט. דאָס וועט עס זיינ! ער האָט מוירע פארנ אייגענעמ בענקעלע, דער אונדזעריקער. אָט, אָט, אָט. — האָבנ אייניקע פעלצלעכ זיכ געטרייסלט פאר לאכנ, אנדערע האָבנ געקרייזלט די ליפּנ, אונ אנדערע ווידער האָבנ צוגעמאכט די אויגנ, געקנייטשט די נעז, אָדער געטאָנ א הוסט — אזא, וואָס האָט אויכ עפּעס צו זאָגנ.

„די שטימונג" האָט זיכ געטיילט אינ נישט גאָר קיינ גלייכע צוויי טיילנ. ארומ דעמ גרעסערנ טייל האָבנ זיכ געהאלטנ הויפּטזעכלעכ די יונגערע פויערימ אונ די גאָר נישט כאסענע געהאטע בעכורימ.

זאליזשניאק איז געווענ דער רעדנער פונעמ גרעסערנ טייל. אונ איוואנ באבי האָט געקליבנ איטלעכ וואָרט זיינס.

זאליזשניאק איז א הויכער, מיט אנ איינגעבויגענעמ רוקנ, פונ צו פיל הויכקייט, אונ מיט א גרויסער נאָז. זי זעט זיכ באַ אימ ארויס

שטאַרקער, ווי דאָס גאַנצע איבעריקע פּאָנעמ זײַנס. ער האָט געזאָגט אַזוי:

— אַ קאָלעקטיוו, פאַרשטייט זיכ, דאָס איז צונויפגענומענ פונ עטלעכע, פונ וויפל ס'זאָל נישט זײַנ, אײנס אַ שוטפעס. אָט דאָס איז אַ קאָלעקטיוו, דאָס איז נישט קיינ שלעכטע זאַכ. דאָס, פאַרשטייט זיכ, לויטנ פּאָשעטנ פאַרשטאַנד. אַ פערד, וואָס איר וועט טרײַבנ אַפ אַ מאָגערער פּאַשוויסקע, אָט אַזאַ פערד וועט טאָמיד האָבנ טרוקענע ביינער. און דאָס פערד, וואָס איר וועט טרײַבנ אַפ אַ רײַכער פּאַשוויסקע, בא דעמ פערד וועט מענ שוינ די ביינער נישט אַרויסזענ. טרײַבט מענ אָבער אַלע פערד אַפ דער זעלבער פּאַשוויסקע — נו, וועלנ אַלע גלײַכ אויסזענ. און דאָס, זאָג איכ, פאַרשטייט זיכ, לויטנ פּאָשעטנ פאַרשטאַנד. הע?

די צוויי טײלנ האָבנ זיכ אָנגעקוקט. באַמ גרעסערנ טייל: די מײַלער אופגעריסנ, באַמ קלענערנ: די נעז אַראָפּגעלאָזט.

באַבי, איוואַנ באַבי, איז געווענ דער רעדנער פונ קלײנעמ טייל. ער איז אויכ אַ הײכער, נאָר נישט אַזוי הויכ ווי זאַליווישניאַק. אַ נאָז האָט ער אַ קליינע, און די שטייענדיקע געלע האָר פונ דער נידעריקער וואָנצע פאַרשטעלנ בא אימ קימאַט די גאַנצע נאָז. באַבי איז געשטאַנענ אָפנ גאַנעק. ער האָט געזאָגט:

— און די באָלשעוויקעס ווילנ, אַז אַלע פערד זאָלנ פייגערנ. זײ פירנ דאָכ נישט קיינ ווירטשאַפט? פּאָליטיק איז בא זײ אַלצ און דער יינגסטער האָט אַרײַנגעזאָגט אַ רייע דעמ עלטסטנ. נו, איז וואָס קאָנ מענ צו דעמ זאָגנ? אָט יענע וואָכ שטײ איכ בא מײַנ פעלד (זײַנ פעלד ליגט באַמ זברוטש), און וואָס איכ האָב מיכ אָנגעהערט אײנ אַ שמועס, וואָס ס'האָט זיכ געפירט „דאָרט“, אַפ דער אַנדערער זײַט, איז דאָס געווענ שוינ געגנ פאַר מײַנע אויערנ.

עמעצער האָט אימ צוגעוואָרפנ:

— היי, באַבי, בא אײַכ זײַנענ דאָכ די אויערנ פאַרשטאָפּט מיט האָרבעזעמלעכ — טאָ וויאַזוי האָבנ זײ געקאָנט הערנ?

די מענטשנ האָבנ הויכ געלאַכט, און מע האָט ווײַטער גערעדט.

מיט דער לענג פונעמ זברוטש איז געגאַנגענ ליבוישקעס זונ זײַנ דער אײגענער צײַט. דאָס איז געווענ אַנ אָפּגעמאַכטע זאַכ שוינ אַ

גאנצנ זומער אזוי. זונטיק, אינ דער זעלבער צײַט, ווענ די אנדערע זײַנענ אינ צערקווע, צו גײנ מיט דער לענג פונעם זברוטש.

די פעלדער האָבנ זיכ געמינעט מיט גרינע, געלע, רויטע פארבנ. אפ ווײַטע שטרעקעס זײַנענ געשטאנענ די הויכע, גרינע שטענגלעכ מיט ברייטע זאפטיקע אינ שפיצפארלויפנדיקע טאבאקבלעטער. דעמ הויכנ לייבושקעס זונ האָט מענ נישט ארויסגעזענ אפילע. דאָס גראָז צופוסנס, אפנ פלאכנ ברעג, איז געווענ נידעריק אָפגעקאָסעט. אינ אויסגעווארעמטנ בעט פונ שטילנ, שמאָלנ זברוטש האָבנ זיכ פישעלעכ געשפילט ווי קלײנע קינדער — נאָכגעיאָגט זיכ, באהאלטנ זיכ אונ באלד ווידער א שפרונג געטאָנ פונ באהעלטעניש ארויס אונ ווידער אָנגעהויבנ דעמ אלטנ שפיל פונדסנײַ.

אפ דער צווייטער זײַט זברוטש, אינעמ דאָרפ, וואָס ליגט הארט בא דער פעלדזיקער וואנט, איז געווענ נישט ווײַט א פארזאמלונג פונ פארביקע מענטשנ. רויט אונ ווײַס האָט דאָס סאמע מייסטע ארויסגעשטאָכנ. אונ איינער אינ א ווײַסער בלוזע, אופגעשטעלט העכער פונ אלע, האָט עפעס דאָרט גערעדט, געוואָרפנ מיט די הענט אונ קעסיידער געוויזנ אריבער די פעלדער, איבער די בערג. שטיקלעכ אָפגעריסענע ווערטער האָבנ זיכ אהער אריבערגעכאפט, ווי זומער־פייגעלעכ, אונ ווײַטער ערגעצוו פארפלויגנ. שפעטער האָבנ זיכ געהערט פונ דאָרט הויכע, שווערע באָמקעס פונ א פויק.

לייבושקעס זונ האָט געזענ שטײנ מארינענ אנ אײַנגעבויגענע אינ פעלד אונ ארבעטנ. זײַנע שריט האָבנ זיכ פארטאָפלט. אז ער איז צוגעקומענ נעענטער, האָט זי זיכ אויסגעגלײַכט אונ א פארויטלטע געקוקט אָנ א זײַט. איר העמד איז געווענ ווײַס ווי שניי. איר פאָנעמ פולער ווי אינ סאָפ ווינטער אונ באשפרענקלט מיט פרישע זומער־שפרענקעלעכ. אינ א מינוט ארומ האָט זי זיכ ווידער אײַנגעבויגנ אונ זיכ גענומענ נאָכ שנעלער ווי פריער צו דער ארבעט. לייבושקעס זונ האָט זיכ אומגעקוקט ארומ אונ ארומ אונ געזענ שוועבנדיקע, פארביקע פעלדער. אפנ אָרט, וו זיי בײדע זײַנענ געשטאנענ, האָט ער זי א נעמ געטאָנ אונ זי איז אנידערגעלייגט אפ אויסגעבויגענע, גרינע בארלעס פונ רײַפע זומער־קארטאָפל.

— עכ, צעבראָכנט די בארילעס, — האָט מארינא געקרעכצט.

— דו זשאלעווע זיכ, זשאלעווע זיכ.

— טאָ זאָג איך דאָך גאָרנישט, זאָג איך דאָך גאָרנישט. גאָר מ'ע האָט דאָך געקאָנט די באַרילעס ניט באַשעדיקנ עפּשער?

מאַרינאַ האָט געהאַלטנ אירע הענט אַרונטערגעלייגט אונטערנ קאָפּ. מיט גריגע אויגנ האָט זי געקוקט אַפּ די פּאָר אויסגעבויגענע באַרילעס.

איז געקומענ צו פליִענ א פייגעלע, זיך אָפּגעשטעלט אַפּ א באַדיל אינ געגומענ דזשובענ דעם ווייסנ צווייט.

מאַרינאַ האָט אַפּגענומענ די רעכטע האַנט פונ אונטערנ קאָפּ אונ א פּאָכע געטאָנ:

— הוש! אָט דיך דאַרפ איך נאָך האָבנ.

דער פרומער זונטיק האָט גערוט איבער די אויפגייענדיקע פעלדער מיט שווייגנדיקער שטילקייט.

אונ ס'האָבנ זיך צונויפגענומענ צוויי כעווריעס היגער, איינע א רוסישע אונ איינע א פּוילישע, אונ זיך באַגעגנט באַם זברוטש. דאָס וואַסער איז געשלאָפנ. אָפּגעמוטשעט געוואָרנ פונ דער זונ, האָט עס זיך אויסגעבויגנ איבער דער גאַנצער לענג אונ אָפּגערוט.

זונטיק האָט מענ זיך ניט געבאָדנ, זונטיק האָט מענ ניט געוויקט קיינ קאָנאָפּליעס אונ מע האָט ניט געוואַשנ קיינ לייוונט. דערפאַר איז דאָ געווענ שטיל אַרום זברוטש. זיינענ די כעווריעס היגער פונ ביידע זייטנ געקומענ אָפּנעשפּאַצירט, ווי באַלעבאַטימ קומענ זיך טיילמאָל צונויפ אַפּ ביידע זייטנ פונ זייערע פּלויטנ.

— קוקעריקונ!

— קוקעריקונ!

— וואָס מאַכט מענ?

— וואָס הערט זיך?

אונ ס'האָט זיך גענומענ פלעכטנ א שמועס. געווענ געגנ וואָס זיך אָנדערצייילנ פונ א גאַנצער וואָך, נאָר — ווי דער שטייגער פירט זיך — איז זיך דער שמועס באַלד פאַרלאָפנ אינ פּאָליטיק.

איז איידער וואָס־ווענ, האָט זיך די רוסישע בעזדרע געגעבנ א שטעל אויפ, צעהוידעט די רויטע קראַנצנ, צעפּאָכעט די פליגלענ — אונ אינ איינעם א זאָג געטאָנ, שרייענדיק שטאָלצ:

— קוקעריקי־י־י! טאָווארישטשי־י־י! מי באָלשעוויקי־י־י!

פונ די פּוילישע באָסיאַקעס האָט זיך אַרויסגעכאַפּט קוים איינער

א קלײנער, א שװאַרצער מיט א לאַנגער נאָז — א קוק געטאָן אהער, א קוק געטאָן אהינ — הײסט עס: ס'האָרכט נישט אומעטער קײנער — און אָפּגעענטפערט שטיל און הײזעריקלעך, װי געװײנלעך א באַלעבעסל מיט א מײכוש:

— קיקעריקי-י-י. א שאָד אײַער מי-י-י. עס איז נאָך צו פרי-י-י.

אפ יענער זײַט איז געלעגנ אינ טיפנ גראָז אױסגעשטרעקט א רויט-ארמײער, מיטנ בױכ אראָפּ, מיט דער ביקס צװישנ די הענט און מיט א פּאַפּיראָס אינ מױל.

אפ דער זײַט זײַנענ אָנגעקומענ צװײ פּױלישע זעלנער, מיט די ביקסנ אפ די רעכטע אקסלענ, געשװיצט און געשװיגנ.

די כעװרע פּױלישע הינער האָבנ זיך דערשראָקנ, זיך צעשריגנ און אנטלאָפנ אינ אלע װינטנ. דער קלײנער, דער שװאַרצער, האָט אנטלױפנדיק נאָך באַװיזנ אריבערצורופנ אינדערשטיל:

— קי-קי-קי-קי, א שאָד אײַער מי-י-י, האָ-האָ-ב איך געזאָגט, עס איז נאָך צו פרי-י-י?

די באָלשעװיקישע הינער-גװאַרדיע האָט פאַרכידעשט נאָכגעקוקט דעם װילדנ אנטלױפנ, געדרײט מיט די קעפּלעכ, געפּינטלט מיט די אײגלעכ, און אלע אפּאַמאָל האָבנ זײ אױסגעשריגנ הױכ און כוצפּעדיק:

— צו פרי — יאק צו פרי, קוקעריקי-י-י!

דאָס לעצטע קאַפּיטל

אנדרײ איז צוריקגעקומענ. ער איז געקומענ ביז איװאַניע פּוסטי מיט דער באַנ. אז ער איז ארױס פונ די לעמבערגער „בריגידקעס", האָט מענ אים געגעבנ אפ א בילעט און צו אים געזאָגט: גײ, פאָר אהײם.

ער איז געפאָרנ. אינ װאַגאָנ זײַנענ געזעסנ יידנ, סאָכרים, פּױערים, זעלנער. מע האָט גערעדט װעגנ טױטע, װעגנ אָקסנ, װעגנ װינטער-פּאַרזײ און װעגנ מיליטערישנ דינסט.

אנדרײ איז געזעסנ א פרעמדער. ער האָט זיך געשעמט, געמײנט, אז אלע װײסנ אינ װאַגאָנ פונ זײַנ כאַרפּע, און קעסײדער האָט ער געטאַפּט מיט די הענט די הױזנ, דאָס העמד, דאָס היטל. זײַנע אױגנ

האָבן ארויסגעקוקט דורכן פענצטער, און טײַלמאָל זײַנען זיי א פּלי געטאָן איבערן וואַגאָן, זען, צי מע קוקט נישט אף אים. דער צוג האָט זיך געשלעפּט פערצן שאָ לאַנג. אין קלײנע סטאַנציעס זײַנען געלעגן אויפגעהויפט קופּעס ווײַסע בורעקעס, לענגלעכע און פעטע, מיט דינע אויסגעקרימטע ווײדלעך. ס'האָבן זיך געשלעפּט לאַסטצוגן, פולע מיט בורעקעס, געקראָכן אין דער נאָענטער צוקער־פאַבריק. שווערע, ווײַסע אָקסן מיט גרויסע, צעשפּרײטע הערנער, די העלדזער אײַנגעשפּאַנט אין הילצערנע, פירעקיקע יאָכן, האָבן געשלעפּט לאַנגע לײטערוואָגנס, פול אָנגעפּאַקטע מיט שרײַענדיקע און לאַכנדיקע מײדלעך. אַנדריי האָט נאָענט דורך די קלינגענדיקע שויבן פון וואַגאָן איפגיין דאָס בלאַסע פּאָנעם פון דער זון, און ער האָט געזען די זון אונטערגײן א מידע און א שוואַכע.

ס'איז שוין געווען ווידער האַרבסט.

אין וואַגאָן האָבן זיך די פּאַסאַזשירן געביטן. פריערדיקע זײַנען ארויסגעגאַנגען, נײַע זײַנען ארײַנגעקומען. די שמועסן זײַנען געבליבן די זעלבע. אַנדריי האָט נישט אויפגעהערט צו טאַפּן מיט די הענט איבער די הויזן, איבערן רעקל, איבערן היטל. זײַנע אויגן האָבן געבלאָנדזשעט אין דער פרעמד.

צוועלף באַגאָשים איז ער נישט ארויסגעקומען פון די קאַלטע, בײזע מויערן פון גרויסשטאָטישן קרימינאַל.

קײן איוואַניע פּוסטי, די לעצטע סטאַנציע פון דער מיזרעך־גאַליציער באַן, איז ער אָנגעקומען, ווען דער טאָג האָט זיך אויסגעמישט מיט דער נאַכט. די דרויסנדיקע פאַרב איז געווען גרוי־שוואַרץ, גלײַך מע וואָלט ארײַנגעשיט שוואַרצע סאַזשע אין מוטנעם וואַסער. פון איוואַניע פּוסטי איז ער געגאַנגען צופוס מיטן פעלד קײן קודריניץ.

ווײַט און בערגלדיק האָט זיך געצויגן פאַרן אויג דער וועג און דאָס פעלד — גרויער, דורכזעעוודיקער אָטעם און בלויער, פאַרנעפּלטער הימל. א טײַך מיט רויטע און פיאָלעטע שטענגלעך פון אָפּגעשניטענער רעטשקע, ווי א געבלומט טישטעך, איז געלעגן אף דער לינקער זײַט. רעכטס זײַנען געשטאַנען לענגלעכיקע אויפגעשיטע בערגלעך און געוואַרעמט אונטער זיך וואַגאָנעס מיט קאַרטאָפל פאַרן ווינטער און פאַרן קומענדיקן פרילינג.

אַנדריי, הויך און ברייט ווי א בוים, איז געגאַנגען שווײַגנדיק אין דער נאַכט אַרײַן.

באמ פאָפ אינ שטוב האָט געברענט א גרויסער הענגלאָמפּ, אונ א רערנלײַכטער מיט זעקס ליכט איז געשטאַנענ אפנ טיש. געזעסנ באמ טיש איז דער פאָפ, זײַנ געליבטע טאָכטער טאַמאַרא אונ דער קאָמענ־דאַנט גורעוויטש. געשטאַנענ אפנ טיש זײַנענ צוויי פלעשער מיט שטאַרקנ בראַנפנ אונ מיט ווײַבערישנ ווישניאַק, א טעלער מיט רויטע עפל, א טעלער מיט גרינע ווײַנטרויבנ אונ א טאַץ מיט ברוינע געבעקס. צווישנ די זאַכנ, אינמיטנ טיש, איז געשטאַנענ א הויכער, פאַרזילבער־טער יעזוס אונ מיט פאַנאַנדערגעשפּרייטע הענט האָט ער געדולדיק אונ גוטמוטיק אַראָפּגעקוקט אפ די וווילשמעקנדיקע אויבסנ. דער פאָפ, שוינ א ביסל פריילעכ אונ מיט א גלאַנציקנ שטערנ, האָט געזאָגט:

— מײַנ געליבטער פרײַנט, הער גראַפ גורעוויטש, איכ זאָג, אז איי־ראָפּע איז א נאַר אונ א שלימאַזל. ערשטנס, א נאַר: פאַרוואָס מע לאָזט לעבנ אינ שכיינעס אזא גיפטיקע שלאַנג, אזא וולקאַנישנ קעסל, אזא זודיקנ געטמע, ווי די סאָוועטנ. צווייטנס, אזא שלימאַזל: פאַרוואָס מע האָט שוינ לאַנג נישט געמאַכט א סאָפ צום גאַנצנ שפּיל! באָלשעוויע אונ אייראָפּע — פאַגיע האָברי דזשעי, — דאָס איז א פליי מיט א העלפאַנד.

באמ פאָפ האָבנ די גומי־זעקעלעכ פונ ביידע זײַטנ באַקנ זיכ גע־צויגנ אונ זיי האָבנ געגלאַנצט, ווי זיי וואָלטנ געווענ געשמירט מיט כאַזערשמאַלצ. די ווייכע בערשטלעכ איבער די אויגנ האָבנ זיכ אופ־געשטעלט, ווי באַ אַנ אַלטנ, אויסגעקוועטשטנ כאָכעמ אונ געוואָרט אפ א קלוגנ ענטפער.

אז דאָס גלאַטע אָפּגעראַזירטע אונ פײַנ־אָנגעפּאָמאַדירטע פּאָנעמ פונ־קאָמענדאַנט האָט געשמייכלט מיט א זעלבסטפאַרשטענדלעכער באַ־וווסטזיניקײַט אונ נישט אזוי שנעל געענטפערט, האָט דער פאָפ נאָכאַ־מאָל געפרעגט:

— נו, אונ וואָס מיינט דערצו מײַנ געליבטער פרײַנט גראַפ גורע־וויטש?

— וואָס איכ מיינ? איכ מיינ, אז אַלצ גייט דאָ מיט א באַשטימ־טער, קלאָרער אונ קלוגער אייראָפּעיִשער פּאָליטיק.

— אהא! — האָט דער פאָפ זיכ געכאַפּט.

— אונ אזוי איז עס. — האָט דער קאָמענדאַנט פאַרענדיקט.

דאָס גלאַטע, אָפּגעראַזירטע אונ פײַנ צופּאָמאַדירטע פּאָנעמ האָט

זיכ נישט געגעבנ קיינ גרויסע מי, אפ ארויסצוזאָגנ אַט די דאָזיקע קלאָרע, קלוגע אונ פּרעציזנע מיינונג.

דער קאָמענדאַנט גורעוויטש איז געווענ צופרידנ. אונ דער פּאָפּ איז געווענ צופרידנ. פאַר צופרידנקייט וועגנ האָט מענ געטרונקענ פונ בלישטשענדיקע גלעזער, געגעסנ רויטע עפּל אונ גרינע ווייַנטרויבנ.

שפּעט איז די לעוואָנע ארויסגעקראָכנ אפנ הימל. אונ א קאַלטע איז זי געווענ, ווי מיט א דינ זילבערנ הייטל איבערגעצויגנ.

דאָס מאָל איז די קופּע קוקורוזע געווענ שפּאָרעוודיקער ווי פאַראַ־יאָרנ. אונ געזעסנ זייַנענ ארומ דער קופּע מאַריגאַ, וואַרקאַ אונ יורקאָ, די צוויי קינדער אירע. יורקאָס גערשטענע האָר זייַנענ אראָפּגעשטאַנענ איבער די אויערנ, איבערנ שטערנ, ווי אנ אָפּגעניצעוועט פוטערנ היטל. דאָס קליינע פּאָנעמ איז בא אימ געווענ קייַלעכיק אויסגעפּרעסנ, אונ די קליינע גרייזישע אייגנ האָבנ אינ בלוי־זילבערנעמ שייַנ פונ דער לעוואָנע געגלימט, ווי די פּערלעכ פונ שטילע, באַהאַלטענע גליווערעמלעכ צווישנ געדיכטע, פאַרפּלאָנטערטע קשאַקעס. פריידיק שנעל האָבנ זייַנע הענט־לעכ אראָפּגעדלובעט די האַריקע שאָלעכצ פונ די לאַנגע, אויסגעפּאַשע־טע קוקורוזעס.

אַנדעריש וואַרקאַ. בא איר האָבנ זיכ די לעצטע עטלעכע גוטע כאַ־דאָשימ פונ קאַרטאָפל אונ ברויט נישט אָנגעזעענ, אזוי ווי בא יורקענ. א בלאַסע אונ א שמאָלבאַקיקע, האָט זי אינ אופגעגאַנגענעמ גאַבעטיקנ שייַנ געגרינט, ווי א נישט רייַפ געוואָרענע פרוכט. זי האָט געדלובעט די קוקורוזע אָנ כיישעק אונ מיט פאַרשלאָפענע אויגנ.

באַזאָרגט אונ נאָכדענקלעכ האָבנ מאַרינעס גרויסע אונ לענגלעכע אויגנ געקוקט ווייט, ווייט אריבער, ווו דער הימל האָט זיכ איבערגע־שניטנ מיטנ בארג.

אונ דאָרט, ווו דער הימל האָט זיכ איבערגעשניטנ מיטנ בארג, האָבנ זיכ געהוידעט לאַמפּיאָנענ — רויטע, גרינע, פיאָלעטע, אָראַנזשענע. גרוי־סע, באַמאָלענע, ווי פּענעמער פונ מענטשנ, ווי קעפּ פונ אָקסנ, ווי אופּ־געבלאָזענע בייַכער, ווי זעק מיט געלט, ווי זעק מיט מעל, אונ לאַמפּיאָ־נענ באַשריבענע מיט שרייַענדיקע אויסיעס.

איז מענ געגאַנגענ דאָרטנ מיט די לאַמפּיאָנענ איבער דער גאַנצער לענג, מיט די פיס אפנ שפּיצ בארג אונ מיט די קעפּ אינ הימל. די

לאמפיאָנענ האָבנ זיכ געהויערט, ווי פונ ווינט געטראָגנ, אונ א געזאַנג איז אריבערגעקומענ פונ דאָרט, א באַרוישנדיקער געזאַנג, ווי די גלאָקנ פונ פרייִלעכע שליטנס. דער געזאַנג האָט געקלונגענ אינ דער לופט.

קודריניצ האָט אײַנגעצויגנ דעמ אָטעמ אונ געשוויגנ. מארינעס באַזאָרגטע, נאָכדענקלעכע אויגנ האָבנ געשלונגענ דאָס ליכט פונ די לאמפיאָנענ, געשלונגענ דעמ קלאַנג פונ די לידער.

פלוצעמ האָט זיכ מארינא דערשראָקנ. זי האָט זיכ איבערגעציילעמט מיט ציטערנדיקע פינגער, אומגעוואָרפנ דעמ טאָפּ, אפ וועלכנ זי איז געזעסנ, אויכ בעשאַסנ אופשטיינ נישט אופגעהערט זיכ צײַלעמענ — אונ געשעפּטשעט:

— אָי מי באָזשע, מי באָזשע.

— אָי מי באָזשע, מי באָזשע.

אנדריי איז געשטאַנענ באַמ נידעריקנ פּלויט, ער האָט געזאָגט:

— הע? האָסט דיכ דערשראָקנ, מארינא? הע?

ער האָט קורצ, האַרט אונ נאַריש געשמייכלט.

די קינדער זײַנענ אופגעשפּרונגענ. יורקאָ האָט אויסגעשטרעקט די הענט, אופגעמאַכט דעמ קליינעמ, שמאָלנ פּיסק ווי א העכט אונ זיכ אָנגעהאַנגענ אָנ א לאַנגנ פּוס פונעמ פאָטער. ווי א דערשראָקענער פויגל האָט געציטערט, געשוויגנ אונ בלאַס געשמייכלט מיט דינע ליפּנ די קליינע וואַרקא.

אנדרייס גראָבע געשפּאָלטענע ליפּנ האָבנ זיכ געקרייזלט, ווי בעריאָזעווע קאָרע, ער האָט געבורטשעט:

— האָסט דיכ דערשראָקנ? הע?

מארינא האָט זיכ צוגעהאַלטנ באַמ בויכ, געקוקט אפ אימ מיט שרעקעדיקע אויגנ אונ הינטערוויילעכ זיכ אַרײַנגעשאַרט אינ שטוב. אנדריי האָט געבורטשעט:

— און דו, יורקאָ. און דו, וואַרקא. הע? געזונט אלע בײַדע? קוק נאָר, קוק, וואָס פאַר א קופּע קוקורוזע? הייכט עס, געוועג א ווײַלער וומער! עי, הע-הע-הע! מארינא, ווו ביסטו עס פאַרשוווּנדנ?

ער איז אַרײַנגעגאַנגענ אינ שטוב.

— אזוי. זי האָט זיכ טאַקע דערשראָקנ, די נאַרישע. א קעלבל אזא.

— אונ גיב נאָר א קוק, די מאַטש ליגט. פאַרגעסנ גאָר צו פרעגנ אפ איר.

אינ ווינקל האָט געברענט א רויטער קאָניצ איבערנ בילד פונ דער הייליקער מוטער. די אלטע אווהאָכא איז געלעגנ אפ איר געלעגער, צוגעדעקט מיט שמאטעס. ארויסגעזענ האָט מענ בלויז איר פּאָנעם, ווי א גאָרשטש צוגעפוילטע שאָלעכץ. אפ אנדרייענ האָבנ אירע אויגנ געקוקט, ווי צוויי הוילע, טונקעלע גריבעלעכ און פארשטאַנענ — נישט פארשטאַנענ. ווער האָט דאָס געקאָנט וויסנ, אז זי האָט נישט מער געהערט.

א בלוילעכ געלע לעוואָנע האָט באלויכטנ די שטוב.

מארינא איז געזעסנ אפ איר בעט און צוגעהאלטנ זיכ דעם בויכ מיט די הענט. מעשוגענע ווייענ האָבנ זיכ געשניטנ אפ איר פּאָנעם. ס'האָבנ זיכ פונ איר ארויסגעריסנ בראַנדיקע קרעכצנ, ווי פונ א פארוואונדעטער כייַע. נאָר זי האָט זיי צעביסנ מיט די ציינ. אנדריימס פּלוצעמדיקער אָנקום האָט זיכ ארייַנגעכאפּט אינ איר בויכ און דאָרט אינווייניג געהאקט שטיקער, ווי מיט א האקמעסער.

יורקאָ און ווארקא האָבנ זיכ ארומגעשלעפּט איבער דער שטוב, פונ איינ ווינקל אינ אנדערנ, דערשראָקענע געקוקט אפנ פאָטער, אפ דער מוטער און ארייַנגעקראָכנ אינ דער מוטערס בעט, זיכ אוועקגעלייגט צופוסנס, צוגעטוליעט זיכ איינס צום צווייטנ, און געלעגנ שטיל.

מארינא האָט צונויפגענומענ אירע לעצטע קויכעס און דערלאַנגט אנדרייענ א טעפּל זיסנ קוואס מיט א שיסל קאַלטער מאמאליגע. מיט איטלעכנ מאָל, וואָס זי האָט אָנגעקוקט אנדרייענ, האָט זיכ פארמערט איר שרעק, און אירע ווייענ האָבנ זיכ געשטארקט. זי האָט זיכ קוים געקאָנט ארייַנלייגנ אינ בעט, אינ איר בויכ האָט געזאָטנ דער גענעם. מיט שרייַענדיקער אָנשטרענגעניש האָבנ זיכ אירע קרעכצנ ארויסגעריסנ פונ צווישנ די ציינ און פול געמאכט די שטוב.

אנדריי איז אופגעשטאַנענ און צוגעגאנגענ צום בעט. מיט שטומענ שרעק האָט ער אלצ געזענ און פארשטאַנענ.

איבער דער ערדענער בערגלדיקער פּאָדלאָגע איז געקראָכנ דער שטילער טויט מיט ווייכע לאַפּקעס.

אנדריי, אויסגעוואָקסנ, ווי א הויכער, ברייטער בוימ, איז ארויס פונ שטוב.

ער איז געגאנגענ מיט סטעזשקעס, צווישנ פעלד, צווישנ גערטנער, צווישנ הייַזלעכ, און ארויסגעקומענ אפנ וועג אקעגנ קליינעם קלויסטער. ארומ אימ האָט געטאנצט די לעוואָנע מיט לאנגע מעשוגענע פיס. אייַנ־

געבויגנ מיט א פאַרגרימאסעט פּאָנעמ, די צוויי לאַנגע הענט שטוי-סנדיק אַפ פריערויס — ווי אַנ אַלטער, בייזער גאָריל, — איז ער צו צומ הייליקנ מיטנ קרומענ קאָפּ.

ער האָט אימ באַטראַכט פונ אַלע זייטנ, דעמ הייליקנ, אונ אַלייט איכ אויסגעקרימט דעמ קאָפּ, גלייב ער וואָלט אימ געוואָלט נאָכקרימענ.

— דאָס ביסטו? הע? — האָט ער אַרויסגערעדט שווער, מיט אַ פאַרקלעפּטער צונג.

— וואָס זאָל איכ מיט דיר טאָנ? הע? ווענ דו וואָלסט געווענ אַ לע-בעדיקער מענטש, וואָלט איכ דיר צעבראָכנ די ביינער. שטייסט דאָ, ווי אַ בעטלער איינגעהויקערט אונ מאַכסט אַ ראַכמאָנעסדיק פּאָנעמ, קעדיי מע זאָל דיר גלייבנ. נאַרסט אָפּ מענטשנ, אַלטער הונט! זאָגסט צו אונ נאַרסט אָפּ. וואָלכט זיכ כאָטש געשעמט. אָבער אַ גאַנעוו, ווי אַלע גאַ-נאָווימ. האָסט נישט קיינ כאַרפּע אינ זיכ. דו!

אַנדריי וועלפּישע אויגנ האָבנ דורכגעגליט דעמ אויסגעקרימטנ קאָפּ פונ הייליקנ. זיינע באַקנקנאָכנ פונ ביידע זייטנ פּאָנעמ זיינענ געשפּרונ-גענ, ווי צוויי צוגעשפּיצטע שטיינער. ער האָט אַ שפּיי געטאָנ צופוסנס פונ דעמ הייליקנ.

— דו אַלטער הונט! ביסט בייז, ווי די באָבעס, וואָס קאָנענ נישט האָבנ קיינ קינדער. עכ! ווענ דו וואָלכט געווענ אַ לעבעדיקער מענטש — — —

באַמ פּאָפּ האָבנ שוינ געהאַט אויסגעברענט די ליכט פונעמ רערנ-לייכטער. בלויז דער הענגלאָמפּ האָט נאָכ געברענט.

אַנדריי איז געשטאַנענ הינטערנ פענצטער, וואָס פירט אַרויס אַפנ בלומענגאָרטנ אונ געזענ:

דעמ פּאָפּס טאָכטער האָט זיכ צעקושט מיטנ פאָטער אונ אַרויס-געגאַנגענ מיטנ קאָמענדאַנט גורעוויטש. דער פּאָפּ האָט זיי אַרויסבאַ-גלייט, צוריקגעקומענ מיט פּאָטערלעכע, שאַרנדיקע טריט, זיכ אַוועק-געזעצט אַפ דער זאָפע אונ פאַרייכערט אַ גאַנצע פּאָרציע, מיט זילבער באַצירטע ליולקע. פונ זיינע קוילעכיקע אויגנ, הינטער די גע-דיכטע האָר-בערשטלעכ, האָט געטריפט פעטער כיילעוו פונ גרויס צו-פרידנקייט ווענ. אונ ס'האָט זיכ אויסגעדאַכט באַ זיינע ליפּנ, אַז אַכוץ וואָס זיי האָבנ געפּיפּקעט די ליולקע, האָבנ זיי נישט אויפגעהערט צו

מורמלען עפּעס א טפילע. אפן טיש איז געשטאנען דער הויכער, פאַרזילבערטער יעזוס און אויסגעזען צו זיין שטאַרק צופרידן מיט זיין געטרייען דינער, דעם פּאָפּ פון קודריניץ.

די טיר האָט זיך געעפנט און אנדריי איז אריין אין שטוב. דער פּאָפּ האָט ארויסגענומען די ליולקע פון מויל — און דאָס מויל איז בא אים געבליבן שטיין אָפן, ווי ס'וואָלט געווען אונטערגעשפּרייצט פון אינווייניק מיט א שפּרייץ־העלצל.

אנדריי האָט געבורטשעט:

— איך בין היינט געקומען. צוועלף באַראַשים געזען. הע? פאַר וואָס? הע? דו? גאָטסמאכער דו!

דער פּאָפּ האָט זיך אופגעשטעלט. דאָס מויל האָט זיך בא אים צוגעמאכט. די ליפּן האָבן געציטערט.

אנדריי האָט א שפּריין געטאָן נענטער און געבליבן שטיין מיט צעשפּרייטע הענט און מיט צעשפּרייטע פינגער — גלייך ס'וואָלט זיך אין אים אריינגעכאפּט אן אייזערנער קראמפּ.

א טויטשרעק איז באפאלן דעם פּאָפּ. ער האָט אָנגעהויבן צו שעפּטשען:

— אנדריי! גאָט טוט — — — —

אנדריי האָט געטאָן א צווייטן שפּריין, א נעם געטאָן דעם פאַרזילבערטן יעזוס פון טיש און מיט אייזערנעם קויעך אים אראָפּגעלאָזט אפן פּאָפּס קאָפּ.

דער פּאָפּ האָט נישט באוויזן ארויסצורײדן מער קיין וואָרט. ער האָט זיך איינגעבויגן אפ פאָרנט — און זיך אראָפּגעלאָזט אפ דער ערד, ווי א צונויפגעלייגטע האַרמאָניקע.

אנדריי איז געבליבן שטיין א צעטומלטער, באטראכט דעם פאַרזילבערטן יעזוס פון אלע זייטן און אים א וואָרף געטאָן אפ דער ערד.

— און דו ביסט אויך אזוינער.

ער האָט זיך אראָפּגעבויגן, אונטערגעהויבן דעם פּאָפּס קאָפּ, אריינגעקוקט אין זיינע אויסגעגלאָצטע טויטע פישאויגן — לאנג און שווייגנדיק.

דערנאָך איז ער ארויס אין דער ווייסער לעוואָנעדיקער נאכט און אוועק מיטן ווייטן וועג.

צווישנ זברוטש אונ דניעסטער

סאָפ ווינטער

דאָס דאָרפ מילאַנקע ליגט אינ אַ טיפנ טאָל. פונ אַלע זײַטנ אַרומ הייבט זיכ אופ די וועלט אַלצ העכער צומ הימל. אונ אינ ווינטער יאָגט אַראָפ פונ אויבנ דער שניי, ווי עס וואָלטנ ווײַסע שליטנס אָנ אויפהער זיכ אַראָפגעגליטשט אינ דאָרפ אַרײַנ. אינ ווינטער שלאָפט מילאַנקע אָפ דער הריבע. מע פוילט זיכ אויסצושטרעקנ די ביינער, מע פוילט זיכ אויסציִענ אַ האַנט. אינ די האַרטע פעלצלעכ אונ אײַנגע־נורעטע אינ שטרוי ליגט מענ אָפ די ברייטע הרובעס אונ מע שפײַט אָפנ באַלקנ. אַזוי די כלאָפעס. די באַבעס ווידער קריכנ אַרומ, ווי אײַנגעהוי־קערטע בינטלעכ שמאַטעס, קערנ אויס די געפרווירענע ערדענע פאָדלאָ־גע, שיילנ קאַרטאָפל מיט בלויע הענט אונ לייגנ אונטער אַ פײַערל אָפנ פריפעטשיק.

אינ שטאַל, צווישנ ווענט מיט געלנ לײמ אויסגעשמירט, מיט גרי־נעמ מאָכ אויסגעשטאָפט, האָט געלעבט דער אַלטער פאַסטעכ וואַסיל גרישטשוק אינאיינעמ מיט דער סטאַדע שאָפ. אינ זומער האָט ער זיי געטריבנ אָפ די בערג, אינ ווינטער האָט ער זיי געפיטערט אינ שטאַל. זײַנ באַלעבאָס האָט געוווּסט, אַז צוויי מאָל אינ יאָר דאַרפ מענ שערנ די שאָפ אונ די וואָל פאַרקויפנ אינ שטאָט. זײַנ באַלעבאָסטע האָט גע־וווּסט, אַז צוויי מאָל אינ טאָג דאַרפ מענ אומ צוטראָגנ אינ שטאַל אַרײַנ אַ טעפל קאַלטע מאַמאַליגע מיט אַ שטיקל ברויט.

לענגויס דער שטאַל האָט אַ לאַנג דרענגל אָפגעצוימט די שאָפ, אַנטקעגנ דער טיר, אינ ווינקל, האָט אַ קורצ דרענגל אָפגעצוימט וואַ־

סילמ געלעגער. ער האָט געדינט בא זײַנע באַלעבאַטימ שוינ קײַלעכיקע אַכט יאָר, ווענ ער איז געוואָרנ פאַסטעכ, איז ער אַלט געווענ צוויי און זעכציק יאָר, איצט איז ער אַלט זיבעציק.

— שעפּסעלעכ — זאָגט וואַסיל, — שעפּסעלעכ מײַנע, קינדערלעכ, קעצעלעכ מײַנע — — —

מיט די אַלטע הענט צעקאַרבט ער זייער קודלאַטע ווייכע וואָל, קראַצט זיי אונטערנ בויכ און קושט זיי אינ די פײַכטע פּיסקלעכ. די שעפּסעלעכ הייבנ אונטער די קעפּלעכ, רײַבנ זייערע פלאַטשיקע נעזלעכ אָנ זײַנע ברייטע לײַוונטענע הויזנ און וואָרטשענ, כניאָקענ, בלעפּטשענ מיט קינדערישער היימישקײַט.

— וואַסיליוש, — זאָגנ די שאָפ, — וואַסיליוש, דו ביסט אונדזער טאַטע, מיר האָבנ דיכ אַזוי שטאַרק ל־י־ו־י־ב — — —

און אַז ער באַרטיקט זיכ אָפּ מיט די שאָפ, ליגט ער אינ ווינקל אויף זײַנ געלעגער, ליגט שטיל צווישנ שטרוי און שמאַטעס, און טראַכט די אַלצײַטיגע טראַכטעניש:

— וואַריאַגאַ געשטאָרבנ.

— איוואַנ געשטאָרבנ.

— און סטעפּאַנ? און מיקאָלע?

— איינע זאָגנ, אַריבער צו די באָלשעוויקעס, איינע זאָגנ, די פּאָליאַקנ האָבנ זיי פאַרשלעפּט. ווער ווייסט זיי? ביסט נישט קיינ גאָט און אויכ נישט קיינ גאָטס זונ, קאָנסט נישט אַלצדינג וויסנ. מע זאָגט — גלייב, וואָס מע זאָגט — און נישט זע און נישט הער. עכ, עכ, כלאָפּצי מײַנע! וואָלטנ געווענ שוינ אַלע כאַסענע געהאַט, און מע וואָלט יאַקאָש געלעבט. האָסט יאָ אַ שטיקל פעלד, האָסט נישט קיינ שטיקל פעלד, אַז מע לעבט, לעבט מענ. מע אַרבעט און מע לעבט. עכ, וואַסיל, וואַסיל, — נישט באַשערט געווענ דיר, וואַסיל.

וואַסיל קוועטשט מיט די אויגנ, קנייטשט מיטנ אַלטנ פּאָנעם און שמעקט מיט דער נאָז צו די שעפּעלעכ — שמעקט.

די דריבנע פיסלעכ פונ די שאָפ שטייענ נישט אײַנ, הערנ נישט אויף צו דרעפּטשענ און צו כניאָקענ, ווי אַ פולע שטוב מיט קליינע קינדער אינ שטאַל טראָגט זיכ דער געלײַטערטער רייעכ פונ מיסט און פונ וואַרעמער וואָל, פונ זיסע ריבנ און פונ פריש־געמאָלקענער מילכ. וואַסיל גראָבט זיכ אינ זײַנ טיפער טראַכטעניש:

— וואַריאָנאַ געשטאָרבנ.
— איוואַנ געשטאָרבנ.
— און סטעפּאַנ? און מיקאָלע?

און איינגענעמ מיט דער טויבער טראַכטעניש ווערט ער, געוויינלעכ, אַזוי אַנטשלאָפֿנ. אַ גאַנצנ ווינטער שלאָפֿט מילאַנקע אַפֿ דער הרובע, אַ גאַנצנ ווינטער גראָבט זיכ וואַסיל אינ זײַנ טויבער טראַכטעניש.

עס איז געווענ סאָפֿ ווינטער, זונטיק. אַנדרושקע זײַטשוק איז געקו-מענ צו וואַסילנ אינ געסט. ער איז באַלד אַרײַנגעקומענ אינ שטאַל מיט אַ שמייכל אונטער דער קורצער נאָז און אַ זאָג געטאָנ אינ דער הייכ:

— אַנאָ, וואַיקאָ וואַסיל, צי לעבסטו נאָכ?

ער איז געשטאַנענ אַפֿ דער שוועל מיט זײַנע לאַנגע געבויגענע פֿיס און געשמייכלט מיט דער געלער וואָנצע. די שאָפֿ האָבנ זיכ אַלע אַ לאָז געטאָנ צו באַגריסנ דעמ זונטיקדיקנ גאַסט, געבליבנ שטיינ אינ אַ צו-נויפֿגעקוועטשטער קופּע, מיט די העלדזער אַפֿנ דינעמ הרעבל. מיט די פּיסלעכ האָבנ זיי געדרעפּטשעט אַלע אַפֿ איינ אָרט און היימישלעכ גע-וואָרטשעט מיט די שטומפּיקע פּיסקלעכ. וואַסיל איז געזעסנ אַפֿ זײַנ געלעגער, זײַנ אײַנגעשרומפּנ פּאָנעמ האָט זיכ צעמאָמזשעט און אַרויס-געשטעקט די צונג — פֿאַר גרויס פֿרייד. דער גאַסט איז צוגעגאַנגענ און לעבנ אימ זיכ אַנידערגעזעצט. וואַסיל האָט גלײַכ אונטערגעשטעלט די האַנט אונטער זײַנ רעכטנ אויער, אַנדרושקע האָט אַרײַנגעשריגנ אינ לינקנ:

— צײַטונג, וואַיקאָ וואַסיל, פֿאַסקודסטווע! מע נעמט זיכ אויסראָטנ ס'אָרעמע פֿאָלק. סע וועט נישט בלײַבנ קיינ פּיצל פֿונ אונדז. וועסט זענ, וואַיקאָ וואַסיל, ס'וועט נישט בלײַבנ גאָרנישט.

די פֿאָוואַלע פֿונ שטאַל איז שוואַרצ און נידעריק. אַ קליינ פֿענצטערל ניט צו וויסנ ווענ ס'איז טאָג אונ ווענ ס'איז נאַכט. עס איז געווענ דעמולט פֿאַרנאַכט. דער אַלטער וואַסיל האָט געקווייטשט דאָס פּאָנעמ אינ זיכ צוגעהערט, וואָס אַנדרושקע האָט אַרײַנגעשריגנ אינ זײַנ לינקנ אויער. דערנאָכ האָט ער שווער אָפּגעסאָפּעט און אַ טיפֿנ שמעק געגעבנ מיט דער נאָז — אַ לאַנגע נאָז, אַ צופֿרידענע נאָז, מיט צוויי טראָפּנדי-לעכ אונטנ, ווי צוויי גלאַנציקע פּערל. אַנדרושקע האָט פֿאַרצווייפֿלט אָוועקגעדרייט דעמ קאָפּ און שטיל געזאָגט פֿאַר זיכ: „טויב ווי אַ גלאָק. קאָנסט אימ אַרײַנשרײַענ, ווי אינ כאַמע הייליקנ וואַסיל. הערנ וועט

ער, פונקט ווי יענער". דערנאָכ האָט ער ווײַטער אַרײַנגעשריגנ אינ וואַ־
סילס אויער:

— און דאָס איז נאָכ נישט אַלצ, וואָס אונדזערע האָט דער גראַפ נישט פאַרקויפט קיינ פעלד, נאָר אַהערגעבראַכט פונ ערגעצ־אַ־שוואַרצ־יאָר פּוילישע, און זיי פאַרטיילט דאָס פעלד, ווײַל ווער עס האָט נישט קיינ געלט, דער קאָנ אַזוי אָדער אַזוי נישט קויפנ גאָרנישט. אָבער וויפל פאַראָבקעס האָט ער דעמאָלט אָפּגעלאָזט? און מיט וויפל ווייניקער פעלד־אַרבעטער האָט ער דערנאָכ באַדאַרפט האָבנ! ווייסטו? אָ, דאָ לעבט אונטער דער הונט דעמ טײַוול, וואַיקאָ וואַסיל! און איצט, איצט שמועסט מענ שוינ ווידער, אַז מע וועט אויכ ברענגענ פּוילישע פאַראָבקעס אַפנ הויף.

דער אַלטער וואַסיל האָט צוגעמאַכט די אויגנ — אַנדרושקע האָט ווײַטער דערציילט:

— און אונדזערע וועט מענ ווידער אָפּלאָזנ, זאָגט מענ. ווייסטו? און ווידער וועט צוקומענ אַ באַנדע לײַדיקגייערס איבערנ דאָרפ. און ווידער וועט ביליקער ווערנ דער לוינ פאַר פעלד־אַרבעטער. נאָר דו מיינסט עפּשער, אַז מירנ זיכ לאָזנ? ניינ, וואַיקאָ וואַסיל, מירנ זיכ נישט לאָזנ! ווײַל וואָס? צי עפּשער זאָלנ מיר גיינ בעטלענ? אויסוואַנדערנ קאָנ מענ נישט, נישטאָ קיינ געלט, און די רעגירונג לאָזט נישט. ווייסטו? עכ, ווענ דײַנ מיקאָלע וואָלט געווענ, וואָלטנ מיר שוינ עפּעס אויפגעטאָנ! וואַיקאָ וואַסיל, צי דו הערסט עפּעס פונ אימ?

וואַסיל האָט געהאַלטנ די האַנט אונטערנ רעכטנ אויער, ווי זי וואָלט דאָרט געווענ צוגעקלעפּט, מיט צוגעמאַכטע אויגנ האָט ער געפרעגט ווי פונ שלאָפ:

— וועמענ מיינסטו?

אַנדרושקע זײַטשוק האָט אַרונטערגעקוקט אַפנ שוואַרצנ באַלקנ, אַ שפּײַ געטאָנ פונ צווישנ די ציינ דאָרט אַרופ — ציק! — און אַרײַנגעשריגנ אינ וואַסילס לינקנ אויער:

— דײַנ מיקאָלע, צי דו הערסט עפּעס פונ אימ? מיקאָלע?!

— ער לעבט דענ נאָכ, מיקאָלע?

— ווייסט, ער הערט, — האָט אַנדרושקע געזאָגט, און ווידער צוגע־קלעפּט זײַנ געלע וואָנצע צו וואַסילס לינקנ אויער. — ער לעבט, וואַיקאָ וואַסיל! ער לעבט, דײַנ מיקאָלע, גלייב!

— ער לעבט, זאגסטו?

— ער לעבט!

— איכ ווייס נישט. עס איז שווער צו גלייבנ, אונ נישט זענ אונ נישט הערנ.

אנדרושקע האט א פּאכע געטאנ מיט דער האנט, א שפּײַ געטאנ אפנ באלקאנ — צייק! די שאפּ האבנ זיכ דערשראקנ אונ אנגעהויבנ באנײַם צו דרעפּטשענ מיט די פיסלעכ אונ צו כלעפּטשענ מיט די שטומפּיקע פּיסקלעכ.

אנדרושקע האט ארויסגענומענ פונ דער הויזנקעשענע א בײַטל מיט טאבאק אונ געדרייט א ציגאר. ווענ ער איז פארטיק געווארנ מיט דעם דרייענ, האט ער דעם בײַטל דערלאנגט וואסילנ. דער אלטער האט אופגעפּנט דאס מויל אונ גענומענ באטראכטנ דעם בײַטל פונ אלע זײַטנ, מיט גרויס מעוויצעס.

— דאס האסטו געקראגנ פונ קאטיענ, הא?

— פונ איר.

וואסיל האט געדרייט א ציגאר. זײַנע צעבויגענע פינגער האבנ געציטערט.

— גאלדענע הענט בא איר, בא דײַנ קאטיענ.

אנדרושקע האט געענטפערט שטאלצ:

— ווענ זי וואלט אזא נישט געווענ, וואלט איכ זי נישט גענומענ.

זיי האבנ ביידע פארייכערט אונ שווײַגנדיק געבלאזנ דעם טונקעלנ רייכ. פּלוצעמ האט אנדרושקע ווידער א שפּײַ געטאנ פונ צווישנ די ציינ אפנ באלקאנ ארופּ, אונ דערלאנגט דעם אלטנ א שטויס מיטנ עלנבויגנ:

— וואיקא וואסיל, צי דו הערסט?

וואסיל האט אונטערגעשטעלט די האנט אונטערנ רעכטנ אויער.

— מיר וועלנ אונטערצינדנ דעם הויפ, וואיקא וואסיל!

וואסיל האט אויסגעצויגנ די ליפּנ ווי א זשאבע אונ געטרייסלט מיט דער לינקער האנט:

— טשוש, טשוש, אנדרושקא. וועגנ אזעלכענע זאכנ רעדט מענ נישט אזוי הויכ!

אנדרושקע האט זיכ דערשראקנ, אונ געלאכט מיט אנ אפנ מויל. — זעסט, אונ איכ האב געמיינט, אז ער הערט נישט. — ער האט אויסגע-

שפיגנ אפ דער האנט אונ אויסגעלאָשנ דאָס פיצל ציגאַר. באפעלעריש האָט ער א זאָג געטאָנ:

— שפיל! אלטער, אפ דיינ טאראבורקע!

וואסיל האָט ארויסגענומענ פונ בוזעמ א קליינע הילצערנע פאַיאַרקע, זי אָפּגעווישט מיט דער האנט אונ אויסגעפּרוּווט די טענער. בא די שאָפּ האָבנ א צאַפּל געטאָנ די אראָפּהענגענדיקע לעפּלעכ פונ די אויערנ. אנדרושקע האָט אריינגעשריגנ אינ וואסילנ אונ געוויזנ מיט דער האנט צו דער טיר:

— זי איז דאָרט, קאטיע? אינ שטאל בא די קי?

וואסיל האָט געשאָקלט פריילעכ מיטנ קאָפּ, זיינע לאנגע ווייסע האָר האָבנ זיכ געוואקלט, אונ ער האָט באנעצט די הילצערנע פאַיאַרקע מיט דער צונג. הערנאָכ האָבנ זיכ ארויסגעריסנ פונעמ קליינעמ שטיקל האָלצ, וואָס וואסיל האָט אויסגעשניצט אינ די בערג, דינע, צארטע טענער, ווייכע, פארבענקטע.

דאָס איז געווענ דאָס לעצטע, וואָס איז אימ פארבליבנ, דעמ אלטנ וואסיל גרישטשוק. אינ אמאָליקע צייטנ האָט ער געהאט א שטיקל פעלד, אנ אייגענע כאטע, א קו, דריי זינ אונ א ווייב. די יונגע זיינע געוואקסנ לייט, זיי האָבנ שוינ געארבעט אלע דריי אפנ הויפ פונעמ גראפ אינ מילאנקע, ער האָט שוינ אפילע געטראכט זיי איינציקווייז כאסענע צו מאכנ. דעמאלט איז געקומענ, ווי א בליצ פונ הימל, דער גרויסער קריג, אריינגעכאפּט אלע דריי זינ אינ בלוטיקנ פארטעכ אונ טונקעלע יאָרנ האָבנ זיכ אריינגעשלעפּט אינ וואסילס כאטע. דאָס ווייב איז געשטאָרבנ, עפּשער פאר קרענקונג אפ דער גרויסער בידע. ווייל ווי לאנג די זינ זיינענ געווענ אינ דאָרפ האָט מענ צוביסלעכ געלעבט, זיי האָבנ פארדינט. אָבער דערנאָכ? פונעמ פיצל פעלד? אפ ארבעט האָט מענ וואסילנ שוינ נישט געוואָלט נעמענ. זי איז געשטאָרבנ. אינ באלד דערנאָכ האָט זיכ געהערט, אז אויכ איוואנ, דער מיטלסטער, איז געפאלנ אינ קריג, אונ ווענ דער קריג האָט זיכ געענדיקט, איז געקומענ דער אוקראאינישער אויפשטאנד קעגנ די פאַליאקנ. די אנדערע צוויי זינ, סטעפאנ אונ מיקאָלע, זיינענ אריינ אינ אויפשטאנד. אונ ווו זיי זיינענ ביידע אהינגעקומענ האָט ער דערנאָכ נישט געוווּסט, וואסיל, נישט געהערט פונ זיי מער גאָרנישט. אונ דעמאלט, בעשאסנ אויפשטאנד, האָבנ זיכ די פאַליאקנ אָפּגערעכנט מיט מילאנקע אזוי, אז א האלב דאָרפ

הײזער איז אוועק מיטנ פײער—אונ די מענטשנ האָט מענ גאָר מערהערלעכ צעשלאָגנ. פונ דעמ שלאָגנ דעמלט איז וואסיל טויב געוואָרנ אפנ רעכטנ אויער. אונ דערנאָכ איז אלצ געגאנגענ בארג=אראָפּ. ער איז פארארעמט געוואָרנ ביזנ לעצטנ העמד, אונ אויכ דאָס שטיקל פעלד האָט ער געמוזט פארקויפנ. אונ אפ די אלטע יאָרנ איז ער געוואָרנ א פאסטעכ בא פרעמדע שאָפּ.

ציטעריק האָט זיכ געריסנ דאָס דינע קאָל פונ דער הילצערנער פּאָיארקע, ווײכ אונ פארבענקט זיכ צעשפרײט איבער די ווענט—ווי א קינד וואָלט געווײנט, ווי א גרײז=גרויער אלטיטשקער וואָלט געזונגענ—אונ וואסילס פארטרערטע אויגנ האָבנ געגלאנצט.

אנדרושקע האָט געפּאטשט מיט דער האנט אפ דער קני אונ פרײלעכ אונטערגעהאָלפנ דער פּאָיארקע:

— ריטירי‌טירײ, ריטירי‌טירײ — ריטירי‌טיריטאמ, ריטירי‌טירײ!

וואסיל האָט אָפּגערוט אונ געפרעגט אנדרושקענ:

— דו ווילסט כאסענע האָבנ דעמ זומער מיט קאטיענ?

אנדרושקע האָט זיכ פארטראכט אונ געגעבנ א שפּײ פונ צווישנ די צײנ אפנ באלקנ — ציק!

— אזוי האָבנ מיר אָפּגערעדט, דעמ זומער כאסענע צו האָבנ. איכ אונ קאטיע. אָבער, אז דער גראפ וועט מיכ אָפּלאָזנ פונ דער ארבעט, וואָס דערנאָכ? הע? — זײנ געלע וואָנצע איז געווענ צוגעקלעפּט צו וואסילס לינקנ אויער, אונ דעמ אלטנס קאָפּ האָט זיכ געשאָקלט מיט די לאנגע ווײסע האָר. — וואָיקאָ וואסיל! מיר וועלנ אונטערצינדנ דעמ הויפ!

— טשוש, טשוש, רײד נישט, אנדרושקא, רײד נישט — וואסיל האָט געקלאפּט מיט א פינגער איבערנ מויל אונ זײנע אויגנ האָבנ געקוקט בײז אפ אנדרושקענ.

— עכ, ווענ דײנ מיקאָלע וואָלט געקומענ! מיר וואָלטנ שוינ געוווסט וואָס צו טאָנ. וואָיקאָ וואסיל, ווו איז ער, דײנ מיקאָלע? הע?!

— ער לעבט דענ נאָכ, מיקאָלע?

— עכ, טע! ביסט אלט אונ ביסט א נאר. ער דרײט זיכ ארומ אינ דערפער, זאָגט מענ, דײנ מיקאָלע! אינ די דערפער — וואָיקאָ וואסיל!

ער האָט אוועקגעריסנ די געלע וואָנצע פונ וואסילס לינקנ אויער, א

ווילדן פאָר געטאָג מיט דער לאַנגער האַנט און שווער, ביטער גע־קרעכצט.

דער אַלטער וואַסיל האָט פינסטער באַנעצט די הילצערנע קליינע פאַ־יאַרקע מיט דער צונג, און פינסטער אָנגעהויבן אַף איר צו שפּילן.

דער שניי איז געלעגן אײַנגעשרומפּן און דאַר, ווי אַ טרוקענער קעז. עס זײַנען פאַרבליבן רעשטלעך, לעצטע קוויטיקע שטיקלעך. אין די באַט־קעס פון מילאַנקע האָט מען אַרויסגעקוקט אַף נאָכן ווינטער, מע האָט אַרויסגעקוקט אַפן פרילינג, אַפן זומער. די באַטקעס פון מילאַנקע האָבן אַרויסגעקוקט אַ גאַנצן ווינטער אַף דער צײַט, ווען מע וועט קאָנען אַרויסגיין אַפן פעלד אַרבעטן, פאַרדינען אַ זלאָטע אין גראַפלעכן פעלד.

קאַטיע האָט זיך אַרומגעפּאַרעט אײנע אַליין שטיל און פאַרטאָג איבערן קליינעם הויף. עס איז געווען פאַרטאָג, נאָר אין שטוב איז שוין נים געווען דער טאַטער און אויך נישט די מוטער. פאַראַיאָרן האַרבסט האָט מען דעם טאַטער אָפּגעלאָזט פון גראַפלעכן הויף, איז געווען אַ שווע־רער ווינטער דערפאַר, און איצט, סאָף ווינטער, לויפט מען אַרום זיך אומקוקן אַף אַ שטיקל אַרבעט, אַף אַ שטיקל פעלד. די לעצטע ווינ־טערדיקע כאַראָשים איז בײַ פּעטרוקינען, בײַ וועמען וואַסיל איז אַ פּאַס־טעך, געווען קרענקלעך דאָס ווײַב, געלעגן אין בעט, האָט מען קאַטיען גערופן זי זאָל אַרויסהעלפן אין שטאַל — איצט איז פּעטרוקינס ווײַב שוין געזונט געוואָרן און קאַטיען האָט מען אָפּגעלאָזט.

זייער אייגענער הויף איז גרויס ווי אַ קני־און־אַ־שפּאַן. נאָך דעם, ווי זי האָט אַרויסגעלאָזט די פיר הינער מיט דעם האָן פונעם קאַרניק, האָט זי אַרויסגעוואָרפן דאָס ביסל מיסט פונעם קליינעם שטאַלעכל, אויסגע־מאָלקן די קו און זי אַרויסגעלאָזט אַפן הויף. דאָס קליינטע קעלע, מיט דעם אָפּגעקראָכענעם לינקן האָרן, איז געבליבן שטיין אינדרויסן און געקוקט טאַמעוואַטע אַף דער נײַער וועלט, נישט גלייבנדיק זיך, צי איז שוין טאַקע נאָכן ווינטער. אירע גרויסע קועשע אויגן האָבן געמרערט, מיט דער לאַנגער צונג האָט זי געלעקט די אויבערשטע ליפּ און צופרידן געסלינעט. פאַמעלעך איז זי צוגעגאַנגען צום קליינעם טירל, וואָס צו דער סטעזשקע, דעם געפלעקטן קאָפּ אויסגעדרייט צו קאַטיען און אַ לאַנגן, צעצויגענעם מעקען געטאָן: מעעע! — גלײַך דערמיט וואָלט זי געפרעגט בײַ איר באַלעבאָסטע: צי קומט שוין טאַקע פרילינג אונטער־

עמעצנ? דערווײַל האָט זיך ארויסגערוקט די זונ, אונ דער קליינער הויפ האָט זיך ווײַסלעך פריש געזילבערט.

מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל האָט קאַטיע געוואַליעט דאָס ביסל ווינטערדיק אָנגעזאַמלטע מיסט אויפ א גרויסער טאַטשקע. דאָס וואַרעמע מיסט האָט זיך געטראָגנ מיט א היימישער פאַרע. קאַטיעס קלייד איז געווענ אונטערגעהויבנ, אונ די פאַרב פונ אירע פיס, פונ אירע הענט אונ אויך פונ איר פּאָנעם איז געווענ איינע אונ די זעלבע — א רויטלעכע, מיט א בלוילעך איבערהײַטל פונ דער מיסט-פאַרע. אונ אויך אזוי רויטלעך — גאָר מער העל, מער ליכטיק — זײַנענ געווענ אירע האָר. א גראָבער צאָפּ, ווי א געפלאָכטענער שטריק, האָט געשטענצלט איבער דעם האַלב-נאַקעטנ, קײַלעכיק-אויסגעפּילטנ אַקסל. אירע אויגנ זײַנענ געווענ שוואַרצ, דאָס פּאָנעם מער א לענגלעכיקס. פאַמעלעך האָט זי אָנגענומענ א ווידלע מיט מיסט, פאַמעלעך דאָס צוגעטראָגנ צו דער טאַטשקע, אַכטונג געגעבנ, עס זאָל זיך נישט פאַרשיטנ קיינ איבעריקע שטרוי. זי האָט געאַרבעט מיט אויסרעכענונג.

די גרײַקאָווע, איר מוטער, איז אָנגעקומענ מיט דער סטעזשקע, געעפנט דאָס קליינע טירל, אָפּגעשטופּט פונ דאָרט די קו אונ ארײַנ אינ הויפ. צוגעגאַנגענ צו קאַטיענ.

— כ'האָב גערעדט שוינ מיט לוקאַשנ. ער וועט איבעראַקערנ אונזער שטיקל פעלד, האָט ער געזאָגט.

קאַטיע האָט געהאַלטנ באַם צופּלעטשנ דאָס מיסט אויפ דער טאַטשקע. זי האָט אַנידערגעשטעלט די לאַנגע ווידלע אפ דער ערד אונ געפרעגט די מוטער:

— אינ וויפל וויל ער דערפאַר?

— דו זאָלסט בײַ אים אָפּאַרבעטנ דרײַ טעג, וויל ער.

— משוגע געוואָרנ? — קאַטיע האָט א שלײַדער געטאָנ פונ זיך די ווידלע. — פאַרנ פיצל פעלד איבעראַקערנ וויל ער, איך זאָל דרײַ טעג אָפּאַרבעטנ?

— אזוי האָט ער געזאָגט. — די מוטער איז געשטאַנענ פאַר איר מיט א פאַרצווייפלט פּאָנעם.

— אזוי האָט ער געזאָגט? אַנדערש וויל ער נישט? פאַראַיאָרנ האָט ער פאַרלאַנגט צוויי טעג פאַרנ איבעראַקערנ, אונ הײַיאָר גאַנצע דרײַ?

משוגע געוואָרנ! פאַרוואָס ביסטו נישט געווענ בא אנ אַנדערנ, בא כלעפּושקענ, בא יערמילענ?

— איכ בינ געווענ, מײַנ טאָכטער, געווענ בא אנ אַנדערנ אויכ. געווענ בא אַלע. אַלע פאַרלאַנגענ זיי דאָס זעלבע, גלײַכ זיי וואָלטנ זיכ אָפּגערעדט אזוי אַלע.

קאַטיע האָט גענומענ ווײַטער וואַליענ דאָס מיסט אפ דער טאַטשקע, מיט קאַס, מיט געברומ, מיט הייסער פאַרע.

— איכ וועל אַליינ אַקערנ! מיט די הענט, מיט די פינגער וועל איכ גראָבנ די ערד אונ זיי נישט נאָכגעבנ. א קרענק אינ קאָפּ! וואָס זיי וועלנ פאַרלאַנגענ, וועט מענ זיי מוזנ געבנ? ניינ! אַנ אַקערײַזנ וועלנ מיר נאָכ באַקומענ, אונ איכ מיטנ טאַטנ וועלנ דאָס זעלבע נאָכ קאָנענ טאָנ, וואָס ער מיט זײַנע צוויי פערד. אזויפיל קויעכ האָבנ מיר נאָכ.

די גרײַקאָווע איז נישט אָפּגעטראָטנ, נישט אַראָפּגענומענ קיינ אויג פונ איר טאָכטער. זי האָט צונויפגעקוועטשט די טרוקענע ליפּנ אונ געוואַרט ביז די טאָכטער איז שטיל געוואָרנ.

— ער האָט מיר געגעבנ צו פאַרשטיינ, ער, לוקאַש, — האָט זי פאַרוואָליע אַרויסגעקראַצט די האַרבע ווערטער, — אז זײַנ זונ וואָלט דיכ נאָכ וועלנ נעמענ פונדעסטוועגנ — דאָס הייסט, כאָטש דו האָסט אימ פאַראַיאָרנ אינ קאַרבסט אָפּגעשפּילט אזא כאַסענע פאַר אַלע דאָרפיִנגלעכ אינ די אויגנ.

קאַטיע האָט נישט אויפגעהערט צו וואַליענ דאָס פאַרנדיקע מיסט קיינ איינציקע רעגע, געווענ פאַרטאָנ אינ דער אַרבעט אַפּצולאָכעס, גלײַכ נישט צו איר וואָלט די מוטער גערעדט. נאָר אז די גרײַקאָווע האָט נאָכ שטאַרקער צונויפגעקוועטשט די טרוקענע ליפּנ, נישט אויפגעהערט וועגנ דער זעלבער זאכ צו ריידנ, געזוכט ווערטער, וואָס זאָלנ טרעפנ דער טאָכטער אינ פּונקט אַרײַנ — דעמאָלט האָט קאַטיע א כאַפּ געטאָנ די שווערע טאַטשקע גרינג, ווי א שפּילכל, אונ מיט איר א פּאָר געגעבנ צומ טירל. נאָר דאָרט האָט זי ווידער אַראָפּגעשטעלט די טאַטשקע אונ זיכ אויסגעדרייט צו דער מוטער:

— א קנעכט זײַנ איז פאַר זיי וויניק, פאַרקויפנ מוזנ מיר זיכ מיט אונדזער הויט אונ ביינ צו זיי? נישט דערלעבנ וועלנ זיי דאָס! אונ אז דו זעסט אימ, דעמ רײַכנ לוקאַש, זאָג אימ, אז ער זאָל כאַסענע

מאַכנ זײַנ נאַרישנ זונ מיט זײַנ אײגענעם מאַיאָנטעק, אונ װעגנ מיר זאָל ער זיכ אַרויסשלאָגנ פונ קאָפּ.

אַז זי האָט װידער געװאָלט נעמענ די טאַטשקע, איז אָנגעקומענ איר פאָטער, גרײַקע, געבליבנ שטײנ אַפ דער סטעזשקע, אַרופגעלײגט די הענט אַפנ נידעריקנ פּלױט. זײַנ ברײט פּאָנעם איז געװענ קענטיק בלײַכ, זײַנ גרויסער קאָפּ האָט זיכ לאַנגזאַם טרויעריקלעכ געשאָקלט.

— עס גײענ אַפ אונדז שײנע צײַטנ, טאָכטער. — האָט ער זיכ געװענדט צו קאַטיען. — צי דו װײסט דענ װאָס זי טראַכטנ אַלץ אויס? עס קומט מיר פאָר, װי זי װאָלטנ עפּעס אַנדערש נישט געטאָנ גאַנצע טעג, נאָר געזעסנ אונ געטראַכט, װיאַזױ צו שינדנ די הויט פונ אָרעמע פויער.

— װאָס איז שױנ װידער?

— װאָס? זי האָבנ באַשלאָסנ, אַלע, די פעלדער, װאָס זי גיבנ אָפּ דעמ אָרעמענ פויער, טאָרנ נישט פאַרזײַט װערנ מיט עפּעס אַנדערש נאָר מיט טאַבאַק.

— מיט טאַבאַק?

— מיט טאַבאַק. װײַל דאָס לוינט פאַר זי בעסער. אונ װײַל דערבײַ קאָנענ זי אונדז בעסער באַגאַנװענענ. אַרבעטסט אָפּ אַפ עפּעס אַנדערש, מעסטו אָפּ צװײ דריטל, געמ דיר אונ װער דערשטיקט. טאַבאַק מוז מענ דאָס גאַנצע פאַרקויפנ, אונ װיפל זי װעלנ דערפאַר באַקומענ װײסטו נישט.

— אונ צו װאָס טויג אונדז דאָס ביסל געלט? מיר דאַרפנ האָבנ ברויט, קאַרטאָפל — האָט קאַטיע געשריגנ.

— דאָס איז עס דאָכ. דאָס ביסל געלט װעט אַװעקפליִענ אײדער דו קוקסט זיכ אַרומ, אונ דערנאָכ שטעק אַרויס די צונג. א גאַנצנ װינטער. האָסטו אָבער אויסגעגראָבנ א קאַרטאָפל, בלײַבט עס ליגנ. האָסט אָפּגעשניטנ א זאַנג, בלײַבט דיר א שטיקל ברויט אַפנ װינטער.

— אונ דער הויפ װאָס זאָגט? — האָט קאַטיע געפרעגט.

— דאָס אײגענע. אַלע װי אײנער דאָס אײגענע.

— אונ אונדזערע מענטשנ װאָס זאָגנ?

— שװײַגנ. ברומענ. שרײַענ. װײנענ.

קאַטיע איז צוגעגאַנגענ נענטער צומ פאָטער, פאַרלײגט די הענט

איבער דער ברוסט, ווי אַנ עלטערער געניטער מענטש. אַרײַנגעקוקט אינ פּאַטערס פּאַנעם מיט אַ פֿײַערל אינ די אויגנ.

— אונ די מאַמע דערציילט אַנ אַנדער נײַעס. דרײַ טעג זאָל איכ אָפּאַרבעטנ פֿאַרנ פּיצל פֿעלד איבעראַקערנ. געהערט? איכ זאָג, טאַטע, די נאַראָנים זײַנענ נישט קיינ אַנדערע נאָר מיר אַליינ. מיר אַליינ זײַ־ נענ אינ אַלעמ שולדיק.

גרײַקע האָט באַטראַכט זײַנ טאָכטער אונ געענטפֿערט:

— מיר. ווער זײַנענ מיר? איינער שלעפּט אַהער, איינער ציט אַהינ. נישטאָ איינ קאָפּ בײַ אַלע. אַוואָדע, ווענ עס וואָלט געווענ איינ קאָפּ, ווענ זיי וואָלטנ געהערט, וואָס איכ רייד, וואָלט אַנדערש געווענ.

קאַטיע האָט געזאָגט:

— דאָס פֿעלד דאַרפֿ מענ נישט נעמענ. לאָזנ ליגנ, נישט צורירנ זיכ דערצו. וועלנ זיי קומענ, די גראָבע בײַכער, אונ זיכ בעטנ: נעמט מענטשנ, פֿאַרזייעט וואָס איר ווילט. אונ אויכ ביליקער, אַ סאַכ ביליקער וואָלטנ זיי געמוזט פּאַרטיילנ דעמאָלט דאָס פֿעלד. ווענ מיר זײַנענ איינ קאָפּ.

— יאָ, אָבער דאָס זײַנענ מיר נישט דערווײַל. — האָט גרײַקע גע־ זאָגט אונ אויסגעשפּיגנ. — וווהינ פֿירסטו די טאַטשקע?

— אַפֿנ פֿעלד. דרײַ טעג וועל איכ אים נישט געבנ. בעסער אַליינ אַקערנ. — אונ זי האָט זיכ אַ קער געטאָנ צו דער טאַטשקע.

דער פֿאָטער האָט זיכ אָפּגעריסנ פֿונ פּלויט, געעפֿנט דאָס טירל.

— קום, קאַטיע, איכ וועל דיר העלפֿנ.

ער האָט גענומענ בײַ איר די שווערע טאַטשקע אונ זיי זײַנענ בײדע אַרויס אינ פֿעלד.

אָנהייב פרילינג

וואַסיל גרישטשוק איז אַרויסגעקראָכנ פֿונ שטאַל, ווו ער האָט איינ־ געמ מיט די שאָפֿ איבערגעווינטערט. ער האָט זיכ עטלעכע מאָל שטאַרק דורכגעטרייסלט ווי די צעקודלטע באַראַנעס זײַנע אונ ווײַט צעעפֿנט די נידעריקע שטאַל־טירלעכ. פּאַוואָליע אונ פּויל, מיט אײַנגעצויגענע קעפּ־ לעכ אונ מיט קלייגע פֿאַרשלאָפֿענע אויגעלעכ, זײַנענ אַרויסגעקראָכנ אַ

דער פרי די שעפסן און די לעמער. זיי זײַנען געגאַנגען איינער נאָכן אנדערן אזוי פאמעלעכינקע, גלייך זיי וואָלטן געטרעטן אף איין אָרט, פאָרזיכטיק געשטעלט די דינע פיסעלעך, ווי מיט בעקיוונדיקער באַהאַכטקייט נישט ארויפצוטרעטן דעם פאָדערשטן אף די נאַגאַיאָטקעס. דער לאַנגער וואסיל איז געשטאַנען פון פאָרנט, ווי אן עלטסטער פון א ראָטע. אין דער רעכטער האַנט א לאַנגן סענקאַטן שטעקן, צוויי מאָל אזוי גרויס ווי ער, די לינקע האַנט האָט זיך אויסגעשטרעקט און געלאָסן-מאַיעסטעטיש קאָמאַנדירט. ווען די היפשע סטאַדע איז שוין געווען ארויסגעקראָכן פון שטאַל און געשטאַנען אינמיטן הויף, דעמלט איז וואסיל צוגעגאַנגען צום הויבן פלויט און געעפנט די פאָרטקע צו דער גאַס. אליין איז ער געבליבן שטיין זײַטלעך, מיט קנייטשיקע אויגן באַטראַכט באַזונדערט אויפמערקזאַם יעדעס אייניציקע פון די פיר-פיסלדיקע באַשעפענישן אין געדולדיק געוואַרט ביז די גאַנצע סטאַדע איז ארויסגעקראָכן פון הויף.

די ארויסגעשטראָמטע שעפסן און לעמער זײַנען געבליבן שטיין אינמיטן וועג, ווי באַנומענע פון דער פרישער לופט, און געדרייט די קליינע קעפלעך אף די קורצע העלדזער, ווי אף א נייער נאָר טשיקאַווער וועלט. זיי זײַנען דאָרט געשטאַנען געדולדיק, ווי דער אלטער וואסיל, און געוואַרט אף די ווײַטערדיקע באַפעלן פון זייער עלטסטן.

פון דער פאָרנטיקער שטוב האָט זיך דעמלט ארויסגערוקט דער בויך פון דער באַלעבאָסטע, צוגעטראָגן וואסילן א שטיק שוואַרץ ברויט — און דער אלטער האָט געזאָגט: „נו, גייט אײַך, שעפסעלעך, גייט אײַך".

דאָס ווייכע קול, וואָס איז ארויסגעקומען פון די קלעפיקע ליפלעך, האָבן די שאָף באַלד דערהערט און זיך פאַרנומען אין וועג. עס האָט זיך אויפגעהויבן א פרישער דינער שטויב.

וואסיל איז א לאַנגער, נאָר א דאַרער און א פאַרטריקנטער. פון זײַן ברוינלעך-האָריקן מאַנטל, וואָס הענגט אַראָפּ פון זײַן שמאָלער פלייצע, רוקט זיך ארויס א לאַנגער געלבלעכער האַלדז, דער גאַנצער האַלדז באַשטייט פון עטלעכע פאַרקרימטע מוסקלען, פון עטלעכע טרוקענע קנופּן, און פון נאַקעט ארויסגעשטעלטן גאָרגל — באַם גאָרגל קאָן מען אָפּציילן איטלעכן ריבעלע באַזונדער. אף זײַן נישט-געגאָלטן פּאָנעם זעט זיך ארויס, מער פון אלץ, די צופרידענע לאַנגע בלויע נאָז. איבער זײַנע אײַנגעפאַלענע אויגן הענגען אַראָפּ די דורכזעעוודיק-דינע אויגן-

הינטלעכ, ווי געלע פאַרטריקנטע בלעטלעכ, וואָס זיינענ אַראָפּגעפאַלנ נאָכ אָנהייב האַרבסט אַפ זיינ פאַרשלאָפנ פּאָנעמ. דער ברוינלעכער האָריקער מאַנטל גרייכט ביז אַראָפּ צו די נאַקעטע קנעכלעכ, ווו די ברייטע הויזנ זיינענ פאַרבונדנ מיט שמאָלינקע שטריקלעכ. אַ באָרוועסער איז דער לאַנגער וואַסיל געגאַנגענ הינטער די שאָפ, דעמ הויכנ סענקאַטנ שטעקנ אינ דער האַנט — זיינע שיטערע ווייסע האָר האָבנ זיכ צעבלאָזנ אינ ווינט.

די זונ האָט זיכ אַרויסגעשיילט אַפנ ווייטנ זוימ פונ הימל — ווי אַ רויטער מאַראַנצ פונ געלנ שאָלעכצ. דער פרימאָרגנ האָט זיכ געיאָגט אַפ די באַרג=שפּיצנ אַרומ מילאַנקע מיט אַ יונג=פרילינגדיקנ שמייכל.

אַפנ גראַפלעכנ הויפ האָט עס געשמעקט מיט יאָגטעוו. שפּאָגל־נייע מענטשנ זיינענ געזעסנ באַמ פּאָרטיקנ פלויט לעבנ טויער אַפ זעקלעכ, קעסטלעכ, רענצלעכ, געקוקט מיט פאַרגאַפטע אויגנ, גערייכערט און הויכ גערעדט צווישנ זיכ. זיי זיינענ געזעסנ, דאָרט לעבנ פלויט, ווי ווייטע וואַנדערער אַפ אַ פרעמדנ וואָקזאַל, געזעסנ גלייכגילטיק און פאַרטראַכט, ווי זיי זאָלנ וואַרטנ, עמעצער זאָל קומענ זיי רופנ. זיי האָבנ עפּעס קע=סיידער געווישט איבער די שפּיציקע מאַזורישע נעז, אָבעראַמאָל גע=דרייט די דינע ציגאַרלעכ, און מיט פלאַכע וואַסערדיקע אויגנ געטאַנצט אַרומ ווייטנ הויפ, איבער דעמ פיל=פאַרשיידענעמ פריציִשנ ראַכוועס. און מער פונ אַנדערע האָט דאָרט איינער, וואָס האָט זיכ אַרויסגעזענ באַ=זונדערס הויכ, נישט אויפגעהערט צו ריידנ. פרייִלעכדיק, גוט אויפגעלייגט און האַרט, הויכ אַפנ קאָל האָט ער דאָרט גערעדט צו די אַנדערע אַרומ אימ: זיינ שמאָלקנאָכיק פּאָנעמ האָט דערפאַר אויסגעזענ פונדערווייטנס, גלייכ ס'וואָלט געווענ אַנ איינציק מויל.

פאַר די שטאַלנ האָבנ זיכ געפּאָרעט די אַלטע פּאַראָבקעס מיט זייע=רע פערד — און אַזוי ווי דאָרט יענער ניי־אָנגעקומענער פּאָליאַק, האָט אויכ דאָ אַנדרושקע זייטשיק נישט צוגעמאַכט דאָס מויל. דער אונטערשייד איז באַשטאַנענ בלויז אינ דעמ, וואָס בעשאַס הערט האָבנ די שאַרפע רייִשנ און די האַרטע סאַמעכנ געשנייטנ, ווי אַ שאַרפע זעג אינ האַרטנ האָלצ, האָבנ זיכ באַ אַנדרושקע זייטשיקנ געגליטשעט די ווערטער, ווי אַפ ווייכער פּוטער. כאָטש אַנדרושקע איז געווענ קענטיק בייז, האָבנ זיינע אויגנ פונדעסטוועגנ קעסיידער געפינטלט און געשמייכלט.

פונ די שטאלנ האָט מענ צוגעפירט די פערד צו דער לאנגער קאָ־רעטע, אויסגעשטעלט זיי דאָרט לענגוים, פונ אויבנ ביז אראָפּ לויט דעמ עלטער אונ אָנזענ פונ די פּאראָבקעס אונ דער יִונגסטער, סושליק, האָט גענומענ דעמ לאנגנ דראָנג אינעמ ברונעמ, געצויגנ די עמערס אונ אלצ געגאָסנ פריש וואסער אינ דער בלעכענער קאָרעטע. די הויכע פערד, ברוינ־ראָסיקע מיט גלאנצנדיק־גלאטע פעלנ, מיט קנעכלדיקע אויסגעפילטע רוקנס אונ קורצ־געשניטענע וויידלענ, האָבנ הויכ גע־כליאפּטעט דאָס קאלטע וואסער אונ זאפטיק געצמאָקעט מיט די טריפנדיקע לעפצנ.

— אונ אז מע וויל, לאָזט מענ זיכ נישט, — האָט געזאָגט אנ־דרושקע — וואָרענ? זיי קאָנענ טאָנ כאָטש וואָס זיי גלוסט זיכ? נישט בא מיר!

אז ער האָט געזאָגט „נישט בא מיר“, האָט ער א וואָרפ געטאָנ דעמ קאָפּ אינ דער הייכ, אונ ס'האָט העל א פלאטער געטאָנ די געלע גריווע, וואָס איז בא אימ אפּגעשטאנענ פונ הינטערנ היטל.

— נישט בא מיר! — האָט ער דערנאָכ נאָכאמאָל איבערגעכאזערט שוינ מער צווישנ די ציינ.

— מע וועט לאָזנ, הייסט עס, זיכ גאָר פארטרייבנ פונ אייגענעמ דאָרפ? מע וועט לאָזנ, הייסט עס, איטלעכס יאָר אריינברענגענ אלצ מער פּאָליאקנ, אונ די אייגענע מענג כאָטשבי גריזשענ דאָס גראָז ווי די שעפּסנ?

גערעדט האָט ער צו אלע פּאראָבקעס, לויטער אוקראַינער, אָבער געמיינט האָט ער מער פונ אלע איוואנ דמיטריעווג. צו אימ האָט ער קעסיידער אריבערגעקוקט אונ צו אימ האָבנ געפינטלט זיינע בייזע אויגנ. נאָר דער שווערער פארשלאָפענער איוואנ דמיטריעוו האָט עפּשער גאָר נישט געהערט, צי מע רעדט דאָס אזוי צו אימ, דער שווערער קאָפּ אפּ די ברייטקנעכלדיקע פּלייצעס איז אראָפּגעהאנגענ צו דער קאָרעטע, אריינגעקוקט אינ גרינעמ וואסער אונ די גראָבע ליפּנ האָבנ זיכ קיינ איינציק מאָל נישט געעפנט. אנדרושקעס זשמשוק האָט א וויטנ שפּיי געטאָנ צווישנ די ציינ — ציק! — אונ אפּאמאָל אנטשוויגנ געוואָרנ.

די פערד האָבנ אונטערגעהויבנ די טריפנדיקע פּיסקעס פונ דער קאָרעטע, נישט געוואָלט מער טרינקענ. מע האָט זיי שנעל צוגעפירט צו די וואָגנס אונ איילנדיק איינגעשפּאנט.

אנדרושקע איז דער ערשטער ארױפגעשפרונגענ אפ זײנ װאָגנ, דער ערשטער זיך א לאָז געטאָנ איבערנ גרױסנ הױפ. די לעדערנע לײצעס האָבנ געברענט אינ זײנע הענט. װענ ער איז פארבײ יענעם אָרט דאָרט בײ די פלױטנ, װו די מאזורנ זײנענ געזעסנ אפ זײערע זעקלעך, האָט ער א הילכיקנ שאָס געטאָנ מיט דער בײטש הױך איבער די צעפאָלאָשע־טע פערד און זיך אלײנ איבערגעשריגנ מיט א שװערנ באטױבנדיקנ: „װיאָ־אָ!“ ער איז ארױס פונ הױפ מיט א פאטשנדיקער געקנאקערײ אינדערלופטנ. די אנדערע פאראָבקעס האָבנ זיך געיאָגט מיט די פערד הינטער אים, געשאָסנ מיט די בײטשנ װי ער, און געפרװט אופכאפנ דעם זעלבנ אױסגעצױגענעם הילכיקנ „װיאָ־אָ!“ אז אפילע אײװאנ המיטריִיטש, דער שװערער, איבעריק פארשלאָפענער איז אױך נישט געבליבנ הינטערשטעליק. און כאָטש דער װעג איז נאָך געװענ פײכטלעך, האָט זיך פונדעסטװעגנ אױסגעדראכט, אז א טרוקענער שטױב טראָגט זיך נאָך זײ איבערנ װײטנ דרױסנ.

און װענ די זונ האָט זיך גערוקט העכער, זײנענ שױנ געגאנגענ אכצנ פאָר פערד, ברױנ־ראָסיקע און הױך־שטאָלצע, אפ א װײט אױס־געשפרײטנ פעלד. די פערד זײנענ געגאנגענ אײנ פאָר לעבנ אנדערנ און אינ א הינטערשטעליקער שורע, לײכט געגאנגענ און לײכט געצױגנ די גלאנציקע אקערײזנס. דער שארפער, האלב־קײלעכיקער שטאָל האָט גע־שניטנ די שװארצע ערד, װי אינ װײכנ פלײש, און איבערגעקערט די אופגעשניטענע שטיקער מיט דער טרוקענער הױט אראָפ.

אכצנ מענטשנ זײנענ געגאנגענ לעבנ די פערד, פריִערױס אנדרושקע זײטשוק. אָנעמ הינטל, מיט דער פלאטערנדיקער געלער גריװע, קעסױדער שפרינגענדיק צװישנ די פארביסענע צײנ. דאָס, װאָס ער האָט פריִער געזאָגט באם אָנבײסנ, האָט זיך אײצטער געבאָמבלט אינ זײנ צעטראָ־גענעם קאָפ און זיך איבערגעכאזערט צװאנציק מאָל נאָכאנאנד. „מיר גײענ לעבנ אקערײזנ, — האָט ער פריִער געזאָגט, — מיר זײענ, מיר קאָ־מענ און מיר פירנ אראָפ די מיסט פונ פעלד אינ פולע װאָגנס. אזױ האָבנ געטאָנ אונדזערע טאטעס, אזױ האָבנ געטאָנ אונדזערע זײדעס. אזױ װעלנ אױך טאָנ אונדזערע קינדער און אונדזערע אײניקלעך. אָבער אײנ מאָל װעט קומענ א צײט און מיר װעלנ פרעגנ, פאר װעמענ טוענ מיר דאָס אלץ? פאר װעמענ גיבנ מיר אװעק אונדזער פראצע?“ אזױ האָט פריִער אנדרושקע געזאָגט באם אָנבײסנ, און צװאנציק מאָל כא־

זערט זיכ דאָס איצטער איבער אינ זײַנ צעטומלטנ קאָפ. געזעסנ איז מענ פריִער אײנער לעבנ אנדערנ, די הענט פארבלאָטיקט, די הויזנ צעריסנ אונ לאַטע אפ לאַטע. געגעסנ האָט מענ פיסנע ברויט. געשניטנ האַרטע שטיקער מיטנ קלײנעמ הילצערנעמ מעסערל אונ פארביסנ געשוויגנ. „פארוואָס שווײַגסטו?“ — האָט זיכ אנדרושקע פריִער א קער געטאָנ צו איוואַנ דמיטריטשנ. אונ איוואַנ דמיטריטש האָט געענטפערט, נישט אופהײבנדיק דעמ שווערנ קאָפ: „איכ וועל נישט אַרײַנשטעקנ קײנ פינגער אינ קאַלטנ וואַסער, איכ האָב קינדער“ — אונ דאָס איז געווענ אלצ, וואָס ער האָט געענטפערט. זײַנ ברײטקײַלעכיקע פלײצע איז געווענ אויסגעבויגנ אונ האַרט ווי א שטײנ. פאַמעלעכ האָט ער געשניטנ מיטנ קלײנעמ מעסערל גרויסע שטיקער פונ שוואַרצנ ברויט, פאַמעלעכ אונ שווער, ווי א זשאָרנע, האָבנ זײַנע אַרויסשטײענדיקע באַקנבײנער געמאָלנ די טרוקענע שטיקער. זײַנ לאַנגע נאָז האָט געשאָקלט, ווי בא א פאַרהאָרעוועט פערד.

איצט גלעט די טרוקענע פענעמער פונ די פאַראַבקעס א בלויוואַרעמ ווינטל, אונ דאָס ווינטל קײַקלט זיכ איבער דער פרישצעאַקערטער ערד, דאָס וואַרעמע שוואַרצע פלײש, וואָס אָטעמט אַרויס פונ זיכ מיטנ הײמישנ געשמאַקער פאַרע.

פלוצעמ האָט עמעצער פונ די פאַראַבקעס א זאָג געטאָנ הויכ: „זײ גײענ“.

— טפררר! — האָט אנדרושקע א געשרײ געטאָנ אפ די פערד, אונ אלע מיטאמאָל זײַנענ דעמלט געבליבנ שטײנ אינמיטנ אַקער.

עטלעכע פוילישע יונגלעכ זײַנענ אָנגעקומענ מיטנ פעלד, געגאַנגענ פאַרנוײַז, צו צווײ אונ צווײ, פאַוואָליע שפאַצירנדיק, די קאַשקעטלעכ פאַררוקט אפ דער זײַט, מײַסע וווילער יונג, די הענט פאַרלײגט אפ הינטנ. זײ זײַנענ געגאַנגענ אזוי, ווי באַלעבאַטימ גײענ אינ א זונטיק איבער אײגענע פעלדער באַטראַכטנ דעמ מאַיאָנטעק. צווײ האָבנ געפײַפט א פרײלעכ לידל, פונ פאָרנט איז געגאַנגענ דער ערשטער — יענער הויכער מיטנ שמאָלקנאָכיקנ פאָנעמ, וואָס האָט אינדערפרי אזויפיל אַרײַנגעטײַנעט אינ די אנדערע. ער האָט פרײלעכ געוואָרפנ מיט די לאַנגע פיס, א פאַרלאָשנ ציגאַרעטל איז אַראָפגעהאַנגענ פונ דער אונטערשטער ליפ.

סושליק, דער יִנגסטער פונ די אוקראַיִנישע פאַראַבקעס, האָט פול מיט בייזעק א זאָג געטאָנ:

— טו נאָר א קוק אױפ די פּריצימ!

— פּסס! — האָט אַנדרושקע א בלאָז געטאָנ דורכ די פאַרמאַכטע ליפּנ. ער האָט געהאַלטנ די רעכטע האַנט אױפנ קײַלעכיקנ רוקנ פונ זײַנ פערד, מיט דער לינקער האַנט געצופּט באַ דער געלער װאָנצע.

פריער באַמ אָנבײַסנ האָט ער נישט געװוּסט װאָס צו זאָגנ איװאַנ דמיטריכנ אױפ זײַנ ענטפער, װײַל ער האָט איבערהױפּט נישט געװוּסט, װאָס אַזױנס מע װאָלט באַדאַרפט זאָגנ אױפ דעמ, װאָס דער גראַפ שלעפּט אַהער פרעמדע פּאַראָבקעס אונ די הײמישע װיל ער אָפּזאָגנ. ער װאָלט דאָס עפּשער געװוּסט אינ אַנדערע צײַטנ, אָבער נישט אינ אַזא צײַט, װענ דער קאָפּ איז אימ צעטומלט. אונ איצט, אױכ ער האָט צוגערופנ סושליקנ „פּסס!“, האָט ער עס אױכ נאָר געטאָנ הערפאַר, װײַל ער האָט נישט געװוּסט, פאַרװאָס ער טוט עס. זײַנע אױגנ האָבנ איצט נישט געפינקלט, נאָר גלאַנצנדיק געשטאַנענ אױפ אײנ אָרט אונ געװענדעט צו די אָנקומענדיקע פּױלישע יונגלעכ.

זײ האָבנ זיכ דערנענטערט מיט א פרײלעכער געפּײַפערײַ.

פּונקט װי אַנדרושקע, זײַנענ אױכ די אַנדערע אוקראַינישע פּאַראָבקעס געשטאַנענ לעבנ זײערע פערד צעטראָגענע אונ נישט געװוּסט װאָס צו טאָנ מיט זײערע הענט. זײ האָבנ געצופּט די הױזנ, געגלעט די פערד, געדרוקט די היטלענ אױפנ קאָפּ. נײַגעריק האָבנ אַלע אַריבערגעקוקט צו די פּױלישע — נײַגעריק אױפ דעמ, װאָס דאָ װעט קומענ. נישט מער, איװאַנ דמיטריכ האָט זיכ געמאַכט פאַרטאָג באַמ אַקערײַזנ, אַראָפּגעקראַצט מיט א שפּענדל די בלאָטע פונ דער שאַרפ, געפּרוּװט אַראָפּלאָזנ טיפער דאָס אײַזנ אונ העכער עס אױפהײבנ. ער האָט זיכ אױכ אַראָפּגעלאָזט אױפ די קני.

די פּױלישע זײַנענ געבליבנ שטײנ אַקוראַט אַקעגנ די פּאַראָבקעס, די צװײ האָבנ אױפגעהערט צו פּײַפנ, דער הױכער האָט אױסגעשפּיגנ דאָס פאַרלאָשענע ציגאַרעטל. ער האָט צוגעלײגט דעמ װײַזפינגער צומ דאַשעק פונ קאַשקעטל אונ שטאָטיש זיכ פאָרגעשטעלט:

— איכ הײס קובא. מיר זײַנענ הײַנט געקומענ צו פאָרנ.

אונ װאָס װײַטער! — האָט אַנדרושקע טונקל געטראַכט. — איר װילט זיכ אײַנשמײכלענ?

— נאָ, װי גײט די אַרבעט? פונ מאָרגנ אָנ װעלנ מיר אױכ אַרבעטנ באַמ גראַפ. װיפל צאָלט מענ אײַכ?

1064—13

די אוקראַיִנישע פּאַראַבקעס האָבן אַריבערגעקוקט צו אַנדרושקען, ער האָט געשוויגן. און דער הויכער קובאַ האָט זיך פֿון זײַן זײַט איבערגעקוקט מיט די פּוילישע. אַ בייגעריק שמייכעלע האָט איצט געקרײַזלט זייערע ליפּן. נאָר קובאַ האָט זיך ווידער געווענדעט גוטמוטיק און פֿרײַנטלעך צו די אוקראַיִנער:

— נאַ, מיר וועלן האָבן אַוואַדע אַרבעטן צוזאַמען, און מיט דער צײַט וועלן מיר זיך שוין נעענטער באַקענען. וואָס, נישט עפּשער?

די אוקראַיִנער האָבן געשוויגן.

— איר דאַרפֿט נישט זײַן ברוגז, מיר קומען נישט עסן אײַער ברויט, מיר האָבן נאָר געוואָלט פֿרעגן, ווי עס גייט אײַך און וויפֿל מע צאָלט אײַך, קעדיי הער גראַף זאָל אונדז נישט באַראַבן.

און אָט האָבן מיר עס, אַזויאַרום ווילסטו אונדז אַרײַנאַרן אין זאַק. — האָט אַנדרושקע מאַניפּולירט אין זײַן צעטומלטן קאָפּ. — נאָר דאָס, ברודער, וועט אײַך נישט געלינגען.

— אָט זײַנען עס מאָדנע מענטשן! שווײַגן און גאָר. — האָט קובאַ זיך הויך צעלאַכט.

און איינער פֿון די פּוילישע, אין די הינטערשטע רייען, האָט איצט געזאָגט אַ ווערטעלע, פּרוּוונדיק נאָכמאַכן די אוקראַיִנישע שפּראַך:

— צי טאָ פּראַוודאַ: גריזיט רוסינ מאַמאַליגאַ, אַ סמערדיט יאַק פּאַפוגאַ. הע?

קובאַ האָט זיך צו אים אַ קער געטאָן און בייז געווונקען מיט די אויגן:

— טי משימאַי פּיסק!

נאָר צוגלײַך האָבן זיך די אַנדערע מאַזורן צעהירזשעט מיט אַ פֿרייִדיק געלעכטער. זייערע שפּיציקע נעז האָבן געגלאַנצט מיט בייזן שמאַלץ.

אַנדרושקע האָט זיך אָפּגעריסן פֿון פּעהר, אָפּגעריסן די האַנט פֿון דער געלער וואַנצע, געשטעלט אַ פּוס נעענטער צו קובען. די הענט האָט ער אַרײַנגעלייגט אין די הויזן־קעשענעס, אײַנגעהויקערט די דאַרע פּלייצע, אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ. אונטער זײַנע פּיס האָט זיך געקאָרטשעט די גרינע סינע, זײַנע שפּיציקע קני האָבן געציטערט. הינטער אים האָבן זיך אַ רוק געטאָן די אַנדערע אוקראַיִנישע פּאַראַבקעס.

— וואָס וויל ער? — האָט קובא געפרעגט הויכ אפנ קאָל בא זײַנע פוילישע באַוווירים.

ער האָט אראָפּגערוקט טיפער דאָס לײַכטע קאַשקעטל איבערנ שטערנ, ארײַנגעלייגט די הענט אינ די הויזנ־קעשענעס, אקוראַט ווי דאָס האָט געטאָנ אנדרושקע. הינטער אים האָבנ זיכ געשטעלט די אנדערע פוילישע בעוורע.

איוואַנ דמיטריטש איז געלעגנ אפ די קני, נישט אויפגעהערט צו קראַצנ די שווארצע ערד פונ גלאַנציקנ אקערײַזנ, נישט געהערט אונ נישט גע־זענ, וואָס ארום אים טוט זיכ.

שווײַגנדיק איז מענ אזוי געשטאַנענ אקעגנ, שווײַגנדיק האָבנ זיי ארײַנגעקוקט אייגער דעמ אנדערנ די בליקנ, אינ די אויגנ האָבנ זיכ געקאָרטשעט בייזע פײַערלעכ.

א מינוט האָט געדויערט א יאָר.

אונ אנדרושקע האָט דער ערשטער זיכ אונטערגערוקט געענטער, ארײַנגעקוועטשט טיפער דעמ קאָפּ אינ די שפּיציקע אקסלענ. זײַנ געלע וואָנצע האָט זיכ פארשטײַפט, ווי הארטע שטעכיקע דרעטלעכ. ער איז געשטאַנענ, ווי א קאַץ פארנ לעצטנ שפרונג.

אונ הינטער אים האָבנ זיכ גערוקט די אנדערע.

מיטאמאָל האָט קובא ארויסגענומענ די הענט פונ די הויזנ־קעשע־נעס, ארײַנגעשפּיגנ אינ זיי אונ געריבנ איינע אינ דער אנדערער:

— עכ, דו! ווילסט זיכ שלאָגנ?

— דער פאנ זשאָנציע! — האָט מענ פונ די אוקראַינישע פאראָבקעס צו וויסנ געטאָנ.

די צוויי קעגנצײַטיקע גרופּעס האָבנ זיכ שנעל אָפּגערוקט איינע צו די פערד, די אנדערע אפנ שפּאַציר. אנדרושקע זײַטשוק האָט דערמיט א ווײַטנ שפּײַ געטאָנ צווישנ די ציינ — ציק! אונ אריבערגעשריגנ צו קובענ אפנ אייגענעמ לשונ:

— היוונא בודרעש מיעל טי, א היוונאָ יאַן

אפ א הויכנ שימל, בא וועמענ די קנעכל זײַנענ געווענ פארבאַנ־דאַזשירט מיט ווײַסע לעדערנע קאַמאַשנ, האָט גאַלאָפּירט איבערנ ווײַטנ פעלד פאנ קודלאָווסקי, דער גראפּלעכער עקאָנאָם. שנעל צוגע־ריטנ נאָענט צו די אוקראַינישע פאראָבקעס. די שפּיצנ פונ זײַנע גע־פאסטע גלאַנציקע שטיוול האָבנ שטײַפ געשטעקט אינ די ניקלנע פוס־

האלטערס, אין דער לינקער האנט דאס ווייסע צוימל, אין דער רעכטער האט זיך שפילעוודיק־לייכט געוויגט דאס ציגלעכע בייטשל־שטעקעלע. זיין לאנגער קאפ האט זיך שטאלץ געהויבן איבער איינעם מיטן אויסגעצויגענעם קאפ פונעם פערד.

— נו, און פארוואס שטייט מען?

געפרעגט האט ער דאס אנדרושקען, ווי דעם בעסטן און לענגסטן ריגער פון הויף.

— די פערד האבן זיך צופיל פארשוויצט, האבן מיר א ביסל אפגערוט. — האט אנדרושקע געענטפערט און א שלעפ געטאן בא די לייצעס: „וויא־א!“

די אכצן פאר פערד האבן א צי געגעבן — פונדערווייטנס האבן שפאצירט די ניי־אנגעקומענע פוילישע פאראבקעס.

!

עס איז געשטאנען א ווארעמע זון אינמיטן הימל. דאס קליין־פויערישע פעלד, אפגעטיילט שטיקלעכווייז דורך שמאל־גראזיקע צייכנס, איז געווען באשיט מיט פארביקע מענטשן, ווי א פאשוויסקע מיט פיל קי און קעלבער. פון געבויגענע זקיינים ביז צעניאריקע קינדער איז מען געשטאנען אפן קליינעם, געפאסעוועטן פעלד, איז מען געקראכן אף אלע פיר, האט מען געפויזעט און געגראבן מיט די הענט און מיט די פיס געקאפעט. האלב מילאנקע איז דארט געלעגן אפן קליינעם פעלד, ווייסע טיכלעך און שטרויענע קאפעלישלעך האבן זיך געבויגן און געהויבן, פון פיצל גרענעצ צו פיצל גרענעצ האט מען זיך אריבערגעווארפן מיט ווערטער, מיט לאנגע שמועסן, מיט געשריי און מיט געלעכטער. און מיטאמאל איז געשטאנען דאס געוויינלעכע טאג־געשפרעך אף דער צונג. אינמיטן צווישן די אלע פירעקיקע, ענגע און שפיציקע פעלד־גרענעצן איז גרייקע, איינגעבויגן און מיט צעשפרייטע פיס, געשטאנען איינגעשפאנט אין א שמאלן, אלטפארזשאווערטן אקערייזן — פון הינטן איז נאכגעגאנגען קאטיע, זיין טאכטער, און געפירט דאס אייזן, שווייגנדיק און פאראקשנט. שטיל האבן די צוויי מענטשן געארבעט, גיך און אומגעקוקט זיך צו קיין איינציקן שאכן, קוים געענטפערט אפן אנגעבאטענעם גוטמארגן. די פארשיידענע רייד, וואס האבן זיך איבערגעווארפן פון שטיקל פערד צו שטיקל פעלד, האט זיי ביידע נישט אנגערירט, איבער זיי אריבערגעפלויגן און אוועק ווייטער. איבערן ווייס־לייוונטע־

נעמ, געלאַטעמנ העמד האָט גרינקע אריבערגעוואָרפנ א גראָבנ שטריק, פאָרנט ארומגעוויקלט דעמ שטריק ארומ ביידע הענט אונ די הענט צוגעדריקט צו דער שטײַפער ברוסט. אזוי האָט ער געצויגנ דעמ אקערײַזנ — נישט שנעל, אָבער מיט אויסגערעכנטנ פעסטנ טראָט אונ נישט אָפגעשטעלט זיכ. אנדערש ווי דער פאָטער איז זונ הינטנ נאָכגעגאַנגענ די טאָכטער. כאָטש מיט ביידע הענט האָט זי ארײַנגעדריקט דאָס אײַזנ אינ דער שווארצער ערד אונ מיט געניטער זיכערקײַט עס געפירט איבער דער גלײַכער ליניע, איז איר קאָפ נישט געווענ אראָפגעבויגנ, נאָר הויכ אופגעהויבנ אונ מיט שטאָלצ האָט זי געקוקט אינ אלע זײַטנ. אירע העל־רויטלעכע האָר זײַנענ געווענ שטײַף פארקעמט, אירע אויגנ זײַנענ געווענ גרויס אונ פול מיט בייזנ גלאַנצ, אפ דער פלייצע האָט זיכ געבאָמבלט דער לאַנגער צאָפ.

ערשט ארומ ווארעמעס, ווענ די זונ איז געשטאַנענ אינמיטנ הימל, האָבנ זיי ביידע זיכ אָפגעשטעלט. זייער שטיקל פעלד איז געווענ פאראקערט.

— נו? — האָט דעמלט געפרעגט קונדירא. — שווער, צי לײַכט אזא ארבעט?

אפ די פריערדיקע גערײַדעכצנ האָט זיכ גרינקע נישט אָפגערופנ, ער האָט זיי נישט געהערט. ער איז געווענ פארטאָנ אינ דער ארבעט. איצט האָט ער אָפגעווישט דעמ שווייס, אָפגעבונדנ דאָס בינטל, וואָס איז אראָפגעהאַנגענ פונ רימענ, ארויסגענומענ א שטיק ברויט, צעבראָכנ עס אינ צוויי העלפטנ אונ איינגעטיילט פאר זיכ אונ פאר דער טאָכטער. זיי האָבנ זיכ ביידע אנידערגעזעצט אפ דער שמאָלער סטעזשקע לעבנ פאראקערטנ שטיקל פעלד אונ ערשט דעמלט האָט גרינקע געענטפערט קונדירענ:

— שווער, צי לײַכט? נישט לײַכט, אָבער גוט.

גרינקע האָט געגעסנ געשמאַק דאָס פיכנע ברויט, נישט געלאָזט זיכ ווײַטער שטערנ. אונ קאַטיע האָט געזאָגט צו קונדירענ:

— עפעס ביסטו דאָכ נישט פונ די הײַנטיקע, אונ דו שטעלסט נאָך אזעלכע נישט קיינ קלוגע פראַגעס. דרײַ טעג האָבנ זיי געוואָלט פאר דעמ פיצל פעלד איבעראקערנ. נו, מיר האָבנ עס געטאָנ אינ א האַלבנ טאָג.

— איכ ווייס, איכ ווייס. — האָט קונדירא זיכ פארענטפערט. — איכ האָב נאָר געפרעגט אזוי זיכ.

מענטשן זײַנען צונעקומען פֿון אַנדערע שטיקלעך פֿעלדער, געווען נײַגעריק אויף דער הײַנטיקער געשעעניש, געוואָלט הערן אַ גוט וואָרט. עמעצער פֿון זיי האָט געזאָגט:

— שוין לאַנג האָט מען בײַ אונדז אַזוי נישט געאַקערט.

גרײַקע האָט אַראָפּגעשלונגען דעם לעצטן ביסן ברויט:

— שוין לאַנג? נו, דאָס וואָס ס'איז אַמאָל געווען, קאָן ווידער ווערן בײַ די הײַנטיקע פּאַראָנדקעס. זיי האָבן זיך זייערע וועגן, און וואָס זיי ווילן, פֿירן זיי אויס בײַ אײַך. פֿעלד האָט איר גענומען?

— גענומען. — האָט מען געענטפֿערט.

— און פֿאַרזעצן וועט איר טאַבאַק?

— טאַבאַק.

— און האָבן וועט איר דערפֿון אַ ציבעלע מיט קאַראַכעס.

— און דו אַליין האָסט נישט גענומען בײַ זיי קיין פֿעלד?

גרײַקע איז אויפֿגעשטאַנען, אָפּגעווישט די קרישקעס פֿון העמד.

— אויך איך האָב גענומען פֿעלד. ווײַל וואָס, זאָל איך אויסצײַען די פֿיס? שטאַרבן אויפֿן לעצטן פּיסק?

— און אַזוי מיר אויך, ווי דו.

— ניין. נישט ווי איך. איך האָב געזאָגט, מע זאָל נישט נעמען קיין פֿעלד. אַרומגעלאָפֿן פֿון כאַטע צו כאַטע, געזאָגט. און אַז מיר וואָלטן נישט גענומען קיינער, וואָלטן זיי דערמלט ווייכער געוואָרן, געגעבן וואָלטן זיי דערמלט דאָס פֿעלד אויך אויף צו פֿאַרזייען קאָרן, אויך אויף צו פֿאַרזעצן קאַרטאָפֿל, און וואָס איינער וואָלט געוואָלט, צי איז עס עפּשער נישט אַזוי? העַ?!

גרײַקע האָט זיך אומגעקוקט צו די אַרומשטייענדיקע, זיי האָבן געשוויגן.

— אָבער אַז איך בין געלאָפֿן איבער די כאַטעס, געלאָפֿן און עס האָט נישט געהאָלפֿן. איז וואָס האָב איך געזאָלט טאָן? איינער אַליין — העַ?!

קאַטיע האָט זיך אַרויסגעשיילט פֿונעם רעדל מענטשן, אַריבער צו יענעם פֿעלד, ווו לוקאַשס זון האָט געאַקערט מיט צוויי בולאַנעס. ער האָט זיך דאָרט אָפּגעשטעלט און אַראָפּגענומען פֿאַר איר דאָס שטרויענע קאַפּעליושל:

— אַז דו ווײַזסט זיך נישט פֿאַר די אויגן, קאַטיע, נישט שיין פֿון

דיר. ביסט מיט מיר ברויגעז געוואָרנ? הע, קאַטיע? וואָס האָב איכ דיר געטאָנ?

קאַטיע האָט אימ נאָר איינ מאָל אָנגעקוקט, און ווידער די אויגנ אַוועקגענומענ פונ אים.

— איכ בינ מיט דיר נישט ברויגעז געוואָרנ, ווייל איכ בינ מיט דיר קיינמאָל נישט כאַווער געווענ. געוואָלט האָב איכ איצט, דו זאָלסט אונדז באָרגנ די בראָנע, מיר וועלנ שנעל איבערבראָנעווענ און זי דיר צוריקברענגענ.

— אייַ! און פאַרוואָס האָסטו נישט געוואָלט, אַז מיר זאָלנ אויכ אייַער שטיקל פעלד איבעראַקערנ?

— ווייל דייַנ טאַטע איז משוגע געוואָרנ. געוואָלט דרייַ טעג אָפ איינמאָל.

— אָבער הערפאַר וואָלט דייַנ טאַטע נישט געמוזט שלעפנ דאָס אייַזנ מיט דער פּלייצע.

— בעסער איז צו שלעפנ דאָס אייַזנ מיט דער פּלייצע, איידער אייַכ אייַכ אַרייַנצולייגנ בעכינעמדיקע דרייַ טעג. באָרג אונדז די בראָנע, מיר וועלנ זי דיר באַלד צוריקגעבנ.

קאַטיעס העלרויטלעכע האָר האָבנ געגלאַנצט אינ זילבער פונ דער מיטיקדיקער זונ, מיט די קייַלעכיקע נאַקעטע פיס האָט זי געשאַרט די פריש-צעאַקערטע ערד. לוקאַש זונ האָט שווייַגנדיק געקוקט אָפ איר מיט גלוסטיקע גרינע אויגנ. ער האָט נישט געענטפערט.

— נו, וואָס? ווילסט נישט אַנטלייַענ?

— לאַכ מיכ נישט אויס, קאַטיע, און איכ זאָג דיר נאָכאַמאָל, אַז איכ האָב דיכ ליב. יאָ, און כאָטש דו האָסט לעצטנ האַרבסט מיר אָפּ- געשפּילט אַזאַ כאַסענע פאַר אַלעמענ אינ די אויגנ. און איכ האָב דיכ עמעסדיק ליב. יאָ.

— נו גוט, אַנטלייַ אונדז דערווייַל די בראָנע.

קאַטיע האָט פאַראַקשנט אַראָפּגעקוקט אָפ אירע שאַרנדיקע פיס.

— מיט דייַנ מאַמענ האָב איכ לעצטנס ווידער גערעדט, און דער טאַ- טע מייַנער האָט אויכ מיט איר גערעדט. זי וואָלט געוואָלט, זאָגט זי, אַז מיר ביידע זאָלנ כאַסענע האָבנ.

— נו, גוט. גיב מיר אַמאָל שוינ די בראָנע.

— אָבער איכ ווייס, דו האָסט ליב אנדרושקענ אונ מיט אים ווילסט כאַסענע האָבנ.

קאַטיע שווייגט.

— נאָר היינט זײַנענ געקומענ אינ הויפ פּוילישע פּאַראָבקעס, אונ אנדרושקענ וועט מענ פונ דאָרט אָפּלאָזנ.

קאַטיע שווייגט.

— אונ אז דו וועסט מיט אים כאַסענע האָבנ, וועסטו נישט האָבנ פונ וואָס צו לעבנ, אפנ פּיסק וועט איר ביידע שטאַרבנ. אונ בא מיר וואָלסטו — — — —

איר העל־רויטער קאָפּ האָט זיכ פּאַוואָליע העכער אופגעהויבנ — ער איז שטיל געוואָרנ אונ אראָפּגעלאָזט די אויגנ. זי האָט א ריס געטאָנ פונ זײַנ האַנט די בײַטש אונ אָנגעהויבנ אפ אים קלאַפּנ. איבער די הענט. איבערנ האַלדז. איבערנ קאָפּ. ער האָט זיכ נישט גערירט פונ אָרט, באַטויבט געשטאַנענ, ווי א הילצערנער סלופּ. דערנאָכ האָט זי אוועקגעוואָרפנ די בײַטש, אויסגעשפּיגנ אונ צוריקגעגאַנגענ צומ פאָטער.

דער שפּעטער טאָג איז ארויס פונ טאָל אונ איז ארופ אפ די בערג — מיט יעדנ טראָט העכער, האָט זיכ דער שאָטנ הינטער אימ פאַרגרעסערט.

וואַסיל האָט ארומגעטריבנ מיט זײַנ לאַנגנ שטעקנ די שאָפ, זיי זאָלנ בלײַבנ אפ איינ אָרט, אונ אליינ איז ער צוריקגעקראָכנ צו די אָפּגעגאָלטע פעלדזנ.

פונ אונטנ האָט ארויפגעקוקט דאָס דאָרפ מילאַנקע — די פוילע ביימער, וועלכע האָבנ נאָרוואָס אָנגעהויבנ גרינענ, די שטרויענע דעכער, מיט שטיקער אָפּשײַנ פונ דער פאַרגייענדיקער זונ.

ארומ טאָל האָבנ זיכ געהויבנ די בערג, אונ פונ בארג צו בארג האָט זיכ געצויגנ דער איינזאַמער געזאַנג פונ די פּאַסטעכער.

וואַסיל מיט זײַנע שאָפ האָט זיכ אופגעהאַלטנ אפנ מיזרעכ־בארג, וואָס מע ווייס נישט וועמענ ער געהערט: צומ גראַפ, אָדער צו דער דאָרפישער געמיינע. דאָרט פאַרזאַמלענ זיכ די מערסטע פּאַסטעכער מיט זייערע קי, שאָפ, ציגנ. דער בארג האָט ערטער גראָזיקע אונ ערטער מיט גאָלע פעלדזנ. אונ דאָרט אויבנ, וו ער לאָזט זיכ אויס, שטייט אפ דער לינקער זײַט אנ אלטער אײַנגעפאַלענער פּאַלאַץ. עס זײַנענ פאַרבליבנ

בלויז שטייגערנע ווענט, הויכע טורעמס אינ אלע פינפ עקנ, מיט שמאָלע לענגלעכיקע שיס־לעכער. אונ ארומ דעמ איינגעפאלענעמ פאלאצ וואקסנ נידעריקע קוסטעס, פארפלאָנטערט געפלאָכטנ צווישנ די דינע צווייגלעכ, שטעכיק אונ שפיציק.

ווי עס וואָלט געווענ אנ אָפּגערעדטע זאכ צווישנ דעמ אלטנ וואסיל אונ זיינע שאָפ, האָבנ זיי זיכ מערסטנס געהאלטנ דאָרט אויבנ, נישט ווייט פונ איינגעפאלענעמ פאלאצ. די שאָפ — א ביסל נידעריקער, וואסיל — א ביסל העכער. וואסיל האָט ליב אריבערצוקוקנ דאָרט אפ דער אנדערער זייט — ווייטע צייט אימ. דאָרט לאָזט זיכ אראָפּ דער באַרג מער משופּע ביז דאָרט צומ זברוטש. דאָס וואסער לויפט דאָ א ביסל מער איילניקער, גלייכ עס וואָלט וואָס גיכער זיכ ווילנ דערשלאָגנ צומ ברייטנ דניעסטער. אפאָנעמ, אז איניינעמ גייט עס זיכ לייכטער — אונ דאָס דערפילט אויכ דער שמאָלער, פלינקער זברוטש אפ א מייל די ווייט.

יונגע פאסטעכער ווארפנ דאָרט אראָפּ קליינע שטיינדלעכ אינ וואסער, הערנ זיכ איינ צומ פּליעסק, קוקנ זיכ איינ צומ געדריי פונ די פילע רעדעלעכ, וואָס די אריינגעפאלענע שטיינדלעכ רופנ ארויס, אונ זיי פרייענ זיכ. אנדערע זיצנ דאָרט אויבנ אינ קליינע קרייזנ אונ רייסנ זיכ איניינעמ אפנ קאָל. צעצויגענע אוקראַיִנישע מעלאָדיעס קייקלענ זיכ אראָפּ אפ מילאנקע, אפ די ארומיקע פעלדער, ווי א שווער הארציקנאָגעניש.

וואסיל איז געזעסנ איינער אליינ אפ א נאַקעטנ, צעוואַרעמטנ פעלדז אונ מיט פארטראַכטע אויגנ האָט ער אריבערגעקוקט צומ איינגעפאלענעמ פאלאצ.

ער האָט ארויסגענומענ פונ בוזעמ די הילצערנע פּאָיארקע אונ געשפּילט. טויבע טראַכטענישנ האָבנ זיכ געטראָגנ אינ זיינ הוילנ קאָפּ — זיי זיינענ אימ ארויסגעקראָכנ פונ די אויגנ — אונ ער האָט די אויגנ פארמאַכט. ציטעריק האָט זיכ געטראָגנ דאָס דינע קאָל פונ דער פּאָיארקע אריבער דעמ זברוטש אונ געוואַכט אינ דער ווייטעניש דעמ פארלוירענעמ זונ מיקאָלע. דעמ יינגסטנ אונ דעמ בעסטנ. ווייכ אונ פארבענקט האָט זיכ געשפּרייט דאָס צאַרטע קאָל פונ דער פּאָיארקע.

צוויי זשאַנדאַרנ זיינענ געגאנגענ איבערנ מיזרעכ־בארג, היטער וואַהילס פּלייצע זיינענ זיי געבליבנ שטיינ. די פאסטעכער אפנ הויכנ ראַנד

האָבנ אויפגעהערט צו זינגענ, זיצנדיק אינ קרייז זיכ געקאָרטשעט אונ געקוקט מיט פאַרלוירענע אויגנ.

איינ זשאַנדאַר האָט געזאָגט צומ אַנדערנ:

— צי דו זעסט כאָטש? זוכסט דעמ האָנ אונ געפינסט די הונ.

דער צווייטער זשאַנדאַר האָט א פריידיקנ קוואַק געגעבנ מיט די פינגער:

— סערוווס, פאַניע דאָברי דזשעיו! הייסט עס, אריינגעשפרונגענ א געבראָטענס אינ פיסק?

זיי האָבנ זיכ ארייננגעקוקט ביידע אינ די אויגנ, ווי צוויי לויערנדיקע יעגערס, ווענ זיי דערזעענ א פיינעמ הירש אינמיטנ פעלד. ראָזעווער גלאַנצ פונ דער פאַרגייענדיקער זונ האָט באַפאַרבט מילאַנקע אונטנ אינ טאָל — ראָזעווער גלאַנצ האָט באַפאַרבט די פענצטער פונ די צוויי זשאַנדאַרנ אויבנ אפנ בארג.

דינע שנירלעכ בלויע פעדעמ האָבנ זיכ געוועבט אינ דער לופט — אינ דער לופט האָבנ געציטערט פרילינג-פאַרנאַכטיקע טענער.

וואַסיל האָט געעפנט די אויגנ, פאַוואָליע זיכ אומגעדרייט, געוואָלט זענ וואָס די שאָפ טוענ, אונ אויפגעהערט שפּילנ. ער האָט שנעל באַהאַלטנ די פּאָיאַרקע, אראָפּגענומענ דאָס היטל, אונ שטיצנדיק זיכ אפנ הויכנ שטעקנ גלייכ אויפגעשטאַנענ.

די צוויי זשאַנדאַרנ האָבנ זיכ אָנגעקוקט אונ הויכ געלאַכט.

וואַסילס ליפּנ האָבנ געציטערט, נאָר קיינ קאָל איז פונ זיי נישט ארויסגעקומענ, די בוילעטע רינגעלעכ פונ זיינ גאָקעטנ גאָרגל האָבנ עפּעס קעסיידער געשלונגענ, זיינע לאַנגע שיטערע האָר האָבנ זיכ געוויגט, ווי דינע שנירלעכ ווייסע קרעלנ.

דער ערשטער זשאַנדאַר האָט אימ פריינטלעכ-שמייכלעריש געפרעגט:

-- אזוי שפּעט שוינ אונ דו זיצסט נאָכ אפנ בארג?

וואַסיל האָט אונטערגעשטעלט די רעכטע האַנט אונטערנ אויער.

— ער הערט נישט. — האָט געזאָגט דער צווייטער זשאַנדאַר.

— ווו איז מיקאָלע? דיינ זונ? ! — האָט אריינגעשריגנ דער סטאַרשי אינ זיינ לינקנ אויער.

וואַסיל האָט פאַמעלעכ אראָפּגעלאָזט די האַנט פונ אויער, מיט פרעמדער שטוינונג אָנגעקוקט די צוויי זשאַנדאַרנ:

— מיקאָלע? צי ער לעבט דענ נאָכ, מיקאָלע?

ער האָט ווידער שנעל אופגעהויבנ די האנט צומ רעכטנ אויער, דער סטארשי האָט ארײַנגעשריגנ אינ זײַנ לינקנ:

— אונ דאָס בלאָזנ, וואָס פאר א צייכנ איז דאָס געווענ? דאָרט אריבער!

ער האָט געוויזנ מיט דער האנט אפ איבערנ זברוטש, אונ וואָסיל האָט נעפרעגט:

— דער זברוטש?

— נעמ אימ! — האָט געזאָגט דער צווייטער זשאנדאר, געוואָרט אפנ וווּנק פונעמ ערשטנ.

— ניינ, פאניע דאָברי דזשעיו. מיר וועלנ פונ אימ נאָכ ארויסבאקומענ דעמ דאָזיקנ מיקאָלענ. א ביסל וועלנ מיר אימ נאָכ לאָזנ לעבנ.

ווידער האָבנ זיכ ביידע אָנגעקוקט אונ הויכ געלאכט.

זיי זײַנענ אוועק פונ וואָסילנ, אראָפּגעגאנגענ פונ בארג.

פונ הינטער די קוסטעס, וואָס ארומ אײַנגעפאלענעמ פאלאצ, איז ארויסגעלאָפנ א פאסטעכ, אונטערגעהויבנ די הויזנ אונ פארווונדערט נאָכגעקוקט די צוויי זשאנדארנ.

די זונ איז נישט געווענ מער — א בלויער פארנאכט האָט זיכ אראָפּגעלאָזט אפ די בערג.

עס איז געווענ נאכט.

אפנ ווײַטנ וועג צווישנ גראפּלעכנ הויפ אונ מילאָנקע האָט זיכ געטראָגנ א מאָדנע קאָל — אזא, וואָס זינגט, אונ סע הערט זיכ ווי א געוויינ. דאָס קאָל איז געווענ הייזעריקלעכ־צעצויגנ, זיכ געהויבנ אמאָל העכער אונ אמאָל נידעריקער, ווי עס וואָלט געקומענ פונ א קראנקער ביינע.

א סאכ פריִער איז אינ קאנצעליאריע פונ גראפלעכנ הויפ געשטאנענ נאָענט צו דער טיר א גרופּע אוקראאינישע פּאראָבקעס מיט די היטלענ אינ די הענט, די הענט שלאפ אראָפּגעלאָזט צו די פיס, מיט אײַנגעבויגענע פּלייצעס אונ מיט געקנייטשטע שטערנס. געשטאנענ, ווי בידנע בעטלערס — נאָר זייערע מײַלער זײַנענ געווענ הארט פארשלאָסנ.

העכער צו דער אנטקעגנדיקער וואנט איז געשטאנענ א ברוינער לאנגער שרײַבטיש. און הינטערנ שרײַבטיש איז געזעסנ דער פאנ קודלאָווסקי, דער זשאָנצע, א געלע וואָנצע אפנ בלײכנ פּאָנעם, אַפ דער וואנט דאָרט האָט ארויסגעגלאנצט פונ געדיכטנ אײל דאָס רויטע פּאָנעם פונעם גראַפ.

— נו, און אפ וואָס וואַרט מענ נאָכ? — האָט זיכ געהערט פונ פאנ קודלאָווסקיס געשנירלטע ליפּנ. זײַנע קורצע הענט זײַנענ געלעגנ אפנ שרײַבטיש, זײַנע פינגער האָבנ זיכ געשפּילט מיט א פאַרביקער פעדער.

די אוקראַינישע פאַראָבקעס האָבנ געהאלטנ די היטלענ אינ די אראָפּגעלאָזטע הענט און געשוויגנ. אײנער האָט געוואָרפנ א באהאלטענעם בליק צו אנדרושקענ, א צווייטער האָט געוואָרפנ א בליק — און געשוויגנ.

עס האָט געברענט א גרינער לאָמפּ אפנ לאנגנ שרײַבטיש.

דער פאנ קודלאָווסקי איז געווענ בלײכ, גלײַכ זײַנ פּאָנעם וואָלט נאָרוואָס באשיט געוואָרנ מיט גרויענ פּודער. ער האָט געפּרווט מיט גוטנ:

— איר זײַט דאָכ אײגענע, פונ אײנ דאָרפ פונ מילאנקע. איר זײַט שכײנים, זומער־צײַט באקומענ אײַערע פרויענ, אײַערע שוועסטער ארבעט אפנ פעלד. זײ פאַרדינענ. און עס קאָנ זיכ אויכ מאכנ, אז זומער־צײַט זאָלט איר אלײנ אויכ באקומענ ארבעט. מע דאַרפ לאָזנ לעבנ אנדערע אויכ. זײ זײַנענ מענטשנ, אזוי ווי איר, די פּוילישע. און נישט אלע פונ אײַכ האָט מענ אָפּגעזאָגט. נו, מיר האָבנ זיכ אָפּגערעדט, באצאָלט, איר קאָנט גײנ.

דאָס בלײכע פּאָנעם האָט באקומענ פאַרב. די אוקראַינישע פאַראָבקעס האָבנ געשוויגנ, זיכ גערירט, אײנציקווײַז זײַנענ זײ ארויסגעגאנגענ פונ קאנצעליאַריע. דער לעצטער האָט זיכ ארויסגעריסנ אנדרושקע זײַטשוק.

ער האָט זיכ ארויסגעריסנ פונ הויפ, אנטלאָפנ פונ די מענטשנ, נישט געוווּסט וווהינ די אויגנ טראָגנ אימ. פאַרביקע קרײַזנ האָבנ זיכ געדרייט פאַר זײַנע אויגנ. אינ קאָפּ האָט געטומלט א בייזע צערייצטקײַט, געשווינדלט, געטראָגנ אימ אינ דער לופט. ער האָט געלאכט און געוויינט אָנ טרערנ. ער האָט זיכ געביסנ די ליפּנ, געצופּט די גע-

לע וואַנצע, עטלעכע מאָל האָט ער א וואָרף געטאָן מיטן הימל — און ווידער עס אופגעהויבן. אפן ווײַטן וועג, וואָס פירט פון גראַפלעכן הויף אין דאָרף אַרײַן, האָט ער זיך געדרייט, געטאַנצט, געטופעט מיט די פיס און ווילד געשריגן. עטלעכע מאָל איז ער געלאָפן צוריק אין הויף אַרײַן און ווידער זיך אומגעקערט. דער הימל איז געווען טונקל, בלויע שטערן האָבן געטאַנצט איבער זײַן קאָפּ.

אינמיטן וועג איז א ביסל רויִקער געוואָרן זײַן געמיט. אין קאָפּ איז פאַרבליבן דער בייזער געדאַנק, קאַלט און פאַראַקשנט, אונטערצוצינדן דעם הויף, צו שטילן דאָס האַרץ אין די רויטע פלאַמען. קינדיש-ווייך האָט זיך דער געדאַנק געלאָשעט אין זײַן טיפן האַרץ, ווי א זיסע נעקאָמע, און פאַרבענקט האָט זיך פון אים אַרויסגעריסן א וויינענדיק קאָל. ער האָט געזונגען.

די פעלדער פון ביידע זײַטן וועג זײַנען געלעגן אין טונקעלן שווײַגן. די פריש-צעאַקערטע ערד האָט געאָטעמט מיט אופגייענדיקן זאַפט. און אַנדרושקעס זײַטשוק האָט געזונגען.

נעענטער איז געקומען דאָס קאָל אין דאָרף אַרײַן און אַלץ העכער האָט זיך עס געהערט. עס האָט זיך געהערט, דאָס קאָל, ווי דער געזאַנג אפ אַן אוקראַאינישער לעווײַע, עס האָט זיך געהערט ווי א געוויין.

מענטשן זײַנען אַרויסגעלאָפן פון די כאַטעס, דערשראָקענע געקוקט אין אַלע זײַטן, געפרעגט איינער באַם אַנדערן, וואָס דאָס איז. דאָס קאָל האָט זיך געדרייט אין דער לופט, זיך איבערגעריסן און ווידער זיך געדרייט. שטיל געוואָרן און פונסנײַ זיך געהערט. ביז עמעצער האָט דערקענט, אַז דאָס איז אַנדרושקעס זײַטשוקס קאָל. אין דאָרף האָט מען שוין געוווּסט, אַז עס זײַנען אָנגעקומען פוילישע פאַראָבקעס, אַז די אוקראַאינישע ווערט מען אָפּזאָגן. קאַטיע האָט געכאַפט אפ זיך דאָס ווײַסע טיכל און אַרויסגעלאָפן אפן וועג.

עס האָט זי געצויגן דאָס קאָל. זי איז מער געלאָפן, ווי געגאַנגען, באָרוועס, אינעם ברייטן קלייד, געפאַטשט אפן נאַכטיק-פײַכטלעכן וועג, און אַלײן ניש געוווּסט, פאַרוואָס בא איר קלאַפט אַזוי שטאַרק דאָס האַרץ. ערשט העט ווײַט, דאָס דאָרף איז טונקל פאַרבליבן הינטער איר, האָט זי געזען אפן מיטן וועג זיך דרייען א מענטשן, א שפרונג טאָן און שטיין בלײַבן. דעמלט האָט זיך קיין געזאַנג שוין ניש געהערט.

נאָר מער אזא כאָרכלענ, א בייז וואָרטשענ אונ א ביטערע קלאָלע. קאַ־טיע האָט צוערשט מוירע געהאַט, נישט געוווּסט אקוראַט, צי דאָס גייט דאָרט אנדרושקע, געוואָרט הינטער א בוימ, צוגעדריקט די באַק צו דער קאַלטער קאָרע אונ מיט די אויערנ זיכ אײַנגעהערט צומ כאָרכלענדיקנ קאָל.

אנדרושקע האָט זיכ געדרייט אפנ וועג. געשפּרייט די הענט, זיי געוואָרפנ ארומ זיכ מיט קאַס — זײַנ האַרצ האָט געציטערט, ווי בא א קינד, אינ זײַנ הייסנ קאָפּ האָט עס בייז געקלאַפּט. אונ ער איז גע־בליבנ שטיינ אינמיטנ וועג. דאָס ווײַסע טיכל הינטערנ בוימ האָט ער דערקענט.

ער איז שטיל געוואָרנ, ווי עמעצער וואָלט אימ אָפּגעגאָסנ מיט קאַלט וואַסער. פאַרשעמט האָט ער אראָפּגעלאָזט די אויגנ, געזוכט אינ זײַנ צעטומלטנ קאָפּ א וואָרט, פאַר זיכ, פאַר קאַטיענ — אונ קאַטיע איז אַרויסגעגאַנגענ פונ הינטערנ בוימ. די הענט האָט זי פאַרלייגט איבער דער ברוסט.

— אונ דו שעמסט זיכ נישט, אנדרושקע?

אומשליסיק איז ער געשטאַנענ אפנ זעלבנ אָרט, זיכ נישט גע־רירט, געציטערט מיט די לאַנגע פיס. קאַטיע איז צו אימ צוגעגאַנגענ אונ ארויפגעלייגט א האַנט אפ זײַנ געבויגענעמ אקסל:

— איכ ווייס, אנדרושקע, אז דאָס טוט דיר וויי, וואָס מע האָט דיכ אָפּגעלאָזט פונ הויפ. איכ ווייס, אנדרושקע, אָבער דו ביסט דאָכ נישט קיינ קינד.

פּלוצעמ האָט זי פאַרוואָרפנ די הענט ארומ זײַנ האַלדז, אראָפּגע־דריקט זײַנ קאָפּ צו איר ברוסט, אימ געקושט. אפ זײַנע באַקנ האָט זי געפילט נאַסע טרערנ.

די פרויש־צעאַקערטע ערד האָט געאָטעמט מיט אופגייענדיקנ זאַפט.

זומער

דער טאָג, א סאָפּ־יולי־טאָג, האָט זיכ געשמאָלצנ אינ דער העלער זונ, אינ דאָרפ זײַנענ די כאַטקעס געשטאַנענ האַלב־ליידיקע, קלייִנע קינדער האָבנ זיכ געשפּילט פאַר די אָפענע טירנ. דאָס דאָרפ האָט געדרעמלט אינמיטנ העלנ טאָג.

ארומ דאָרפ האָבנ זיכ געהויבנ די פעלדער מיט שטיקלעכ הערעמשקע, מיט קאַרטאָפל, מיט קוקורוזע, מיט געלע זאנגענ, מיט גריגע טאַבאַק=בלעטער. ווי קלייגע ביימלעכ, געבויגענע אוג אויסגעגלייכטע, האָבנ אויסגעזעג די מענטשנ אפ די ווייטע פעלדער. האלב=נאַקעטע האָבנ זיי דאָרט ארומגעפויזעט אפ זייערע עטלעכע שפאַנ ערד, מיט די הענט אוג מיט די פיס ארומגעפויזעט, ווי אויסגעהונגערטע, ווילדע בהמות. די זונ האָט געברענט א גאַנצנ טאָג.

עס איז געווענ שוינ שפעט באַנאַכט, דאָס דאָרפ מילאַנקע איז געשמאַק געשלאָפנ, ווענ מיקאָלע האָט אָנגעקלאַפט בא גריניקעס אינ נידעריקנ פענצטער. די פיר קליינע שייבלעכ האָבנ א ציטער געטאָנ, די לעווּאָנע האָט געוואָרפנ א געלנ שײַנ אפנ גרינעמ גלאָז. מיקאָלע האָט נאָכאַמאָל אָנגעקלאַפט, אוג גאָר שטיל, מע זאָל נישט הערנ אפ קיינ צוויי שריט ווײַטער.

עס האָט לאַנג געדויערט ביז די שווערע טיר האָט זיכ געעפנט, דערנאָכ האָט זיכ קאַטיע באַוויזנ אינעמ לאַנגנ ווײַסנ העמד אפ דער שוועל. זי האָט זיכ דערשראָקנ אוג געוואָלט שנעל ווידער פאַרמאַכנ די טיר. נאָר מיקאָלע האָט א זאָג געטאָנ:

— וואַרט. וואָס אַנטלויפסטו? האָסט נאָכ נישט געזענ ווער איכ בינ.

זי האָט א רײַב געטאָנ איבער די פאַרשלאָפענע אויגנ אוג מער ארויסגעבויגנ דעמ קאָפ.

— נו? אוג איצט דערקענסטו מיכ, אָדער — ?

— איכ? נייג. — האָט קאַטיע געזאָגט אוג געהאַלטנ די טיר מיט ביידע הענט.

— גיי, רופ דעמ טאַטנ דײַנעמ, וועט ער שוינ וויסנ ווער איכ בינ.

איבער די גערטנער האָבנ געגרילצט די גרילנ, מיקאָלע האָט געשמעלט נעענטער א טריט.

קאַטיע האָט אָפגעלאָזט די טיר, פאַרוואָרפנ די הענט איבער דער ברוסט. א קורצער דרעשטש איז געלאָפנ איבער איר קערפער. זי האָט שטיל געשעפטשעט:

— אוי! ווי דאָס האַרצ קלאַפט.

מיקאָלע איז שוינ געשטאַנענ לעבנ שוועל, געשמייכלט:

— און פארוואָס קלאפט עס?

קאטיע איז ארײנגעלאָפן אין שטוב, געלאָזט די טיר שטיין אָפן. מיכאָלע האָט זיך אומגעקוקט, ארײן דורך דער אָפענער טיר — און פאר אים איז שוין געשטאנען גרײקע. געשטאנען אין די הוילע גאַטקעס, אָנגעטאָן אַ העמד, מיט דער ברײטער ברוסט פאר מיכאָלעס אויגן. מיכאָלע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, שווײַגנדיק אָנגעקוקט זײַן אַנטקעגן. אין שײַן פון דער האלבער לעוואָנע האָט אים גרײקע באלד דערקענט, ארומגעכאפּט מיט בײדע הענט:

— מיר וואַרטן שוין לאַנג אויף דיר.

און אויפן אָרט האָט ער פאר אים אויסגעשיט אלץ:

— אָפּגעריסן זײַנען מיר די גאנצע צײַט, נישטאָ גאָר קײן פארבינדונג. און דאָ הײסט עס, אַז דו קומסט, שוין כאַראָשים, אַז מע רעדט דערפון. און דו קומסט נישט. דאָס דאַרף וואַרט, מיר וועלן געשוואָלן פאר קאָס, און דו קומסט נישט און קײן פארבינדונג איז נישטאָ.

— וואַרט. — האָט מיכאָלע געזאָגט, זיך באַפרײַט פון גרײקעס גאַקעטע פעסטע הענט. — לאָז ערשט כאַפּן אָטעם. אָט, דײַן קאטיע האָט זיך דערשראָקן. און ווו איז זי איצט?

— אָט דאָ בין איך. — האָט זיך געהערט פון טונקעלן אַלקער.

— און ווער איז נאָך בײַ דיר אין שטוב? — האָט מיכאָלע געפרעגט.

גרײקע האָט איצט שנעל אָפּגעווישט די באַנק לעבן פענצטער, צוגעפירט מיכאָלען בײַ דער האַנט, געצוווּנגען אים זיצן.

— און איצט זע איך מאַקע דײַן פּאָנעם. נאָך גוט, וואָס די האלבע לעוואָנע שטײט לעבן פענצטער. שוואַרץ ביסטו. און ווו ביסטו אַזוי שוואַרץ געוואָרן? הע? און אַזוי דאַר? עס איז דאָך נישט געבליבן גאָרנישט פון דיר!

מיכאָלע האָט אַ וויש געטאָן איבערן פּאָנעם:

— גיט עפּעס צו עסן. פאַראַן אין שטוב?

— אָך, יאָ-יאָ-יאָ. וואָרע. פאַראַן. הע, באַבאַ, שטײ אויף. שנעל! אַ גאַסט איז בײַ אונדז. אַך, וואָס פאַר אַ גאַסט! — ער האָט זיך געזעצט לעבן מיכאָלען אויף דער באַנק, אַרומגענומען אים מיט דער

האָט. — פאראנ, פאראנ. באלד וועט מענ דיר געבנ עסנ. ביסט הונגעריק, הע?

איצ ווינקל האָט זיכ געריררט א געשטאלט, אראָפּגעוואָרפנ פונ זיכ עטלעכע לאכעס, געוויזנ א צעשויבערטנ קאָפּ האָר און געקרעכצט. גרייקע איז דאָרט אינ ווינקל צוגעגאנגענ אפ א רעגע, געזאָגט צומ ווייב:

— און דו דערשרעק זיכ נישט, אלטע. דאָס איז דאָכ ער, מיקאָליטשקע אונדזערער. נאָר שוויינ זאָלסטו אויכ. און שוויינג, הערסט? איצט גיי, גיב אימ עפּעס צו עסנ. גיי, גיי!

און ווידער לעבנ מיקאָלענ:

— דו, מיקאָליטשקע, ווי מיר האָבנ געוואַרט אפ דיר! אָכ, ווי מיר האָבנ געוואַרט! און דיינ טאטע לעבט נאָכ, דער אלטער. לעבט און איז געזונט.

— זאָג, גרייקע. איכ קענ דיכ פאר א רויקנ, פאָר א באַרעכנטנ. עפּעס איצט שורגעסטו מיר צופיל ארומ. נאָר איכ ווייס, דאָס איז אוואדע די פרייד, וואָס איכ בינ געקומענ. הע?

— אוואדע, אוואדע. די פרייד, די פרייד. אכ, אונדזער מיקאָליטשקע! — ער האָט אימ ווידער ארומגעכאפּט מיט ביידע הענט. — אזהערע נעשאָמעס העננענ שוינ אראָפּ פונ די נעז. טאבאק, טאבאק האָב זיכ זיי פארגלוסט. דו האָסט אוואדע שוינ געהערט, ווייל אינ די אנדערע דערפער אויכ אזוי. אָבער בא אונדז, מיקאָלע, איכ זאָג דיר, וויפל איכ האָב געהערט, עס האָט נישט געהאָלפנ. נישט געהאָלפנ און נישט געהאָלפנ.

מיקאָלע האָט אימ איבערגעריסנ:

— בא דיר איז כאטשע ווער איז נאָכ? אכוצ דיר, דיינ ווייב, דיינ טאָכטער, הע?

— קיינער נישט. — האָט גרייקע געזאָגט, באטראכטנדיק מיקאָלענ פארוואונדערט. — פארוואָס מיינסטו עס, הע?

— איכ מיינ נישט, איכ פרעג.

די גרייקאָווע האָט צוגעטראָגנ א שטיק ברויט מיט א טעפּל קאלטנ באָרשטש, אנידערגעשטעלט אפ דער באנק, אויסגעבויגנ העמ צעשויבערטנ קאָפּ און אָנגעקוקט מיקאָלענ, געשמייכלט, געדרייט מיט דער

נאָז, מיטנ קאָפּ אונ שנעל אָפּגעווישט די האַנט, דערלאַנגט מיקאָלען.

— נו, באַבאַ, דערקענסט אים, אָדער? הע? דעמ עמעס זאָג.

— איכ דערקענ, דערקענ, דערקענ. פאַרוואָס נישט? אָכ, אויסגעוואַקסנ מיקאָליטשקע אונדזערער, אויסגעוואַקסנ. אָכ=אָכ=אָכ, וויפל יאָרנ!

מיקאָלע האָט געביסנ אינ שטיק ברויט, ווי א קינד האָט ער געשמייכלט.

— אויסגעוואַקסנ! גיי, דו באַבאַ. — דער מאַנ האָט זי אָפּגעשטופּט מיט כוויזעק. — גיי, גיי. וואָס דו פאַרשטייסט שוינ. אויסגעוואַקסנ איז ער נאָכ פאַרנ קריג, ער איז דאָכ געווענ אינ מילכאָמע. אונ דו — אויסגעוואַקסנ!

— נא, קריגט אײַכ נישט. — האָט מיקאָלע געזאָגט. — א ביסל גערעכט איז זי אויכ, די מאַמושקע. איכ בינ אויסגעוואַקסנ, גרײַקע, נאָר אינ אַנ אַנדערער זײַט.

די גרײַקאָווע האָט געפרעגט א פאַרשעמטע:

— אונ ווו ביסטו עס געווענ די גאַנצע צײַט, מיקאָלע? הע?

מיקאָלע האָט געשמאַק געביסנ אינ ברויט, צוגעטרונקענ באָרשטש:

— דעמ באָרשטש מאַכסטו גוט, מאַמושקע, זייער גוט.

— נו, גיי, גיי. — האָט זי גרײַקע געטריבנ. — מיר דאַרפנ דאָ עפּעס=וואָס ריידנ.

זי האָט פאַרכידעשט געשאָקלט מיטנ צעשויבערטנ קאָפּ, אוועק אינ א ווינקל, זיכ אַנידערגעלייגט.

— עס, עס. — האָט גרײַקע געזאָגט. — ביסט הונגעריק. עס, עס.

— אונ דײַנ קאַטיע האָט נאָכ נישט באַסענע געהאַט? — האָט מיקאָלע געפרעגט. פונ ווינקל האָט זיכ אָפּגערופנ די מוטער:

— מיט דער מויד איז א בידע. האָט זיכ אַרײַנגעקלאַפּט אינ קאָפּ אַנדרושקענ, אונ ער האָט נישט קיינ אַרבעט, נאַקעט ווי די נאַכט. מיט דער מויד איז אַ בידע. — זי האָט געקרעכצט.

— דו שווײַג, מאַמע. — פונ אַלקער האָט אַרײַנגעהופּט קאַטיע.. אונ עס איז שטיל געוואָרנ.

מיקאָלע האָט אַרויסגעקוקט דורכנ פענצטער, געזענ די האַלבע לעװאָנע צווישנ דיביימער. ער איז פריער געגאַנגענ אַרומ דאָרפ, גע=

וואָלט אויסמיידנ יעדעם לעבעדיק באשעפעניש, געגאנגענ מיטנ פעלד, צווישנ די גערטנער, מוירע געהאט פאר דער לעוואָנע. איצט איז אים גוט אפנ הארצ. איבערגעקומענ די ערשטע שרעק, האָט ער געטראכט, דאָס אנדערע וועט שוינ זיינ גוט.

גרייקע האָט געשוויגנ, געקוקט אפ מיקאָלעס פארשווארצט פאָנעם, אפ די איינגעפאלענע באקנ, שטיל-שווייגנדיק געפרייט זיכ מיטנ גאסט. אונ מיקאָלע האָט זיכ דערמאָנט:

— איר זייט אָפגעריסנ, זאָגסטו? דאָס לעצטע מאָל האָט מענ דאָכ באַ אייכ אינ מילאנקע צוויי ארעסטירט, יאָ? נו, זעסטו. אונ נישט יעדער קאָנ אוועק אינ דאָרפ. דאָ דארפ מענ האָבנ אייגענע מענטשנ. אונ אזויפיל האָבנ מיר נישט.

גרייקע האָט אָפגעזיפצט, אָפגעווישט דאָס מויל:

— דאָס, וואָס דו ביסט געקומענ, איז זייער גוט. נאָר די זשאנדארנ זוכנ דיכ.

— נו, מיכ זוכנ זיי אומעטום.—האָט מיקאָלע געזאָגט נאָר פאָ-שעמט.

גרייקע האָט ווידער אָפגעזיפצט, ווידער אָפגעווישט דאָס מויל:

— אונ זיי טשעפענ זיכ צו דיינ אלטיטשקנ. אכ, טשעפענ זיכ. שוינ עטלעכע מאָל האָבנ זיי אים גענומענ, אויסגעפרעגט, געשלאָגנ.

— געשלאָגנ?

גרייקע האָט טרויעריק געשאָקלט מיטנ קאָפ, געזיפצט. מיקאָלע האָט ארויסגעקוקט דורכנ פענצטער, געפרעגט:

— אונ פאראָבקעס האָט מענ באַ אייכ אינ הויפ אָפגעלאָזט?

— אָפגעלאָזט. אונ וויאזוי ווייסטו עס, הע? — פארוווּנדערט האָט ער באטראכט מיקאָלענ.

— איכ ווייס נישט, — האָט מיקאָלע געזאָגט, — איכ פרעג. אונ זיי האָבנ אראָפגעברענגט פוילישע, יאָ? נו, זעסטו.

גרייקע האָט געזיפצט. אונ פונ ווינקל האָט די גרייקאָווע אריבער-גערופנ:

— בעסער זאָל ער זיכ לייגנ שלאָפנ, מיקאָלע, ער איז דאָכ מיד פונ וועג.

גרייקע איז אופגעשטאנענ:

— יאָ, יאָ, קום, איכ וועל דיר מאכנ א געלעגער.

— זאָג, אונ קונדירא וויאַזוי איז? — האָט מיקאָלע נאָכ געפרעגט.
— קונדירא? ווי געווענ. — האָט גרײַקע געענטפערט.
אונ פאַרטאָג, ווענ דער לעצטער שאָטנ איז אוועק פונ פענצטער, איז גרײַקע ארויס פונ שטוב. געגאַנגענ צו עטלעכע מענטשנ.

מיקאָלע איז נישט פאַרבליבנ בײַ גרײַקענ. א גאַנצנ טאָג איז ער געזעסנ בײַ אים אינ אַלקער, דעמ שײַנ נישט געזענ, באַנאַכט איז ער אריבער צו קונדירא. אזוי איז אָפּגערעדט געוואָרנ צווישנ די עטלעכע מענטשנ, וועלכע האָבנ געמעגט וויסנ, אז מיקאָלע איז אינ דאָרפ. געטראָפנ זיכ אפנ פעלד, אזוי צופעליק, אונ דאָרט האָט קונדירא געזאָגט, אז נאָר בײַ אים זאָל ער זײַנ — „איכ בינ א קלויסטערניק, האָט ער געזאָגט, וועגנ מיר וועט קײנער נישט טראַכטנ, אז איכ בינ דאָרט מיט עמעצנ פאַרבונדנ, זאָל ער זײַנ בײַ מיר". אונ באַנאַכט איז ער אריבער צו אים.

אינ שטוב איז געשטאַנענ דער גערוכ פונ הײליקנ ווײַרעכ, די ווענט זײַנענ געווענ באַהאַנגענ מיט געטלעכע בילדער. קונדירא איז געווענ אײנער אַלײנ, אָנ א ווײַב, אָנ קינדער. מיקאָלע איז דאָרט אַרײַנגעקומענ צוזאַמענ מיט גרײַקענ, זיכ אומגעקוקט אונ געגעבנ קונדירא די האַנט:
— בײַ דיר וועל איכ זײַנ זיכער, חאַכט זיכ. דו וווינסט אינ הימל, קונדירא, אונ אינ הימל, זאָגנ מענטשנ, קאָנ קײנער נישט אַרײַנקומענ. עמעס?

קונדירא, ווי זײַנ טעווע, האָט ווײניק גערעדט, אויכ אפ מיקאָלעס באַגריסונג נאָר געשאָקלט מיטנ קאָפּ, געעפנט די טיר צומ טונקעלנ אַלקער, אָנגעצונדנ א ליכט, דאָרט אַרײַנגעגאַנגענ מיט מיקאָלענ אונ מיט גרײַקענ.
דאָ איז שוינ געווענ צוגעגרײט א בעט, א טישל, א באַנק.
— דאָס וועט זײַנ דײַנ שטוב, — האָט ער געוויזנ מיקאָלענ. — אויב בײַ מיר וועסטו נישט זײַנ זיכער, ווײס איכ שוינ נישט בײַ וועמענ.
אונ אזוי איז פאַרבליבנ.

באַטאָג איז מיקאָלע געשלאָפנ, באַנאַכט האָט ער אָפּגעהאַלטנ זײַנע קאָנפערענצנ. צוערשט מיט אײנעמ, דערנאָכ זײַנענ צוגעצויגנ געוואָרנ נאָכ אַנדערע, פונ די פאַראָבקעס איז געקומענ אַנדרושקע אונ דער יונגער סושליק. דאָס אַלצ האָט געדויערט געצײלטע טעג. אונ מיקאָלע האָט באַשלאָסנ ארויסגײנ אפ ברײטערער ארבעט. דאָס ערשטע האָט מענ

גערופנ א קלײנע פארזאמלונג פונ אויסגעקליבענע מענטשנ אפנ צווינטער.

א דינער, קילער רעגנ האָט אראָפּגעטריפט פונ די ביימער, די טיפאראָפּהענגענדיקע צווײַגנ האָבנ קעסיידער אופגעציטערט און לײַכטנ ווינט און א שיט געטאָנ א געדיכטנ גאָס אפ די באַגראָזיקטע קלײנע בערגלעכ. אינ דער טונקעלגיש האָט מענ קוים ארויסגעזענ די קלײנע אײַנגעשרומפּענע בערגלעכ, ווי זיי וואָלטנ זיכ צוגעדריקט אײנער צום אנדערנ. אונטער יעדנ בערגל איז געלעגנ א מענטש, אפ יעדנ בערגל איז געשטאנענ א הילצערנער צײלעם. עס איז געווענ א טונקעלע נאכט. עס איז געווענ שטיל.

אפנ צווינטער איז געקומענ צו קריכנ אנ אײַנגעבויגענער, צונויפּגעקאָרטשעטער מענטש, פּאַוואָליע זיכ גערוקט מיטנ לאנגנ שטעק: און יעדעס מאָל א שטארקנ ציטער געטאָנ: דאָס איז געווענ דער אלטער וואסיל, מיקאָלעס פאָטער. איינ מאָל האָט ער זיכ שוינ געזעגנ מיטנ זונ, טאקע בא זיכ אינ שטאל, אנדרושקע איז דאָרט אהינגעקומענ מיט מיקאָלענ. דעמלט האָט דער אלטער געוויינט די גאנצע צײַט, נישט געקאָנט ארויסריידנ קיינ איינציק וואָרט, קעסיידער זיכ געטוליעט צום זונ און אים געטרייסלט, ווי א קלײנ ייִנגל. מיקאָלע האָט אים דערציילט, אז דער עלטערער ברודער, סטעפּאנ, איז אפ דער אנדערער זײַט, אינ סאָוועט־רוסלאנד, עס גייט אים דאָרט ניט שלעכט, האָט ער דעמ אלטנ דערציילט, און אים אלײנ גייט אויכ נישט שלעכט, וואָס ער טוט, האָט ער אים נישט געזאָגט. דער אלטער האָט געפּישטשעט מיט די ווייכע יאסלעס, אפ זײַנ געקנבלעכ־צעשפּאָלטנ פּאנעם האָבנ זיכ געקײַקלט די טרערנ. מיקאָלע האָט אים געמוזט צוזאָגנ, אז איידער ער וועט אוועק פונ דאָרפ וועט ער זיכ מיט אים נאָכאמאָל זענ. עס זײַנענ פארגאנגענ טעג. און דער אלטער וואסיל האָט זיכ צורעכט געמאכט א גאנצנ פּראָגראמ, וויאזוי ער זאָל קאָנענ ווידער צוזאמענ לעבנ מיטנ איינציקנ זונ, וואָס איז פארבליבנ. ווענג דער פארזאמלונג אפנ צווינטער האָט ער אזוי לאנג געמוטשעט אנדרושקענ, זײַנ בעסטנ פרײַנט אינ דאָרפ, ביז ער האָט אים געמוזט דערציילנ, ווו זיי קומענ פאָר. איצט איז ער געקומענ אפנ צווינטער זיכ זענ מיטנ זונ. ער איז געווענ אײנער פונ די ערשטע.

א ביסל איז ער ארומגעגאנגענ איבער די באוואקסענע שמאָלע

סטעזשקעס, צווישנ די אײַנגעשרומפּענע בערגלעכ, אָנגעזאַפּט זיכ פול מיט וואַסער פונ די טריפנדיקע ביימער אונ צומ סאָפ זיכ אַנידערגעזעצט אַפ דער נאַסער ערד. דערנאָכ האָט נאָכ געדויערט אַ היפּשע צײַט ביז אַנדערע זײַנענ געקומענ, איינציקווײַז אונ פונ פאַרשיידענע זײַטנ האָבנ זיי זיכ באַוויזנ אַפנ שטאָקפינצטערנ צווינטער, פאַרהוילנ זיכ געשאַרט זײַטלעכ, לעבנ דער קרומער וואַנט, אונ ערגעצ פאַרשווּנדנ געוואָרנ.

דער אַלטער וואַסיל איז געזעסנ אַפ דער נאַסער ערד, געשטרעקט דעמ לאַנגנ האַלדז אינ אַלע זײַטנ, געפינטלט מיט די שוואַכע אויגנ אונ נישט געזענ קיינעמ. אַפ זײַנ לאַנגער נאָז האָט קעסיידער אַראָפּגעטריפּט אַ נאַסער טראָפּנ, אונ אַז ער האָט אַמאָל אַ וויש געטאָנ איבער דער נאָז, דעמלט האָט זיכ אימ גראָד אויסגעדאַכט, אַז ערגעצ=ווו טראָגט זיכ אַ שאָטנ, טונקל אונ לײַכט, אונ מער זעט ער אימ נישט. וואָס וועט דאָ זײַנ? — האָט וואַסיל אינ זיכ אַרײַנגעטראַכט, זיי קומענ אונ ווערנ נישט, ווו קומענ אַהינ אַלע? די נאַכט איז געשטאַנענ פאַר וואַסילס אויגנ, צענ שריט ווײַטער פונ זיכ האָט ער נישט געזענ גאָרנישט.

אַ שווערער, קורצער דונער האָט אַ זעץ געטאָנ. אונ באַלד האָט זיכ אַ צווייטער נאָכגעקײַקלט פאַמעלעכ אונ שווער, ווי אַ שווערער האָלצ=פאַס איבער גרויסע שטיינער באַרג=אַראָפּ. אונ מיטאַמאָל איז ער צעשאָטנ געוואָרנ אַפ פאָרעכ. דער בערגלדיקער צווינטער האָט אויפגעציטערט, אָפּגעאָטעמט, אונ ס'איז שטיל געוואָרנ.

וואַסיל איז געזעסנ אײַנגעקאָרטשעט אַפ דער נאַסער ערד, אַפ זײַנ לאַנגער נאָז האָבנ אַראָפּגעטריפּט נאַסע טראָפּנס. נישט אַנדערש, האָט ער געטראַכט, די פאַרזאַמלונג וועט טאַקע זײַנ ערגעצ=ווו, אָבער נישט אַפנ צווינטער.

דער אַלטער וואַסיל האָט טיפ געזיפצט.

אונ פונדעסטוועגנ האָט זיכ אַ מענטש צו אימ דערנענטערט.

וואַסיל האָט אונטערגעהויבנ דעמ קאָפּ, אָנגעשטרענגט די אויגנ — אונ הויכ איבער אימ האָט ווידער אַ זעץ געטאָנ אַ שווערער דונער. ווענ ער האָט ווידער אויפגעמאַכט די אויגנ, האָט ער פאַר זיכ געזענ אַנדרושקענ.

— אָט ביסטו טאַקע, דו אַלטער וואָיקאָ וואַסיל! אונ איכ זוכ דיכ אונ זוכ דיכ.

אנדרושקע האָט זיכ געבויגנ איבערנ אלטנ אונ ארײַנגעלאכט אינ אים א פול געלעכטער.

וואסיל איז פאמעלעכ אופגעשטאנענ. ער האָט געדרייט מיטנ גאנצנ קאָפ, געפרייט זיכ ווי א קינד, וואָס אנדרושקע האָט אים טאקע נישט אָפגענארט, אונ געקלאפט אים אפ דער פלייצע: הע-הע-הע! הע-הע-הע!

— קומ, קומ, — האָט אנדרושקע געטריבנ. — זיי האָבנ שוינ באלד פארענדיקט אונ דו? אוועקגעזעצט זיכ ווי א קלאָצ אונ זיצט. שנעלער קומ, אלטיטשקער דו! נאָר זאָלסט נישט זאָגנ קיינעמ, אז איכ האָב דיר אויסגעזאָגט דאָס וואָרט, הערסט? דו, וואָיקאָ וואסיל!

וואסיל האָט גיכ געטריפּלט מיט די לאנגע פיס, געהאלטנ די האנט אונטערנ רעכטנ אויער, נאָר געהערט האָט ער סײַווי דעמלט גאָרנישט. אנדרושקע איז געגאנגענ פאָרויס, דער אלטער איז אים נאָכגעקראָכנ פונ הינטנ, א בליצ האָט איבערגעשניטנ דעמ צווינטער, אפ א רעגע העל באלויכטנ די ביימער — אנדרושקע האָט געוויזנ מיט דער האנט:

— דאָרט, זעסט? גיי, גיי. אונ איכ וועל א לויפ טאָנ פונ דער אנדערער זײַט, פארשטייסט?

אנדרושקע האָט זיכ א לאָז געטאָנ צווישנ די ביימער, דער אלטער וואסיל האָט געטאפט מיטנ לאנגנ שטעקנ אונ א שטיקל ווײַטער פונ דער פארזאמלונג זיכ אָפגעשטעלט.

מיט גרויס פארוואונדערונג האָט ער געקוקט אפ די מענטשנ, וואָס שטייענ דאָרט, ווי טונקעלע שאָטנס איינער לעבנ אנדערנ, אונ נישט זיי מאכנ עפעס מיט די הענט אונ נישט זיי באוועגנ זיכ, — אז זיי ריידנ, האָט ער נישט געהערט. וואונדערלעכ איז איצט פאר אים אויסגעוואקסנ זײַנ זונ מיקאָלא, וועלכער האָט זיכ ארויסגעריסנ פונ ארעסט, וואָגלט ארומ צווישנ די דערפער, האָט נישט קיינ מורע פאר די זשאנדארנ, אונ אומעטומ, ווו ער באווײַזט זיכ, פרייענ זיכ די מענטשנ אונ ריידנ פונ באפרײַונג, פונ דערלײַכטערונג, פונ א בעסער לעבנ. וואונדערלעכ איז איצט דער זונ פאר אים אויסגעוואקסנ שוינ אינ זײַנ קינדהייט. ער איז נישט ארומגעלאָפנ, אזוי ווי אלע קינדער מיט פוסטע זאכנ, נאָר געהאָלפנ אינ שטוב דער מוטער מיט וואָס ער האָט געקאָנט, געהאָלפנ דערנאָכ אפנ שטיקל פעלד, ווי קליינ ער איז געווענ, געארבעט ווי א גרויסער, אונ אלצ לעבנ דער מוטער, ארומ דער מוטער, נאָר זי זאָל האָבנ לײַכטער. אונ געזונט איז ער געווענ, געזונט אונ קלוג. קלוג

איז ער געווענ, אָכ — קלוג! די דורכגעווייקטע בונדע האָט געקראצט דעמ אלטנס בייגערדיק ליַב, ער האָט געהאלטנ צוגעמאכט די אויגנ, אונ פאר זיכ האָט ער געזענ מיקאָלענ, נישט קיינעמ, נאָר מיקאָלענ — — — —

אנדרושקע האָט זיכ שטילערהייט צוגעשארט צו דער גרופע מענטשנ, אנערעכ צוואנציק, אונ שנעל זיכ איַנגעהערט וואָס מיקאָלע האָט דאָרט גערעדט. די מענטשנ זיַנענ געשטאנענ צונויפגערוקט אינ אנ ענגער קופע, די קעפ צונויפגעטוליעט ווי די שאָפ, ווענ עס איז זיי קאלט, אונ נישט הויכ, אָבער דריַסטלעכ, האָט מיקאָלע גערעדט.

א העלער בליצ האָט איבערגעריסנ מיקאָלעס רייד, אינ זיַנ טונקל־פארנעצטנ פאָנעמ האָבנ געברענט שארפע אויגנ, אנדרושקע האָט זיי א כאפ געטאָנ אונ זיכ געפרייט, וואָס ער זעט אימ, מיקאָלענ. אָבער באלד נאָכנ בליצ האָט זיכ געבראָקלט א דונער, צעשפריצט געוואָרנ אינ הייסע פונקענ איבער די קעפ. מיקאָלע האָט וויַטער גערעדט.

נאָר פלוצעמ האָט זיכ אראָפגעלאָזט א גוסרעגנ אונ גליַכ מיט אזא גוואלד, ווי א טיַכ וואָלט זיכ געעפנט איבערנ קאָפ. עס האָט געגאָסנ דאָס געדיכטע וואסער אינ געיַלעניש אונ מיט א געקלאפעריַ איבער די ביימער, איבער די צוויַגנ, איבער די קעפ. קיינער האָט זיכ פונדעסטוועגנ נישט גערירט פונ אָרט, מע האָט געטאָפטשעט מיט די פיס, שטילערהייט געשאָלטנ אונ געבליבנ שטיינ. מיקאָלע האָט גערעדט. אונ געוואָלט פארענדיקנ.

— נו, עס רעגנט א ביסל צו שטארק, מיר קאָנענ דאָ לענגער נישט בליַבנ. אויב איר וועט פארשטיינ צו שוויַגנ, וועלנ מיר האָבנ אזעלכע פארזאמלונגענ נאָכ מער ווי איינע.

דער יונגער סושליק האָט איבערגעריסנ, געקומענ צו לויפנ פונ דער וואכ, ווו ער איז געשטאנענ, בא דער אומגעפאלענער וואנט, דורכגעריסנ זיכ צו מיקאָלענ:

— טמעציער קריכט ארופ דאָרט פונ טאל, פסס!

עס איז שטיל געוואָרנ א מינוט, מע האָט געהערט שטארקער קלאפנ דעמ רעגנ.

— גייט זענ, צוויי פונ איַכ, מיר וועלנ דאָ ווארטנ. — האָט מיקאָלע געזאָגט.

עס זיַנענ אוועק דריַ־פיר אונ סושליק פריערויס, שנעל געלאָפנ איבער דער גליטשיקער, נאסער ערד, איבערנ גלאנציקנ גראָז, אוועק פונ

די אויגנ. מיקאָלע האָט אָנגעזאָגט די פֿאַרבליבענע, זיי זאָלנ בלײַבנ רויִק, נישט אָנמאַכנ קיינ שרעק, אונ אויב עפּעס אַזוינס וועט זיכ אַרויסווײַזנ, זאָלנ זיי אַוועק אינ דער אַנטקעגנדיקער זײַט, שטיל, שנעל, באַר אָנ געשריי.

אַנדרושקע איז נישט אַוועק מיט די אַנדערע, געבליבנ אַפֿנ אָרט. ער האָט געפֿילט, אַז אויב ער וועט אַוועק, וועט זײַנ נישט גוט, אויב ער וועט עמעצנ דאָ כאַפּנ, וועט ער אים צעברעכנ די ביינער — אונ מיקאָלע האָט מיט אים שוינ עטלעכע מאָל גערעדט וועגנ אַזעלכע זאַכנ —

ווידער איז סושליק צוריקגעקומענ דער ערשטער, פֿאַרסאָפּעט, מיט א טונקל־בלייכ פּאָנעם:

— א זשאַנדאַר. מיר האָבנ אים געזענ. פּסס!

די אײַנגעקאָרטשעטע מענטשנ האָבנ זיכ א ריר געטאָנ, מיקאָלע האָט געוויזנ מיט דער האַנט:

— אַהינ! אונ שטיל, נישט לויפֿנ, נישט שרײַענ.

ווי אויסגעוואַקסענע פֿלעדערמײַז, זײַנענ די מענטשנ געפֿלויגנ אינ אַלע זײַטנ.

דער אַלטער וואַסיל האָט געעפֿנט די אויגנ אונ זיי ווידער צוגעמאַכט, געעפֿנט אונ צוגעמאַכט, וואָס עס איז פֿאָרגעקומענ בײַ די דערבײַיקע מענטשנ האָט ער נישט געזענ, נישט געהערט, נישט פֿריִער, נישט איצט. זיי זײַנענ אַלע אַוועק אונ ער איז געבליבנ. דער זשאַנדאַר איז אַרופֿ אַפֿנ צווינטער, פֿאַמעלעכ, מיט אָפּגעהיטע טריט געקראָכנ איבער די צעווייקטע בערגלעכ אונ זיכ אָפּגעשטעלט. דער ווענ אַרופֿ מיטנ טאָל איז געווענ שווער, גליטשיק, עטלעכע מאָל האָט ער זיכ אויסגעצויגנ אינ דער גאַנצער לענג מיט דער ביקס אונטערנ בויכ. איצט האָט ער זיכ אומגעקוקט, צעוואָרפֿנ די גנייוווישע אויגנ אינ אַלע זײַטנ, קיינעמ נישט געזענ, געגאַנגענ ווײַטער. א צוויי שריט פֿאַר דעמ אַלטנ וואַסיל האָט ער זיכ ווידער אָפּגעשטעלט, א שפּרונג געטאָנ אונ אים אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט: „אַהאַ!“

דער זשאַנדאַר האָט זיכ געפֿרייט, וואָס איינעמ האָט ער באַקומענ, געהאָפֿט, אַז איצט וועט אים אויכ געלינגענ די אַנדערע צו כאַפּנ. הײַזעריקלעכ האָט ער אַרײַנגעשריִענ אינ וואַסילס פֿאַרגליווערטנ פּאָנעמ.

— היי, דו! ווו זײַנענ די אַנדערע? הע?!

וואַסיל האָט געהויבנ די שפּיציקע אַקסלענ, נישט געוווּסט וואָס מע

רעדט צו אים, נישט געוווּסט וואָס דאָ איז געשענ. דער זשאַנדאַר האָט אים א שלעפּ געגעבנ בא דער האַנט אונ מיט אים אוועק איבערנ טונ־קעלנ צווינטער.

אנדרושקע האָט זיכ דערמאָנט, אז דער אַלטער וואַסיל איז געבליבנ איינער אַליינ, אונ באַלד צוריקגעקומענ. פונ הינטנ האָט ער געזענ, אז דער זשאַנדאַר פירט אים. לײַכט, אַפ די שפּיץ פיס, האָט ער זיכ צוגעשאַרט אונ מיטאַמאָל זיכ געוואָרפנ אַפנ זשאַנדאַר. וואַסיל האָט זיכ דערשראָקנ, זיכ אָפּגערוקט, אונ מיט פאַרנעפּלטע אויגנ געקוקט, ווי צוויי מענטשנ וואַלגערנ זיכ אַפ דער ערד, פּאַטשנ איבערנ נאַסנ גראָז מיט די פיס, מיט די קעפּ. דער אָטעם האָט זיכ בא אים אָפּגעשטעלט.

אונ דערנאָכ איז אנדרושקע אופגעשטאַנענ, טיפ אָפּגעדעכעט אונ א ווײַטנ שפּײַ געגעבנ צווישנ די ציינ — ציק! — „קומ, וואָיקאָ וואַסיל, שנעלער”.

ווענ זיי זײַנענ אוועק, האָט זיכ דער זשאַנדאַר אופגעזעצט, גע־ווישט מיט די הענט איבערנ פאַרבלאָטיקטנ פּאָנעם אונ טיפ אינ טונקל געשאָלטנ.

רעמלט האָט שוינ דער רעגנ אופגעהערט צו גיסנ, פונ די פולע צווײַגנ זײַנענ גערונענ לאַנגע שנירלעכ, ווי דינע רעגנווערעמ.

אַפנ אַנדערנ טאָג איז געווענ א לויפעניש איבערנ דאָרפ, די זשאַנ־דאַרנ האָבנ געזוכט. אַרײַנגעריסנ זיכ אינ אַלע כאַטעס, אינ אַלע שטאַלנ, קוראַניקעס, אומעטומ. צעוואָרפנ די שטוב־זאַכנ, ווילד אונ בייז געניש־טערט, אונ יעדנ געוואָרנט: אויב מע וועט מיקאָלען ערגעץ אויסבא־האַלטנ, וועט מענ שווער באַשטראָפנ.

אַפנ פאַסטערונעק איז געווענ א גרויס גערודער. די זשאַנדאַרנ זײַ־נענ געגאַנגענ, געקומענ, אָפּגעגעבנ באַריכט דעמ סטאַרשי. זײַנע קלײנע ענגלישע וואָנצע האָט זיכ געקאָרטשעט פאַר קאַס. ער האָט שוינ גע־ווּסט גענוי: אינ דאָרפ האָט זיכ געשאַפנ א שטרײַק־קאָמיטעט, די ווייסטע אַגיטאַציע האָט אַרומגעכאַפּט קינד אונ קייט, ווענג שטרײַק רעדט מענ אומעטומ, מע וואַרט אַפנ שטרײַק. ער האָט געוווּסט גענוי, אז מיקאָלע איז אינ דאָרפ, פירט אָנ מיט די אַלע זאַכנ, נאָר ווו ער איז ווייס נישט קיינער, וויל קיינער נישט זאָגנ. אונ ווער עס זײַנענ די מענטשנ פונ שטרײַק־קאָמיטעט ווייס אויכ נישט קיינער, וויל אויכ קיי־

נער נישט זאָגנ. ער איז געשטאַנענ באַם האַרטנ טיש אונ זיכ געבייזערט. אויכ פונ שטאָט זײַנענ געקומענ עטלעכע זשאַנדאַרנ, געהאָלפנ זוכנ אינ מילאַנקע, געגאַנגענ אינ די שכײנעסדיקע דערפער, עס האָט זיכ גאָרנישט אַרויסבאַקומענ, דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטנ עטלעכע טעג.

איבער העכער צײַט האָט מענ קעסיידער געבראַכט צו שלעפנ אַפנ פּאָסטערונעק פאַרשיידענע מענטשנ, מע האָט זיי אויסגעפאָרשט, מע האָט זיי געדראָעט מיט שטראָפ, זיי האָבנ נישט געוווסט פונ גאָרנישט. אונ מע האָט זיי ווידער באַפרײַט. אַנדרושקענ האָט מענ צוגעזאָגט געלט, אויב ער וועט דערציילנ, ווער עס האָט געשלאָגנ דעמ זשאַנדאַר, ווו מיקאָלע באַהאַלט זיכ אויס, ווער עס זײַנענ די מענטשנ פונ שטרײַק־קאָמיטעט. ער האָט געענטפערט, אַז געלט וואָלט ער זייער נײטיק באַדאַרפט האָבנ, אָבער ער ווייס נישט ווו מיקאָלע איז, ווער עס זײַנענ די מענטשנ פונ שטרײַק־קאָמיטעט. אונ ווער עס האָט צעשלאָגנ דעמ זשאַנדאַר, ווייס ער אויכ נישט. דעמ אַלטנ וואַסיל גרישטשוק האָט מענ אַרעסטירט אינ ערשטנ טאָג אונ מע האָט אימ דערווײַל נישט אַרויסגעלאָזט. דער טאָג, ווענ דער אָנגעזאָגטער שטרײַק זאָל אויסברעכנ, האָט זיכ דערנעענטערט.

נאָר צו וולאַדימיר קונדיראַ, דעמ קלויסטערניק, זײַנענ די זשאַנדאַרנ נישט געקומענ. וואָס האָבנ זיי געהאַט דאָרט צו זוכנ? באַ אַ מענטש, וועלכער דינט אינ קלויסטער, קערט, פוצט, רוימט, קלינגט אינ די גלאָקנ אינ דערפרי אונ באַנאַכט. צו וולאַדימיר קונדיראַ זײַנענ די זשאַנדאַרנ נישט געקומענ. ער איז געגאַנגענ צו זיי. קעסיידער געגאַנגענ, יעדנ טאָג געגאַנגענ. דערציילט אַ מעשה, געדרייט אַ קאָפּ. יעדעס מאָל עפעס אַנדערש. אַזוי האָט אימ געהייסנ מיקאָלע.

קונדיראַס כאַטקע שטייט אַפנ הויפ פונ קלויסטער, הינטער דער בלינדער וואַנט, פאַרשטעלט פונ אַלע זײַטנ מיט ביימער. דער הויפ איז אַרומגעצוימט מיט אַ הויכער, שטיינערנער וואַנט, פאָרנט אַפנ טויער הענגט אַ גרויסער שלאָס, אַפנ וועג זעט מענ די כאַטקע נישט אַרויס. קונדיראַס וואָנצע איז גלאַטיק אָפּגעגאָלט, די ברייטע אויבערשטע ליפ זעט איבערהויפט אַזוי אויס, גלײַכ אַפ איר וואָלט גאָר קיינמאָל קיינ וואָנצע נישט געוואַקסנ. דאָס גאַנצע איבעריקע פּאָנעמ זײַנס, געל

ווי וואקס, איז געקארבט מיט קליינע, ווייכע פעלבעלעכ. א וואקסענער מענטש, דאכט זיכ, ער ווייס פונ גארנישט. נאר זײַנע אויגנ זײַנענ גרינ.

אינמיטנ אלקער הענגט אראפ א דראט פונ דער סטעליע, אונטנ איז דער דראט געדרייט אינ קײַלעכיקע רינגעלעכ, אינ די רינגעלעכ שטעקט א ליכט. דער אלקער איז שמאל אונ ליידיק, קיינ פענצטער איז נישטא. עטלעכע ברעטער, פאר מיקאלעס א געלעגער, א טישל, א באנק. אפ דער באנק זיצט גרײַקע. אפנ בעט מיקאלע. לעבנ דער פאר=מאכטער טיר שטייט קונדירא. עס רירט זיכ נישט קיינ פעלבעלע אינ זײַנ רונדיקנ פאנעם, זײַנע אויגנ, ווי גרינ גלאז, קוקנ אפ די ליידיקע ווענט פונ קאמער. ווענ אינ דער ליידיקער קאמער ווערט אלץ נעדיב=טער פארגליווערט די שטילקײַט, דעמלט הערט זיכ קונדיראס קאל — הארט אונ טרוקנ:

— אונדזער שפיק אינ דארפ איז איוואנ דמיטריכ.

געזאגט, אונ געבליבנ פארטײַעט ווי פריער.

מיקאלעס פארשווארצט פאנעם, שטארק בערגלדיק אונ הויל בײַנ, האט זיכ געהויבנ העכער, ביז עס האט געגרייכט דעם גרינעם גלאנצ פונ קונדיראס אויגנ. ער האט געפרעגט:

— איוואנ דמיטריכ?

— ער. — האט קונדירא געענטפערט.

אונ מיקאלעס אויגנ האבנ זיכ אפגעווענדט פונ אים, אנגעקוקט גרײַ=קענ. גרײַקע איז געזעסנ אפ דער באנק, ביידע הענט געהאלטנ אפ דער באנק. די ברייטע פלייצע קײַלעכיק. דעם גרויסנ קאפ אראפגעלאזט. ער האט געשוויגנ. מיקאלע האט אפ אים געקוקט.

איוואנ דמיטריכ — א שפיק? איוואנ דמיטריכ — א שפיק? א שטי=לער מענטש, א פאראבעק באם גראפ, אנ ארעמאנ. א מענטש, וואס קאנ אופעסנ יעדנ טאג צוויי גרויסע לאבנס ברויט, אונ מער עסט ער נישט ווי א קליינ שטיקל, ווײַל ער האט נישט. ער האט א ווײַב מיט פינפ קינדער. קאנ נישט ציילנ מער פונ צוויי. אנ ארעמאנ זײַנ פאטער, אנ ארעמאנ זײַנ זיידע, אונ ער — איוואנ דמיטריכ — א שפיק? אי-וואנ דמיטריכ — א שפיק?

מיקאלעס פאנעם האט זיכ פאמעלעכ געלאזט אראפ, צו דער שא=טנדיקער פארלאגע. אונ וולאדימיר קונדירא איז ארויסגעגאנגענ פונ אל=קער. שטיל צוגעמאכט די טיר.

גרײַקע האָט זיכ גערירט. די שוואַכע באַנק האָט געקרעכצט.

— אונ עפּשער ער? — האָט ער געזאָגט.

— ווער? — האָט מיקאָלע געפרעגט.

פּאָנעם אונ פּאָנעם האָבנ זיכ אָנגעקוקט — מיקאָלע אונ גרײַקע.

— ער, קונדירא, — האָט גרײַקע נאָכאַמאָל געזאָגט.

אינ מיקאָלעס אָנגעזיכט איז ער געוואָרנ קלײַנ באַ זיכ, נישט זיכער, שוואַכ. ער — גרײַקע. ביז איצט — שטענדיק געווענ זיכער, פעסט אינ דער מיינונג, אַ וואָרט — אַ וואָרט. אינ דער לאַנגער צײַט, וואָס קיינ פאַרבינדונג איז נישט געווענ מיט דער שטאָט, אַנדערע האָבנ זיכ גע- היט, מוירע געהאַט, ער איז געבליבנ באַ דער זאַכ. ער איז געבליבנ ער. גרײַקע. אונ איצט — ?

מיקאָלע איז אויפגעשטאַנענ, צוגעגאַנגענ צו דער באַנק, האַרט פאַר גרײַקענ געבליבנ שטיינ, האַרט אַרײַנגעקוקט אינ די אויגנ — אונ גרײַקע האָט געפילט: דאָס איז נישט מיקאָלע גרישטשוק, וואָסיל גרישטשוקס זונ, דאָס איז נישט דער פויער פונ מילאַנקע, וואָס האָט געאַרבעט באַם גראָפ אַכצנ שאָ אינ טאָג אונ דאָס היטל האָט ער טיפ אַראָפּגענומענ פאַר יעדנ שטיקל פּאָרעץ. דאָס איז נישט מיקאָלע גרישטשוק, וועלכער איז געגאַנגענ אינ מילכאָמע מיט אַנ אָפנ מויל, דערנאָכ געגאַנגענ קעגנ די פּאָליאַקנ, פאַר דער אוקראַאינישער נאַציאָנאַלער באַפרײַונג. ניינ. — דאָס איז מיקאָלע גרישטשוק, וואָס איז אַנטלאָפנ פונ אַרעסט, וואָס די זשאַנדאַרנ זוכנ אים, וואָס איז אומעטום — דאָס איז דער פאַרהאַרטע- וועטער קאָמוניסט מיקאָלע גרישטשוק. גרײַקע האָט געזאָגט:

— איכ ווייס נישט זיכער, עפּשער קונדירא, אונ עפּשער איוואַנ דמיטריטש, אונ עפּשער אַנ אַנדערער? איכ ווייס נישט.

— אונ אַז דו ווייסט נישט, רייד נישט! — האָט מיקאָלע געזאָגט.

מיקאָלעס וואָרט איז געווענ האַרט, ער איז אַוועק פונ גרײַקענ, גע- עפנט די נידעריקע טיר. אינ דער פאָדערשטער שטוב איז קונדירא נישט געווענ, דאָרט איז געווענ טונקל. אינ דער אָפענער טיר איז מיקאָ- לע געשטאַנענ, אַרײַנגעבויערט די אויגנ אינ דער ליידיקער, טונקעלער שטוב. אונ באַלד האָבנ זיכ געהערט טריט. קונדירא איז געקומענ מיט סושליקנ, דעם יונגנ פּאַראָבעק.

געווענ זײַנענ פיר מענטשנ אינ פאַרמאַכטנ אַלקער. לאַנג געשוויגנ.

קונדירא האָט אויסגעזענ, ווי אַ וואַקסענע פיגור. זײַנע ליפּנ זײַנענ

געווענ ביז צונויפגעפרעסט, ווייכע, וואקסענע קנייטשנ האָבנ זיכ געגראָבנ אינ זיינ קיילעכיקנ פאָנעמ.

ער האָט געזאָגט צומ יונגנ סושליק:

— נו, איצט רייד!

סושליק איז געשטאנענ נישט ווייט פונ אימ לעבנ דער טיר, אָנגעלענט אָנ דער וואנט, קרומ אויסגעבויגנ. איצט האָט ער זיכ אויסגעגלייכט. זיינ יונג פאָנעמ איז רויטער געוואָרנ פונ רעגע צו רעגע, געקוקט צו מיקאָלענ מיט א געוויסער מוירע. צוויי מאָל האָט ער זיכ געווישט איבערנ מויל, מיט דער לינקער האנט אונ מיט דער רעכטער האנט, גלייכ דערמיט וואָלט ער אוועקגעווישט זיינ פארביסנ שווייגנ:

— איכ וועל זאָגנ, וואָס איכ ווייס. קרענטשוק האָט גערעדט אינ שטאָל וועגנ שטרייק, איוואנ דמיטריכ האָט אימ דערפאר דערלאנגט אינ פיסק, דערנאָכ האָבנ זיי זיכ ביידע געשלאָגנ. אונ ער האָט נאָכ געזאָגט, איוואנ דמיטריכ, אז ער וועט דאָס אלץ אויכ דערציילנ אינ קאנצעליאריע. אונ וואָס עמעס איז, ער האָט דערציילט. וויל היינט זיינענ געקומענ די זשאנדארנ אונ זיי האָבנ קרענטשוקנ אוועקגעפירט. מער איז ער נישט צוריקגעקומענ.

שוינ. אונ מער וואָס צו זאָגנ האָט ער נישט, סושליק. ער האָט זיכ ווידער אָנגעלענט אָנ דער וואנט, קרומ אויסגעבויגנ ווי פריער.

קונדירא איז געשטאנענ בא דער נידעריקער טיר, א וואקסענע פיגור. ער האָט זיכ נישט גערירט, געשטאנענ פארגליווערט. מיקאָלע האָט אימ געפרעגט:

— הייסט עס, איוואנ דמיטריכ?

ער האָט נישט געענטפערט.

מיקאָלע האָט געזאָגט:

— מע דארפ אימ צו וויסנ טאָנ, אז ער זאָל האלטנ דאָס מויל. אויב נישט — — —

אנדרושקע איז ארייַנגעקומענ, קאטיע, דרייַ אנדערע. דער שטרייקקאָמיטעט.

מיקאָלע האָט געווארט ביז אלע האָבנ זיכ אויסגעזעצט, דערנאָכ האָט ער געזאָגט צו אנדרושקענ:

— דו ווילסט כאסענע האָבנ מיט קאטיענ, אָדער נישט? הע? לאנג

וועט מענ דיכ נישט בעטנ. קאטיע וויל, דער פאָטער וויל, די מוטער וויל אויכ, נאָר דו אליינ ווילסט נישט? הע?

אנדרושקע האָט א שפּײַ געטאָנ צווישנ די ציינ — ציק! — א צופּ געגעבנ בא דער גלער וואָנצע. ער האָט זיכ אומגעקוקט, אָנגעקוקט אלע אינ אלקער.

— וואָס הייסט, איכ וויל נישט? איכ וויל. נאָר פונ וואָס וועסטו לעבנ? זי האָט נישט גאָרנישט, איכ האָב נישט גאָרנישט, אונ אזוי איז עס.

גרײַקע האָט זיכ אָפּגערופנ:

— איכ וויל דיכ דערמאָנענ אָנ יענער נאכט, ווענ זיי האָבנ דיר אָפּגעזאָגט פונ הויפ. געדענקסט? דו האָסט דעמלט געווילדעוועט, זיכ געוואָרפנ, געוואָלט אונטערצינדנ דעמ הויפ, אונטערצינדנ די גאנצע וועלט. אז ביסט אליינ געווענ א שטיק פײַער. ערשט קאטיע האָט דיכ אײַנגענומענ, געלאָפנ דיר אקעגנ אפנ וועג, אונ דאָרט איז עס געשענ. אז מיט דײַנ ברענענ וועסטו גאָרנישט אופטאָנ, איז דיר באלד קלאָר געוואָרנ אינ קאָפּ, קאטיע האָט אינ דיר ארײַנגערעדט, איכ האָב אינ דיר ארײַנגערעדט. אונ עס האָט געהאָלפנ. אָבער דאָס, וואָס דו האָסט דעמלט געטאָנ מיט איר, ווענ דעמ האָסטו פריִער באדארפט זיכ איבערלייגנ, אונ נישט דערנאָכ זאָגנ: פונ וואָס וועסטו לעבנ?! אזוי טוט מענ נישט. ווײַל איצט באקומט קאטיע פונ דיר א קינד.

ווײַזט אויס, אז גרײַקע האָט לאנג געוואַרט אפ אזא אָפּענעמ שמועס. ווײַל באמ ריידנ האָט ער זיכ דערהיצט, אונ יעדעס וואָרט איז געווענ גענוי צוגעקליבנ. ער האָט דערנאָכ א מאכ געטאָנ איבער דער קליינער שטוב מיט דער לאנגער האנט, ווי אפ באזונדער אונטערצושטרײַכנ דאָס געזאָגטע: „אט אזוי“.

— אונ איצט, — האָט מיקאָלע געזאָגט, — וועלנ מיר אריבער צו אונדזער זאכ. מיר וועלנ נישט פארבײַטנ אונדזער צײַט אפ פּריוואטע געשעענישנ, ווײַל אנדרושקע וועט שוינ אליינ איבערטראכטנ אונ טאָנ ווי א מענטש. איז דאָס עמעס, אנדרושקע?

ער האָט געזענ, אז אנדרושקע איז געוואָרנ א ביסל צעטראָגנ נאָכ גרײַקעס ווערטער, אונ דערפאר האָט ער א קערעווע געטאָנ דאָס גאנצע אפ אנ אנדער זײַט. נאָר אנדרושקע האָט געשוויגנ, נישט געענטפערט.

קאטיע איז געזעסנ אפ דער באנק לעבנ פאָטער, געהאלטנ די פארפלאָכטענע הענט אפנ בויכ, געשמייכלט די גאנצע צײַט, ווי נישט זי זאָל מענ דאָ מיינענ. איצט האָט זי געזאָגט:

— אנדרושקע איז א מאנ, ער ווייסט וואָס ער טוט. אונ לאָמיר מאקע אריבער צו דעם וויכטיקערנ, וועגנ וואָס מיר זײַנענ געקומענ. די זשאנדארנ שלאָפנ נישט.

— נו, גוט, רייד דו, דערצייל וואָס דו ווייסט.

מיקאָלע האָט געוויזנ מיט דער האנט צו איינעם א דאָרפישנ, וועלכער האָט געהאלטנ זײַנ שטרויענע קאפעליושל אינ די הענט. א געדיכטע שווארצע וואָנצע, מיט א רויט־אָנגעלאָפענער הויט איבערנ גאנצנ פּאָנעם, אזוי אז אפילע די ווײַסע אויגנ זענענ אויס, ווי באלויכטנ פונעם פולנ רויט. ער האָט געדרייט דעם קליינעם קאפעליוש אינ די הענט, געהויבנ דעם קאָפּ, זיכ פארטראכט אונ באשלאָסנ:

— ניינ. זאָלנ פריער ריידנ אנדערע, דערנאָכ איכ.

אנדרושקע האָט זיכ גערירט:

— איכ וועל ריידנ.

ער האָט דערציילט וועגנ זײַנ פארבינדונג מיט די פוילישע פאראָבקעס, זיי האָבנ צוגעזאָגט, אז ווענ מע וועט שטרײַקנ, וועלנ זיי נישט ארויס צו דער ארבעט. נאָר איינער, דער עלטסטער פונ זיי, קובא הייסט ער, וויל זיכ זענ מיט מיקאָלענ.

גרייקע איז דערשראָקנ אויפגעשטאנענ, געזאָגט, אז דאָס קאָנ מענ נישט טאָנ, נאָכ אנדערע זײַנענ אויכ געווענ מיט גרײַקעס מיינונג.

מיקאָלע האָט געפרעגט קונדיראנ, וואָס ער מיינט דערצו?

קונדירא האָט זיכ נישט גערירט פונ זײַנ וואקסענער פארגליווערונג, געזאָגט, אז ער וועט נאָכ טראכטנ, שפּעטער וועט ער שוינ זאָגנ מיקאָלענ.

— אונ וואָס זאָל איכ אים ענטפערנ? — האָט אנדרושקע געפרעגט.

— שפּעטער. — האָט קונדירא געזאָגט. — דאָס וואָס איכ וועל זאָגנ מיקאָלענ, וועסטו אויכ וויסנ.

מיקאָלע איז געווענ צופרידנ. עס גייט ווי געשמירט, האָט ער געטראכט. ביז איצט איז אלצ גוט אוועק. נאָר ווײַטער אזוי. אונ דער קונדירא איז א ווילער מענטש. מיט אים וועט מענ קאָנענ א סאכ

אויפטאָג. ער האָט קוימ געהערט, ווי דער מיט דעמ רויט־אָנגעלאָפענעמ פּאָנעמ האָט אָנגעהויבנ ריידנ — — —

אַנ אויסגעלײַטערטער הימל איז געשוווּמענ איבער מילאַנקע מיט העל־בלויע שטערנ.

פאַנ קודלאָווסקי, דער גראַפּלעכער עקאָנאָמ, איז געזעסנ אַפ דער ווערענדע. די ווערענדע איז געווענ אַנ אָפענע פונ דרײַ זײַטנ, די פערטע זײַט איז געווענ פאַרנומענ מיט צוויי פענצטער און מיט אַנ אָפענער צוויי־פליגלדיקער טיר. די העל־בלויע נאַכט האָט ארומגערינגלט די ווערענדע.

בײַמ לאַנגנ ווײַס־געדעקטנ טיש איז געזעסנ אויבנאָנ פאַנ קודלאָווסקי, אינ אַ ווײַסער בלוזע מיט אַ הויכנ קאָלנער, אַפ איינ זײַט טיש איז געזעסנ זײַנ פרוי, ארומגעהילט מיט אַ לײַכטנ, פיאָלעטנ שאַל, אַפ דער אַנדערער זײַט זײַנענ געזעסנ די קינדער: צוויי טעכטער און אַ זונ. זיי האָבנ אַלע געגעסנ.

אַ הונט האָט געהאַווקעט, אַ זשאַנדאַר איז געקומענ צו גיינ, געבליבנ שטיינ הינטערנ פאָרענטש פונ דער ווערענדע, באַגריסט, פאַנ קודלאָווסקי האָט אַ שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפּ.

— איר האָט באַפוילנ איכ זאָל קומענ? — האָט געפרעגט דער זשאַנדאַר אונטערטעניק.

פרוי קודלאָווסקי האָט סערווירט מילכ־קאַשע אינ אײַז. פאַנ קודלאָווסקי האָט זיכ נישט אומגעקוקט צומ זשאַנדאַר, אריבערגעוואָרפנ אָפּגעריסענע ווערטער:

— איר שלאָפט. יעדנ טאָג עפּעס אַנדערש, און איר שלאָפט. צעשלאָגנ היינט ווידער איינעמ, אַ באַראַבעק מײַנעמ, איוואַנ דמיטריטש, און איר שלאָפט. דער שטרײַק גרייט זיכ, זיי וועלנ שטרײַקנ. און איר שלאָפט. אַ נישט־דערהערטע זאַכ! איכ וועל לאָזנ קומענ מיליטער פונ שטאָט און אײַכ פאַרטרײַבנ. מעלד דעמ סטאַרשי דײַנעמ.

— וועל מעלדנ. — האָט דער זשאַנדאַר געזאָגט, זיכ פאַרנייגט, אַוועק.

— אידיאָט! — פאַנ קודלאָווסקי האָט אַוועקגעשאָרט די מילכ־קאַשע אינ אײַז, נישט געוואָלט מער עסנ.

אַ קיל ווינטל איז געגאַנגען אַרום דער וועראַנדע, אַן אויסגעלײַטערטער הימל איז געשוווּמען איבער מילאַנקע.

אַ זוניקער טאָג. זאַנגען וויגן זיך אין ברייטע בעטן מיט בייגעוודיקע קעפּלעך.

ווי אַ ריזיקער טײַך איז גרויס דאָס גראַפּלעכע פעלד. דאָס אויג זעט נישט קיין סאָף. אַ לײַכטער ווינט קרײַזלט די דינע האָר פון די זאַנגען, די גערשטענע האָר זײַנען צעשפּרייט און שטעכיק־דין, ווי שפּיציקע נאָדלען. אַנדערש דער ווייצענער טײַך. קײַלעכיק און שווער שטייט שטיל דער ווייץ און בלאָזט זיך מיט זײַן געל־פּאָמעדיקער פאַרב. און דער טײַך מיט קאָרן, און דער טײַך מיט האָבער, אַלע וואַרטן זיי אויף שניט.

פיל מיט אָנגעזאַמלטע זאַפטן בייגן זיי זיך אַקעגן דער זון און וואַרטן אויפן טאָג פון שניט. דער טאָג דערנענטערט זיך, דער טאָג קומט.

די לעצטע זיצונג פון שטרײַק־קאָמיטעט. גרײַקע איז אַרעסטירט.

דער טונקל־מאַראַנצדיקער שײַן, וועלכער פאַלט מיט שטיקער שאָטנס פון קליינעם ליכט, וואָס אינעם געריוּנגלטן דראָט, וויגט זיך איבער די שווערע מידע קעפּ פונעם שטרײַק־קאָמיטעט. אַנדרושקעס לאַנגער גוף זיצט אײַנגעבויגן אויף דער באַנק, אויף גרײַקעס אָרט. די אַנדערע זיצן לעבן אים. זיצן אויפן בעטגעשטעל, לעבן מיקאָלען. סאַמיע פעלט, זי גרייט זיך צו דער כאַסענע.

די לופט אין דער ענגער קאַמער איז געשטאַנען געדיכט צווישן מענטש און מענטש. די צונויפגעפּרעסטע לופט האָט געשוויצט. הינטער יעדן מענטש איז געלעגן דער פיר־יאָריקער קריג, דער אוקראַיִניש־פּוילישער קאַמף, קליינע נאַציאָנאַלע בונטן, בונטן קעגן שטײַער, קעגן יאַקרעס, קעגן לוין־רויב, אַרעסטן, הונגער, טויט. די קאַמער איז געווען פול מיט טונקעלן טאַבאַק־רויך און מיט שטילע פאַרטראַכטע רייד. אַזוי באַראַט זיך אַ קריגס־ראַט אין שוצגרוב. אַזוי זיצן גענעראַלן פאַרטראַכט, און יעדעס געציילטע וואָרט, וואָס זיי רעדן אַרויס, איז פול ערנסט און וואָגיק. דער פּלאַן פון שטרײַק איז פאַר אַלע געלעגן אָפן אויסגעשפּרייט.

מיקאָלעס שווארצ-ביינערדיק פּאָנעם האָט אינ די לעצטע טעג באַקומענ מער העלע פארב, זיינע טונקעלע אויגנ, טיפ הינטער די שלייפנ, האָבנ געגלאנצט. די מענטשנ פונ שטרייק-קאָמיטעט, די שווער-פארהאָרעוועטע פענעמער, וואָס בלייבנ אינ די נידעריקע כאלופּקעס פונ ווינטערדיקער נויט אונ וואָס ווערנ פארברענט אינ דער גליענדיקער יולי-זונ אפ פרעמדע פעלדער, די מענטשנ האָבנ ארייננעזאפט אינ זייערע בלייכע הויט מיקאָלעס פארב.

מיקאָלע האָט גערעדט.

קונדיראַ האָט געזאָגט:

— שטיל.

אונ ארויס פונ אלקער.

בייסנדיק שטיל איז געוואָרנ אינ דער האלב-טונקעלער קאמער. ווי א בייסנדיקער הונט, וועלכער ציט זיך אויס אפ צו געבנ א שפּרונג— אונ שווייגט.

האלב האָט זיך געעפנט די אלקער-טיר, קונדיראַס וואקסענע פּאָנעם האָט ארייננעלויכטנ מיט גרינע אויגנ:

— באַם טויער שטייענ זשאנדארנ, זיי ווילנ אריינ. — אונ באַפעלעריש האָט ער געזאָגט. — ארויס, יעדער איינער באזונדער, שטיל מיטנ אלטנ וועג.

דאָס ליכט האָט זיך אויסגעלאָשנ.

די קאמער איז געוואָרנ ליידיק.

אונ זונטיק איז געווענ אנדרושקע זיינטשוקס כאסענע מיט קאטיענ, גרייקעס טאָכטער, גרייקע איז אפ דער כאסענע גישט געווענ, ער איז געווענ בא די זשאנדארנ.

אנדרושקע האָט זיך ארומגעדרייט צווישנ די געסט, אינ א געל-שווארצ געקעסטלטנ רעקל, א בלומענ-קרענצל פונ ווייסע אונ פיאָלעטע פעלד-בלומענ אינ לאץ. זיינ געלע וואָנצע איז געווענ פייכט, אויסגעצויגנ, פארלאָפנ אינ א שפּיצ. האָסגלייכנ זיינע טשופּריגע. די האָר זיינענ געווענ פארקעמט אינ צוויי גלייכע טיילנ. פאָרנט די פריזורקע געדרייט אינ לאָקנ. ער האָט געפּאטשט אינ די הענט, געווענ לוסטיק, א סאך גערעדט.

מיט צוויי טעג פריִער איז ער אַרומגעלאָפנ איבערנ גאַנצנ דאָרפ, אומעטומ צו וויסנ געטאָנ:

— זונטיק איז מיינ כאַסענע. קומט אַלע.

איצט זײַנענ זיי געקומענ, אַ האַלב דאָרפ. דער קליינער הויפ איז פול.

קאַטיע זיצט אפ אַ באַנק לעבנ פּלויט, אינ אַ טונקל קלייד מיט אַ סאַכ פאַלדנ, אַ ווײַסע בלוזקע מיט אויסגעהאַפטענער רויטער און בלויער ווליטשקע, דער צאָפּ געוויקלט אינ אַ קראַנצ איבערנ קאָפּ, ווײַסע בלומענ אינ די רויטע האָר.

מיידלעכ רינגלענ זי אַרומ, באַוווּנדערנ איר שיינקייט, זײַנענ זי מעקאַנע מיט רייד און מיט העלע אויגנ. די מענער שטייענ אפ איינ אָרט, די הענט פאַרלייגט איבער דער ברוסט. שמייכלענ אונטער די וואָנצעס. אינ אַ ווינקל זיצנ צוויי מוזיקאַנטנ, זייערע אינסטרומענטנ זײַנענ שוינ הייזעריק פונ קעסיידערדיקנ שפּיל.

אינ דער כאַטע זיצט מיקאָלע מיט דעמ פּוילישנ פּאַראָבעק קובאַ שוינ באַלד אַ שאָ.

דער הייסער טאָג האָט זיכ געבויגנ אונטער דעמ אומאויפהערלעכנ שפּיל פונ דער הייזעריקער צימבל. געסט זײַנענ געקומענ און געגאַנגענ. פאַרנאַכט איז דער קליינער הויפ געווענ איבערגעפּולט מיט מענטשנ. בײַ דער ליימיקער, שאָטנדיקער וואַנט איז געזעסנ דער צימבל-שפּילער, אַ בלינדער. זיינ שמאָלער, גראָער קאָפּ האָט זיכ געבויגנ איבער דער גרויסער, ברוינער צימבל. דאָס ברייטע האַלז איז געווענ צעקראַצט און די סטרונעס זײַנענ געווענ אָפּט געשטיקעוועט, אינעמ געבויגענעמ קאָפּ האָבנ זיכ געפּלעקט קײַלעכיקע ווערטער פונ אויסגעקראָכענע האָר. אַלטע אוקראַיִנישע מעלאָדיעס, צעצויגענע און פול מיט האַרצווייטיק, האָבנ געציטערט איבערנ הויפ און זיכ פאַרשפּרייט איבערנ דאָרפ, לעבנ אַלטנ צימבל-שפּילער איז געזעסנ אפ דער ערד אַ יינגל מיט אַ פּיצטער גאָז אינ געקראַצט אפ אַ גרויסער פידל.

אפנ ענגנ הויפ טאַנצנ פּאָרלעכ. אַרומ שטייענ די מענטשנ און קוקנ צו. נאָכ דער צווייטער העלפט טאָג האָט זיכ אויכ אַנדרושקע אַרײַנגעוואָרפנ אינ טאַנצ. ער שוויצט. אינ דער טאָג בייגט זיכ אַראָפּ וויפער. אַמאָל רײַסט זיכ אַנדרושקע אַרויס פונעמ טאַנצ, שטעלט זיכ אַנידער פאַר קאַטיע, ער פאַרנייגט זיכ און זינגט פאַר איר דאָס ליד:

ב אַ נ ד א ר ע נ ק אָ —
האָסט די שוואַרצע אויסגעזוכט
פאַר דיר, פאַר דיר —
גיי איצט, מײַן פרײַנט,
אוועק פון מיר!
ב אַ אַ נ ד א ר ע ע ע נ ק אָ אָ — — — — —

די געבויגענע פינגער פונעם בלינדן שפּילער ציטערן איבער די נעשטיקעוועטע סטרונעס, און ציטערנדיק ענטפערן אויף די סטרונעס ווײַנענדיק־ווייך. הייזעריק איז דאָס קול פון דער צימבל, זי זינגט דאָס ליד פון פויערשער ליבע.

טיפער בייגט זיך אַראָפּ דער טאָג.

— העי, אַ פריילעכס!

רופט אויס אַנדרושקע, פּאַטשט אין די הענט — און גיט זיך אַ לאָז איבערן הויף, די פאַרלעך נאָך אים. די צימבל רײַסט זיך פון די געדערים, די פידל קרעכצט. עס קלאַפּן ווילד די געשטיוולטע און די באָרוועסע פיס אויף דער בערגלדיקער האַרטער ערד, די פאַרלעך הייבן זיך, וויגן זיך, שפּרינגען, שרײַען — דאָס צונויפגעפּרעסטע, שוואַרץ־געוואָרענע בלוט ווערט הייס, ווערט רויט, עס קאָכט אין די אָדערן. צוויי זשאַנדאַרן גייען פאַרבײַ, בלײַבן שטיין אויף דער סטעזשקע, זיי שמייכלען, זיי לאַכן — די פאַרלעך טאַנצן ווילד און ווילדער, די צימבל ציטערט, די פידל קרעכצט. אוועק זײַנען די זשאַנדאַרן.

טונקל־בלוי האָט זיך געפאַרבט דער אויסגעשפּרייטער הימל. אָנגעלענט זיך אויף די בערג, וואָס אַרום מילאַנקע — און איבערן קליינעם, ענגן הויף האָט ער זיך הייך געבויגן, ווי אַ ריזיקער, טונקל־בלויער קופּאָל. אַנדרושקע האָט אָנגערירט די האַנט פונעם בלינדן צימבל־שפּילער און די אײַנגעבויגענע פינגער האָבן אויפגעהערט צו ציטערן.

פון דער נידעריקער כאַטע איז אַרויסגעקומען קובאַ, דער פּוילישער פּאַראָבעק, אַנדרושקע האָט צעשפּרייט ביידע הענט, אים פאַרהאַלטן:

— מײַן פרײַנט, פאַר דיר האָב איך באַהאַלטן אַ גלעזל בראָנפן.

קובאַ האָט געטרונקען. צוגעהאַלטן מיט דער לינקער האַנט דאָס קאַשקעטל, מיט דער רעכטער אַרײַנגעדרייט דאָס פלעשל אין מויל.

— און איצט וועל איך גיין. — האָט ער געזאָגט.

— וווּהין, מײַן פרײַנט? — האָט אַנדרושקע געפרעגט.

— באַלד װעל איך קומען, איך גײ רופֿן אױך די אַנדערע.

— העי, אַ פֿרײלעכס!

האָט אַנדרושקע אױסגערופֿן.

דער זומערדיקער פֿאַרנאַכט האָט געשמעקט מיט זיסן, ציטעריקן װײץ.

און װען די פּױלישע פּאַראָבקעס זײַנען געקומען, האָט מען צו־ערשט געטײלט געטריקנטע דיניע־קערלעך, און איבערן הױף איז געפֿלױגן די שאָלעכץ, װי װײכע, װײַסע שנײ־פֿליטערלעך. דערנאָך האָט מען זיך פֿונסנײַ גענומען צום טאַנץ, גלײַך די כאַסענע װאָלט זיך אַקאָרשט אָנגעהױבן. עס האָבן זיך געדרײט די פּאָרלעך אין רעדלעך — און קאַטיע האָט געטאַנצט מיט מיקאָלען אײַנגעאָרעמט. טאַנצנדיק האָט ער גערעדט צו די מענטשן. די װערטער געטײלט אױף רעכטס און אױף לינקס, פֿון פּאָרל צו פּאָרל, פֿון מענטש צו מענטש. זײַנע אױגן זײַנען געװען הײס.

געשטיװלטע און באָרװעסע פֿיס האָבן געקלאַפּט איבער דער האַרטער בערגלדיקער ערד, די ברײטע קלײדער האָבן געשאָרשעט און אָנגעמאַכט אַ װינט. מיקאָלע האָט גערעדט.

ענג איז געװאָרן אין קלײנעם הױף. די מענטשן, װאָס זײַנען פֿריִער געשטאַנען אױף דער סטעזשקע און אַרום פּלױט, די װאָס זײַנען געקומען צוליב נײַגעריקײט און בלױז צוגעקוקט צום טאַנץ פֿון דער װײַטנס, אױך זײ זײַנען איצט אַרײַן אינעװײניק און גערוקט זיך אַרום מיקאָלען.

די פּױלישע פּאַראָבקעס האָבן געקוקט אײנער צום אַנדערן, געטאַנצט מיט די מײדלעך, און געקוקט צו מיקאָלען. אים האָבן זײ געזען צום ערשטן מאָל.

בלײַער פֿאַרנאַכט האָט זיך געװיגט איבער די קעפּ, די כּצרונעס פֿון דער הײזעריקער צימבל האָבן געציטערט, די גרױסע פֿידל אין דער האַנט פֿונעם ייִנגל האָט געדרעבעצט. מיקאָלע האָט גערעדט.

לעבן דער טיר פֿון דער כאַטע, אױף אַ נידעריקער באַנק, איז געזעסן די גרײַקאָװאַ, קאַטיעס מוטער. איר קאָפּ איז געװען אַרומגעװיקלט מיט אַ װײַס טיכל, די הענט האָט זי געהאַלטן אין שױס, זי האָט גע־װײנט, געטראַכט װעגן איר מאַן, װאָס די זשאַנדאַרן האַלטן אים פֿאַר־מאַכט אין אַ שטאַל, און געװײנט אײנערשטיל.

עס איז שױן געװען נאַכט, װען עמעצער איז געקומען צו לױפֿן

און אָנגעזאָגט, אַז אויפֿן וועג ליגט דער אַלטער וואַסיל בלוטיק צעשלאָגן.

דערציטערטע זײַנען געבליבן שטיין די פּאַרלעך.

די מענטשן האָבן זיך געבויגן אין קאַלטן גליווער.

אין פּעדוקינס גרויסן הויף, ווו וואַסיל איז געווען פּאַסטעך, זײַנען דערנאָך געשטאַנען מענטשן און שטיל צווישן זיך גערעדט. די שטאַל־טיר איז געווען האַלב אָפֿן, אַ שמאָלער פּאַס געלער שײַן איז פֿון דאָרט אַרויסגעקומען און זיך געלייגט איבערן הויף ווי אַ קראַנקע, אויסגעמאָגערטע קו. פֿון ביידע זײַטן שײַן זײַנען געשטאַנען די מענטשן, זיך נישט גערירט, גלײַך זיי וואָלטן געשטאַנען לעבן אַ שווער קראַנקן.

די מענטשן האָבן זיך פֿאַרמערט אויפֿן הויף. געקומען צו גיין פֿון אומעטום, פֿון גאַנצן דאָרף. אַלע האָבן זיך געשטעלט פֿון ביידע זײַטן געלן שײַן, וואָס האָט אַרויסגעשלאָגן פֿון שטאַל. דער געמורמל האָט זיך געשטאַרקט. אויף דער שוועל פֿון שטאַל האָט זיך באַוויזן די אַלטע גרײַקאָווע, צעקנייטשט דאָס פּנים, מיט טרוקענע ציטערנדיקע ליפּן.

— ער קאָן נישט שטאַרבן. — האָט זי געזאָגט, געציטערט מיט די טרוקענע ליפּן, צוריק אַרײַן אין שטאַל.

אין שטאַל — אָקעגן טיר, אין ווינקל, אָפּגעצוימט מיט אַ קליין דרענגל, — איז געלעגן וואַסיל גרישטשוק אויף זײַן אַלטן געלעגער. בײַ אים צוקאָפּנס איז געשטאַנען די אַלטע גרײַקאָווע, געבראָכן די הענט. בײַ איין זײַט איז געשטאַנען קאַטיע, מיט אויפֿגעריסענע אויגן. אויף דער אַנדערער זײַט האָט געקניט אַנדרושקע און געהאַלטן וואַסילס ווײַסן קאָפּ אין ביידע הענט. אויף דער וואַנט איז געהאַנגען אַ פֿירעקיקער הילצערנער לאַמטערן.

— וואַיקאַ וואַסיל!

אַנדרושקע האָט געשעפּטשעט מיט זײַן טיפֿער שטים, אַרויסגעהויכט יעדעס וואָרט מיט געפּרעסטער קראַפֿט.

— וואַיקאַ וואַסיל!

וואַסיל איז געלעגן צווישן שטרוי און שמאַטעס. מע האָט אַרויסגעזען בלויז זײַן קאָפּ אין דאָס פּנים. זײַנע שיטערע האָר זײַנען אַראָפּגעפֿאַלן אויפֿן שטרוי, ווי שנירלעך רויטע קרעלן.

אַף אַנדרושקעס אַרויסגעהויבטע ווערטער האָט ער נישט געענט־ פערט, נישט מיט די ליפּן, נישט מיט די אויגן.

אַף דער לינקער זײַט, אָפּגעגרענעצט מיט אַ לאַנג דרענגל, זײַנען געשטאַנען די שאָף, געשטאַנען אַף איין אָרט צונויפגערוקט, מיט די פּיסקלעך נישט געדרעפּטשעט, מיט די אויערן נישט געפּאָכעט, די שטומ־ פּיקע פּיסקלעך פאַרלייגט איינס אַפּס אַנדערע. אַנדרושקע האָט גע־ קוקט לעבן וואַסילן, געהאַלטן זײַן קאָפּ אין ביידע הענט, געשעפּטשעט מיט אַ טיפער שטים:

— וואַיקאַ וואַסיל! — ער האָט אַרויסגענומען דאָס בלומענקרענצל פון לאַץ און עס אַרופגעלייגט אַף דעם אַלטן וואַסילס האַרץ.

די אַלטע גרײַקאָווע איז אַרויס אַף דער שוועל. זי האָט געפּאַלדעוועט די הענט איבער דער ברוסט, אַ ווײַלע הויך און טיף געאָטעמט, דער־ נאָך האָבן אירע טרוקענע ליפּן זיך געעפנט, געשעפּטשעט:

— ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, אַזוי רויק, אַזוי שטיל, נאָר ווי אַ מאַלעך.

אַפן גרויסן הויף איז שטיל געוואָרן דער געמורמל פון די מענטשן. די מענער האָבן אַראָפּגענומען די היטלען פון קאָפּ.

און מיטאַמאָל איז אַנדרושקע אַרויסגעלאָפן פון שטאַל, געפּאָכעט מיט די לאַנגע הענט, צעטריבן די מענטשן, און אַרויס אַפן וועג. קאַ־ טיע איז אים נישט נאָכגעלאָפן.

אַפן אַנדערן טאָג האָט מען געהערט אין מילאַנקע, אַז אַנדרושקע האָט דערהאַרגעט דעם סמאַרשי פון די זשאַנדאַרן.

די מענטשן זײַנען געבליבן אין די שטיבער, נישט אַרויס אַף די פעלדער.

יאָסיפשמיל שטייט אוף אינדערפרי

יאָסיפשמיל האָט געגעבן א קרעכץ אינמיטן בעט. דער טי־פער פעטער קרעכץ איז ארומגעלאָפן איבער דער שטוב און איז ארויסגעלאָפן דורכן אָפענעם פענצטער — גלייך פון יאָסיפשמילס מויל וואָלט ארויסגעשפרונגען עפעס לעבעדיקס. דערנאָך האָט ער געעפנט די אויגן, זיך אויסגעצויגן אין דער לענג מיט גרויס הנאה און ארי־בערגעקוקט צום ווייב. פון אונטער א גרויס טיכל האָט אַפּגעקוקט ברייטע נאָז מיט אן אָפן מויל. דאָס מויל האָט יעדע רגע א שטאַרקן פייף געטאָן און די באַקן האָבן זיך אָנגעבלאָזן. יאָסיפשמיל האָט גע־טראַכט מיט א גרינגן שמייכל:

— קענעהאָרע, ווי זי שלאָפט!

אין אָפענעם פענצטער איז געשטאַנען דער אויפגעוואַכטער טאָג. ער האָט ארײַנגעווונקען אין דער נידעריקער גרויסער שטוב מיט גרי־נע באַרג און מיט רויטע עפל, מיט צווייגן צווייט און מיט רײַפער טויע, וואָס וואַרט אף שניט. יאָסיפשמיל האָט אָבעראַמאָל א טראַכט געטאָן מיט א גרינגן שמייכל:

— סע גוט!

און ער האָט פּאַוואָליע אראָפּגעשטעלט די נאַקעטע פיס אף דער הוילער פּאָדלאָגע. פּאַוואָליע און פויל האָט ער זיך אָנגעטאָן, געגענעצט און זיך געוואַשן. ווען ער האָט געעפנט די טיר, איז ער שטיין גע־בליבן אף דער שוועל. ער האָט ברייט אויפגעמאַכט דאָס מויל, טיף געקנייטשט מיט דער נאָז, זינגענדיק מיט א פיל־גאַרנדיק קאָל האָט ער פונסניי געגענעצט און ער האָט זיך באַלעקט מיט דער צונג ווי א

קאַץ. דערנאָך האָבן זײַנע קלײנע אױגן זיך אַ לאָז געטאָן איבער דעם צעשפּרײטן זילבערדיק־בלישטשענדיקן טױ און קוים זיך געקאָנט אָפּרײַסן דערפֿון.

— סע דאַכט זיך אױס, נאָר װי די גאַנצע ערד װאָלט פֿאַרזײט געװען מיט קלײנע װײַסע דימענטלעך.

אַזױ האָט יאָסיפּשמיל אײנמאָל געזאָגט צו זײַן װײַב.

— טאָקע אַ שאָד פֿאַרװאָס דאָס איז נישט אַזױ.

װײַל װען עס װאָלט אַזױ געװען, דערמאָלט װאָלט יאָסיפּשמיל געלאָזט אָפּקאָסען פֿאַר זיך די דאָזיקע דימענטלעך, און ער װאָלט זײ געלאָזט אײַנזאַמלען, און ער װאָלט זײ געלאָזט אַרײַנלײגן אין אַ שײַער, פֿאַרהאַנגען מיט אַ שלאָס, און דער גאַנצער װעלט װאָלט ער צו װיסן געטאָן: אַזױ און אַזױ: יאָסיפּשמיל האָט אַ פֿולן שײַער מיט דימענטלעך, װאָלט ער צו װיסן געטאָן דער װעלט, ער האָט אין דר'ערד דאָס פֿעלד, מיט דער גאַנצער װירטשאַפֿט, מיט אַלע בלאָפֿעס, מיט דער גאַנצער אַרבעט און מיט אַלע אײַנױנעם.

— אַמפּו! אַז דער שלאַק זאָל עס טרעפֿן.

ער האָט געשמאַק אױסגעשפּיגן און איז אַראָפּגעגאַנגען פֿון שװעל. די גלע, װײכע ערד האָט זיך געפּאַרעט אין יונגן פֿרימאָרגן, װי פֿרישגעבאַקן ברױט.

די טױ־טראָפּנס, װאָס די נאַכט האָט אַראָפּגעטריפֿט אױף דער ערד, אױף די גראָזן, אױף די בלעטער פֿון די בײמער, האָבן געגלאַנצט אינעם ערשטן פֿלאַקער פֿון דער צעגליטער זון. זײ האָבן װײַט געבלישטשעט און הױך זיך געזילבערט. און זײ האָבן געלאָקט דאָס אױפֿגעװאַכטע אױג נאָך שטאַרקער װי די גרינע, באַנאַכטיקע גליװערעמלעך, װאָס באַהאַלטן זיך אין קוסטעס. נאָר קײן דימענטלעך זײַנען זײ נישט געװען — אַז דער שלאַק זאָל עס טרעפֿן!

פֿון דעסטװעגן האָט זיך יאָסיפּשמיל גאָרנישט געמאַכט דערפֿון, ער האָט צעקנײפּלט דעם גרינעם, אָפּגעכומלטן איבערציִער און ער איז געגאַנגען אין דער ברײט. עטלעכע שפּאַן איז געװען פֿון זײַן שטוב צום װעג, אַ פֿופֿציק שפּאַן מיטן װעג איז געװען זײַן פֿאָלװאַרק. דער װעג האָט געפֿירט איבער אַ שמאָל בריקל, אונטערן בריקל איז געלאָפֿן אַ שמאָל פֿליטקע װאַסערל, װאָס האָט גערױשט באַלד אײַנדערפֿרי מיט זײַנע קלײנע קװאַלעבלעך, װי יונגע קאַטשקעלעך אין אַ װאַרעמען טײַך,

יאָסיפּשמיל האָט דערנאָך דערציילט זײַן ווײַב, אַז אין יענעם טאָג האָט ער געטראַכט אַזוי: אָט אַ וואַסערל, דאָס קומט ערגעץ פֿון די ווײַטע בערג, אַליין שפּרינגט זיך עס אויס און ווערט צווישן פֿעלדער און טאָלן, צווישן די פֿעלדער און וועלדער, צווישן די לאָנקעס און כאַטקעס, און עס לויפֿט, עס לויפֿט. ווײַל ווער קאָן עס דען אײַנהאַלטן? דאָס וואַסערל קאָן קיינער נישט אײַנהאַלטן. און אַזוי איז אויך מיט דער גאַנצער וועלט, און אַזוי איז אויך מיט אַלע מענטשן. עס איז אײַנגעטיילט געוואָרן פֿאַר דעם און דעם אַזוי פֿיל און אַזוי פֿיל פֿעלד און ווידער פֿאַר יענעם און דעם גאָרנישט קיין פֿעלד. דערפֿאַר מוז דער, וואָס האָט נישט קיין פֿעלד, אַרבעטן בײַ דעם, וואָס האָט יאָ פֿעלד, כּדי ער זאָל האָבן פֿון וואָס צו לעבן. אַזוי איז דאָס שוין פֿון אייביק אָן, און אַזוי וועט דאָס שוין בלײַבן.

אַזוי האָט יאָסיפּשמיל דערנאָך דערציילט זײַן ווײַב. און דאָס שמאָלע וואַסערל אונטערן קליינעם בריקל איז געלאָפֿן און געלאָפֿן, געוואַשן די שטיינדלעך און געמורמלט — געמורמלט. אַף די ביימער פֿון בײדע זײַטן ווען האָבן די פֿייגל געפּישטשעט, געשורשעט, זיך געלעשטשעט באַם יונגן פֿרימאָרגן, ווי קליינע קינדער בײַ אַ יונגער מאַמען. די זון האָט געריזלט מיט שטויביקן זילבער, ווי אַ זוניקער רעגן, געוואַשן די גראָזן, די ביימער, דאָס פּאָנעם. און די ערד האָט געאָטעמט מילד און פֿײַכט. די בלעטער אַף די צווײַגן האָבן זיך געוויגט, שטיל און לײַכט, מיט גלאַנציקע טראָפּנדלעך אַף זייערע איבערגעקערטע רוקנס.

און אַזוי איז יאָסיפּשמיל אַרײַנגעגאַנגען אין זײַן הויף, ברייטלעך־באַלעבאַטיש, מיט געזעטיקטן קוק אַף רעכטס און אַף לינקס, און אַף אַלץ, וואָס דער הויף האָט פֿאַרמאָגט. זײַן שוואַרצער, פֿון שטויב און פֿון פֿלייסע פֿאַרגעלטער און פֿאַרגרינטער קאַפּעליוש איז אים לײַכט און פֿרימאָרגנדיק געשטאַנען אַפֿן שפּיץ קאָפּ, און די געדיכטע רויטע פּייעלעך פֿון בײדע זײַטן האָבן זיך געהויערט אונטערן קאַפּעליוש, ווי צוויי קליינע רויטע מײַזלעך.

יאָסיפּשמיל האָט אַ רויטלעך־געלע באָרד, ווי רויטלעך זשאַווערדיקער דראָט. אַרום און אַרום וואַקסט די באָרד, אַרום האַלדז און אַרום פּאָנעם, נאָר צוויי שטיקלעך אָפּגעבלאָזענע באַקן זײַנען איבערגעבליבן אונטער די אויגן. און די אויגן זײַנען קליין, גרוי און גלאַנצנדיק ווי

בא א קאַץ. שווערע ברעמענ, רויטלעכ אונ געל, הענגענ אַראָפּ איבער די אויגנ.

יאָסיפּשמילס הויפ איז נישט קיינ גרויסער, נאָר אָנגעזעטיקט מיט קאָלטאָנ, אַזוי ווי א קליינער ייִד מיט א קנעלעכיקנ בויכ אונ מיט גראָבלעכע קעשענעס. יאָסיפּשמיל קוקט אונ טראַכט, אַז אינ יעדנ ווינקעלע פונ הויפ שטייט קענעהאָרע גאָטס ברכה: א שטאַל מיט בהמות, א שטאַל מיט פערד, א סטאָדאָלע מיט היי אונ א שייער, וואָס דערווייל איז ער נאָכ ליידיק, אָבער באַלד וועט ער זיכ נישקאָשעדיק אָנפילנ. די גרויסע לייטערוואָגנס שטייענ שוינ אינמיטנ הויפ אונ וואַרטנ נאָר אויפ אַרייַנצוברענגענ די אָפּגעשניטענע טווע. אינמיטנ הויפ שטייט א גרויסע סטערטע פאַראַיאָריקע שטרוי, אונ א פירעקיקער ברונעמ מיט א לאַנגער קאָרעטע שטייט אויכ אינמיטנ הויפ.

די פאַראָבקעס שלאָפנ נאָכ, די מעלקערנס זיינענ נאָכ נישט געקומענ. בלייַבט יאָסיפּשמיל שטיינ לעבנ פירעקיקנ ברונעמ, קוקט אַרייַנ אינ נישט טיפנ וואַסער אונ זעט דאָרט אונטנ — וועמענ זעט ער דאָרט? א צווייטנ יאָסיפּשמיל זעט ער דאָרט, וואָס שמייכלט צו אימ אַרופ. קוקנ זיי זיכ אָנ ביידע, די צוויי יאָסיפּשמילס, . קוקנ זיכ אָנ ברייטהאַרציק אונ שטאַרק צופרידנ. אַז גאָט האָט געגעבנ, — זאָגט איינ יאָסיפּשמיל צומ אַנדערנ, — אַז גאָט האָט געגעבנ, דאַרפ מענ זיינ צופרידנ. אונ עס שמייכלט אַרופ פונ אונטנ די צעפּלאָנטערטע געלע באָרד, די גראָבע נאָז, עס שמייכלענ די שטיקלעכ אָנגעבלאָזענע באַקנ אונטער די אויגנ אונ עס באַוועגנ זיכ די שווערע ברעמענ אַרופ אונ אַראָפּ. נאָר לאַנג שטייט ניט יאָסיפּשמיל לעבנ ברונעמ, ווייַל גראָד דעמלט קריכט אַרויס פונ הינטער דער סטאָדאָלע דער נאַכטוועכטער סראָלוויטשעק, וואָס אַזוי רופט אימ יאָסיפּשמיל. הייסנ הייסט ער בלויז וויטשעק. ער איז א הויכער, אַנ אייַנגעבויגענער, ער הייבט אונטער די הויזנ אונ נעמט אַראָפּ דעמ פּאַסיק, וואָס הענגט בא אימ איבערנ האַלדז, פּאַסעוועט זיכ צו די הויזנ אונ גיט א שטילנ הוסט.

דערפאַר דערציילט יאָסיפּשמיל שטענדיק זייַנ ווייַב:

— דער דאָזיקער סראָלוויטשעק האָט נישט מער אינ זינענ, ווי נאָר צו עסנ אונ צו דאַוונ. שטענדיק וועט מענ אימ טרעפנ אָדער קייַענ מיט די באַקנ, אָדער קנעפּלענ די הויזנ. העהעהעהע! נאָר ס'איז דענ עפּעס א וווּנדער? אַז א כלאָפּ האָט בכלל נישט אינ קאָפּ עפּעס

אַנדרײַש! ווײַל טאַקע וואָס רעדן זאָל ער אין זינען האָבן? א מיסבער? צי דאַוונען? צי א ווײַב? צי קינדער? ער קוקט אַמאָל אַרײַן אין א סייפער? אז דאָס לעבט דאָך אינגאַנצן ווי א בהמה. העהעהעהע!

יאָסיפּשמיל האָט אויך דאַסמאָל געזאָגט צו ווײַטעקן, אַזוי ווי יעדן טאָג: „טאַק־טאַק, ווײַטעק, העט? דיר גייט עס גוט?“ און וואָס ווייסט רעדן דער אַלטער ווײַטעק אָפּ דעם צו ענטפערן? ער צעשמייכלט זיך אָקעגן דער זון, זײַן טרוקן פּנים צעקרישלט זיך דערבײַ, ווי אַלט ברויט, און ער ענטפערט: „העהע!“ — מער נישט. ערשט דערנאָך נעמט ער אַראָפּ דאָס היטל, פֿאַרנייגט זיך און זאָגט הויך „דאָברי דזען, פּאַני יאָסיפּשמיל“. די מידע, נישט אויסגעשלאָפֿענע נאַכט הענגט איבער זײַנע פֿאַרקלעפּטע אויגן.

און פּלוצעם האָט עס יאָסיפּשמילן א קאָרטשע געטאָן אין טיפֿן אינגעווייד, ער האָט זיך אויש אָנגעכאַפּט מיט בײדע הענט פֿאַרן בויך. וואָסי? די זון רוקט זיך העכער, דער טוי טריקנט אויס. דער טאָג שטייט נישט — וווּ זײַנען די מענטשן? וווּ זײַנען די מעלקערנס, די פּאַראָבקעס, די שניטערס, וווּ זײַנען די מענטשן? הײַנט דאַרף מען אָנהייבן שנײַדן די מווע, ער האָט אַזוי אויך שוין פֿאַרשפּעטיקט, באַם גראָף האָט מען אָנגעהויבן שנײַדן נאָך יענע וואָך — וווּ זײַנען די מענטשן? וואָסי? ער האָט געוואָלט בליקער די כּכירעס, געוואָלט צאָלן א ביסל ווייניקער ווי דער גראַף. וואָסי? מע טאָר נישט עפּשער? וואָסי־י־י־י?!

ער איז געשטאַנען לעבן פֿערד־שטאַל. אַרײַנגעקוקט אינווייניק. נישט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם, און געבליפּעט אָפֿן קאָל:

— הער נאָר הער, העהעעע! מע כאַליעט נאָך נאָר? מע קלערט גאָר נישט אופֿצושטיין אַפֿילע? טאַקע, גיב נאָר א קוק, שלאָפֿן שלאָפֿט מען נישט און אופֿשטיין שטייט מען נישט אוף, גיב נאָר א קוק. העהעעע! גיינו, כ'מיין טאַקע אין א שפּאַס, גיב נאָר א קוק. מע רײַבערט זיך די פּײַנע ציגאַרעלעך, ווי די גאָר געהויבענע לײַט, מע ליגט זיך אַזוי שטילינקע ווי אין די זײַדענע בעטן, און שטיין שטייט מען נישט אוף. העהעעע! אופֿשטיין!!!

ער האָט געשריגן. פּיצטער, טעמנע געשריגן, די אויגן זײַנען אים אַרויסגעקראָכן פֿון די לעבער, זיי האָבן זיך אים געשטעלט אָפּ דער נאָז.

די זונ איז אים פארלאָפנ איבערנ פּנים און עס האָט זיכ פאר-
זשמורעט די נאָז, די באָרד און דער קלײנער שטערנ. ער האָט געוואָלט
נאָכ העכער שרײַענ, די הענט אַרײַנגעטאָנ אינ די הויזנקעשענעס און
די הויזנ אונטערגעהויבנ. נאָר לעבנ אים, האַרט לעבנ אים איז שוינ
געשטאַנענ ראַמאַנטשוק, דער עלטסטער פונ די פּאַראָבקעס, אַרײַנגע-
אָטעמט אינ יאָסיפּשמילס פארקרימטנ פּנים, געזעצט מיט די ווײַסע
אויגנ ווי מיט צוויי בערג, און ראַמאַנטשוק איז ראַמאַנטשוק!

אזוי, אַז יאָסיפּשמיל האָט זיכ אַפילע א ביסל אָפּגערוקט פונ אים.
עע! האָט ער געטראַכט, נאָר איכ וועל אײַכ שוינ ווײַזנ. און קעדײַ
צו דערפילנ דאָס „ווײַזנ זײ" אזוי ווי סע דאַרפ זײַנ, האָט ער אײַנ
צוגעמאַכט די אויגנ און אופגעמאַכט דאָס מויל. דערנאָכ האָט ער
געפרעגט:

— איר ליגט, און די שניטערס זײַנענ נישטאָ, וואָס?

די דאָזיקע ווערטער האָט ער לײַכט אַרויסגערעדט. אזוי ווי א
מענטש, שטיל און וואָרט בא וואָרט. אָבער דאַפקע ראַמאַנטשוק האָט
געענטפערט הויכ, גלײַכ דערמיט וואָלט ער באַדאַרפט עמעצנ אופוועקנ
פונ שלאָפ:

— מיר דאָ ליגנ נאָכ, און די אנדערע דאָרט ווילנ נישט גײנ. —
אזוי האָט ער געזאָגט.

נאָר יאָסיפּשמיל האָט זיכ קלומערשט נישט געכאַפּט באַלד, וואָס
דער דאָזיקער ראַמאַנטשוק מײנט דאָ דערמיט. ער האָט געפרעגט:
„וואָס? טאַקע? וואָס הײסט, זײ ווילנ נישט גײנ, הע?" און געפרעגט
ענלעכע אזעלכע אומבאַשטימטע פראַגעס. ערשט ווענ ראַמאַנטשוק האָט
נאָכאַמאָל א זאָג געטאָנ אזוי הויכ, גלײַכ ער וואָלט באַדאַרפט עמעצנ
אופוועקנ, אַז מע שטרײַקט, דעמאָלט האָט יאָסיפּשמיל שוינ אַלצדינג
גוט פארשטאַנענ און ער האָט אזש א ציטער געטאָנ איבערנ גאַנצנ
לײַב. זײַנ רויטלעכ-געלע באָרד האָט אָנגעהויבנ טאַנצנ, די צוויי שטיק-
לעכ אופגעבלאָזענע באַקנ אונטער די אויגנ האָבנ אָנגעהויבנ אַרבעטנ:
אַקוראַט ווי א כײַע מיט צוויי פּנימער. די נאָז האָט געבלאָזנ, דאָס
מויל האָט געסאָפּעט, די אויערנ האָבנ זיכ אופגעשטעלט, דער שטערנ
האָט זיכ געקאָרטשעט.

— וואָס הײסט שטרײַקנ? — האָט ער געפרעגט. — וואָס הײסט
שטרײַקנ? כלאָפּעס פונ דאָרפ שטרײַקנ? פונ וועמ אַנ איז דאָס געהערט

געוואָרנ? פונ זינט ווענ ווייסנ זיי גאָר צי חיה לעבנ אפ דער וועלט? הע?! וואָס הייסט זיי שטרייקנ? הע?!

די פאראָבקעס אפנ פרישנ היי האָבנ געלאַכט מיט הילכ, ווי יונגע זשרעביעס, נעקייקלט דעמ געלעכטער ביז אַרויס אפנ הויפ, אונ גע-פאַטשט מיטנ געלעכטער איבער יאָסיפשמילס פאָנעמ, ווי מיט ברע-טער. נאָר ראָמאַנטשוק האָט איצט נאָר געענטפערט אַזוי:

— מיר דאָ אונ מיר דאָרט, מיר האָבנ נעכטנ אײַכ איבערגעגעבנ א צעטל, וו עס איז געווענ אונטערגעשריבנ אַלצדינג אַקוראַט, וואָס מיר ווילנ אונ פאַרוואָס מיר שטרייקנ.

יאָסיפשמיל האָט געמיינט, אַז דאָס האַרצ וועט אימ בלײַבנ שטיינ אפנ אָרט. נאָר עס האָט האַפקע געטלוקעט, ווי בײַ א מערדער. אַזוי: טשאָכ-טשאָכ, טשאָכ-טשאָכ, טשאָכ-טשאָכ. מיינענ זיי דאָכ טאַקע נישט קיינ קאַטאָוועס? מיינענ זיי דאָכ טאַקע נישט קיינ געלעכטער? איבערגע-געבנ נעכטנ א צעטל אונ שוינ. גיב זיי נאָכ וואָס זיי ווילנ אונ שוינ. גיב זיי א גלעט אינ בעקל, גיב זיי א קניפ אינ פיסקל. גיב זיי א קוש אינ הענטל, נאָר גיב זיי אונ גיב זיי, גיב זיי אונ גיב זיי — דעמאָלט וועלנ זיי זיכ עפשער איבערלייגנ, צי זיי זאָלנ יאָ קומענ אַרבעטנ אָדער נישט קומענ אַרבעטנ! הינט. סוקעס. מיכט. טינעפ. צאָרעס, כאַרבויגעס, שלעק!

זײַנ פאָנעמ האָט נישט אויפגעהערט צו אַרבעטנ, ווי א כײַע מיט עטלעכע פענעמער. די קישקעלעכ אונטער די אויגנ זײַנענ צוזעענדיק גע-וואַקסנ מיט געשווילעכצ. די הענט האָבנ זיכ געקאָרטשעט אינ קאַנ-וואַלסיעס אונ די אָדערנ אפ די געבײַלטע פויסטנ זײַנענ געווענ בלוי, ווי א מילצ. זיי זײַנענ שיר נישט אפגעשפרונגענ פונ אונטער דער הויט. אונ אַמליבסטנ וואָלט ער איצט געשלאָגנ, געדראַפעט, געביסנ מיט די ציינ. ער וואָלט געשלאָגנ יעדנ איינעמ. ווער עס וואָלט אימ נאָר געקומענ אונטער די הענט. מיט די שוואַרצע נעגל וואָלט ער זיכ אַרײַנגעדראַפעט אינ יענעמס פאָנעמ, די אויגנ וואָלט ער בײַ אימ אויסגעקראַצט, די הויט אַראָפגעשונדנ. נאָר דאָ האַרט לעבנ אימ שטייט ראָמאַנטשוק, קוקט אפ אימ מיט די ווײַסע אויגנ, ווי מיט צוויי בערנ, אונ ראָמאַנטשוק איז ראָמאַנטשוק.

יאָסיפשמיל האָט פלוצעמ אויסגעשפיגנ א פול מויל מיט שפײַעכצ, דערנאָכ האָט ער אָנגעהויבנ שרײַענ אונ רעווענ אַזוי ווילד אונ מעשוגע,

גלײַכ א בעהיימע וואָלט אימ געפײַערט, גלײַכ א קינד וואָלט אימ געשטאָרבנ. נײַנ! ווענ א קינד וואָלט אימ געשטאָרבנ, וואָלט ער זיכ אָפגעווישט צוויי טרערנ פונ די אויגנ, ער וואָלט געווענ שטיל אונ האָבנאָרדיק ווי א קאַלב אונ ער וואָלט געבליבנ פרומ-צעקנייטשט אינ דער רויטער באָרד ארײַנ, אז אזוי איז גאָטס הייליקער ווילנ, אונ קעגנ גאָט איז נישט שײַכ צו זאָגנ — ער ווייס וואָס ער טוט. אָבער דאָ איז נישט געשטאָרבנ קיינ קינד, נישט געפײַערט קיינ בעהיימע, פויערימ שטרײַקנ! דאָ איז שוינ עפּעס אנדערש. דאָ גייט עס וועגנ שנײַדנ מווּע, וועגנ געלט, וועגנ קלאָפּעס — אונ דאָס האָט נישט צו טאָנ מיט גאָט. דאָס האָט נישט צו טאָנ מיט קיינעמ אכוץ מיט יאָסיפּ-שמילנ אליינ. אונ ער האָט פונ זיכ ארויסגעשריגנ די קישקעס:

— זאָלנ זיי נישט מיינענ, אז דאָס וועט זיי פאַרשווינדנ ווערנ. מע וועט פונ זיי שנײַדנ פּאַסעס. אונ ער, ראָמאַנטשוק, ער איז נישט בעס-סער פונ זיי, ער איז נאָכ ערגער פונ זיי אלע. אונ אלע צוזאמענ זײַ-נענ זיי ווערט א קויל אינ קאָפּ ארײַנ! ער האָט זיי באַדאַרפט ארויס-שלעפּנ פונ די בעטנ, פונ די כאַטעס בא די האָר, אינ הוילנ סטאַנ האָט ער זיי באַדאַרפט ארויסשלעפּנ אויפ דער גאַס, ווי די כוראַבעס, ווי די שעפּסנ, ווי די כאַזיירימ! עס איז די העכסטע צײַט, מע זאָל שנײַדנ די מווּע, עס איז די העכסטע צײַט, מע זאָל אראָפּנעמענ די מווּע פונ פעלד אונ זיי שפּילנ זיכ? מיט שטרײַקעלעכ שפּילנ זיי זיכ? מיט שטרײַקעלעכ! העהעע — שטרײַקעלעכ! שטרײַקעלעכ, שטרײַקעלעכ, העהעעע!!!

יאָסיפּשמיל האָט געלאַכט. ער האָט געלאַכט מיט א סאַכ געלעכ-טערס. מיט הויכע אונ מיט שטילע. מיט גרילע אונ מיט גרינגע. זײַנ בײַכ האָט זיכ געוואַקלט אונ זײַנ באָרד האָט געטאַנצט, זײַנע אויגנ זײַנענ ארויסגעשפּרונגענ אונ ארופגעשטעלט זיכ אויפ דער גאַז. דערנאָכ איז ער געוואָרנ שטיל. נאָר די שטילקײַט האָט זיכ געדראָפּעט הויכ אינ דער לופט. יאָסיפּשמיל האָט ווידער אויסגעשפּיגנ א פול מויל מיט שפּײַעכצ אונ אוועקגעלאָפנ פונ שטאַל. ער איז געלאָפנ ארומ אונ ארומ שטאַל. געלאָפנ ארומ אונ ארומ סטאָדאָלע אונ שטיינ געבליבנ בא דער הויכער קופּע שטרוי. ער האָט ארופגעקוקט דאָרט אויבנ צו דער הוי-כער קופּע, געקוקט, אונ מיטאמאָל האָט ער זיכ ארופגעדראַפּעט מיט די הענט אונ מיט די פיס אונ געבליבנ שטיינ דאָרט אויבנ.

ראַמאַנטשוק האָט אימ נאָכגעקוקט, וויאַזוי ער לויפט אונ וויאַזוי ער דראַפּעט זיכ, נאָכגעקוקט דעמ ווילד־געוואָרענעמ באַלעבאָס אונ הינטער אימ זײַנען געשטאַנענ די אַנדערע פּאַרעבקעס, געקוקט מיט אָפענע מײַלער, מיט וווּנדער אינ די אויגנ.

אונ יאָסיפּשמיל, איז דאָרט אויבנ, הויכ אַפ דער סטערטע שטרוי, פאַרשטיינערט געוואָרנ. נאָר זײַנ רויטער קאָפּ האָט זיכ געדרייט אינ אַלע זײַטנ פונ דאָרפ, זיכ געדרייט אונ געזענ פאַרמאַכטע טירנ, פאַר־מאַכטע לאָדנס, א ליידיק דאָרפ אונ ליידיקע פעלדער — דאָס דאָרפ שטר־יי־יי־ײַקט!

ער האָט זיכ אַראָפּגעלאָזט פונ דער הויכער קופּע שטרוי פאַר־מוטשעט אונ פאַרמאַטערט, גלײַכ די איינע מינוט וואָלט געדויערט אַנ אייביקייט. פאַמעלעכ איז ער אַרויסגעגאַנגענ פונ הויפ אונ געגאַנ־גענ צוריק אַהיימ — אַפּנ וועג האָט יאָסיפּשמיל געקרעכצט, נישט אופגעהערט צו קרעכצנ פאַר גרויס ווייטאָק. אַז אַזוינס זאָל אימ זײַנ באַשערט! האָט ער געטראַכט. אַז אַזוינס זאָל זיכ גאָר טרעפנ!

אינ שטוב איז דאָס ווײַב נאָכ געשלאָפנ. ער האָט געגעבנ א טראַסק מיט דער טיר, קעדיי זי זאָל זיכ אופּכאַפּנ — אָבער זי האָט זיכ נישט גערירט.

— זע, ווי דאָס פּופּט. — האָט ער געבורטשעט אינ דער באָרד. — פּופּט אונ פּופּט. ליגט ווי א שטיינ אונ רירט זיכ נישט.

אונ פּלוצעמ האָט ער א געשריי געטאָנ, אַז די פענצטער האָבנ געציטערט:

— שטיי אופ!

דאָס מויל פֿון דער סיגוראַנצאַ

דער צוג האָט איבערגעשניטן די בעסאַראַבער ערד. ביניש איז געזעסן אַף דער הילצערנער באַנק, זיך געשטייסלט אַף רעכטס און אַף לינקס ווי אין כאַלאַשעס, זײַן האַרץ האָט געצאַפּלט פֿאַר פֿרייד. די אויגן האָט ער אַרײַנגעגראָבן אין יענעם אַנטלויפֿנדיקן דרויסן, ער האָט געטראַכט: מע האָט צו אים געזאָגט, לייג אַוועק דעם הובל אַף צוויי טעג, מע דאַרף דיך האָבן. איצט פֿאָרט ער.

ס'לויפֿט פֿאַרבײַ אַ נאַקעטער וואַלד, די בלעטער ליגן צופֿוסנס און זײַנען פֿאַרוויאַנעט. ס'לויפֿט פֿאַרבײַ אַן אויסגעטריקנט פֿעלד, מיט פּאַקן, מיט גריבער איבערן בויך. אַנטקעגן קומט אַ שטיינערדיק בערגל, אַ פּאַסטעך מיט שאָף, אַ צעגאָסענער טײַך. פֿונעם טײַך קוקן אַרויס שפּיצן פֿון גרעזעלעך, אינעם טײַך באָדן זיך שטיקער כמאַרעס און שטי-קער הימל.

ביניש קוקט אַרויס דורכן פֿענצטער און טראַכט:

— מאָטל מעבל דעם שוסטערס.

— בערל צעראַטניק.

— לייזער שימעס דעם קאַוואַלס.

אַז מע האָט אים געזאָגט, ביניש, האָט ער איבערגעלאָזט די אַרבעט, געלאָזט צו וויסן טאָג דעם באַלעבאָס דורך דער 'מאַמעס זײַנער, אַז ס'ברענט אים אַ זאַך, גענומען, וואָס ס'איז געווען צו נעמען, אַרײַנגעלייגט אין מוייעב און געגאַנגען צו דער באַן. אָן אַ שטיקל פֿאַ-

פיר אין קעשענע, אַז א טשעמאָדאַן. די מאַמע האָט אים מיטגעגעבן א ברייטל, איינגעוויקלט אין א גרינער פאַטשיילע.

דער צוג האָט זיך געריסן איבער בעסאַראַבער ערד. בייניש האָט געטראַכט, און פּלוצעם האָט ער צו זיך געזאָגט: שאַ — מע קאָן נאָך הערן. כאָטש זיין טראַכטן האָט קיינער נישט געהערט.

מיט א פאַרקלעפּטן סטאָליערישן בליק האָט ער טאַמעוואַטע א קאַ-סע געטאָן איבערן וואַגאָן און אויסגעצילעוועט עטלעכע באַבעס, עטלע-כע פּויערים, דריי יידלעך, צוויי סאָלדאַטן.

אין פּויערל, וואָס זיצט אים אַקעגן, האָט זיך צוגעקלעפּט צו זיין בליק. א פּויערל אַזאַ, און איינגעהאַרטס. טשיקאַווע פון וואַנען עס פאָרט? עס פאָרט פון געריכט. אין דאָרף האָט זיך עס צעהאַרגעט מיט עמעצן. יענעמס קו איז אַרום אין זיין פּאַשוויסקע און דאָרט אָפּגעריזשעט א פיין שטיקל. האָט ער פאַרנומען דאָס קעלע און דערפון איז אַרויס-געקומען א געשלעג. ניין, עס איז נישט עמעס. דאָס פּויערל פאָרט פון דער שטאָט, ווו עס האָט געמוזט באַצאָלן שטייער. דערפאַר שווימען אין זיינע אויגן מוטנע טראָפּנדלעך, נאָר ווי עס וואָלט געוואָלט וויינען, דאָס קליינע פּויערל. און ווער ווייסט? עפּשער איז עס נאָר פון יענער פירהונדערט-גרופּע, וואָס זיינען געווען אָנגעקלאָגט פאַר אומלעגאַלער אַרבעט? פרעגן קאָנסטו אים נישט, ער וועט דיר נישט ענטפערן. ער וועט קוקן, אַזוי ווי ער קוקט אַצינד און וויסן וועט ער נישט פון גאָר-נישט. נאָר אין דאָרף עסט ער א שטיקל מאַמאַליגע מיט ברויט, און ווען אינדרויסן ווערט טונקעלער — כאַפּט ער זיך אַרויס אַמאָל מיט א שטיקל וואָרט.

דער צוג פאָרט, די ערד פליט. און בייניש טראַכט:

— מאָטל מעכל דעם שוסטערס.

— בערל צעראַטניק.

— לייזער שימען דעם קאַוואַלס.

און ווייטער ווייסט ער נאָרנישט, זייערע אַדרעסן האָט ער נישט.

דער צוג האָט געגעבן א רוק, א קרעכץ און א קראַץ, זיך אָפּגע-שטעלט. בייניש איז אַרויס פון וואַגאָן.

אָנגעלייגט איז געווען איבערן קאָפּ א שווערע כמאַרע. נאָר אויס-געזען האָט עס, אַז דער הימל מוטשעט זיך מיט אָט דער שווערער כמאַרע: אַ עס וויל רעגענען, אַ עס קאָן נישט. אָט, א מענטש פאַר-

ציט די גאַנץ אַפּ אַ נים צו טאָג — נאָר סע גייט ניט. און אַזוי האָט זיך בייניש פֿאַרנומען אָפּן וועג קיין כאָטין. אײַנמיטן וועג האָט אָנגעהויבן רעגענען.

פֿונעם פּנימס טונקעלן געפֿל האָט זיך אַרויסגעשיילט אַ הײַזל און נאָך אַ הײַזל, צוגעקלעפּט איינס צום אַנדערן און פּיטש־נאַס. בייניש האָט געקלעטערט באַרג־אַרויף. ער האָט שווער געסאָפּעט. דער וועג האָט מיד געמאַכט, אונטערגעהאַקט די פֿיס, דער רעגן האָט צוגעקלעפּט דאָס אונטערהעמד צום לײַב.

פֿאַרעגנט און פֿאַרקרימט איז מיטאַמאָל געשטאַנען די שטאָט פֿאַר זײַנע אויגן. צעבויגענע הײַזלעך האָבן זיך צונויפֿגענומען אויף אַ בערגלדיקער קופּע, זיך אַרײַנגעגראָבן צווישן צעהויקערטע שטיינער, זיך אײַנגעקאָרטשעט און זיי דרעמלען. בייניש איז אַרײַנגעגאַנגען אין אַ שטיבל.

אין דער טיר האָט ער פֿון זיך אָפּגעשאָקלט דעם רעגן, אויסגעווישט די פֿאַרלאָפֿענע אויגן, געזוכט אַ מענטשן. אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַן אײַנגעפֿאַלענער אויוון, און דער אויוון האָט אַרויסגעשטעלט צוויי אַלטע קעפּ — אַן ער און אַ זי. זייערע פּנימער זײַנען געווען אײַנגעשרומפּן און פֿול מיט טונקעלע רונצלען. בייניש האָט געפֿרעגט:

— צי קאָן מען באַ אײַך אַ ביסל אָפּרוען?

אַ קליין מענטשל האָט זיך אָפּגעקלעפּט פֿון אויוון, שטיל און פּאַמעלעך איז עס געגאַנגען איבער דער פֿאָדלאָגע אָן טריט, צוגעשאַרט זיך צו דער טיר, אַרײַנגעקוקט אין ביינישעס פּאָנעם. עס האָט לאַנג געקוקט און געשוויגן. דערנאָך איז עס אַוועק צום טישל, וואָס לעבן פֿענצטער, פּאַוואָליע אָנגעריבן אַ שוועבעלע, אָנגעצונדן אַ קליינטשיק נאַפֿט־לעמפּל. דרײַנע אייגעלעך האָבן אַרומגעקוקט פֿון אַ פּאָנעם, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ געפּלאָכטן קוישל פֿון רוטלעך. דאָס אײַנגעשרומפּענע מויל האָט געציטערט און געזאָגט:

— אַז ס׳איז ליכטיק, זעט מען כאָטש אַ מענטש פֿאַר די אויגן. איר קאָנט דאָ אָפּרוען, פֿאַרוואָס דען ניט?

בייניש האָט פֿון זיך אַראָפּגענומען דאָס רעקל, אַ שנאַלץ געטאָן מיט דער צונג און זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויפֿן אײַנציקן בענקל, וואָס איז געשטאַנען לעבן טיש. מיט אויסגעוואַשענע אויגן האָט ער געקוקט

איבער דער שטוב. די צוויי אַלטע לייט זיינען שוין ווידער געזעסן לעבן איינגעפאַלענעם אויוון, געדרייט מיט די קעפּלעך ווי קליינע קינ-דער און זיך געכיכעשט מיט די איינגעפאַלענע אייגעלעך. ביניש האָט זיי געפרעגט:

— דער אויוון איז וואַרעם?

געענטפערט האָט אייגער פון זיי, נאָר עס האָט זיך געדאַכט, אַז ביידע ריידן — ווייל די איינגעדאַרטע גאָמבעס האָבן בא ביידע גלייך געציטערט:

— עהע. דאָס איז אַמאָל געווען אַן אויוון. ער איז אַמאָל געווען וואַרעם, אַ מעכטיגעניש. ער האָט געקאָכט און געבאַקן, עס איז געווען טיי און מאַמאַליגע, עס זיינען געווען קינדער, נאָר זיי זיינען אַוועק ערגעץ און דער אויוון איז שוין אַלט. עהע.

ביניש איז געזעסן לעבן טיש אויפן איינציקן בענקל, אויפן טיש האָט געברענט אַ קליין פאַרייכערט נאַפט-לעמפּל, הינטער זיין פּלייצע האָט געקאַפּעט פון דער סטעליע אין אַ פאַרזשאַווערטן בעקן: קאַפּ-קאַפּ.

די צוויי אַלטע לייט האָבן געזאָגט:

— עהע. ס'איז דאָרט פאַראַן אַ שפּעלטל אין דאַך, דאָרט אין ווינקל. און אַמאָל איז עס געווען אַ גוטער דאַך. עהע.

אַ ווײַלע איז געווען שטיל. אין פאַרזשאַווערטן בעקן האָבן גע-קלימפּערט די נאַסע טראָפּנס: טראָפּ. טראָפּ.

ביניש האָט געהאַט צוגעטראַכט נאָך אין דער באַן: קומען וועט ער קיין כאָטין גענוג צייטלעך פאַרנאַכט. גלייך אַוועק צו מאָטל מעכל דעם שוסטער, לאָזן צונויפרופן די אַנדערע כעווריע און גלייך אַריינהאַקן אַ שמועס, ווי סע דאַרף צו זיין. ווייטער האָט ער געהאַט צוגעטראַכט: איבערנעכטיקן וועט ער מיסטאָמע קאָנען בא מאָטלען, און גלייך אינדערפרי — אַרופגעכאַפּט אַף זיך די פּיס און געפאָרן. אָבער עס הערט נישט אויף צו גיסן. מיטאַמאָל גיט ביניש אַ פרעגן:

— און מאָטל מעכל דעם שוסטער קענט איר?

עס ווערט שטיל. די שטילקייט קריכט איבער די ווענט, ווי גלי-טשיקע ווערעם. די צוויי קעפּלעך לעבן אויוון קלאַפּן מיט די הענט-לעך איבער די אָפענע מיילער.

דערנאָך הערט זיך:

— אוי־אוי־אוי. הערט נישט. רעדט נישט.

די הענטלעכ קלאַפּנ איבער די אָפֿענע מײַלער און בײניש קוקט
אויפֿ זײ פֿאַרוווּנדערט און דערשראָקנ. אינ זײַנע מויעכ לויפֿנ אַרומ די
געדאַנקענ ווי מײַזלעכ אינ אַ שטײַגל. טאָמער קלאַפּט דאָ עפּעס נישט?
טאָמער איז דאָ עפּעס געשענ? אַז הערנ הערט מענ פֿונ זײ שוינ
נישט אַ צײַט! ער וועט אַרויסלויפֿנ אינ שטאָט: אַרויסלויפֿנ? וווּהינ?
גײ לויפֿ אינ אַזאַ נאַכט. פֿונ דער סטעליע טריפֿנ די טראָפּנס און
קלימפּערנ אינ פֿאַרזשאַווערטנ בעקנ: טראָפּ. טראָפּ.

בײניש האָט גענומענ דאָס ברויטל, וואָס איז געווענ אײַנגעבונדנ
אינ גרינעמ טיכל, און ער האָט עס אויפֿגעגעסנ. ער האָט געגעסנ מיט
גרויס אַפּעטיט. די צוויי אַלטע קעפּלעכ לעבנ אויוונ האָבנ זיכ גע־
וואַקלט. די פֿינצטערע נאַכט האָט געטאָפּט איבער די טונקעלע ווענט, גע־
זוכט אַנ אָנשפּאַר און זיכ צוגעטוליעט צומ אַלטנ פּאָרל. אינדרויסנ
האָבנ קעץ געמיאַוקעט. אַ קינד האָט געוויינט. אַזוי שלאָפֿט כאָמינ.

פֿאַרטאָג האָט בײניש אַזוי לאַנג געקראַצט מיט זײַנע אויגנ אינעמ
טונקעלנ פֿענצטער, ביז דער טאָג האָט זיכ אַרויסגעשײלט פֿונ דער
נאַכט. דער דרויסנ איז געווענ גרוי. אַזאַ פֿאַרווישטע פֿאַרב, וואָס איז
קײנ פֿאַרב נישט. ווי דערשראָקענע הינדעלעכ האָבנ אַריבערגעקוקט צו
בײנישנ די קלײנע קעפּלעכ פֿונ די צוויי אַלטיטשקעס. ראַכמאָנעסדיק
האָבנ זײ זיכ דאָרט אינ ווינקל געשאָקלט, געוואַקלט און געציטערט.
ווענ בײניש איז אַרויסגעגאַנגענ פֿונ שטיבל, האָט ער געזענ, אַז באַ־
נאַכט האָבנ די כמאַרעס אַרומגעוואַשנ דעמ הימל און איצט זײַנענ
זײ נישטאָ מער. איבערגעבליבנ איז אַ ווײַסע צעלאָזענע בלאָטע.

די גאַס האָט זיכ געוועקט. צעבראָכענע טירנ האָבנ זיכ געעפֿנט. גע־
בויגענע מענטשנ האָבנ אַריבערגעשפּרײַזט די שוועלנ. פֿונ מויל צו מויל
האָט זיכ געצויגנ דער פֿרימאָרגנדיקער געגנעץ. בורטשענדיק האָט זיכ
געהויבנ און זיכ אַראָפּגעלאָזט די שטאָט. פֿונ העכסטנ שפּיץ האָט אינ
אַלע זײַטנ אַראָפּגעקוקט דער רויטער בלעכענער דאַכ פֿונ קלויסטער און
עס האָבנ נעפּלדיק געגלאַנצט די גאָלדענע צײלעמס. פֿונ דאָרט, אַראָפּ
באַרג אינ אַלע זײַטנ, האָבנ הײַזלעכ מיט אָפֿענע אויגנ אינ די דעכער
אַרויפֿגעקוקט צומ ווײַטנ בלוי פֿונ הימל. גאַניקלעכ זײַנענ אַראָפּגע־
האַנגענ שיכּורלעכ־פֿאַרקרימט. בײניש האָט זיכ געלאָזט מיט דער לאַנ־

גער נאס, און די זון האָט זיך געפּרוווט אַרײַנרוקן צווישן די קלײנע הײַזלעך.

ווי פאר א סטאָליערישער ארבעט האָט בייניש צוויי מאָל ארײַנגע־שפּיגן אין די הענט, זיי אײַנגעריבן און א שטויס געטאָן פאָרויס, ווי מיט א לאנגן הובל. ער האָט זיך פארבענקט נאָך אָט דעם מאָט־לען. פארבענקט זיך, כאָטש געזען האָט ער אים נאָך נישט קיינמאָל. ער האָט באקומען גרויס חשק צו זען וואָס שנעלער זײַנע אויגן, זײַן פּנים, די הענט זײַנע. ער האָט זיך פארטראכט: ווי האָט ער געזאָגט, דער כאווער פּאָפּעסקו? א יונג מיט בײנער, דער מאָטל! ער האָט געזאָגט — — —

— זײַט אזוי גוט, וווּ וווינט דאָ ערגעץ מעכל דער שוסטער?

— אָט איז ער. דאָרט שטייט ער.

בייניש האָט א לאָז געטאָן שנעלער די פיס. מעכל דער שוסטער האָט גראָד דעמאָלט ארײַנגערוקט די הענט אין די טיפע הויזנקעשענעס, אונטערגעהויבן די פלייצע. בייניש האָט אים געפרעגט:

— איר הייסט מעכל?

מעכלס קאָפּ האָט א שאָקל געטאָן. דער קאָפּ איז אריבערגעשטאנען העכער איבער בייניש. אז ער האָט דעם קאָפּ אראָפּגעבויגן, זײַנע זײַנע אויגן איבער אים געהאנגען, ווי צוויי טראָפּנס פון גאָפּט־בלויען קאָליר.

בייניש האָט זיך אין דער ערשטער רגע פארלוירן: קוקט אזוי א מענטש אַף א פרעמדן? און פארוואָס, ווייל מע פרעגט זיך בא אים צי ער הייסט מעכל?

— הארפן הארף איך האָבן מאָטלען, דעם זון אײַערן. — האָט ער געזאָגט צו אים.

מעכל האָט נישט קיין ריר געטאָן מיטן קאָפּ. און די צוויי טראָפּנס פון גאָפּט־בלויען קאָליר האָבן נישט קיין פינטל געטאָן.

— מאָטל אײַערער איז אין שטוב? — האָט בייניש ווידער גע־פרעגט.

דער קאָפּ איבער בייניש האָט זיך טיפער אראָפּגעבויגן. בייניש האָט זיך אַף א שריט אָפּגערוקט. געזאָגט:

— איך בין געקומען צו מאָטלען, א כאווער זײַנער.

מעכל האָט אויפגעהויבן דעם שווערן קאָפּ. געענטפערט:

— א באַוועך? באַווײַרימ האָט ער א סאַך. וואָס זאָל איך טאָנ מיט זײַנע אַלע באַווײַרימ, א? שוינ געווענ דאָ אַזעלכע ווי איר. איטלעכמ מאָל קומט אַנ אַנדערער. קומט און פרעגט. פרעגט. וואָס איז דאָ צו פרעגנ?

פונ מעכלס אויגנ האָט נישט אַרויסגעקוקט קיינ בייזקײַט. ווענ ער האָט געהאַלטנ דעמ קאָפּ אויסגעגלײַכט, האָבנ די אויגנ אינ דער אַרומיקער באַוואַקסנקײַט אויסגעזענ קאַלט און פוסט, ווי לעכער אינ א צעדרעפּטשעטנ שוכ. נאָר ביינגיש האָט געענטפערט בײַזלעכ:

— פונ אײַכ וויל איכ גאָרנישט האָבנ. איכ וויל וויסנ, נישט מער, מאָמל איז אינ שטוב, אָדער וווּ איז ער?

מעכל האָט א ווינק געטאָנ מיט דער האַנט צו דער שטוב, און געזאָגט:

— גייט אַרײַנ, טוט א קוק.

ביינגיש איז צוגעגאַנגענ צו דער טיר. מעכל דער שוסטער איז נאָכ־געגאַנגענ פונ הינטנ. די שטוב האָט אויסגעזענ ווי א פאַרוואָרלאָזטער וואַרשטאַט. שוואַרצע סמאָלע איז געווענ צעשמירט איבער דער פּאָדלאָגע. ווערקצײַג, מעשוועקעס, בעבעכעס זײַנענ געלעגנ אינ אַלע עקנ צעוואָרפנ. און צעריסענע שיכ, האַלבע שיכ, שטיקלעכ שיכ האָבנ אַרויסגעקוקט פונ די ווינקלענ. געלער שימל איז אַפ זיי געוואַקסנ, ווי גזשיבעס.

מעכל שוסטער איז געשטאַנענ אינ דער טיר מיט אַנ אָפנ מויל, ער האָט געקוקט אַפנ ביינגישנ און נעזאָגט:

— זעצט אײַכ.

בײַ ביינגישנ איז דאָס האַרצ פאַרסטאָיעט געוואָרנ, ווי די שוואַרצע סמאָלע אַפ דער פּאָדלאָגע. ער האָט זיכ אומגעקוקט און נישט געוווּסט וווּהינ צו קוקנ. פינצטערע בייזקײַט איז געלעגנ צעשפּרייט איבער דער לײַדיקער שטוב. אינוויינייק אינ זײַנ מויעכ איז מיטאַמאָל מאָרנע שטיל געוואָרנ. נאָר מעכל דער שוסטער האָט פונסניי געזאָגט:

— זעצט אײַכ. דאָרט, אַפנ שוסטער־טישל.

ביינגיש האָט געפאָלגט, ווי א קינד, וואָס ווייס נישט וואָס מע גייט טאָנ מיט אימ. זײַנע קײַלעכיקע אויגנ האָבנ נישט אויפגעהערט צו שווימענ איבער דער שטוב. ער האָט זיכ געזעצט אַפנ ברעג שוסטער־טישל. אינ מויעכ איז געווענ שטיל. דעמלט איז דער לאַנגער מעכל צו אימ צוגעגאַנגענ, געבליבנ שטיינ לעבנ אימ און צו אימ אַראָפּגע־

קוקט: די באָרד שוואַרצ. דאָס פאָנעמ שוואַרצ. געזונטע ברייטע ציינ האָבנ אַרויסגעקוקט פונ שוואַרצנ ראַמענ. איבער דער שוואַרצקייט האָט געציטערט אַ פאַרגליווערטער שמייכל.

פאַוואָליע האָט מעכל דער שוסטער פאַנאַנדערגעשפּרייט זײַנע לאַנגע הענט. פאַוואָליע אונ צעצויגנ האָט ער געזאָגט:

— ער איז נישטאָ.

מעכלס אויגנ זײַנענ גרעסער געוואָרנ. ביינישעס קאָפּ האָט זיכ טיפער אַראָפּגעלאָזט.

— ער איז נישטאָ, מאָטל.

אַזוי האָט מעכל דער שוסטער נאָכאַמאָל געזאָגט, אַפּ אַ רעגע צוגעמאַכט די אויגנ. אונ ווענ ער האָט זיי ווידער געעפנט, האָט ער אויסגעשטרעקט די רעכטע האַנט אונ געוויזנ אינ אַ ווינקל:

— דאָרט. איר זעט? דאָרט ליגנ זײַנע הויזנ.

ער איז צוגעגאַנגענ צו יענעמ ווינקל, אויפגעהויבנ פונ דער ערד אַ פאָר הויזנ אונ זיי אויסגעשפּרייט פאַר זײַנ פאָנעמ. ער האָט געצויגנ מיט די הענט די הויזנ אַפּ ביידע זײַטנ, ער האָט אָנגעשטרענגט אונ הויכ געדרעכעט, גלײַכ די הויזנ וואָלטנ געווענ זייער שווער. אונ ער האָט געזאָגט אינדערשטיל, שעפּטשענדיק:

— איר זעט? דאָס איז געבליבנ פונ אימ, פונ דעמ גאַנצנ מאָטלען.

ביינישע האָט אַרײַנגעקוקט אינ דער צעריסענער שמאַטע, פאַרגליווערט.

אַ שטיק צײַט האָט דער לאַנגער מעכל געהאַלטנ אַזוי די הויזנ פאַר זײַנ פאָנעמ אויסגעשפּרייט אונ געשוויגנ. דערנאָכ האָט ער אַ ביסל אַראָפּגעלאָזט זײַנע פאַרשטײַפטע הענט, זײַנע צעשפּרייטע נאָזלעכער האָבנ אָפּגעאָטעמט, ער האָט געזאָגט מאָדנע הויכ:

— ער איז נישטאָ מאָטל. די סיגוראַנצאַ האָט אימ אויפגעגעסנ.

טויבלעכ האָט עס געקלונגענ אינ ביינישעס אויערנ. עס האָט נישט אויפגעהערט צו קלינגענ.

דער לאַנגער מעכל האָט זיכ אַראָפּגעלאָזט דאָרט אינ ווינקל, וווּ ער איז געשטאַנענ, די צעריסענע הויזנ האָט ער אַרויפגעלייגט אַפּ די קני, געקוקט אַפּ זיי, געגלעט מיט דער רעכטער האַנט לײַכט־לײַכט.

— ער איז נישטאָ מער, מײַנ מאָטל. — האָט ער געזאָגט שטיל.

און ווענ ער האָט אופגעהויבנ דעמ קאָפ, האָבנ זײַנע אויגנ פונ נאַפט־בלויענ קאָליר געברענט. זײַנ שוואַרצ פּאָנעמ האָט פּינצטער געשמייכלט.

בייניש איז אופגעשטאַנענ און זיך אויסגעדרייט צו דער טיר. הינ־טער זײַנ פּלייצע האָט ער געהערט דעמ לאַנגנ מעכל דערציילנ:

— מאָטל, האָב איך געזאָגט, דער ווינט אינדרויסנ האָט א מויל. ער רעדט ווערטער, דער ווינט אינדרויסנ. אָבער מאָטל זיצט אפנ שוסטער־בענקל, קלאַפּט אפ דער קאָפּיטע און טוט זינגענ, הערט נישט, וואָס איך רייד, הערט נישט וואָס איך זאָג, ער טוט זינגענ. די שטוב איז פאַר אים נישט געווענ געווענ, דער מאַרק איז פאַר אים נישט געווענ געווענ. אונטער דער ערד איז ער געקראָכנ, גאַנצע נעכט איז ער דאָרט אָפּגעלעגנ אונטער דער ערד. מאָטל, האָב איך געזאָגט, היט אָפּ דײַנע ביינער, זי וועט דיך פאַרשלינגענ, די ערד.

מעכל האָט איצט געשוויגנ. נאָר בייניש האָט געהאַט דאָס געפיל, אז ער רעדט אינדערשטיל, מיט די ליפּנ רעדט ער, האַרט הינטער זײַנ פּלייצע. א מאָדנע קעלט איז אים געקראָכנ איבערנ רוקנ. ער האָט גע־וואָלט ארויסגיינ, אופזוכנ די אַנדערע, דעמולט האָט ער ווידער געהערט מעכלס קאָל:

— און בערל צעראַטניקנ, און לייזער שוסטער דעמ קאַוואַלס האָבנ זיי אויבעט צוגענומענ, אלע דרײַ אינ זעלבנ טאָג.

בייניש האָט עס א שנײַט געטאָנ אינ פּלייצע, ער האָט זיך האַפּ־טיק אומגעדרייט. מעכל דער שוסטער האָט געהאַלטנ צוגעמאַכט דאָס מויל: עס איז געווענ, ווי א שטיק ברעט רײַסט זיך אָפּ, צעשייט זיך איבערנ טאָל — דערנאָך ווערט שטיל.

בייניש האָט אָנגעכאַפּט מעכלענ בײַ די אַקסלענ, ארײַנגעקוקט אינ זײַנ פאַרצערט פּאָנעמ, אינ זײַנע ברענענדיקע אויגנ: זיי האָבנ זיך צוגעמאַכט און מיט פאַרמאַכטע אויגנ האָט מעכל געשעפּטשעט:

— אלע דרײַ האָט די סיגוראַנצא אופגעגעסנ. אלע דרײַ.

בייניש האָט נאָכגעלאָזט די הענט, אראָפּגעלאָזט דעמ קאָפּ.

מעכל האָט געזאָגט:

— נאָר מיר דאַכט זיך, אז בערל צעראַטניקס ברודער, דער יינגע־רער, איז אויך פונ אײַערע. וועסט אריבערגיינ צומ בייזנ שמועל, דאָ אַקעגנ, און דאָרט אַרבעט ער.

ביניש איז ארויסגעגאנגען אין גאס, ווען ער האט אויפגעהויבן די אויגן, האט ער געזען שטיין דאס קליינע פויגעל פון נעכטן, וואס איז געזעסן מיט אים אין זעלבן וואגאן. דאס איינגעדארטע פויגעל האט געקוקט און נישט געקוקט. עס האט געזשמורעט מיט די קליינע אויגן. א קאס האט ארומגעכאפט בינישן, ער האט געוואלט אין דער מינוט צוגיין און אפ אים אנשרייען: פארוואס ער לויפט אים נאך, פארוואס ער פלאנטערט זיך אונטער די פיס. — נאר ער האט פארקערעוועט און איז פאוואליע אוועק פון דארט. פאמעלעך, מיט אויסגערעכנטע טריט האט ער זיך געשארט איבער דער לאנגער גאס, געמאכט זיך באטראכטן די קראמען, די יידן, וואס שטייען פאר די קראמען, די גוטע פוסטקייט, וואס הענגט אראפ פון זייערע פענעמער.

די גאס האט געדרעמלט באטאג, עס זיינען ארומגעגאנגען מענטשן, ווי באנאכטיקע שאטנס. און אף די צעבויגענע גאנעקלעך זיינען זיי געלעגן, ווי ארויסגעלייגטע שמאטעס צום טריקענען אף דער זון. ביניש האט איצט ארייגעבויגן אין דער דריטער אדער אין דער פערטער גאס, ער איז געבליבן שטיין און פאוואליע זיך אומגעקוקט.

בא די ראנדן פונעם צעבויגענעם טראטואר זיינען געזעסן זיצער־קעס, ווי לייזיקע בעטלערס לעבן א קלויסטער. זייערע ליפן זיינען פארטריקנט ווי צעפארעטע קארע, זייערע אויגן זיינען רויט פארויאטערט און אויסגערונען, ווי בא פארהונגערטע אלטע הינט. לעבן בינישעם פיס איז געזעסן אן אלטיטשקע מיט צעשויבערטע האר, ווי פארזשאווערטע דראטן, פאר איר איז געשטאנען א קויש מיט דריי עפל.

דאס איינגעדארטע פויגעל האט ער נישט געזען אין ערגעץ, קיין אנדערע פארדעכטיקע געשטאלטן אויך נישט. ער איז פאוואליע געגאנגען ווייטער, ארויסגעגאנגען פון שטאט.

די זון איז פארקראכן הינטער א כמארע. כמורנע גרויקייט האט זיך צעלייגט איבער די פעלדער. פון די בערג אף דער לינקער זייט האט זיך גענומען אראפלאזן הארבסטיקער פרי־פארנאכטיקער נעפל. ביניש האט זיך אוועקגעזעצט זייטלעך פון וועג לעבן א זשרודלקע.

אפן וועג, בארג־ארוף, האט געקרעכצט א פערדל. די פעל זיינע האט געפארעט, איבער די הויכע באקעס זיינען גערונען ריטשקעלעך שווייס. די פיס, קליינע איבערגעבראכענע, האבן געדרעפטשעט אונטער

דעמ צעהויקערטנ וועג אונ נישט געקאָנט זיכ דערהאלטנ אפ די שפּיציקע שטיינער. נאָכנ פערדל האָט זיכ נאָכגעשלעפּט א וועגעלע, אונ די צעלעכצטע רעדער האָבנ געקרעכצט אינאיינעם מיטנ פערדל. אינ וועגעלע איז געלעגנ אויסגעצויגנ אנ אלטער פויער אפ הויכאונטערגעבעטנ קאָלירטנ בעטגעוואַנט. באַ דער לינקער זײַט איז נאָכגעגאַנגענ א יונג באָרוועס מיידל אונ אונטערגעטריבנ דאָס שוואַכע פערדל.

ס'האָט זיכ צעטראָגנ אָט דאָס קראַנקע קרעכצנ, עס האָט זיכ צעשיט גלײַכמעסיק איבער די פעלדער. בייניש האָט זיכ אויסגעצויגנ אינ גראָז אונ ארויפגעקוקט צומ פאַרכמאַרעטנ הימל.

אנ אלטער גייער איז אָנגעקומענ אקעגנ שטאָט. די פיס אינ לאַפּטשעס, די באָרד א ווײַסע, אפ דער קײַלעכיקער פּלייצע איז געווענ צונעבונדנ א קליינ זעקעלע. ער איז צוגעקראָכנ צו דער זשרודלקע, באַגריסט ביינישנ אפ רוסיש, אראָפּגענומענ דאָס זעקעלע פונ פּלייצע, ארויסגענומענ פונ דאָרט א בלעכנ קווארטל אונ אָנגעשעפּט וואַסער.

— דאָס וואַסער קענ איכ גוט. אנ אלטער באַקאַנטער מײַנער. שוינ א סאַכ יאָרנ ווי עס פויעט מיכ.

אונ געטרונקענ. נישט מיטאמאָל, נאָר צוביסלעכ. געקוויקט זיכ, אויסגעגאָסנ דעמ רעשט אונ אָפּגעווישט די באָרד. ער האָט דערנאָכ אָנגעשעפּט א פריש קווארטל מיט וואַסער אונ דערלאַנגט ביינישנ.

— נאַ, טרינק אויכ דו. וועסט זענ וואָס פאַר א גוט וואַסער.

די ווײַסע באָרד מיט די ווײַסע האָר האָבנ זיכ געקוויקט אינאיינעם מיטנ גערויטלטנ פּאָנעם. בייניש האָט גענומענ פונ זײַנ האַנט דאָס בלעכענע קווארטל אונ געטרונקענ. דער אלטער האָט זיכ אוועקגעזעצט, אָנגעהויבנ דערציילנ:

— בעסאַראַביע האָט אמאָל געהאַט א סאַכ ווײַנ. גוטנ ווײַנ. טײַערנ ווײַנ. איצט איז דאָ א סאַכ וואַסער. מע קענ נישט זאָגנ, ווײַנ איז איצטער אויכ דאָ — נאָר ווער קענ עס היינ באַצאָלנ? מע קאָנ נישט זאָגנ, אז דער ווײַנ איז גאָר אזוי טײַער — נאָר ווער פאַרמאָגט הײַנט צו טאָג אפילע דאָס ביליקע געלט?

ער האָט ארויסגעגראַבלט פונ זעקעלע א שטיק שוואַרצ ברויט, איבערגעבראָכנ אפ צוויי העלפטנ אונ דערלאַנגט ביינישנ איינ העלפט דערפונ. בייניש האָט אימ געפרעגט פונוואַנענ ער קומט.

— פונוואַנענ איכ קומ? איכ קומ פונ בעסאַראַביע אונ איכ גיי קיינ

בעסאראביע. אָ, מײַנ טײַערער פרײַנט, בעסאראביע איז גרויס, בעסאראביע איז רײַכ. ס'איז שלעכט מיט בעסאראביע.

זיי האָבנ געקײַט ביידע דאָס שוואַרצע ברויט, אונ דער אַלטער האָט דערציילט:

— אונ די מענטשנ זײַנענ אויכעט פרעמד געוואָרנ, פונקט ווי די ערד. שווער געוואָרנ, טויב געוואָרנ, שטומ געוואָרנ. רעדסט אונ מע הערט נישט. פרעגסט אונ מענ ענטפערט נישט. יעדערער טראָגט נאָר זיכ זײַנ אייגענע בידע. אונ דאָס איז נישט קיינ זעקל אפ דער פלייצע — דאָס איז א זעקל אונטערנ האַרצ. האָסט געהערט פונ דאָרפ מילאָ־קאָוצ? מע האָט דאָרט נעכטנ ווידער צוגענומענ פינפ מענטשנ. וועסט הערנ אינ יעדנ דאָרפ דאָס אייגענע. יעדנ טאָג נעמט מענ צו ווי אַנדעריש. ווייסט נישט ווי מע זאָגט באַ אונדז אפ רומעניש? סווינטא נאָסטרא רומיניא מאַרע! אזוי זאָגט מענ באַ אונדז.

דער אַלטער האָט פאַרבונדנ דאָס זעקל, פאַרשפיליעט צו דער פלייצע, א שאָקל געטאָנ מיטנ ווײַסנ קאָפ אונ געגאַנגענ ווײַטער זײַנ וועג.

אַרומ האָבנ זיכ געהויבנ קליינע וואַלד־בערגלעכ, גרינ־גאָלדיקע ביימלעכ, צונעשפּיצטע, שווינדלדיקע. איבער זיי האָט זיכ אַראָפּגעלאָזט די נאַכט. ווענ בײַניש איז אָפּגעשטאַנענ, האָט ער פונדערווײַטנס מונקל אַרויסגעזענ אַנ אַלטנ אײַנגעפאַלענעמ בעסוילעמ. אײַנגעבויגענע, איבערגעבראָכענע מאַציייוועס האָבנ זיכ צונויפגעטוליעט אונ מאָרע־שכוירעדיק געדרעמלט. א שמאָלער וועג מיט טיפ אַרײַנגעגראָבענע צוויי רילעס האָט געפירט צומ בעסוילעמ. בײַניש איז געגאַנגענ מיטנ וועג, וואָס פירט אויפ שטאָט אַרײַנ.

פאַמעלעכ אונ מיט שאַרפע אויגנ האָט ער זיכ אַרײַנגעלאָזט אינ דער לאַנגער גאַס, פאַוואָליע געטאַפט איבער די הײַזלעכ אונ אויסגעפינענ דעמ וואַרשטאַט פונ בייזנ שמועל. ער האָט געוווּסט, אַז דאָרט האָט מענ נאָכ געאַרבעט: פיר אָדער פינפ געזעלנ אונ דער בייזער שמועל מיט דער האַרטער באָרד. בײַניש האָט זיכ א ביסל אַרומגעשלײַכט אַרומ וואַרשטאַט, דערנאָכ איז ער אומשלאָסנ אַרײַנגעגאַנגענ אינווייניק. די האַרטע באָרד פונ בייזנ שמועל האָט זיכ שאַרפ אונטערגעהויבנ, אונ געוואַרט, וואָס דער פרעמדער וועט זאָגנ. בײַניש איז צו אימ גלײַכ צוגעגאַנגענ אונ געזאָגט:

— איך הייס דאַוויד צעראַטניק, איך בין צעראַטניקס עלטערער ברודער.

די האַרטע באָרד האָט זיך אַ דריי געטאָן און צוזאַמען מיט די אַנדערע געזעלן האָט ער געוואָרפן אַ האַרטן פאַרשטענדיקן בליק צו אַ נייעריק פאַרגלאָצט באָכערל. דאָס האָט נישט מער געדויערט ווי אַ רגע. באַלד האָט דאָס נייעריקע באָכערל אָנגעהויבן קנייטשן מיט די אויגן און אָנגעהויבן לאַכן כיקעדיק:

— כי־כי. זע, ווער דאָ איז געקומען!

און צוגעגאַנגען צו ביינישן, אויסגעשטרעקט אַ קורצע האַנט. איי־נער פון די געזעלן האָט געזאָגט:

— דערציילט ער נישט, דער יונג, אַז ער האָט נאָך אַ ברודער!

און ווײַטער גענומען סקראָבען בײַ דער אַרבעט, צוזאַמען מיט די אַנדערע געזעלן. נאָר די האַרטע באָרד פון ביינס שמועל איז געשטאַ־נען אויפגעהויבן הויך, ווי אַ קלינג וואָלט אים אַרונטער אונטער דער גע־נבע, דערנאָך האָט די באָרד אַ וואָרטשע געטאָן:

— נו, נו. וועסט צײַט האָבן זיך פרייען מיט דײַן ברודער שפּעטער, נאָך דער אַרבעט.

דער יינגערער צעראַטניק האָט אַ זאָג געטאָן צו ביינישן:

— קאָנסט דאָ וואַרטן, מיר זײַנען באַלד פאַרטיק.

און זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט געשמאַק.

ביינש האָט געטראַכט: דער יונג איז אַ גוטער. אַנדערש וואָלט ער מיך נישט פאַרשטאַנען. און די פריילעכע בליקן פון יינגערן צעראַטניק האָבן אים באַשטעטיקט, אַז ער איז גערעכט.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט, און ביינש האָט זיך אָפּגערוקט פון דער וואַנט, וווּ ער איז געשטאַנען די גאַנצע צײַט אָנגעלענט, ער איז אַרויסגעגאַנגען אײַנעם מיטן נייעריקן באָכערל, וואָס הייסט צעראַטניק.

— ווי רופט מען דיך? — האָט אים ביינש געפרעגט.

— וועלוועקע. — האָט ער געענטפערט.

אַ מינוט שפּעטער זײַנען זיי געווען בײַדע היימישע. וועלוועקעס קײַלעכיקע בעקלעך האָבן זיך געריטלט, זיך געפלעמט אין דער פינצ־טער און אַרויסגעשטעלט יונגע ווײַסע ציין:

— ע, פאראן נאָך בעסערע געגנט. וואָרען האָסטו געמיינט, נישט פאראן?

ער האָט זיך געפרייט מיט ביניושן, אַז דעם בערל צעראַטניקס יינגערער ברודער, ווי מיט אַן אייגענעם טאַטן. ער האָט געטענצלט לעבן אים מיט די קורצע פיס, נישט געוווּסט, וווּ אַהינצוטאָן דאָס ביסל פרייד. זיי האָבן געטאַפּט ביידע איבער די פינצטערע געסלעך, געטאָפּטשעט אין דער צעבראָסטעטער בלאָטע, און ביידע האָבן זיך געפרייט.

— ס'ע גוט, וואָס ביסט געקומען. — האָט וועלוועלע געזאָגט פליסטערדיק. — און דאָרט אין יענעם קעלער וווינט צירל, דאָרטן קומען מיר זיך צונויף. זעסט דאָס קליינע פענצטערל דאָרט, וואָס לייכט ארויס? דאָרט איז עס. קלוימערשט קאָן מען באַ איר טרינקען טיי, אַזוי הייסט עס אין שטאָט. און שאַבעס באַנאַכט קאָן מען אפילו כאַפּן אַ טענצל. גאָר איצט איז נאָך קיינער נישטאָ דאָרט.

ער האָט ביניושן צוגעפירט צו דער קוואַרטיר פון די אַלטע לייט און געזאָגט:

— שפּעטער וועל איך נאָך דיר קומען.

און ביניוש איז אַריינגעגאַנגען אין צעהויקערטן שטיבל.

אין טונקלעניש האָבן געהויערט די צוויי אַלטע לייט באַם אויוון, ווי סאָוועס אין פינצטערער נאַכט. נאָר ביניוש איז געווען פרייליך אויפן הארצן, ער האָט געגעבן אַ פּאַטש מיט די הענט. די צוויי אַלטיטשקע האָבן אַ פאַכע געטאָן, ווי איבערגעשראָקענע אויפֿעס אין אַ קוירניק. ווי אַ שטילער אָטעם האָט אַ שוועב געטאָן די זי און אָנגעצונדן דאָס קליינע נאַפטלעמפּל אויפן טיש. ווי אַ שטילער אָטעם האָט זי צוריקגעשוועבט צום קאַלטן אויוון. ביניוש האָט צו זיי געזאָגט:

— שרעקט זיך נישט, אַז מענטשן זאָלן אָפּלעבן אַלע זייערע יאָרן מיט שרעק, אַהי.

און זיך געזעצט אויפן אייזעניקן בענקל לעבן טיש. מאָרגן וועל איך אויפשטיין באַריכט, האָט ער געטראַכט. מאָרגן — — —

• די טיר האָט זיך פאַוואָלינקע געעפנט און שטיל זיינען אַריינגעקומען צוויי מענטשן, געבליבן שטיין אין דער אָפענער טיר. אין זייערע פּנימער האָט ביניוש דערקענט די געסט: מענטשן פון דער סיגוראַנצא. רויק איז ער געבליבן זיצן אויפן אָרט, ער האָט נאָך אפילו גע-

וואַרפֿן א בליק צום אויוון: די קײַלעכיקע אויגן פֿון די צוויי אַלטע לײַט זײַנען געווען פֿאַרגליווערט. זייערע הענט האָבן געציטערט איבער די אָפֿענע מײַלער, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אײַנהאַלטן א געשריי. פֿון דער אָפֿענער טיר האָט זיך געהערט א קאָל:

— היי, קאַבאַריטע*

בײַניש האָט אויסגעדרייט צו זיי זײַן פּנים, זיי אָנגעקוקט. ווי־דער האָט זיך געהערט פֿון זיי אײנעמס קאָל:

— היי, היי, שטערהושעטע! **

און בײַניש האָט שנעל א טראַכט געטאָן: א שאָד יעדעס וואָרט, בעסער גיין וואָס גיכער, זאָלן זיי כאָטש נישט אַרײַנכאַפּן אויך דעם קליינעם וועלווקען. און ער איז אָפּגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צו דער טיר. דורך זײַן מויעך איז געגאַנגען:

— מאָטל מעכל דעם שוסטערס.

— בעריל צערהאַטניק.

— לייזער שימען דעם קאָוואַלס.

ער האָט זיך אויסגעגלײַכט, העכער אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ. זיי זײַנען מיט אים אַרויסגעגאַנגען.

אינדרויסן פֿאַר דער טיר איז געשטאַנען דאָס קליינע פֿויערל.

---

* גו, פֿאַרנעם זיך!

** גו, גו, ריר זיך!

פראנצ קסאנטאָפּ פארקױפט זײַנ זונ

בײַ דער זײַט פונ אלע װינטנ, שטורעמס אונ זאַװערוכעס, װאָס האָבנ זיך טונקל געצױגנ אונטער דעם פארכמארעטנ הימל פונ בערלינ, האָט געשפאנט פראנצ קסאנטאָפּ מיט זײַנע טעגלעכע זאָרגנ אונ פּײַנענ, געשפאנט מיט זײַנ קלײנ קעסטעלע ציגארעטנ אונ שװעבעלעכ: ער איז געגאנגענ איבער די גאסנ, זײַטיק זיך געהאלטנ אפ די טראָטוארנ מיט א שטענדיקנ שמײכל אונטער די גרױסע ארופגעדרײטע װאָנצעס. פעסט געבױט, הױכ, מיט א ברײטער פלײצע, א ברײטנ מוסקלדיקנ קארק, מיט א גרױסנ קײַלעכיקנ קאָפּ. מע װאָלט געקאָנט מײנענ, אז א מעטאלענע סטאטוע איז אראָפּ פונ איר געמױערטנ פונדאמענט אונ זיך געלאָזט איבער די הױשטידיקע בערלינער גאסנ. אזױ װאָלט מענ געקאָנט מײנענ, װענ אפ זײַנ ברײטער פלײצע װאָלט ניט געקלעפּט קײנ צעריסנ רעקל, געפלאצט אינ דער מיטלסטער נאָט אונ אונטער די פּאכװעס.

אזױ האָט מענ אָבער געזענ, אז עס איז געװענ א לעבעדיקער מענטש. אונ שױנ גאָר לעבעדיק זײַנענ געװענ זײַנע אױגנ, גרױסע, פײַכטע אונ שארפ גלאנצנדיקע, װי פארשיקערט, כאָטש געטרונקענ האָט ער נישט. אונ װי פארשיקערט האָט אױכ אױסגעזענ זײַנ שמײכל אונטער די ארופגעדרײטע װאָנצעס, דער שמײכל, װאָס איז געלעגנ אינ די האלבקײַלעכיקע קנײטשנ אפ בײדע זײַטנ פונ די גראָבע צונױפגעמאכטע ליפּנ. די מוסקלדיקע הענט אײַנגעבױגנ אינ די געלענקענ, האָט ער הױכ אונטער דער ברוסט געהאלטנ א קלײנ פירעקיק קעסטעלע פונ דינעם

האָלצ, וווּ עס זײַנענ געלעגנ עטלעכע שאַכטלעך ציגאַרעטנ, עטלעכע פּעקלעך טאַבעק, עטלעכע קעסטלעך שוועבעלעך. ער האָט נישט גערירט, נישט אויסגערופנ זײַנ סחורה, נישט געצוווּנגענ קײנעם, מע זאָל בא אים קויפנ.

— טאָג, פראַנצ! — האָט א געשריי געטאָנ מיט זײַנ קוויטשיקנ קאָל פּעטער גאַלאַנ, ווענ מע האָט גערופנ קאָלומבוס.

פראַנצ קסאַנטאָפּ האָט זיך אומגעקוקט, ער האָט דערקענט ווער עס האָט אים אזוי הויך באַגריסט, נאָר ער האָט נישט געוווּסט פונ וועלכער זײַט דאָס קאָל קומט פּלוצעמ צו פליִענ. קאָלומבוס האָט זיך געוויזנ פונ אקעגנדיקנ טראָטואַר, שנעל אריבערגעשפּרײַזט מיט די קורצע פיס דעמ ברייטנ וועג, אונ שוינ פונדערווײַטנס געשטרעקט די האַנט צו פראַנצ קסאַנטאָפּנ:

— טאָג, פראַנצ!

מע וואָלט געקאָנט זאָגנ, אז צו אלע צאָרעס האָט קסאַנטאָפּנ געבראַכט אָט דער קאָלומבוס. צוערשט איז געווענ דער אויבנ-האַנדל. קאָלומבוס האָט דעמלט צו אים געזאָגט: פאַר די פּאָר מאַרק, וואָס דו באַקומסט אונטערשטיצונג, קאָנסטו גוט שטאַרבנ, אָבער שלעכט לעבנ. אונ דאָ האָט ער געהאַט רעכט. פינפ קינדער האָבנ זיך ארומגעדרייט אינ שטוב, קליינע אונ גרויסע טויגעניכטנ, מיט דעמ זעקסטנ אינ בויך האָט זיך דאָס ווײַב געקאַטשעט. מאַרטא, האָט פראַנצ צו איר געזאָגט, צו וואָס טויג דאָס זעקסטע? קאָנסט עס נישט ארויסשפּײַענ? גיי, מאַרטא, וואַרפ עס אַפּנ מיסט. מאַרטא האָט געפאָלגט, ווי טאָמיד, נאָר אַפּנ מיסט האָט זי זיך אליינ געוואָרפנ צוזאַמענ מיטנ נישט-געבוירענעמ פּעמפּעניקל. זי האָט געקרענקט, געקרענקט, אונ צומ סאָפ אפילע נישט געזאָגט קיינ גוטנ טאָג. שווײַגנדיק זיך אָפּגעטראָגנ אינ גרוב ארײַנ. קאָלומבוס האָט דעמלט געזאָגט צו פראַנצנ: פאַר די פּאָר מאַרק, וואָס דו באַקומסט אונטערשטיצונג, קויפ אויבנ אַפּנ פּלאַצ אונ פאַרקויפ עס אינ די גאַסנ. וועסט א ביסל פאַרדינענ אונ א ביסל בעסער לעבנ. אזוי האָט פראַנצ געטאָנ. נו, האָט מענ בא אים אָפּגענומענ די אונטערשטיצונג. באַקומסט נישט מער קיינ אונטערשטיצונג, האָט מענ צו אים געזאָגט, האַנדלסט מיט אויבנ. מע טאָר נישט האַנדלענ? ניינ, מע טאָר נישט! אָבער פונ דער קליינער אונטערשטיצונג קאָנ איך דאָך נישט לעבנ? האַק דיר קאָפּ אינ וואַנט! פראַנצ האָט דעמלט

געשאָלטן: קאָלומבוס, האָסט מיך פֿאַרפֿירט, אַז דער טײַוול זאָל דיר אַרײַנקריכן אין פּיסק! וואָס זאָל איך טאָן, קאָלומבוס? האַנדל מיט ציגאַרעטן, האָט קאָלומבוס געווייצעט. איצט שטייט ער לעבן אים.

— ווי גייט עס דיר, פֿראַנץ? גייט דאָס געשעפֿט? פֿאַרדינסט מיליאָנען? האָסט דיר שוין געקויפֿט עטלעכע הײַזער? וואָס מאַכן די קינדער?

— קוש! — האָט אים פֿראַנץ געענטפֿערט. — האַלט דײַן פֿאַרשאָלטענעם פּיסק צווישן די פֿאַרזשאַווערטע ציין. האָסט מיך פֿאַרפֿירט. איך וואָלט דיך געדאַרפֿט הארגענען אַף טויט.

מיט די קורצע פֿיס איז דער קליינער קאָלומבוס פֿאַר אים געשטאַנען, מיט קליינעם שוואַרצן פּאָנעם האָט ער אַרויפֿגעקוקט צו אים. פֿון דער ברייטער נאָז האָבן געשטאַרטשעט גרויע בעזעמלעך, ווי פֿאַרשימלט גראָז. ער האָט כאַוועריש צו אים געזאָגט:

— איך האָב דיך נישט פֿאַרפֿירט. שולדיק אין אַלעם איז דאָס געזעץ. אויך דערינען, וואָס דײַן מאַרטאַ איז געשטאָרבן, איז שולדיק דאָס געזעץ. פֿאַרדינסט עפּעס?

ברייט און הויך, ווי אַ סטאַטוע אין אַ צעריסן רעקל, איז פֿראַנץ קסאַנטאָפּ געשטאַנען פֿאַר דעם קליינעם, קרומען, גרוי־האָריקן קאָלומבוס, מיט בײדע הענט שטײַף געהאַלטן דאָס ציגאַרעטן־קעסטעלע, און שטיל געענטפֿערט:

— איך פֿאַרדין אַ קאַדאָכעס. אין שטוב שטאַרבט מען אַפֿן געשוואָלענעם פּיסק.

ער האָט געשמייכלט אונטער דער אַרויפֿגעדרייטער וואָנצע. קאָלומבוס האָט געזאָגט:

— איך ווייס אַן אָרט, וווּ מע קאָן באַקומען פֿלייש, פֿעטע בייגער צו קאָכן אַ זופּ, קום.

— וווּ איז דאָס? — האָט פֿראַנץ קסאַנטאָפּ געפֿרעגט.

— אין דער וווּרשט־פֿאַבריק „בראַונשווײַג“, — האָט קאָלומבוס געענטפֿערט.

זיי זײַנען געגאַנגען. פֿון אָנהייב, דורך די ערשטע גאַסן, האָט קאָלומבוס אויסגערופֿן די ווערטפֿולקײַט פֿון די ציגאַרעטן, זייער ביליקײַט און טײַערן געשמאַק. פֿראַנץ קסאַנטאָפּ האָט געטראָגן דאָס קעסטעלע, און קאָלומבוס האָט אויסגערופֿן. זײַן קאָל האָט זיך אַ קווי־

טשעכדיקס אַרײַנגערים: אין די מענטשלעכע אויערן, ווי א שנעל און געדיכט אַרבעס־געפּײַקל פון א דינער פּויק. נאָר ווער האָט אים דען געהערט, מע האָט זיך אומגעקוקט, אָבער געהערט, דאַכט זיך, האָט אים קיינער נישט. האָט ער נאָך העכער געשריגן, נאָך העכער, און אויפ־געהערט.

ער האָט זיך געווישט מיט ביידע הענט איבערן פאַרשוויצטן פּאָ־נעם און הילכיק אויסגעשנייצט די ברייטע נאָז.

— איך וואָלט געזאָגט דעם גאַנצן אין פּאָנעם אַרײַן, אַז עס טויג אָפּ טויזנט קאַפּאָרעס. אַזאַ מענטש ווי דו, און ערשטער מעכאַ־ניקער, א ספּעציאַליסט־מאָנטיאָר, א מענטש, מוז מען שוין זאָגן, צי מע וויל צי מע וויל נישט, מיט גאָלדענע הענט, אַזאַ איינער זאָל זיך אַרומדרייען מיט א קעסטל ציגאַרעטן איבער די גאַסן און קיינער זאָל בא אים נישט קויפן? דאָס איז א שאַנד פאַר דער קולטור, זאָג איך דיר!

דער פּאָרטיער פון דער וווּרשט־פאַבריק „בראָנשווײַג" האָט געענט־פערט אָפּ קאָלומבוסעס גרוס ווי אַן אַלטער באַקאַנטער. אָפּ דער פראַ־גע, צי דער נײַער גאַסט דאַרף אויך אַרײַנגיין אין הויף, האָט דער פּאָרטיער שנעל געענטפערט מיט א קאָפּ־שאָקל אָפּ יאָ. מע האָט צו טאָן מיט א היימישן מענטשן, האָט פראַנץ קסאַנטאָפּ באַלד געזען, און עס איז אים דערפאַר א סאַך לײַכטער געוואָרן.

אויפן גרויסן הויף פון דער פאַבריק זײַנען געשטאַנען צוויי פעסער מיט ביינער, מיט קאַליע געוואָרענעם פלייש, מיט פאַרשטונקענע הויטן. פראַנץ קסאַנטאָפּ האָט געגעבן א דריי מיט זײַן שיינער נאָז, די קנײַ־לעכיקע אַרופגעדרייטע וואָנצעס האָבן זיך אויך צעבויגן. דאָס האָט קאָלומבוס געזען, ער האָט געזאָגט:

— דאָ לאָזט מען נישט אַרײַן יעדן איינעם. אָן פּראָטעקציע קאָן מען דאָ איבערהויפּט נישט אַרײַנקומען. וויפל מענטשן מיינסטו וואָלטן אַזוי געוואָלט האָבן די פּראָטעקציע, וואָס איך האָב דאָ? גיין, גיין, צו דעם קאָן נישט יעדערער קומען. האָסטו געזען, וואָס ער האָט געענט־פערט, ווען איך האָב געפרעגט, צי דו מעגסט אַרײַנגיין? איין וואָרט פון מיר, מער איז נישט נייטיק. אָבער אַנדערע?

מיט זײַן קליינעם שוואַרצן פּאָנעם האָט ער אַרופגעקוקט אין דער הייך, נישט צו פראַנץ קסאַנטאָפּן, נאָר צו די הויכע פענצטער פון דער

פאבריק, ארופ צומ דאכ, אונ זיכ געדרייט מיטנ אופגעהויבענעמ פאַרנעמ אינ אלע פיר זייטנ. פראנצ קסאנטאָפ האָט פארשטאַנענ, וואָס דאָס מיינט. ווייל מע וואָלט דאָכ געמוזט זיינ אינגאַנצנ א גישט קולטורעלער מענטש, אז מע זאָל דאָס גישט פארשטיינ.

דורכ די הויכע פענצטער האָט זיכ געהערט דער לייכטער אונ שטילער גערויש פונ די מאשינענ, דער שארפער רייעכ פונ רויענ אונ געבראָטענעמ פלייש איז אריינ טיפ אינ דער נאָז. קאָלומבוס האָט פארצויגנ זיינע ברייטע גאָלעכער מיט א געפאָנפ ווי א העלפאנד.

— דאָס שמעקט, וואָס?

אונ ער האָט זיכ גענומענ צו דער ארבעט. פארשאַרט די ארבל ביז ארופ אונ אריינגעקראָכנ מיט ביידע הענט אינ א פאס. די טרוקענע ביינער האָבנ געקלאפט. אונ צווישנ די ביינער האָבנ זיכ געשלענגלט הויטנ, ווייכע, קלעפעדיקע, גליטשיקע, אָנ פלייש.

— הערסטו, קאָלומבוס, איכ האָב אופגעהערט צו עסנ אינ דער פאָלקס-קיכ, ווייל עס פלעגט זיכ טרעפנ ווערעמ אינ עסנ. אונ דאָ זיינענ די ווערעמ נאָכ גרעסער, ווי דאָרט.

— יאָ, — האָט קאָלומבוס, פארטאָנ אינ דער ארבעט, געענטפערט, — דאָ איז דאָס פלייש פעטער, ווי אינ דער פאָלקס-קיכ, מוזנ די ווערעמ אויכ זיינ גרעסער. זיי האָבנ זיכ דאָ כא וואָס צו פאשענ. וואָרט, מיר מוזנ דאָכ האָבנ פאפיר.

ער איז געגאַנגענ צום פאָרטיער, געבראַכט א בלאט-צייטונג, אויסגעשפרייט אופ דער שמוציקער ערד די צייטונג, אונ ארויסגעזוכט פונ פאס דאָס בעסטע. פראנצ קסאנטאָפ האָט צוגעקוקט.

— קאָנסט קאָכנ געפילטע קישקע, — האָט קאָלומבוס געזאָגט, — אויסוואשנ, אויסשווענקענ, לאָזנ ווייקנ א ביסל. דערנאָכ צעהאַקסטו דאָס פלייש, פילסט אָנ די קישקע. אונ דאָ, ווו די קישקע איז צעריסנ — זעסט? — וועסטו פארבינדנ. קאָנסט מאכנ קאָטלעטנ, אז דו ווילסט. אָדער עסטו נאָר זופנ-פלייש? מיט די ביינער קאָנסטו קאָכנ א זופ. זעסט, וואָס דאָרט טוט זיכ? קוק אריינ. — ער האָט אימ צוגעשטעלט א גרויסנ ביינ צומ אויג. — זעסט? דאָס איז מארכ, געזינטער פונ אלצ אינ דער וועלט.

— עס וועט שוינ זיינ גענוג, — האָט געזאָגט פראנצ קסאנטאָפ.

— ווי דו ווילסט, — האָט קאָלומבוס ברייטהאַרציק געענטפערט, — קאָנסט האָבנ נאָכ.

— ניינ, דאַנקע.

ער האָט זיכ אַראָפּגעבויגנ, אַרומגעוויקלט דאָס היפּשע פּעקל מיט דער אויסגעשפּרייטער צײַטונג, געזאָגט:

— הערסטו, קאָלומבוס, ווענ דער טײַוול שטעקט דאָ אַרײַנ זײַנ נאָז, באַקומט ער טייקעפּ דעם קאַטער.

— מיט וואָס איז דער טײַוול מער יִכעס פונ אונדז? — האָט קאָלומבוס געפרעגט, אַראָפּגענומענ דעם ווייכנ שפּאַנישנ הוט אונ געדאַנקט דעם פּאָרטיער:

— באַצאָלט גאָט!

זיי זײַנענ געשטאַנענ אפ דער גאַס.

דאָס פּעקל מיטנ וואַרעמדיקנ פלייש האָט פראַנצ קסאַנטאָפּ געהאַלטנ אינ דער האַנט, דאָס קעסטעלע מיט די ציגאַרעטנ האָט איצט קאָלומבוס געהאַלטנ. אַזוי ווי באַם אַהער־וועג, האָט אויכ איצט קאָלומבוס געפּרוּווט אויסרופנ מיט זײַנ קוויטשיקנ קאָל די פײַנקײַט אונ די ביליקײַט פונ דעם ביסל סכוירע, וואָס אינ קליינעמ קעסטעלע. נאָר ווענ ער האָט אַזוי גערופנ איבער עטלעכע גאַסנ אונ קיינער האָט זיכ ניט אומגעקוקט אפילע, האָט ער אופגעהערט.

— דאָס אויסרופנ העלפט נישט, — האָט פראַנצ קסאַנטאָפּ געזאָגט. — נאָר בא אָפּנאַרערישער אונ גנייווישער סכוירע קאָנ עס העלפנ, בא ערלעכער אונ גוטער סכוירע העלפט עס נישט.

— קאָנ זײַנ, דו ביסט גערעכט, — האָט קאָלומבוס אפ דעם געענטפערט אונ שוינ ווײַטער געשוויגנ.

פונדעסטוועגנ, האָט פראַנצ קסאַנטאָפּ געטראַכט, איז א פרײַנט דאָכ ניט קיינ שטיקל מיסט, וואָס מע דאַרפ עס אַרויסוואַרפנ אפ דער קופּע. א פרײַנט איז א פרײַנט. אונ אויב עס פירט זיכ ניט אפילע אַזוי ווי ער האָט געווייצעט, איז ער אויכ ניט שולדיק. ווײַל וואָס איז קאָלומבוס שולדיק, ווענ דאָס געזעצ — — —

שטיל־שווײַגנדיק, האָט קאָלומבוס קעסיידער צוגעוואָרפנ זײַנע קליי־נע אויגנ צומ פּעקל פלייש. פראַנצ קסאַנטאָפּ האָט דאָס געזעג. ער האָט באַמערקט א געוויסנ שטאָלצ אינ די קליינע אויגנ.

אָנגעקומענ אינ פראַנצ קסאַנטאָפּס שטוב, האָט מענ שנעל אופּ־

גענאַקט דאָס פּעקל פּליוש, קאָלומבוס איז אַרומגעלאָפנ איבער דער שטוב, ווי אַנ אַלטע באַלעבאָסטע אינ איר היימישנ ווינקל, כאָטש ער איז דאָ געווענ אַ זעלטענער גאַסט.

— ליזל, גיב אַהער אַ טאָפּ, — האָט ער געשריגנ — ליזל, ברענג אַרײַנ פריש וואַסער. ליזל, וואַש אויס דאָס פּליוש. שנעלער נו, ריר זיכ!

אָבער פונ ליזלס „ריר זיכ" האָט מענ געקאָנט געהאָלפנ ווערנ. זי איז אַ לעהאַכעסניצע, נישט געראָטנ אינ פאָטער אַפילע נישט מיט קיינ האָר. שטייט לעבנ פענצטער, לעבנ איינציקנ פענצטער אינ דער גאַנצער שטוב, וווּ מע קאָנ נאָר זענ די שטיינער פונ דער גאַס, אונ קראַצט זיכ אינ די צעשויבערטע האָר. קאָלומבוס האָט געכאַפּט דעמ אָפּגעשפּרונגענעמ טאָפּ פונ אײַזערנעמ אויוועלע, אונ אַליינ אַרײַנגעבראַכט וואַסער פונ טונקעלנ קאָרידאָר. פאַמעלעכ אונ דעליקאַט, יעדעמ שטיקל באַזונדער, האָט ער גענומענ דאָס פּליוש פונ דער צײַטונג אונ עס אַרײַנגעלייגט אינ טאָפּ. פראַנצ קסאַנטאָפּ האָט דערווײַל אָפּגעווישט די נאָז פונ זײַנ קליינעמ קורטי. אָפּגעווישט די נאָז פאַוואָליע אונ מיט אַ הוכקע: „נו! נאָכאַמאָל! אַזוי". דערנאָכ אָפּגעוואַשנ זײַנ קליינ פּענימל מיט אַ שמאַטקעלע אונ מיט וואַרעמענ שפּײַעכץ. אַכוצ דער צעקראָכענער ליזל אונ דעמ קליינעמ קורטי איז קיינער אינ שטוב נישט געווענ.

— ווו זײַנענ די אַנדערע? אַפּ דער לופט? — האָט קאָלומבוס געפרעגט. — האַלט! גיב אַ קוק, פראַנצ, זע וואָס דאָ טוט זיכ!

ער האָט אַזש אַ פּאַטש געגעבנ מיט די הענט. ער האָט זיכ אַנידערגעזעצט אויפנ בעט (קיינ טיש איז נישט געווענ אינ שטוב), אונ אַרײַנגעגלאָצט אינ דער אויפגעשפּרייטער צײַטונג. פראַנצ האָט געלאָזט שטיינ דעמ קליינעמ קורטי, צוגעגאַנגענ צומ בעט. קאָלומבוס האָט אַרײַנגעלאָצט אינ דער צײַטונג, געטייטלט מיטנ פינגער, הויכ געלייענט:

„עס ווערט געזוכט אַ בוב, דרײַ יאָר אַלט, העל־בלאָנד, גרויסע אויגנ, פונ אַרישער אָפּשטאַמונג. דאָס ווײַטערע געוואָר צו ווערנ באַמ פּאַרמיטלונג־ביוראָ פונ דער שטאָט בערלינ פאַר אַדאָפּטירונגענ, מילער־שטראַסע".

— הימל סאַקראַמענט! — האָט קאָלומבוס אויסגערופנ אינ פײַערלעכנ עקסטאַז. זײַנ שוואַרצ פּאָנעמ איז געווענ אָנגעצונדנ רויט. ער

איז אופגעשטאנענ, אונטערגעהויבנ דעמ קלײנעמ קאָפּ אונ ארופגעקוקט צו פראנצ קסאנטאָפנ.

דער הויכער פראנצ איז פארגליווערט געוואָרנ, מיט אראָפגעלאָזט די אויגנ. דער שמײכל אונטער די ארופגעדרײטע וואָנצעס איז אוועק. האָט ער דאָך געוווסט, וואָס דער קאָלומבוס מײנט. זײַנ הארצ האָט געקלאפּט שטארקער, אינ זײַנע געזונטע פיס האָט געציטערט א מאָדנע שוואכקײַט. ער האָט זיך געמוזט זעצנ אפנ בעט. שטיל געפרעגט:

— וואָס מײנענ זײ דענ?

קאָלומבוס האָט נאָכאמאָל גענומענ די צײַטונג אינ דער האנט ארײַנ, נאָכאמאָל געלײענט, דערנאָך האָט ער גענוי פארטײַטשט וואָס דאָס מײנט. ער האָט שנעל געוואָרפנ א בליק אפ דער דאטע.

— מענטש, פראנצ! אזא גליק האָט דיר נאָך ניט געטראָפנ זינט דו לעבסט. די דאטע איז פונ נעכטנ. שנעל, וואש אפ דעמ קורטל, פוצ אימ אויס אינעמ שענסטנ, וואָס ער פארמאָגט, קומ, לאָמיר לויפנ! עפשער איז די שטעלע נאָך פרײַ?

פראנצ קסאנטאָפ איז פאמעלעך אופגעשטאנענ, זײַנע אויגנ האָבנ אויסגעזענ ווי צעמישט, ער האָט געזאָגט:

— נײנ. ער האָט ניט קײנ אנדערע זאכנ, אכוצ די, וואָס ער גײט איצט אָנגעטאָנ. אונ דאָס זײַנענ דאָך שמאטעס, מיט אזעלכע שמאטעס קאָנ מענ זיך דאָך נישט ווײַזנ אינ ערגעצ, נײנ.

קאָלומבוס האָט געזענ, אז ער איז א ביסל צעמישט, ניט פארשטאנענ צי איז דאָס פאר פרײד, אדער פארוואָס — איז ער צוגעלאָפנ צומ קלײנעמ קורטל אונ אלײנ גענומענ אימ אויספוצנ. דערבײַ האָט ער נישט אופגעהערט צו רײדנ:

— אזא קאָניונקטור לאָזט מענ נישט ארויס פונ די הענט. דאָס וואָלט געהײסנ ארויסוואַרפנ געלד אפ דער גאס, נישט עפעס אנדערש. מענטש, זײ וועלנ דיר דאָך באצאָלנ פאר אימ. וויפל געלט קאָנ מענ נישט וויסנ, אָבער געלט וועט זײַנ. אונ דו וועסט אינגאנצנ אופלעבנ. וועסט דיר אײַנקויפנ מער סכוירע, וועסט גײנ צומ מאגיסטראט, נעמענ א שטעלע אינ גאס מיט א טישל, מיט א שאפקעלע, וועסט נישט מוזנ ארומיאָגנ איבער די גאסנ, וועסט קאָנענ זיצנ אפ אנ אָרט. מיט אײנ וואָרט, מענטש, דו וועסט אינגאנצנ אופלעבנ! זעסט ווי ער איז

שיינ? האָסט כאָטש אויגנ דערפאר? אזוי קראפּירנ זיי דאָרט, צי זיי וועלנ איינ לעבנ באקומענ א שענערנ יונגנ. קורטי!

ער האָט געשריגנ, אופגעהויבנ דעמ קליינעמ יונג איינ דער הייכ, העכער איבער זיינ קאָפּ, פארצויגנ די ליפּנ און אריבערגעפייפט צו פראנצנ:

— נו, און וואָס זאָגסטו שוינ איצט? מענטש, זיי וועלנ דאָרט פאלנ אפנ היינטנ, ווענ זיי וועלנ אימ נאָר אָנקוקנ.

ער האָט אימ נאָכגעלאָזט, דעמ קליינעמ קורטי, און געגעבנ א פעטשל אינ קליינעמ געזעסל.

— פּאטש. דו וועסט אָבער זיינ א פיינער הער, קורטי!

און צוגעגאנגענ צו פראנצ קאָנטאָפּנ מיט צירלעכע טריטלעכ און מיט ווינדיקע באַקעס, צוגעשפּיצט דאָס פּיסקל:

— פּאפּא, וויפל געלט דארפסטו היינט? — איז זיכ געשטרעקט איינ דער הייכ. — פראנצ, דו וועסט האָבנ א לעבנ!

פראנצ קאָנטאָפּ איז שוינ נישט געווענ אזוי צעמישט ווי פריִער, אָבער דער שמייכל אונטער די וואָנצעס האָט זיכ נישט באוויזנ, די ליפּנ האָט ער נישט געעפנט.

דער קליינער קורטי איז געשטאַנענ אינדערמיט שטוב, אָפּגעוואַשנ, צוגעקעמט, העל־בלאָנד זיינענ אראָפּגעהאנגענ די לאָקנ איבער זיינ קליינעמ האלדז. ווי בלויע וואסערלעכ פארנאכט־צייט האָבנ געגלאַנצט זיינע גרויסע אויגנ. לעבנ פענצטער איז געשטאַנענ ליזל, לעבנ הויכנ פענצטער, וווּ מע קאָנ נאָר זענ די שטיינער פונ גאס, און זיכ געקראַצט אינ די צעשויבערטע האָר. דער טאָפּ מיט דעמ פארשטונקענעמ פלייש איז געשטאַנענ אפ דער ערד לעבנ בעט, צווישנ פראנצ קאָנטאָפּנ און קאָלומבוסנ, מע האָט אָנ אימ פארגעסנ. פארגעסנ, אז מע האָט געוואָלט קאָכנ געפילטע קישקע, קאָטלעטנ, אָדער זופּנ־פלייש. פאר־געסנ. קאָלומבוס האָט געוואָשנ מיט הייסער ענערגיע. ער האָט געוואָלט העלפנ זיינ פריינט. דאָס בלוט האָט איינ אימ געקאָכט.

— קומ, פראנצ!

צוגעגאנגענ צומ קליינעמ קורטי, אָנגענומענ בא דער האנט.

זיי זיינענ אלע דריי ארויסגעגאנגענ.

אינ גאס, אפ דער פרישער לופט, איז קאָנטאָפּ א ביסל אָפּגע־פרישט געוואָרנ. ער האָט אופגעהויבנ דעמ קליינעמ קורטי, גענומענ

אים אפ דער האנט. אזוי האט ער אים געטראָגנ איבערנ גאנצנ וועג. געטראָגנ אונ געשוויגנ.

קאָלומבוס האט געזאָגט:

— אנ אָרעמאנ מוז האָבנ אויגנ פונ א קאצ, אויערנ פונ א האָז, פיס פונ א הירש, אונ ציינ מוז ער האָבנ פונ א וואָלפ. אויב נישט, ווערט ער לעבעדיקערהייט דערטרונקענ אינ א בלאָטע. ברררר! א מיעסער טויט. מיינ ליבער פראנצ, ווענ אָרעמקייט קנאקט אונטער די פיס, ווי רוסישער פראָסט, דעמלט מוז מענ זיינ אָנגעפעלצט מיט קלוגנ סייכל.

פראנצ קסאנטאָפ האט זיכ נישט אָפּגערופנ, געשוויגנ איבערנ גאנצנ וועג.

פארנ פארמיטלונג-ביוראָ פאר אדאָפּטירונגענ האט ער אראָפּגעשטעלט קורטינ אפ די אייגענע פיס. אים אָנגענומענ פאר דער האנט אונ א ווינק געגעבנ קאָלומבוסנ, ער זאָל בלייבנ אינדרויסנ.

אינווייניק האבנ שוינ געוואַרט עטלעכע פרויענ מיט קינדער. אָבער עס זיינענ נישט געווענ דאָזיקע לויטער יינגלעכ, אונ די פרויענ זיינענ נישט אלע געווענ אָרעמ אָנגעטאָנ. ער האט זיכ געזעצט אפ א באנק, גענומענ קורטינ אפנ שויס. הינטער א דינ הילצערנ ווענטל, וואָס איז ניט געווענ העכער פונ א הויכנ מאנ, האבנ געקלאפּט צוויי שרייב-מאשינקעס. דאָס געשעפט גייט — האט ער געטראכט. אפ דער זייט-וואנט, אנטקעגנ דער טיר, זיינענ געהאנגענ עטלעכע גרעסערע ראַמענ, ווו עס זיינענ געווענ איינגעקלעפּט פארשיידענע קינדער-פאָטאָגראַפיעס, יעדעס בילד צוויי מאָל פאָטאָגראַפירט: איינ מאָל אינ א צעריסנ קליידל, די האָר שטייענ אינ דער הייכ, דאָס דארע פּנימ שפּיציק אונ געל, אָנ בלוט, — מיט איינגעפאלענע אויגנ, א פראָלעטאריער-קינד. דאָס צווייטע מאָל קיילעכיק, פארפרעסנ, שיינ אָנגעטאָנ, א ליאַלקע אינ דער האנט, אונ דאָס קינד לאכט. זאָל עס נאָר דעמ קורטי אזוי גוט גייענ, וועל איכ זיינ צופרידנ — טראכט פראנצ קסאנטאָפּ אונ וואַרט אומגעדולדיק צו קומענ אינ דער ריי. קאָלומבוס איז קעסיידער פארבייגעגאנגענ אינדרויסנ פאר דער טיר, יעדעס מאָל האט ער געקנייטשט מיט די אויגנ אונ פיל-באדייטנדיק אריינגעווונקענ.

אונ ווענ פראנצ קסאנטאָפּ איז געקומענ אינ דער ריי, אויפגעשטאנענ אונ ווי פארשעמט צוגעפירט דעמ קליינעמ קורטי צומ אָפּענענעמ פענצטערל, האט מענ אימ געזאָגט, אז עס קאָנ נישט זיינ.

— צו שפעט? — האָט ער נישט זיכער געפרעגט.

— ניין, — האָט אים דאָס מיידל געענטפערט, — נישט צו שפעט, נאָר עס קאָן נישט זײַן, ווײַל דאָס קינד דאַרפ נישט זײַן פונ א נידע־ריקנ סאָציאַלנ שיכט.

מיטאמאָל האָט פראַנצ קסאַנטאָפ באַקומענ זיכערקײַט אינ קאָפּ, אַרײַנגערוקט זײַנ גרויסנ קאָפּ אינ אָפּענעמ פענצטערל:

— וואָס? איכ בינ פונ א נידעריקנ סאָציאַלנ שיכט? איכ בינ א מאָנטיאָר, ארבעטלאָז. הייסט דאָס א נידעריקער סאָציאַלער שיכט?

קאָנ זײַנ, ער האָט צו הויכ גערעדט, ווײַל פונ יענער זײַט ווענטל האָט א מאַדאַמ מיט ברילנ איצט אופגעהויבנ איר קאָפּ פונ דער מאַשינקע אונ אים אָנגעקוקט לאַנג אונ שאַרפ. ער האָט נאָכאמאָל געזאָגט דאָס זעלבע: נאָכאמאָל געפרעגט, צי הייסט אַז ארבעטלאָזער מאָנטיאָר פונ נידעריקנ סאָציאַלנ שיכט. „אָבער“, האָט געזאָגט דאָס מיידל באַמ אָפענעמ פענצטער, אונ די מאַדאַמ מיט די ברילנ איז אויכ צוגעקומענ נעענטער, אַרײַנגעקוקט אינ זײַנ פּאָנעמ אונ געפרעגט:

— האָט איר פּאַפּירנ?

ער האָט ארויסגענומענ פונ בוזעמ־קעשענע פּאַפּירנ, געוויזנ. די מאַדאַמ מיט די ברילנ, די הויפט־מאַכערקע, ווײַזט אויס, האָט זיכ ארויס־געבויגנ דורכנ אָפענעמ פענצטערל, אָנגעקוקט קורטיס פּאָנעמ, געזאָגט:

— לאָזט אימ דאָ איבער, קומט נאָכמיטיק צווישנ פיר אונ פינפ.

שנעל אונ הויכ האָט איצט פראַנצ קסאַנטאָפ געענטפערט:

— ביטע!

די טיר אינ דינעמ הילצערנעמ ווענטל האָט זיכ געעפנט, די מאַדאַמ מיט די ברילנ האָט אָנגענומענ קורטינ פאַרנ הענטל, זיסלעכ גע־פּישטשעט:

— איי, איי, זאָג שענער בוכ. ווילסט מיט מיר א ביסל בלײַבנ?

זי האָט טעוועקענ צו פראַנצ קסאַנטאָפנ, ער איז ארויסגעגאַנגענ.

— כ׳מוז קומענ נאָכמיטיק, צווישנ פיר אונ פינפ, — האָט ער דערציילט קאָלומבוסנ.

קאָלומבוס האָט פאַרקנייטשט דעמ שטערנ, זיכ פאַרטראַכט.

— זיי וועלנ אימ נעמענ. — האָט ער געזאָגט נאָכ א ווײַלע, ווי

א הערפֿארענער סויכער. — אונ דו ווערסט ארײַנלייגנ דאָס געלט אינ קעשענע.

— שווײַג, — האָט געענטפֿערט פֿראנצ קסאנטאָפּ.

— וואָס?

— דו זאָלסט האלטנ דײַנ פּיסק, האָב איכ געזאָגט.

קאָלומבוס האָט זיכ דזשענטעלמעניש פֿארנייגט, אראָפּגענומענ זײַנ גרויסנ שפּאנישנ הוט, געזאָגט:

— איכ וועל קומענ שפּעטער געוואָר ווערנ.

אונ פֿארקערעוועט די קורצע פּיס, אוועקגעגאנגענ.

פֿראנצ קסאנטאָפּ איז געבליבנ אינ גאס, אינ די געדרייטע גאסנ פֿונ בערלינ, א גאנצנ טאָג. וועגנ רוסלאנד האָט ער געטראכט, וועגנ דעם, אז ווענ אָרעמקײַט קנאקט אונטער די פּיס, ווי רוסישער פֿראָסט — מוז מענ זײַנ אײַנגעפּעלצט מיט קלוגנ סייכל, מיט דעם איז קאָלומבוס גערעכט. קורטי וועט האָבנ וואָס צו עסנ, וועט גיינ לײַטיש אָנגעטאָנ, עס וועט אים זײַנ גוט. צו וואָס דארפֿ ער מיכ האָבנ? ווער בינ איכ, אז עסנ קאָנ איכ אים נישט געבנ, אז הונגערנ מוז ער בא מיר! זאָל ער גיינ, זאָל ער גיינ — איכ וועל בענקענ? די קינדער וועלנ בענקענ? ער וועט נאָכ אונדז נישט בענקענ. טויפֿל סאקראמענט! אינ דער ערד מיטנ קאָפּ. ווער פֿרעגט אָפּ מיר? נידעריקער סאָציאלער שיכט, האָסט נעהערט? האלט דעם פּיסק, פֿראנצ קסאנטאָפּ!

ער האָט זיכ געדרייט אינ די געדרייטע גאסנ פֿונ בערלינ ביז נאָכ פֿיר אזייגער. ער האָט פֿארגעסנ צו טראכטנ, אז טאָמער וועט מענ דעם קליינעמ קורטי ניט אָנעמענ. אונ קימאט ציטערנדיק איז ער ארײַנגעגאנגענ אינ פֿארמיטלונגס־ביוראָ פֿונ אדאָפּטירונגענ — פֿראנצ קסאנטאָפּ, דער ריז, וואָס ווענ נישט דאָס צעריסענע רעקל מיט דער גופּ־לאצטער נאָט אינדערמיט פּלייצע אונ אונטער די פּאכוועס, וואָלט מענ געקאָנט מיינענ, אז עס גייט א סטאטוע, געגאָסנ פֿונ אײַזנ. ער האָט מיט אײַנגעבויגנ דעמ קאָפּ צומ אָפֿענעמ פֿענצטערל, עס האָט זיכ געקאָרטשעט א קינדישער נעבעכדיקער שמייכל אינ די האלב־קײַלעכיקע קנייטשנ אָפּ בײַדע זײַטנ פֿונ די גראָבע צוגעמאכטע ליפּנ. ער האָט ניט געפֿונענ קיינ פּאסיקע ווערטער צו פֿרעגנ: וואָס, ווענ, אונ פֿאר זײַנע אויגנ איז געשטאנענ די מאדאמ מיט די ברילנ, ארײַנגעשמייכלט מיט איר געל־געפּודערט פּאָנעמ אינ זײַנע אויגנ, עפּעס מאָדנע גע־

האלטנ די הענט פונ הינטנ. דער רייעכ פונ געלנ פודער האָט אימ גע-קיצלט אינ דער נאָז, ער האָט שנעל צוריקגענומענ דעמ קאָפּ פונ אָפּענעמ פענצטערל אונ הויכ, געשמאַק א ניס געטאָנ, איינ מאָל און נאָכאַמאָל. ווענ ער האָט געעפנט די אויגנ אונ ווידער ארײַנגעקוקט אינ אָפענעמ פענצטערל, וואָס זעט ער? טויפל! עס איז נישט קײנ כאָ-לעמ? — נײנ, די מאדאמ מיט די ברילנ האלט קורטי בא דער האנט אונ קורטי איז נישט צו דערקענענ, נײנ. עמעצדיק נישט צו דער-קענענ. אינ א נײַעמ אָנצוגל אָנגעטאָנ, די האָר געשוירנ, געלאָקט אינ רינגע קײַלעכיקע רינגעלעכ, אינ איינ האנט האלט ער שאָקאָלאד, אינ דער צווייטער עפּעס א שפּילצײַג, אונ די אויגנ — ווי זײ וואָלטנ נישט געווענ אויסגעוואַשנ קײנמאָל אונ ערשט איצט וואָלט מענ זײ אויס-געוואַשנ, די גרויסע שײנע אויגנ פונ קלײנעמ קורטי, מײַנ קורטי.

דאָס איז געווענ אנ איבערלעבונג אינ יענער מינוט! פראנצ קסאנ-טאָפּ האָט נישט געקאָנט ארויסרײדנ קײנ אײנציק וואָרט. אינ האלדז האָט אימ געשטיקט. די טרערנ-זעקעלעכ אונטער זײַנע אויגנ האָבנ זיכ אָנגעפילט. ער האָט געקוקט, געקוקט — — —

— אלזאָ? — האָט די מאדאמ מיט די ברילנ געפרעגט, געפּישטשעט אזוי זיס, אונ ארויסגעקומענ מיט קורטי אפ דער זײַט, ווו פראנצ קסאנטאָפּ איז געשטאנענ.

— אלזאָ, הער קסאנטאָפּ, דאָס הײסט, דער קלײנער געפעלט די הערשאפטנ. זײ ווילנ שוינ הײַנט מיט אימ אוועקפאָרנ, די הערשאפטנ זײַנענ פונ דער פּראָווינצ. איז אָפּגעמאכט אונ אונטערגעשריבנ. ער וועט הערצויגנ ווערנ ווי א קעניג, דער קלײנער, זיסער קורטי, ניט צו דערקענענ וועט ער זײַנ, דער קלײנער זיסער קורטי. וואָס? קורטכענ!

פראנצ קסאנטאָפּ האָט געקוקט אפ זײַנ זונ, זשמורעדיק מיט די אויגנ געצוווּנגענ געשמײכלט, נישט געהערט, וואָס זי זאָגט. נישט גע-הערט די באדינגונגענ. נישט געהערט די טויזנט ליבענישנ — אָפּזאָגנ זיכ אײנגאנצנ פונעמ קינד, קײנמאָל אימ נישט זענ, נאָכ א יאָר בא-קומט ער פונ אימ א בילד, מער נישט — פראנצ קסאנטאָפּ האָט דאָס נישט געהערט. די ווערטער זײַנענ אָפּגעשפּרונגענ פונ זײַנע אויערנ. ער האָט געקוקט אפ דעמ נײַעמ אָנצוגל פונ זײַנ קורטינ, אפ די נײַע שײַנינקע שיכעלעכ, אפ דעמ קלײנעמ אָפּגעוואַשענעמ פּאָנעמ, אונ די זאכנ זײַנענ געוואָרנ ווערטער, אָנגעפילט זײַנע אויערנ, ארומגעשפּרונ-

גענ אינ זײַנ מויעכ. זיי האָבנ דאָרט געטומלט, געטומלט, ווי שיקער.

אונ קורטי האָט געשוויגנ. אריינגעשטעלט אינ די נײַע זאכנ, האָט ער זיכ געפילט ווי געפענטעט, ווי מע וואָלט אימ אריינגעשטעלט אינ בלעכ. די פיסלעכ א ביסל צעשפרייט, די הענטלעכ שטײַפ אײַנגעבויגנ, האלטנ זיי די שאָקאָלאד אונ דאָס שפילצײַג, דער האלדז אָנגעבלאָזנ, דאָס פאָנעם רויט, שווײַגט.

די מאדאם מיט די ברילנ שמייכלט מוטערלעכ, צופרידנ, זי זאָגט:

— אלזאָ, הער קסאנטאָפ, אונטערשרײַבנ, נעמענ דאָס געלט, אונ זיכ געזעגענענ. איכ מוז שוינ אוועקגיינ מיט דעמ קליינעמ, זיסנ קור־טי, די הערשאפטנ וואַרטנ.

זי האָט אימ אָנגענומענ באמ עלנבויגנ אונ אריינגעפירט אינ ביו־ראָ הינטערנ דינעמ ווענטל, מעכאניש איז ער איר נאָכגעגאנגענ. דאָס מיידל האָט שוינ דאָרט געוואַרט מיט א פאפּיר אינ דער האנט, מיט אנ אײַנגעטונקענער פעדער. מעכאניש האָט פראנצ קסאנטאָפ אונ־טערגעשריבנ. געטראכט: איכ שרײַב אונטער! קורטי איז אָפּגעוואַשנ, אָנגעטאָנ, זאט. איכ שרײַב אונטער!

ער האָט גענומענ דאָס געלט, ניט געציילט, אריינגעלייגט עס אינ קעשענע.

— קליינער, זיסער קורטי, איצט גיב דעמ פאפּא א קוש, — האָט געזאָגט די מאדאם מיט די ברילנ.

פראנצ קסאנטאָפ האָט דערנאָכ ניט געוווסט, וויאזוי ער איז ארויס־געקומענ אפ דער גאס. פלוצעמ איז ער געשטאנענ אונדרויסנ אונ אנט־קעגנ אימ קאָלומבוס. קורטיס קוש האָט נאָכ געברענט אפ זײַנ באק, ווי דער ברי פונ אנ אָנגעגליט קײַלעכיק געלט־שטיק. ער איז גע־לאָפנ, אײַלנדיק אנטלאָפנ פונ דער מילער־שטראסע, קאָלומבוס הינטער אימ.

דער קליינער יאָגט לעבנ דעמ גרויסנ, קײַכט, שוויצט איבערנ גאנצנ לײַב, קאָנ ניט נאָכיאָגנ. ער בעט זיכ, פראנצ זאָל גיינ פאמעלעכ, הערט ניט אופ צו בעטנ. ערשט אינ דער פיפטער אָדער זעקסטער זײַטיקער גאס בלײַבט פראנצ קסאנטאָפ שטיינ מיטאמאָל. זאָגט:

— יאָ, וויפל געלט האָבנ זיי מיר געגעבנ?

נעמט ארויס דאָס געלט פונ דער קעשענע, ציילט. קאָלומבוסעס קלייגע אויגנ גראָבנ זיכ אײַנ אינ געלט, ציילנ מיט. נערוועז ציטערנ

זײַנע ליפּנ. די פּאַרזשאַװערטע צײנ קלאַפּנ. פּלוצעמ כאַפּט ער זיכ אָנ באַמ קאָפּ מיט בײדע הענט:

— הימל סאַקראַמענט! מענטש, פּראַנצ, זײ האָבנ דיכ אָפּגענאַרט.

— קוש! — זאָגט פּראַנצ קסאַנטאָפּ.

— װאָס?

— האַלט דײַנ פּיסק, װײַל איכ האַק דיר אױס די פּאַרזשאַװערטע צײנ!

פּראַנצ קסאַנטאָפּ האָט אַרײַנגעלײגט דאָס געלט אינ דער קעשענע. שװײַגנדיק זײַנענ זײ געגאַנגענ װײַטער.

אָפּנ װעג איז פּראַנצ קסאַנטאָפּ אַרײַנגעגאַנגענ אינ אַ געשעפט, אײַנגעקױפט פֿולע קעשענעס מיט פֿאַרשײדנ עסנװאַרג. װאָס זײַנע אױגנ האָבנ נאָר געזענ, האָט ער געקױפט. אַפּילע אַ פֿלאַש בראַנפֿנ.

— זאָלנ די קינדער עסנ. זאָלנ זײ זיכ דערכאַפּנ דאָס האַרצ. — האָט ער דערנאָכ געזאָגט צו קאָלומבוסנ. — אונ דו קומ מיט. אַנטלױפ נישט. ביסט הײַנט אונדזער גאַסט.

װענ אַרומ בעט זײַנענ שפּעטער געזעסנ: קאָלומבוס, פּראַנצ קסאַנטאָפּ, זײַנ עלטערער זונ ריכאַרד, זײַנ יִנגערער זונ פּריצ, די פּופּצנ־יאָריקע ליזל, די גײַניאָריקע העדװיג, אונ אױפֿנ בעט זײַנענ געװענ אױסגעלײגט די אײַנגעקױפטע זאַכנ, װי אױפֿ אַ רײַכנ טיש: װורשט, פֿיש, קוכנ, ברױט, עפּל, בראַנפֿנ — האָט עס אױסגעזענ אינ דער גרױסער האַלב־טונקעלער שטוב (אַ קלײנער נאַפֿטלאָמפּ איז געשטאַנענ אױפֿנ אײַזערנעמ אױװנ) װוּנדערלעכ יאָנטעװדיק. עס האָט אױסגעזענ נאָכ יאָנטעװדיקער, װי נאָכ אַ פֿאַמיליע־באַגרעבעניש. אַ לאַנגע צײַט האָבנ אַלע געשװיגנ, מיט הונגעריקע אױגנ אונ מיט פֿאַרביסענע ליפּנ געקוקט אױפֿנ עסנװאַרג, װי אױפֿ איבערגעבליבענע רעשטנ פֿונ אַ פֿאַרשטאָרבענעמ מענטש.

ריכאַרד, דער עלטערער זונ, האָט דער ערשטער אױפֿגעהױבנ די אױגנ צומ פֿאָטער. טרוקענע בײזע אױגנ. ער האָט געזאָגט:

— װאָלטנ מיר זיכ כאָטש געזעגנט מיט אים!

פּראַנצ קסאַנטאָפּ האָט געזאָגט:

— עסט. איר זײַט הונגעריק, עסט.

ער האָט איבערגעבראָכנ דאָס לאַנגע ברױט אונ גענומענ אַ שטיק

ווורשט. דער קליינער העדוויגס פּאָנעם האָט זיכ זאָרגפול פאַרצויגנ, מיט צימערנדיקע אויגנ האָט זי אַרײַנגעקוקט דעם פאָטער אינ די הענט, אינ מויל, איר האַלדז האָט טרוקנ און הויכ געשלונגענ. מיט פאַרשטאַרטע פינגער האָט זי קראַמפּיק גענומענ דאָס שטיק ווורשט, וואָס דער פאָטער האָט איר געגעבנ. נאָכ איר האָבנ גענומענ ווורשט ליזל און פּריץ, ריכאַרד, קאָלומבוס. זיי האָבנ גענומענ ווורשט, ברויט, עפּל, פיש. פונ דער פלאַש האָט מענ געטרונקענ דעם בראָנפנ. נאָכנ ערשטנ שלונג האָט קאָלומבוס געזאָגט:

— דרייסט עס אַהער, דרייסט עס אַהינ, עס קומט אַרויס אַפנ אייגענעם. שולדיק איז דאָס געזעץ.

נאָכ א סאַכ וויכטיקער, ווי קאָלומבוסעס טרייסט=ווערטער, איז געווענ דאָס פאַרשיידענע עסנוואַרג, וואָס איז געלעגנ אויסגעשפּרייט אַפנ בעט. זיצנדיק אַרום אַפ די בעט=קאַנטנ, האָבנ די אויגנ דאָס אַלצ געשלונגענ, שנעלער און פרעסערישער, ווי די מײַלער. די אויגנ האָבנ געגליט ווי גליווערעמלעכ, אַרײַנגעבויערט זיכ אינ די עסנס. שווײַגנדיק האָבנ די זעקס מענטשנ געגעסנ, נאָר די ציינ האָבנ געקלאַפּט, די בעט=קאַנטנ האָבנ געסקריפּעט. פונ אײַזערנעמ אײַוועלע האָט אַריבערגעשײַנט דאָס געל=גריניע ליכט פונ קליינעמ נאַפטלאָמפּ און קרענקלעכ, ווי א צעבראָכענער שפּיגל, זיכ געלייגט אַפ די פּענעמער, אַפ די אָנגעשטרענגטע באַקנ=מוסקלענ. די אַנדערע העלפט פונ דער גרויסער, ליידיקער שטוב איז געווענ טונקל פאַרשאָטנט. ביז צו שנעל, און שאַרנדיק מיט די ווייכע לאַפּקעס, זײַנענ געלאָפנ צוויי מײַזלעכ איבער דער פּאָדלאָגע. ווי אַפ אויסצושפּאַנירנ, וואָס דאָ טוט זיכ, אייגנטלעכ, אינ דער שטוב, זײַנענ זיי אינ עטלעכע מינוט אַרום ווידער פאַרבײַגעלאָפנ, ניט צו שנעל און ווייכ שאַרנדיק מיט די לאַפּקעס איבער די טונקעלע ברעטער. קאָלומבוס האָט אַפילע געוואָרפנ א שנעלנ בליק אַפ אָט דעמ לויפעניש, נאָר די אַנדערע שטוב=מענטשנ, היימישער מיט זייערע אײַנריכטונגענ, האָבנ זיכ ניט אומגעקוקט. דאָס עסנ איז פאַרשווונדנ געוואָרנ ווי מיט די אויגנ. אָפּגעבראָכענע לעצטע שטיקלעכ זײַנענ נאָכ געלעגנ אַפנ בעט.

מיט א פול אָנגעשטאָפּט מויל האָט העדוויג, די ייִנגסטע, צו זיכ צוגעשאַרט דאָס לעצטע רעשטל: א שטיקל ברויט.

עס איז געווענ נאָכנ עסנ. דאָס קלאַפּנ פונ די ציינ האָט אויפגע-

הערט. דאָס סקריפּענ פונ די בעט-קאַנטנ האָט אופגעהערט. עס איז געוואָרנ שטיל.

פלוצעמ האָט ריכאַרד, דער עלטערער זונ, זיכ ווידער דערמאָנט:

— וואָלטנ מיר זיכ מיט אימ כאָטש געזעגנט!

פראַנצ קסאַנטאָפ האָט געשוויגנ, נישט געענטפערט.

די קליינע העדוויג האָט אַראָפגעשלונגענ דעמ לעצטנ ביסנ, וואָס איז איר געבליבנ שטעקנ אינ האַלדז, אַראָפגעלאָזט דעמ קאָפ אונ אָנגעהויבנ וויינענ. דער פאָטער האָט אַפ איר געקוקט. ער האָט געזענ דאָס קליינע פאַרקרימטע פּאָנעמ, די הייסע שנעלע טרערנ. ער האָט אַראָפגעלאָזט דעמ שווערנ קאָפ. אופגעהויבנ די צוויי הויכע אַקסלענ, אײַנגעהויקערט די פלייצע. מיט אָפענע פינגער זײַנענ געלעגנ די צוויי גרויסע הענט אַפ די קני. אויכ פונ ליזל, דער פופצניאָריקער, האָט זיכ איצט געהערט, העכער ווי פונ העדוויגנ, א וויינענדיק קאָל. זי האָט ארויסגעשטויסנ דאָס קורצע שנעלע העשענ, זיכ אײַנגעקאָרטשעט, אַרײַנגעגראָבנ איר קאָפ אינ בעט. פריצ, עלטער פונ איר מיט 2 יאָר, האָט אָנגעהויבנ זופנ מיט דער ארופגעצויגענער נאָז. הויכ אונ טרוקנ האָט ער געשלוכצט. די שטוב האָט קאַלט אונ טונקל זיכ צוגעהערט צומ געוויינ פונ די דרײַ קינדער. דערנאָכ זײַנענ ארויס צוויי קײַלעכיקע גלענצנדיקע טראָפנדלעכ פונ ריכאַרדס אויגנ-ווינקלענ, זיי האָבנ פאַראַקשנט געציטערט צווישנ די לאַנגע וויִעס אונ זיכ אַראָפגעקײַקלט אַפ די באַקנ. אויכ ער, דער עלטסטער, האָט אָנגעהויבנ וויינענ.

קאָלומבוס האָט אָוועקגעדרייט דעמ קליינעמ גרויענ קאָפ אינ דער זײַט, באַהאַלטנ האָט ער צוגעפירט אינ האַנט צומ פּאָנעמ, געווישט איבער די אויגנ.

פראַנצ קסאַנטאָפ איז האַסטיק אופגעשטאַנענ, זײַנ האַרט, הילצערנ קאָל האָט זיכ געהערט:

— שלוס! דאָס וויינענ אופגעהערט! ווענ מע מאַכט א געשעפט, ווײַנט מענ נישט. איכ האָב פאַרקויפט אונדזער קליינעמ קורטי, אַנדערע פאַרקויפנ שיכ, אַנדערע פאַרקויפנ הײַזער. פאַרקויפט איז פאַרקויפט! אונ מאָרגנ וועל איכ פאַרקויפנ ציגאַדעמנ. אַזוי איז די וועלט הײַנט צו טאָג. שלוס! דאָס וויינענ אופגעהערט!

איינמיטן דער נאַכט האָט זיך פֿראַנץ קסאַנטאָפּ אויפֿגעכאַפּט, עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַ קינד וויינט אויפֿן הויף. ער האָט זיך אויפֿגעזעצט, זיך אײַנגעהערט לאַנג, און צו זיך געזאָגט: ניין, עס וויינט נישט אין ערגעץ קיין קינד, דאָס דאַכט זיך מיר נאָר אויס. ער האָט זיך ווידער אַנידערגעלייגט און פֿונדסנײַ זיך אויפֿגעזעצט. אויפֿן צווייטן הויף האָט געוויינט אַ קינד. יאָמערלעך האָט דאָס קינד דאָרט אין דער ווײַטער שטוב געוויינט. ביז האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויפֿן געלעגער, פֿאַרגראָבן דעם קאָפּ אין די שמאַטעס. ער האָט געטראַכט: ווען דו פֿאַרשטאָפּסט דיר די אויערן, הערסטו דערפֿאַר טאָפּלט.

אינדערפֿרי, ווען קאָלומבוס איז אַרײַנגעקומען, קעדיי ער זאָל אים העלפֿן אײַנקויפֿן סכוירע, איז פֿון די קינדער שוין קיינער נישט געווען. אָנגעוואָרפֿן איז געווען די גרויסע שטוב מיט שמאַטעס, מיט מיסט, די קינדער זײַנען נישט געווען. זיי זײַנען אַלע אויפֿגעשטאַנען אינדערפֿרי, רוישנדיק־בייז אַרומגעוואָרפֿן מיט די זאַכן, נישט אויפֿגעהערט צו וואָרטשען איינער אויפֿן אַנדערן און אַרויסגעלאָפֿן. די קליינע העדוויג איז אַוועק אין שול, ליזל מיט די צוויי יונגע זיינען אַוועק מיטן ווינט. גלײַך די שטוב וואָלט זיי געביסן. זיי וועלן אַרומיאָגן איבער די גאַסן, האָט פֿראַנץ קסאַנטאָפּ געזאָגט, זיי וועלן זיך אַרומוואַלגערן אויף די ברעגעס פֿון דער שפּרעע, מיד ווערן, הונגעריק ווערן, פֿאַרנאַכט וועלן זיי צוריקומען.

— וווהין וועלן מיר צוערשט גיין, קאָלומבוס? צום מאַגיסטראַט וועגן אַ שטעלע אויף דער גאַס, צי ערשט אײַנקויפֿן סכוירע?

ווי אַ דערפֿאַרענער מענטש האָט קאָלומבוס געקנייטשט דעם שטערן, און ניכטער געענטפֿערט:

— מיר וועלן גיין צוערשט אין מאַגיסטראַט. דערנאָך וועלן מיר וויסן וויפֿל סכוירע מע מוז אײַנהאַנדלען.

אויף דער גאַס האָט פֿראַנץ קסאַנטאָפּ זיך גענומען קראַצן אין קאָפּ, ער האָט געזאָגט:

— ווייסטו, קאָלומבוס, פֿרײַנט, איך וואָלט נאָך איין מאָל בײַשעק געהאַט אַריבערצוגיין אין דער מילער־שטראַסע צו דעם פֿאַרמיטלונג־ביוראָ פֿאַר אַראָפּטירונגען, איך וואָלט נאָך כאָטש איין מאָל געוואָלט אָנקוקן דעם קליינעם קורטי. ווי מיינסטו, קאָלומבוס, פֿרײַנט, איז דאָס נישט קיין גלײַכער געדאַנק?

ער האָט אוועקגענומענ די הענט פונ קאָפּ אונ זיי געריבנ איינע אינ דער אנדערער. א וואַרעמ געפיל איז געגאַנגענ דורכ זײַנ ברייטער ברוסט.

— נײנ, — האָט קאָלומבוס געזאָגט, — דאָס איז נישט קײנ גלײַ-כער געדאַנק. אוועק פונ קאָפּ — פאַרגעסנ. דאָס איז דאָס גלײַכסטע. דו ביסט דאָכ נישט קײנ נאַריש קינדעלע, ווי די אַנדערע דאָרט, נישט גײנ אַהינ.

ווידער איז עס געווענ הער דערפאַרעגער מענטש, וואָס האָט אַזוי קלוג אונ פאַרשטענדלעכ פונ אימ גערעדט, אָדער האָט ער שוינ פונ-דערווײַטנס דערפילט די דראָענדיקע געפאַר? ער האָט גוטברידערלעכ געשאָקלט מיטנ קאָפּ, געקנײטשט דעמ שמאָלנ שטערנ, באַהאַלטנ אַרי-בערגעקוקט צו פראַנצ קסאַנטאָפּס הויכנ פּאָנעמ: וואָס זאָגט איצט דאָס פּאָנעמ?

גאָרנישט האָט עס געזאָגט. די לאַנגע הענט האָט ער נאָכגעלאָזט, נישט געריבנ מער איינע אינ דער אַנדערער, נישט געקראַצט אינ קאָפּ. שווײַגנדיק איז ער געגאַנגענ, שווײַגנדיק איז קאָלומבוס אימ נאָכגעגאַנ-גענ — זיי זײַנענ אָנגעקומענ אינ דער מילער־שטראַסע.

א שילד איז געהאַנגענ איבער דער גלאָזטיר:

פאַרמיטלונג־ביוראָ פונ דער שטאָט בערלינ

פאַר אַדאָפּטירונגענ

פראַנצ קסאַנטאָפּס האָט זיכ געזעצט אָפּ דער באַנק לעבנ דער וואַנט. ער האָט געמוזט וואַרטנ. הינטער דעמ הילצערנעמ דינעמ ווענטל האָבנ געקלאַפּט די צוויי מאַשינקעס. ווי נעכטנ, ווי אייערנעכטנ, ווי מאָרגנ — האָט ער געטראַכט. דאָס געשעפט גייט. אינ אונטער יענע גרעסערע ראַמענ, ווו עס זײַנענ געווענ אײַנגעקלעפּט די פאַרשיידענע קינדער־פאָטאָגראַפיעס, האָט ער געזענ אַנ אויפשריפט. ער האָט זיכ גענענטער צוגערוקט אונ געלייענט: „אינ יאָר 1930 האָבנ 583 מוטערס געבראַכט זייערע קינדער — אָבער בלויז 473 עלטערנ, וואָס האָבנ גע-ווינטשט קינדער, האָבנ זיכ געמאָלדנ".

קאָלומבוס איז קעסיידער פאַרבײַגעגאַנגענ אינדרויסנ פאַר דער טיר, יעדעס מאָל האָט ער געקנייטשט מיט די אויגנ, אַזוי ווי נעכטנ.

פראַנץ קסאַנטאָפּ איז צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענצטערל, דער אַלטער שמייכל אונטער די אַרויפגעדרייטע וואָנצעס אין די האַלבקײַלעכיקע קנייטשן אַף בײדע זײַטן פון די גראָבע ליפּן האָט גאָר פרײַנטלעך געווונקען צו דער מאַדאַם מיט דיברילן. זי איז גלײַך צוגעקומען צו אים. נאָר איר געל געפּודערט פּנים האָט הײַנט אויסגעזען ווי אַן אַלטע זויערע אוגערקע. פאַרוואָס רעדן? — האָט פראַנץ קסאַנטאָפּ געטראַכט, און געזאָגט:

— גוטמאָרגן. קאָן איך אַ קוק טאָן אַ ביסעלע אַף מײַן קורטי? נאָר אַ ביסעלע. — הויך און היימיש האָט געקלונגען זײַן קאָל.

— אָבער וואָס פעלט אײַך גאָר אײַן? — האָט די מאַדאַם געפרעגט דערשטוינט. — ניין, איר קאָנט אים נישט אָנקוקן.

— נאַ, נאַ, — האָט ער געזאָגט, — אָבער דאָס איינע מאָל וועט נאָך זײַן מעגלעך אים אָנצוקוקן? איר וועט שוין אַנטשולדיקן, פריילן, ווייסט איר, אַ פאָטערס האַרץ איז דאָך נישט פון שטרוי.

— ניין, נישט מעגלעך. אַף קיין פאַל נישט.

— נאַ, נאַ, איין מאָל נאָר אַ קוק טאָן, כ'וועל דאָך נישט אָפּבײַסן פון קינד. וואָס? ווייסט איר, פריילן, אַ פאָטערס האַרץ — — — —

— אָבער וואָס פעלט אײַך גאָר אײַן? ניין און ניין, נישט מעגלעך.

אירע שפּיציקע אַקסלען הייבן אָן ציטערן. פראַנץ קסאַנטאָפּס האַרץ ווערט קליין. עס ווערט אײַנגעשרומפּן און עס צאַפּלט ווי אַ קליין קינד. די זויערע אוגערקע, דאָס אַלטע געל־געפּודערטע פּנים, ווערט שמעלער, דאַרער. איר דאַרע האַנט הייבט זיך אויף צום פענצטערל. — זי וויל פאַרמאַכן דאָס פענצטערל, — טראַכט פראַנץ קסאַנטאָפּ, און זײַן אײַנגעשרומפּן האַרץ שפּרינגט אים צום האַלדז, וויל אַרויסשפּרינגען דורכן מויל. נאָר ער האַלט זיך נאָך. זײַנע גרויסע אויגן גלאַנצן שוין פײַכט, נאָר זיי קוקן נאָך פרײַנטלעך. ער זאָגט:

— פריילן, איך האָב פאַרקויפט מײַן קינד, אָבער עס איז דאָך מײַן, מײַן קינד. איין מאָל וועל איך עס דאָך נאָך קאָנען אָנקוקן, איין מאָל כאָטש אַרײַנקוקן אין זײַנע אויגן. וואָס?

האַלב פאַרמאַכט זיך דאָס פענצטערל, און האַלב זאָגט זי:

— דאָס קינד איז נישט מער אין בערלין. האָט איר פאַרשטאַנען?

— נישט מער אין בערלין?

געוואָרפן האָט זיך זײַן אײַנגעשרומפּן האַרץ. עס איז אים אַרײַן

אינ קאָפּ. ער האָט צוגעמאכט די אויגנ. מיט ביידע הענט זיכ אָנגעהאלטנ אָנ הילצערנעמ ווענטל.

שוינ פריער האָט זיכ קאָלומבוס אוועקגעשטעלט אַפ דער שוועל. איצט איז ער צוגעקומענ צו פראַנצ קסאַנטאָפּנ, געצויגנ באַמ אַרבל. פראַנצ האָט געעפנט די אויגנ, זיכ אומגעקוקט.

— קומ, — האָט קאָלומבוס צו אימ געזאָגט, אונ אימ געפירט צו דער טיר.

פראַנצ איז וויליק געגאַנגענ, געטראַכט: אינ דר'ערד מיטנ קאָפּ, עס איז פאַרפאַלנ.

נאָר אַפ דער שוועל האָט ער זיכ ווידער אומגעדרייט, ניט געמיינט גאָר קיינ בייז, בלויז געוואָלט ווײַזנ קאָלומבוסנ די גרויסע ראַמענ מיט די קינדער-פאָטאָגראַפיעס.

— זעסט? — האָט ער געוויזנ אַפ די גרויסע ראַמענ. — מײַנ קורטי איז ניט קיינ אײנציקער, עס זײַנענ דאָ א סאַכ אַזעלכע, פינפ טויזנט פיר הונדערט. קוק, וועסטו זענ.

ער איז צוגעגאַנגענ צו די גרויסע ראַמענ, קאָלומבוס איז אימ נאָכגעגאַנגענ שווײַגנדיק. דורכנ אָפענעמ פענצטערל קוקט ארויס די מאַדאַמ מיט די ברילנ, בלאַס דערשראָקנ. פראַנצ קסאַנטאָפּ טײַטלט מיט א פינגער אַפ די קײַלעכיקע פענצטערלעכ, וואָס זײַנענ אײַנגעקלעפּט אינ די גרויסע ראַמענ, בלײַבט שטײנ בײַ אײנ פענצטערל, ווערט פאַרשטאַרט.

— דאָס אויסגעשטאָפּטע פּיסקל געפעלט מיר ניט, — זאָגט ער צו קאָלומבוסנ. — עס געפעלט מיר אינגאַנצנ ניט. מײַנ קורטי וועט אוועק אינ אַנ אַנדערנ שיכט, מײַנ שיכט וועט ער פײַנט האָבנ, מײַנ נידעריקנ סאָציאַלנ שיכט וועט ער האַסנ. מיכ וועט ער האַסנ, זײַנע ברידער וועט ער האַסנ. דאָס געפעלט מיר ניט. מיר ביידע וועלנ זיכ נאָכ האַרגענענ אַמאָל. אונ ער וועט ניט וויסנ ווער איכ בינ, איכ וועל ניט וויסנ ווער ער איז. — ראַפּטומ האָט ער זיכ א דריי געטאָנ אונ א שפּרײַז געגעבנ צומ אָפענעמ פענצטערל.

— מײַנ קינד, מײַנ קורטי קאָנ איכ מער ניט זענ? נײנ? — ער האָט ארויסגעכאַפּט דאָס געלט פונ דער קעשענע אונ עס אַריבערגעוואָרפנ אַפ דער אַנדער זײַט ווענטל. — מײַנ קינד וויל איכ האָבנ צוריק! מײַנ קורטי גיט מיר צוריק!

די דערשראָקענע מאַדאַמ איז צוגעלאָפנ צומ טעלעפאָנ. פראַנצ

קסאַנטאָפּ האָט אויסגעשטרעקט די לאַנגע הענט, אָנגעכאַפּט דאָס הילצערנע ווענטל.

ער האָט גערעוועט הויך אונ ווילד:

— מײַנ קינד!

— מײַנ קורטי!

— וויל איך צוריק!

— מײַנ קורטי גיט מיר צוריק!

דאָס ווענטל האָט געקראַכט, צעבראָכענע שויבנ זײַנענ געשפּרונגענ איבערהויך, אינ אײנע־צוויי מינוט איז געלעגנ א כורווע אינ ביוראָ.

פּאָליציי איז געקומענ.

דער פאַרהער באַם פּאָליציי־פּרעזידיומ אפנ אלעקסאַנדער־פּלאַצ איז געווענ קורצ:

— וואָס איז אײַך גאָר אײַנגעפאַלנ צו טאָנ אזא ווילדע זאַך? — האָט געפרעגט דער פּאָליציי־באַאַמטער.

פראַנצ קסאַנטאָפּ איז געזעסנ אפ דער באַנק לעבנ קאָלומבוסנ. זײַנ שווער אראָפּגעלאָזטער קאָפּ האָט זיך פּאַמעליע געהויבנ העכער. ווי א פרעמד אומבאַגרײַפלעכ באַשעפעניש האָט ער אָנגעקוקט דעמ שטײַפנ באַאַמטנ. ער האָט געזאָגט:

— איך האָב געוואָלט זענ מײַנ קינד.

— דאָס איז נישט מער אײַער קינד, — האָט דער באַאַמטער געענטפערט. — איר האָט אונטערגעשריבנ? אלזאָ! דאָס געזעצ פאַרשטייט נישט קײנ כאָכמעס.

— דאָס געזעצ, — האָט קאָלומבוס זיך אָפּגערופנ, — מיר קענענ עס. דאָס געזעצ האָט א מויל פונ פּאָרנט אונ א מויל פונ הינטנ.

— שווײַגנ זי! — האָט דער באַאַמטער געשריגנ.

קאָלומבוס האָט באַקומענ א כוידעש, פראַנצ קסאַנטאָפּ האָט באַקומענ דרײַ כאָדאָשימ.

עס איז געווענ פאַרנאַכט, ווענ מע האָט פראַנצ קסאַנטאָפּנ אַרויסגעלאָזט פונ אַרעסט. ווי א גרויער שטויב האָט אויסגעזענ דער הימל איבער בערלינ.

פראנץ קסאנטאָפּ צאָלט נישט קיין צינז

אזוי האָט מען באשלאָסן, און ער האָט זיך געלייגט שלאָפן.

קארגער שײַן פון גאס־לאמטערן קריכט אַרײַן אין קעלער דורכן אויבערשטן טייל פענצטער, ברעכט זיך בײַ די צוויי קעפּ, וואָס קוקן דאָרט ארויס, און פאלט אראָפּ שטיקלעכווײַז אף דער פאָדלאָגע. ריכארד מיט זײַן מיידל שטייען דאָרט אף א שטיק האָלץ, שטייען אף די שפּיץ פינגער, קוקן ארויס אפן טראָטואר. מער זעען זיי נישט. דעם גרויען טראָטואר, א האלבן, שווארצן וועג, דאָס איז אלץ, וואָס מע קאָן זען דורכן אויבערשטן טייל פענצטער, אויב מע שטעלט זיך אף א שטיק האָלץ און אף די שפּיץ פינגער. דורכן אונטערשטן טייל פענצטער זעט מען צעברעקלטע ציגל פון דער אָפּגעליפּעטער וואנט, געדיכטע שפּינוועבס, אויסגעבראָכענע ציגארלעך, שטיקלעך פּאַפּיר און פארשיידענע אָפּפאל, וואָס מע ווארפט אַרײַן פון גאס. און אונטן, אף די שטיקלעך פאָדלאָגע מיט די בלאסע פלעקן, וואָס פאלן אראָפּ פון גאס־לאמטערן, שפּילן זיך צוויי קליינע שווארצע מײַזלעך.

פראנץ קסאנטאָפּ ליגט אין א ווינקל מיט אָפענע אויגן און קוקט צו. אין א צווייטן ווינקל ליגן אויסגעלייגט איינע לעבן די אנדערע: ליזל, העדווין און פריץ. הערן הערט מען נאָר פריצן מיט זײַן פארדרייטער נאָז. און שפּעטער וועלן זיך דאָרט אויך צולייגן ריכארד מיט זײַן מיידל. אין שטוב איז נישטאָ מער קיין בעט, נישטאָ קיין טיש, ארום די ווענט ליגן שמאטעס און מענטשן. און לעבן פענצטער שפּילן זיך צוויי מײַזלעך מיט די בלאסע פלעקן.

פון ערגעץ א ווײַטן הויז הערט זיך נאָך הײזעריקלעך אַן אַלטער גראַמאָפאָן. דאָ, אין דעם גרויסן צווייזײַטיקן פינפשטאָקיקן הויז, דאָ איז שוין לאַנג שטיל. פיר אַזייגער נאָכמיטיק האָט זיך אָנגעהויבן די פאַרזאַמלונג, אַכט אַזייגער פאַרנאַכט האָט זיך געענדיקט די פאַרזאַמלונג, דערנאָך איז מען געגאַנגען שלאָפן. עס גייט אַרום איבער דער וועלט די אייגענע טעאָריע: אַרבעטלאָזע, אַז זיי שלאָפן מער, זײַנען זיי ווייניקער הונגעריק. א גאַנצן טאָג זיצט מען אין הויף, שטייט מען לעבן טויער אָפּגעלאָזן און שווער, צעבראָכן און מיד פון לאַנגן ליידיקגיין.

פראַנץ קוקט מיט אָפענע אויגן איבער דער טונקעלער שטוב. די הײַנטיקע פאַרזאַמלונג, וועלכע האָט געדויערט פיר שעה, איז נישט געווען די ערשטע, זי איז שוין געווען די דריטע. און עפשער אויך די לעצטע. מע האָט באַשלאָסן, איין מאָל פאַר אַלעמאָל, נישט צו צאָלן קיין צינז. פראַנץ קסאַמטאָפּ האָט זיך אײַנגעשפאַרט פון ערשטן טאָג אָן: ער צאָלט נישט און צאָלט נישט! „און וואָס וועט זײַן, אַז מע וועט דיך אַרויסוואַרפן מיט אַלע בעבעכעס?" האָט געפרעגט די אַלטע רייזעקע. פראַנץ האָט נאָכגעטראַכט, וואָס דאָס הייסט אַרויסוואַרפן מיט אַלע בעבעכעס, גלײַך דאָ וואָלט זיך גערעדט וועגן עפּעס א געקעכץ; און ער וואָלט עס ערשט געמוזט פאַרזוכן. אַרויסוואַרפן מיט אַלע בעבעכעס? און וווּ וועט מען וואַרפן? „אין קיין פּאַלאַץ נישט. אויף דער גאַס וועט מען בלײַבן ליגן!" — האָט די אַלטע רייזעקע אים אַרײַנגעשריגן, גלײַך טויב וואָלט ער געווען און נישט זי. גאָר זי איז געווען גערעכט, האָט פראַנץ געטראַכט, אַלע טויבע מענטשן זײַנען גערעכט. זיי הערן נישט וואָס מע רעדט, דערפאַר זעען זיי וואָס סע טוט זיך. ער האָט אָנגעהויבן אַרומגיין מיט א געשוואָלענעם בויך. עס איז שלעכט, האָט ער געזאָגט צו די צוויי אויסגעוואַקסענע זין, צו דעם ריכאַרדן און צו דעם פריצן. מיר וועלן אַלע בלײַבן ליגן אויף דער גאַס, אינאיינעם מיט די בעבעכעס! ריכאַרד האָט עפשער געטראַכט, אַז מיט זײַן מיידל מעג ער אַפילו בלײַבן ליגן אונטערן פלויט. עס וועט אים גאָרנישט שאַטן. דערפאַר האָט ער דעמלט פאַרביסן געקוקט אויף די וואַנצן, וואָס קריכן געוויינלעך איבער דער וואַנט, און נישט געענטפערט דעם פאָטער. ווי דער פריץ, ווי אַזאַ זיבעצניאָריקער האָלאָדריזניק, האָט געשנאָרכט מיט דער פאַרדרייטער נאָז און געזאָגט: „וואַרע איז נישט גוט אויף דער

גאַס״. דאָס איז געווען אַלץ, וואָס פֿראַנץ האָט אַרויסבאַקומען פֿון זײַנע אייצע־האַלטן זיך מיט די צוויי זין. אָבער ער איז נישט ריכאַרד און נישט פּריץ, ער איז פֿראַנץ קאָנטאָפּ. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אין אַרומגעדרייט אַ טאָג נאָך אַ טאָג מיטן פֿולן בויך גרימעניש, עס זײַנען אַוועק דרײַ וואָכן, עס זײַנען שוין אָפּגעהאַלטן געוואָרן דרײַ פֿאַרזאַמלונגען פֿון אַלע אײַנוווינער, עס האָט זיך געשאַפֿן אַ קאָמיטעט און עס איז דאָ אַ באַשלוס: קיינער צאָלט נישט קיין צינז! די אַלטע רווינעקע האָט צו אים נעכטן געזאָגט: „איצט וועט מען דיך שוין נישט קאָנען אַרויסוואַרפֿן מיט די בעבעכעס, איצט וועט מען מוזן אונדז אַלע אַרויסוואַרפֿן!״

פֿראַנץ קאָנטאָפּס אויגן האָבן אָנגעהויבן צופֿאַלן. און מאָרגן איז דער לעצטער טערמין, ווען ער מוז אַרויס פֿון דער דירה. דאָס הייסט, שוין דער דריטער טערמין, מאָרגן וועט מען קומען אים בעטן — זײַנע אויגן האָבן זיך נאָך איין מאָל געעפֿנט, זיי האָבן געזען די צוויי קעפּ דאָרט לעבן פֿענצטער, זיי האָבן געזען די צוויי מײַזלעך אויף דער פּאָדלאָגע — ער איז אײַנגעשלאָפֿן.

ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, איז שוין געווען שפּעט. ער האָט געקוקט צום פֿענצטער. די זון האָט זיך נישט געוויזן, זי האָט זיך נישט געוואָלט אַראָפּלאָזן אַזוי טיף, די אַלטע נעכפּע. אין נידעריקן פֿענצטער האָט זיך געוויזן דער טאָג לויט די שיך אויפֿן טראָטואַר. אַמאָל, ווען עס איז נאָך געווען אַ ביסל אַרבעט אויף דער וועלט, זײַנען צווישן זעקס און אַכט פֿאַרבײַ אַ סאַך שיך פֿאַרן פֿענצטער. איצט שלאָפֿן נאָך די אַרבעטער צווישן זעקס און אַכט. ערשט אַרום נײַן, אַרום צען, באַווײַזן זיך די שקראַבעס דאָרט אויפֿן טראָטואַר, און זיי אײַלן זיך נישט, לויפֿן נישט, נאָר ווי זיי וואָלטן אַלע געדרעפּטשעט אויף איין אָרט. אַ סאַך מאָל דערקענט ער לויט די שקראַבעס ווער עס טאָפּטשעט פֿאַרבײַ. אָ, פֿראַנץ קאָנטאָפּ קען שוין אַ היפּש ביסל שקראַבעס פֿון יענער געגנט!

ער האָט זיך אויסגעטשוכעט. באַנאַכט איז ער געשמאַק געשלאָפֿן. העדוויג איז שוין אַוועק אין שול. אַלעווײַ עסט זי דאָרט אויף די ביכער, האָט ער געטראַכט, וואָלט זי כאָטש אַ ביסל זאַט געוואָרן. פּריץ איז אויך שוין אַוועק קלײַבן ציגאַרעטלעך. זאָל ער כאָטש ברענגען אַ לײַטיש ביסל טאַבאַק, וועט זײַן גוט. ריכאַרד דער פֿוילער פּאָפּט נאָך מיט זײַן מיידל. זאָל ער פּאָפּן. און ליזל זיצט אונטערן פֿענצטער און

פאריכט א חעמד. — איך וואָלט געשווירן, אז דאָס איז א חעמד, אבי מע קלאָגט זיך, אז מען איז שוין איינגאנצן נאקעט. זעסט? — ער האָט זיך אויפגעזעצט, אראָפּגעוואָרפן פון זיך א צען שטיקלעך שמאַטעס, און איז אויפגעשטאנען. דאָס אָנטאָן געדויערט בא אים נישט לאַנג, ער שלאָפט אין אָנטאָן. נאָר א ביסל געדויערט דאָס צושנירן די שיך, ווייל די בענדלעך זיינען שוין צען מאָל געקניפט און די לעכלעך אין די שיך זיינען דורכגעריסן. דערנאָך גייט ער ארוים אין קאָרידאָר זיך וואשן. א טעמנע וואשן איז דאָס! דער לאנגער, געדרייטער קאָרידאָר איז שטאָקפינצטער, א פרעמדער קאָן דאָ צעברעכן דעם קאַרק. זאָל ער צעברעכן, זאָל עס איינגאנצן דער שלאק טרעפן! ווען עס וואָלט כאָטש נישט געווען אזוי נאס אונטער די פיס! פראנצ וואשט זיך גיך, כלעפטשעט דאָס וואסער איבערן פּאָנעם, טאָפּטשעט מיט די פיס אין א ראָשטשינע, און שעלט — הערט ניט אויף צו שעלטן. א ביסל קילט אים דאָס שעלטן, עפּשער נאָך מער ווי דאָס קאלטע וואסער.

אין שטוב האָט ער א כאַפּ געטאָן א שמאטע פון דער קופּע, מיט וועלכער ער האָט זיך באנאכט צוגעדעקט, און געריבן דאָס פּאָנעם, ווי מיט א רייבטוך. דאָס אנדערע איז שוין געגאנגען שנעל. כאָטש א ביסל געדויערט, געווייגלעך, דאָס אויסציען די וואָנצעס. פאר די וואָנצעס האָט פראנצ אָפּגעגעבן אין אלע צייטן א סאך מי. ער האָט געצויגן בא דער וואָנצע און געפרעגט ליזלען:

— צו שרייקען איז עפּעס דאָ?

און ליזל האָט געענטפערט שטילינקע, נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ פון צעפליקטן חעמד:

— דער הענדלער האָט היינט פארגעסן צו ברענגען. דאָרט ליגט נאָך א שטיקל ברויט.

ליזל, די פופצניאָריקע, איז געווען דער קאָפּ פון דער גאנצער „ווירטשאפט". נאָר עס איז נישט געווען ווו אהינצוטאָן אפילע אזא קליינעם קאָפּ. דער פאָטער האָט אפּ איר געקוקט, זי האָט טישט אויפגעהויבן די אויגן. דערנאָך איז ער צוגעגאנגען צו דער וואנט, וווּ דאָס אייזערנע אייוועלע איז געשטאנען, אראָפּגענומען פון דער פּאָליצע א שטיק הארט ברויט און געשמאק אריינגעביסן. צו זיין גרויסער פרייד איז אויך באלד געקומען פריצ מיט דער פארדרייטער נאָז. דאָס מאָל האָט ער געבראכט א פולע קעשענע מיט אויסגעברענטע ציגארעטלעך,

רערפונ האָט ער געגעבנ דעמ פאָטער א גאַנצנ גאָרשטש. פראנצ האָט אימ געגעבנ א שטיק נישטדערעסנ ברויט, געפרעגט מיט א פול מויל:

— ווו האָסטו דאָס צונויפגעקליבנ אזא גרויסע פאָרציע?

פריצ האָט געקײַט דאָס הארטע ברויט אונ געענטפערט:

— אזויפיל וועל איכ שוינ האָבנ יעדנ טאָג, אונ אמאָל נאָכ מער. אָפגערעדט מיט א קעלנער פונ א קליינעמ קאפע, אז יעדנ אינדערפרי זאָל איכ אויסקערנ די בודע אונ דערפאַר מעג איכ מיר נעמענ די שפּיצלעכ. קאָלומבוס האָט מיר צוגעשיקט דאָס געשעפט.

פראנצ האָט ארויסגערוקט די אונטערשטע ליפּ, אונ געשאָקלט צו־פרידנ מיטנ קאָפּ. ער האָט גענומענ עטלעכע אָפּגעברענטע ציגארעטנ־שפּיצלעכ, ארויסגעשיט דעמ געלנ, פארייכערטנ טאבאק אפ א שטיק צײַטונג־פּאפּיר, געדרייט דעמ ציגאר אונ געדרייט די נאָז:

— איכ וואָלט געשווירנ, פריצכענ, אז דו האָסט די שפּיצלעכ ארויסגענומענ פונ א קלאָזעט.— פריצ האָט צעגריזשעט דאָס לעצטע שטיקל הארטע רעפטל, א שעפּ געטאָנ מיט דער פארשוויצטער נאָז, ווי מע שעפּט אָנ וואסער, אונ ארויסגעשטעלט א פּאָר גרויסע אויגנ. ווענ ער האָט אראָפּגעשלונגענ דעמ ביסנ, האָט ער פאר קאָס קוימ געקאָנט ארויסריידנ:

— יאָ, גאָר אזוינס! וואָס פאר א פאנטאסטישע בילדער דו קאָנסט דיר עמ אויסמאָלנ! אָט בינ איכ ארײַנגעקראָכנ אינ קלאָזעט, ארומגע־שווומענ מיט די פיומ אונ מיט די הענט צונויפגעקליבנ די עקלעכ. דו האָסט שוינ איינמאָל א פאנטאזיע, מע קאָנ נישט זאָגנ!

ער איז געווענ בייז, אונ קעדיי אימ צו בארויִקנ, האָט דער פאָטער געזאָגט, אז דער טאבאק איז זייער גוט.

— פּפּפ! — פראנצ קסאנטאָפ האָט א בלאָז געטאָנ דעמ רויכ פונ גאנצנ הארצ.— דער ציגאר איז ווערט גאָלד!

אונ ארויס פונ שטוב.

ערשט ווענ ער קומט ארויס אפנ הויפ, טרעפט ער דאָרט ארומ־דרייענ זיכ א קליינ מענטשל מיט א ווייכנ קאפעליוש אפנ קאָפּ אונ מיט ברילנ אפ דער נאָז. א קורצזיכטיק מענטשל מיט א ווײַסער וועסט. פראנצ איז געבליבנ שטיינ אינ דער נידעריקער טיר, בײַגעריק בא־טראכט דאָס מענטשל, וואָס דרייט זיכ ארומ אינ גרויסנ הויפ, גלײַכ

אַן אַעראָפּלאַן וואָלט עס דאָ פּלוצעם אַראָפּגעוואָרפֿן. און דאָס קליינע באַשעפֿעניש קוקט אַרויף און קוקט אַראָפּ, און פֿרעגט בײַ פֿראַנץ קסאַנ־טאָפּן, ווו עס וווינט דאָ פֿראַנץ קסאַנטאָפּ?

— דאָ. — זאָגט פֿראַנץ קסאַנטאָפּ, און ווײַזט מיטן פֿינגער ווו ער שטייט.

ערשט איצט דערזעט ער, אַז דאָס מענטשל האָט אויך אַ צונויפֿ־געלייגטע טשעקע אונטערן אָרעם. דאָס איז ער, טראַכט ער, מײַן פֿרײַנט איז דאָס. ער קומט מיך בעטן. און דער ווייכער קאַפּעליוש גיט אַ שאָקל:

— ניין, דאָ וווינט ניט פֿראַנץ קסאַנטאָפּ. ער האָט ערגעץ אַ שטוב.

אין הויף שטייען שוין עטלעכע שכנים, און פֿון די פֿענצטער קוקן אַנדערע אַרויס. אַזאַ מענטש, נישט פֿון אייגענעם שטיט, איז דאָ אין הויף אַ זעלטענע נײַס. און דער מענטש ווענדט זיך איצט צו די שכי־נים מיט דער קלאָרער און דײַטלעכער פֿראַגע, ווו עס וווינט דאָ פֿראַנץ קסאַנטאָפּ. די שכנים לאַכן, ווערטלען זיך, און ווײַזן אויף פֿראַנצן, אַז „דאָ וווינט ער". דאָס מענטשל מיט דעם ווייכן קאַפּעליוש נעמט אַראָפּ די ברילן פֿון דער נאָז, רוקט זיך אונטער צו פֿראַנצן, קוקט אים אין פּנים אַרײַן, און שטעלט צוריק אַרויף די ברילן אויף דער נאָז. פֿראַנץ קלערט נישט קיין סך, גיט אים אַ נעם אונטערן אָרעם:

— אָבער, — זאָגט ער, — דו ביסט האָב פּונקט אַזאַ בידאַק ווי איך. קום, איך וועל דיר ווײַזן, ווו איך וווין.

דער ווייכער קאַפּעליוש וויל זיך פֿון אים אַרויסרײַסן, נאָר פֿראַנץ האַלט אים פֿעסט. דער קליינער מענטש שרײַט, אַז ער איז „דאָס אמת", אים טאָר מען ניט טשעפּען, און פֿראַנץ קוקט אַראָפּ צו אים מיט די בייזע וואָנצעס:

— וואָס? איך בין אַן אַנשטענדיקער מענטש און וויל דיך אַרײַנ־פֿירן אין מײַן לאָך, ווײַל אַליין וואָלסטו צעבראָכן דעם קאָפּ, און דו באַליידיקסט זיך, שרײַסט, ביסט דאָס אמת?

— אָבער „דו" מוזט איר מיר נישט זאָגן, איך בין נישט אײַער כאַווער.

— קום! — זאָגט פֿראַנץ, און שלעפּט אים אַרײַן אין קאָרידאָר.— שרעק דיך נישט, איך וועל דיך גוט פֿירן.

דאָס מענטשל איז געוואָרן אַרומגעקאַוועט מיט פֿראַנץ קסאַנטאָפּס

האנט. פונ אָנהייב האָט ער זיך נאָך געפרוווט רײַסנ, אָבער באַלד האָט ער אײַנגעזעה, אַז עס איז טונקל ארום אונ ארום, ער האָט שוינ אַלייג מוירע געהאַט. אונ דער פראַנצ קסאַנטאָפּ, האָט ער געזעג, איז נישט קיינ שלעכטער מענטש, א ביסל רוי, אָבער נישט שלעכט. איצט רעדט ער צו אים גאַנצ לײַטיש, פירט אים בײַ דער האַנט, זאָגט אים, ווו עס איז דאָ א גרוב, ווו א טרעפּ, ווו מע מוז אײַנבייגנ דעם קאָפּ, אונ ווו עס שטאַרט ארויס א רער פונ דער זײַט. א גאַנצ לײַטישער מענטש.

— איז דאָס נאָך ווײַטער ווײַט? — פרעגט ער אים.

— יאָ, עפּשער נאָך א קילאָמעטער, — זאָגט פראַנצ.

„דאָס אמת" זיפצט. שלעפּט זיך ווי אַף שטאָלצנ. גיט זיך א מיעסנ גליטש.

— גיב אַכטונג, אַז דו זאָלסט נישט צעקלאַפּנ די ברילג. — זאָגט פראַנצ, אונ האַלט אים פעסט אונטער'נ אָרעם. — איצט זעסטו? אַז דו וואָלסט מיך נישט געטראָפנ אינ הויף, וואָלסטו דאָ געשטאָרבנ אינמיטנ וועג. שטימט?

— יאָ, יאָ. — קרעכצט „דאָס אמת". — אזוינס טרעפט זיך בײַ אונדזער פּאַרנאָסע. דאַנקע, דאַנקע דער — הער קסאַנטאָפּ.

— אָט זײַנענ מיר שוינ. — זאָגט פראַנצ, אונ עפנט א טיר.

— דאָס איז אָבער געווענ ווײַט: — זאָגט דער קליינער מענטש, נעמט אַראָפּ דעם קאַפּעליוש, ווישט אָפּ דעם שוויס. ער קוקט זיך אום אינ דער גרויסער ליידיקער שטוב, אונ גיט א זיפצ.

— דאָס בינטל דאָרט איז מײַנ עלטערער זונ מיט זײַנ מיידל. — דערקלערט פראַנצ די אײַנריכטונגענ פונ שטוב. — אָרעמע מענטשנ, ארבעטנ באַנאַכט, מוזנ זיי שלאָפנ באַטאָג.

„דאָס אמת" קוקט ארײַנ אינ די פּאַפּירנ:

— איר זײַט שולדיק פאַר דרײַ קוואַרטאַלנ, אונ אויב אײַער זונ ארבעט, קאָנט איר דאָך באַצאָלנ?

פראַנצ דרייט ראַכמאָנעסדיק מיטנ קאָפּ:

— ניינ. פונ דער דאָזיקער ארבעט וויל מיר מײַנ זונ גאָרנישט געבנ.

„וואָס איז דאָס?" — הערט זיך פּלוצעמ א געשריי. ריכאַרד איז אויפגעשפּרונגענ, שטייט אינ די גאַטיעס, ווישט זיך די אויגנ. זײַנ מיידל זעצט זיך אויף, די רויטע האָר צעפּלאָשעט. פריצ שטייט לעבנ

פּאָטער אונ דרייט מיט דער נאָז. אונ ליזל, גלײַכ זי אַלײנ וואָלט געווענ אינ שטוב, זיצט אונטערנ פענצטער, פאַריכט דאָס צעפליקטע העמד אונ זינגט זיכ א לידל.

— וואָס איז דאָס? — פרעגט שוינ ריכאַרד נאָכאַמאָל, אונ שאַרפער ווי פריער. — מע לאָזט שוינ ניט שלאָפנ אויכ? — אונ קומט פאַמעלעכ נענטער, פּאַטשט מיט די נאַקעטע פיס אפ דער פּאָדלאָגע. „דאָס אמט“ רוקט זיכ צו דער טיר, ווינקט צו פראַנצ קסאַנטאַפּנ. אונ פראַנצ פירט אימ ארויס.

— זעסט? — זאָגט ער צו אימ אינ טונקעלנ קאָרידאָר. — ווענ איכ וואָלט דיכ נישט געשיצט, וואָלט ער דיכ נאָכ דערהארגעט. ער איז א גאַנצ געפערלעכער מענטש, מײַנ עלטערער זונ.

אפנ הויפ שטייענ שוינ מער מענטשנ ווי פריער, זיי באַטראַכטנ „דאָס אמט“, ווי א ספּעקטאַקל, לאַכנ, ווערטלענ זיכ, — נאָר דער קלײנער מענטש כאַפּט זיכ, ווערט ווידער ערנסט, ווידער „אמט“. קוקט ארײַנ אינ די פּאַפּירנ, קוקט אפ פראַנצנ, פרעגט אימ, ווו עס וווינענ דאָ די שטיינשנײַדערס? — עס ווערט שטיל. אפ אַזאַ פראַגע האָט זיכ קיינער נישט געריכט. אונ פראַנצ ווײַזט אימ, ווו די שטיינשנײַדערס וווינענ. דאָרט פאַרנעמט מיט די טרעפּ, אפנ צווייטנ שטאָק, וווינענ די שטיינשנײַדערס. דער באַאַמטער גייט. די מענטשנ קוקנ אימ נאָכ. שווײַגנ.

שומאַנ, א נידעריקער מיט קײַלעכיקע אָפּגעגאָלטע באַקנ, האָט זיכ געריירט. מיט פאַרוווּנדערטע אויגנ האָט ער ארויפגעקוקט אפנ צווייטנ שטאָק פונ פאָרנטיקנ הויז אונ געזאָגט, בעשאַס די אַנדערע האָבנ איינער נאָכנ אַנדערנ ארויפגעקוקט דאָרט אויבנ:

— דאָס זײַנענ מענטשנ? מיר אָרגאַניזירנ די אײַנוווינער צומ שוצ קעגנ הויכנ צינז, אונ דאָס רירט זיכ נישט, מעלדט זיכ נישט, ווײַזט זיכ נישט פאַר די אויגנ? מיר באַמיִענ זיכ, האַלטנ אָפּ פאַרזאַמלונגענ, שאַפנ קאָמיטעטנ, לויפנ ארומ, אונ דאָס וויל פונ גאָרנישט וויסנ? שעמענ זיי זיכ עפּשער?

אַלע האָבנ ארויפגעקוקט צומ צווייטנ שטאָק פונ פאָרנטיקנ הויז, דאָרט, ווו עס וווינענ די שטיינשנײַדערס. פראַנצ האָט געקוקט אפ שומאַנענ, אימ האָט זיכ געדאַכט, אַז ער איז אפ דער נעכטיקער פאַרזאַמלונג. נעכטנ איז שומאַנ צומ צווייטנ מאָל געווענ פאָרזיצער. נעכ=

ט: האָט ער גערעדט פּונקט אַזוי ווי הײַנט, אַזוי קלוג אויסגערעכנט און אַזוי גוט געצילט. פּונקט ווי אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט דאַרף ריידן. אָבער פֿון אָנהייב, מײַן ליבער פֿרײַנט, האָסטו אויך נישט געוואָלט וויסן פֿון גאָרנישט — פֿראַנץ האָט געשמייכלט אונטער די וואָנצעס. אַ קאָמוניסטישע מאַכערײַקע, האָסטו דעמאָלט געזאָגט, גוטער ברודער. מיר קענען דיך! ערשט ווען עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז מיר אָרגאַניזירן זיך אויך אָן דיר, ביסטו שנעל צוגעשפּרונגען, גוטער ברודער. פֿראַנץ האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געקראַצט זיך אין קאַרק — ער האָט זיך פֿאַרשעמט פֿאַר זיך אַליין. מיט פֿינף כאַדאָשים צוריק, ווען די עטלעכע קאָמוניסטן, וואָס וווינען דאָ אין הויז, האָבן געוואָלט אָרגאַניזירן אַזאַ קאָמיטעט, האָט ער אַליין אויך נישט געוואָלט וויסן דערפֿון.

די פֿרוי רייניקע, אַן אַלטיטשקע מיט אַ וואָרצל אַף דער נאָז, האָט געשריגן ווי צו טויבע:

— נעכטן איז זי געקומען צו דער פֿאַרזאַמלונג, די גנעדיקע פֿרוי שטײנשנײַדער, ערשט צו דער דריטער פֿאַרזאַמלונג איז זי געקומען, אָבער געשטאַנען איז זי בײַ דער טיר און גערעדט האָט זי גאָרנישט.

דאָס איז געווען דער צווייטער סיגנאַל אַרויפֿצוּוואַרפֿן זיך אַף דער פֿרוי שטײנשנײַדער און אַף די אַנדערע, וואָס זײַנען נישט געקומען צו קיין שום פֿאַרזאַמלונג. מע האָט זיי געשאָלטן און געזידלט, אויסגערעכנט יעדן באַם נאָמען, אויסגעשפּרייט דעם גאַנצן פּאָליטישן און פּריוואַטן יִכעס איבערן גרויסן הויף. די אַלטע רייניקע האָט געשריגן מער פֿון אַלע. און די יונגע בולערט האָט איר קעסיידער אונטערגעהאָלפֿן, קוויטשענדיק און שפּרינגענדיק, ווי אַ צעלאָזענער לאָשעק. שומאַן האָט זיך געהאַלטן וואַזשנע, ווי סע פּאַסט זיך פֿאַר אַ פֿאָרזיצער, געלאָזט זיך הערן מיט געציילטע צוגעטעסעטע שיינע ווערטער, צוגעוואָרפֿן דאָ אַ ברעקל — דאָרט אַ ברעקל, מיט כעזשבן.

פֿלוצעם האָט דאָ עמעצער געזאָגט, אַז דער הער שטײנשנײַדער איז קראַנק, אַז מע האָט אים אָוועקגעפֿירט אין שפּיטאָל אייערנעכטן. און ווידער איז שטיל געוואָרן. דערנאָך האָט מען געזען דעם קליינעם באַאַמטן אַראָפּגיין פֿון די טרעפּ און אַרויסגיין אַף דער גאַס. מע האָט אים שווײַגנדיק נאָכגעקוקט, אויך לאַנג דערנאָך, ווען מע האָט אים שוין נישט געזען.

דעמאלט איז ארײַנגעקומענ די פרוי שטײנשנײַדער אפנ הויפ, א פארווײנטע, מיט א פארקרימט פּאָנעמ. זי האָט געהעשעט און דערצײלט, אז מע וואַרפט זי ארויס פונ דער דירע, נאָכ הײַנט וויל מענ זי ארויסוואַרפנ. זי איז שולדיק פאר דרײַ קוואַרטאלנ, אָבער אינ שטוב איז נישטא קײנ גראָשנ, וואָס זאָל זי טאָנ? צו וועמענ זאָל זי איצט לויפנ?

— דרײַ קוואַרטאלנ? — האָט געפרעגט פראַנצ קסאַנטאָפּ. — ראַנ ביסטו אינ אײנ לינִיע מיט מיר. אָבער לויפנ דאַרפסטו נישט אינ ערגעצ, מיר וועלנ דיר עפּשער העלפנ. עפּשער — פארשטײסט?

ער האָט איר געזאָגט „דו“, אָבער דערמיט האָט ער זי נישט געוואָלט באַלײדיקנ. ער האָט אַלעמענ געזאָגט דו, אַנדערש איז איִמ שווער געווענ. איצט האָט ער זי אויכ ארומגענומענ מיט א האַנט און ארײַנגעקוקט אינ איר טרויעריק־פארווײנטנ פּאָנעמ. זי האָט נִיט אויפגעהערט צו העשענ, איר גאַנצער קערפּער האָט געציטערט פונ פארצווײפלונג. זי איז א שײנע — האָט פראַנצ געטראַכט, ער האָט זי געוואָלט נאָכ מער טרײסטנ, אָבער ארומ איִמ האָט מענ שוינ ווידער הויכ געשריגנ. די גאַנצע צײַט האָט זי זיכ אויסבאַהאַלטנ פונ די פארזאַמלונגענ, נישט געוואָלט וויסנ פונ הויז־קאָמיטעט, געשפּילט א „בעסערנ מענטש“, און איצטער זאָלנ איר די אַנדערע העלפנ? ארײַנוואַרפנ זיכ פאר איר?! די פרוי שטײנשנײַדער האָט ביטער געהעשעט און זיכ פארענטפערט, אז זי האָט קײנמאָל נישט געוואָלט שפּילנ קײנ בעסערנ מענטש, נאָר ווײַל איר מאַנ איז געווענ די גאַנצע צײַט שווער קראַנק, האָט זי נישט געקאָנט קומענ צו די פארזאַמלונגענ, אָבער פארשרײַבנ איז זי דאָכ, זי איז פארשריבנ. אײנ פראַנצ קסאַנטאָפּ האָט געהערט אירע פארווײנטע רײד, די אַנדערע האָבנ נישט אויפגעהערט צו שרײַענ. פראַנצ האָט זיכ א דרײ געטאָנ און צעשפּרײט די הענט: „רויִק, אַלע!“ — — —

ער איז געווענ אָנגעלאָדנ מיט געזונטקײַט, דער פראַנצ קסאַנטאָפּ, און רויט איז ער איצט געווענ. די פּאָר וואָנצעס זײַנענ אויפגעשטאַנענ ווי די צוויי הערנער — א שרעק אפ זיי צו קוקנ. און די אַנדערע האָבנ געשוויגנ.

זיי האָבנ געוואַרט, ער זאָל עפּעס זאָגנ. גאָר אַקוראַט און פּינקטלעכ, וואָס צו רײדנ, האָט ער נישט געבאַפּט אינ דער מינוט. ער האָט

געקוקט בייז אפ די מענטשנ ארומ — אונ פייט דאָנערשלאָג האָט זיכ געלאָזט הערנ מיט זײַנ שווער קאָל:

— פראָלעטנ בײַסנ זיכ נישט, — האָט ער געזאָגט, — פראָלעטנ פאראייניקנ זיכ. אונ ווענ איינער מאכט א פעלער, זײַנענ דאָ אפ דעמ די פיגנער, אז מע זאָל אריבערקוקנ. — יעדעמ וואָרט האָט ער פאַרוואָליע צעקײַט אונ צעברעקלט ארויסגעוואָרפנ. נישט גערעדט, נאָר געוואָרפנ. בא אימ האָט נישט נאָר געפעלט א האנט, אויכ די אונטערשטע ליפ מיט די ציינ האָט מענ אוועקגעשאָסנ אינ מילכאָמע. דערפאר איז אימ שווער צו ריידנ. נאָכ אזא גרויסנ זאָג ווערט אימ אזש הייס, ער הייבט אָנ שוויצנ.

— פראָלעטנ בײַסנ זיכ נישט, פראָלעטנ פאראייניקנ זיכ! — האָט פראנצ קסאנטאָפ גאָבאמאָל געזאָגט דאָס זעלבע, אָבער אזוי הויכ אונ מיט אזא זיכערקייט, גלײַכ ער וואָלט דאָס געזאָגט צומ ערשטנ מאָל. אונ פארענדיקט: שלום!

אָבער דעמ פאָרזיצער שומאנ געפעלט דאָס נישט. אימ געפעלט נישט, וואָס פייט דאָנערשלאָג מישט זיכ ארײַנ, אונ אימ געפעלט נישט, וואָס פראנצ קסאנטאָפ מאכט זיכ דאָ פאר א באלעבאָס מיט זײַנ הויכנ „שלום!" — פלוצעמ האָט דעמ פאָרזיצער עפעס א בײס געטאָנ. זײַנ, פראָלעטארישע איינקײַט פארשטייט ער גאנצ גוט, האָט ער געזאָגט, אָבער עס מוז דאָכ זײַנ א גרענעצ אויכ?

אונ פראנצ האָט גוט פארשטאנענ: מיט דער דאָזיקער גרענעצ מיינט ער נישט אזוי די פרוי שטײנשנײַדער, ווי פייט דאָנערשלאָג. עס פארדריסט אימ אוודאי, פארוואָס מע האָט נישט אויכ דעמ אינוואליד ארעסטירט צוזאמענ מיט די אנדערע קאָמוניסטנ פונ דעמ הויז, באמ פאָליציי־איבערפאל פאר צוויי כאדאָשימ. ער איז דאָ געבליבנ דער איינציקער, דער פייט דאָנערשלאָג, אונ כאָטש ער האָט א צעקלאפט מויל, הערט מענ זיכ פונדעסטוועגנ צו צו זײַנע רייד. אונ דאָס פארדריסט אימ, דעמ פאָרזיצער שומאנ. פראנצ האָט אימ געוואָלט ענטפערנ אזוי עפעס, נאָר דערווײַל האָט דער אינוואליד שוינ ווידער אָנגעהויבנ קראצנ די ווערטער, עס געדויערט, אָבער עס קומט ארויס:

— די גרענעצ? די גרענעצ איז באמ פײַנט פונ פראָלעטאריאט — האָט ער געזאָגט.

אונ די אנדערע האָבנ געפאטשט בראַוואָ. עס איז זיי געפעלנ גע־

וואָרנ, האָבנ זיי געפּאַטשט. גוט האָט ער אימ געענטפערט, טראַכט אויכ פּראַנצ, איכ דאַרפ מער גאָרנישט זאָגנ. „די גרענעצ איז באַמ פּינקט פונ פּראָלעטאַריאַט!" גוט געזאָגט.

איצט האָט זיכ אָנגעהויבנ די פראַגע: וואָס טוט מענ? אויב מע וועט די זאַכנ אַרויסשטעלנ פונ דער דירע, האָט פּראַנצ געזאָגט, וועט מענ זיי דערנאָכ צוריק אַרײַנשטעלנ. ניינ, גאָר אַזוי לייכט וועט דאָס גיט צוגיינ, האָט געזאָגט מאַקס גייזלער. דאָס הויז געהערט דער בער-לינער געמיינדע, אונ די בערלינער סאָציאַל-דעמאָקראַטישע געמיינדע האָט זיכ אירע אייגענע גענגעלעכ. ס'קומט א לאַסט-אויטאָמאָביל, די זאַכנ וואַרפט מענ אַרופ, אונ מע פרעגט: וווּהינ? אונ אז דו ווייסט נישט וווּהינ, פירט מענ אַוועק די זאַכנ אינ געמיינדע-סקלאַד. פאַרשטאַנענ? יאָ, דאָס האָבנ אַלע גוט פאַרשטאַנענ, דאָס איז א ביטערער אייסעק. אונ די פרוי שטיינשנײַדער האָט פונסנײַ אָנגעהויבנ צו העשענ.

— וויינ נישט. — האָט זי פּראַנצ קאָנטאָפּ געטרייסט. — דײַנ ווייַנענ וועט סײַווי גאָרנישט העלפנ, די הערנ וועלנ זיכ דערפאַר נישט דערשרעקנ. אָבער מיר, וואַרט, מיר וועלנ שוינ עפּעס צוטראַכטנ.

— פאַנקראַצ! אַוועק פונ פענצטער!

דאָס האָט דער פאָרזיצער שומאַנ אַזוי געשריגנ. ער האָט געוואָלט, מע זאָל אימ הערנ, האָט ער געשריגנ. ווײַל אפּנ פענצטער פונ ערשטנ שטאָק האָט זיכ אויסגעזעצט דער אַלטער פאַנקראַצ, ווי אפ א באַנק אינ פּאַרק. מיט די פיס אַרויס אינ דרויסנ.

— איכ וויל הערנ. — האָט פאַנקראַצ געזאָגט.

— אַזוי זיצט מענ נישט! — האָט שומאַנ געשריגנ. — קומ אַראָפּ, וועסטו הערנ.

ער איז אַראָפּגעקומענ אונטנ, אינ הויפ איז נאָכ ענגער געוואָרנ. די אַלטע רייגעקע האָט איצט געזאָגט, זי האָט א גוטנ פאָרשלאַג. ווענ דער לאַסט-אויטאָמאָביל וועט קומענ, זאָלנ זיכ אַלע אַרופזעצנ אפּ אימ אַזוי ווי מע גייט אונ שטייט, אונ הײַדא אינ געמיינדע-סקלאַד! קיינ סאַכ זאַכנ זײַנענ סײַווי נישטאָ, זאָל מענ אונדז דאָרט אַרײַנלייגנ.

ניינ, די פרוי שטיינשנײַדער האָט נאָכ א גאַנצ ביסל גוטע זאַכנ, האָט זיכ עמעצער אָנגערופנ. אונ פּראַנצ האָט געזאָגט, אז פונדעסט-וועגנ האָט ער אויכ נאָכ א שיינ ביסל גוטע זאַכנ, אײַנגאַנצנ אַוועק-מאַכנ מיט דער האַנט דאַרפ מענ אימ נישט פונדעסטוועגנ — — —

די מענטשנ האָבנ געלאַכט אונ נישט געהערט פיִט דאָנערשלאַגס פאָרשלאַג. אָבער זײַנ פאָרשלאַג איז אָנגענומענ געוואָרנ, כאָטש מע האָט אים נישט געהערט. אונ אַז דער אינוואַליד האָט זיכ געלאָזט גיינ, זיינענ שוינ געגאַנגענ אַנדערע אויכ. דער ווינט האָט געבלאָזנ מיט דעמ ליידיקנ אַרבל פונ זײַנ לינקער האַנט, ער איז אַרופגעגאַנגענ צו דער פרוי שטיינשנײַדער. נאָכ אים איז נאָכגעגאַנגענ פראַנצ קסאַנטאָפּ, דער פּאַריזיצער שומאַנ, די פרוי שטיינשנײַדער אונ נאָכ עטלעכע מענער. די אַלטע ריינעקע איז געבליבנ אינ הויפ, זי האָט געהאַלטנ א בייזע רעדע אַפ דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער שטאָט=פאַרוואַלטונג אונ אַפ אַלע אַנדערע הויז=באַזיצערס. אירע שרײַענדיקע קלאָלעס האָט מענ גע־הערט אינ די שכיינעסדיקע הויפנ אינ אַרומ אַפ דער גאַס. אויבנ אַפנ צווייטנ שטאָק, בא דער פרוי שטיינשנײַדער, האָט מענ אינ די צוויי שטיבער צונויפגענומענ אַלע זאַכנ אונ מע האָט זיי אַריבערגעטראָגנ צו אַנדערע שכיינימ. אינ גאָר א קורצער צײַט, עפשער אינ קיימ א פערטל שאָ, זײַנענ איבערגעבליבנ ליידיקע טשוועקעס אינ די גאָלע ווענט. פיִט דאָנערשלאַג האָט געזאָגט צו דער פרוי שטיינשנײַדער:

— דעמ שליסל לאָזט שטעקנ, אַז זיי וועלנ צושליסנ, וועלנ מיר ווידער אופשליסנ. גייט אַרײַנ צו א שאָכנטע, פרוי שטיינשנײַדער, וואַרט ביז מיר וועלנ אײַכ רופנ.

זיי זײַנענ אַלע אַוועק פונ דער אויסגעליידיקטער דירע. פראַנצ קסאַנטאָפּ איז אַראָפ אינ הויפ, וו די אַלטע ריינעקע האָט נאָכ נישט געהאַט פאַרענדיקט איר בייזע רעדע. ער האָט אַרויסגעשלעפט פונ דער קופע מענטשנ זײַנ טאָכטער ליזל, אַפ איר אָנגעשריגנ:

— וואָס? דו ווייסט נישט, אַז מע דאַרפ גיינ עסנ? שנעל גיי ברענג די שיסעלעכ!

ליזל איז פאַרלוירנ געוואָרנ אינ טונקעלנ קאָרידאָר, באַלד צוריק געקומענ מיט עטלעכע אויסגעשטשערבעטע שיסעלעכ. פראַנצ קסאַנטאָפּ מיטנ זײַנ גאַנצ הויזגעזינד זײַנענ געגאַנגענ עסנ מיטיק אינ קיכ פונ דער בערלינער שטאָט=פאַרוואַלטונג.

ער איז שוינ געווענ לאַנג צוריק אינ קעלער. ער האָט אויסגעטאָנ די שיכ, ווײַל זיי האָבנ געריבנ די נאַקעטע פיס, אונ ער האָט געשאָלטנ מיט בייז בלוט אינ די וואָגצעס. אינ קעלער איז געווענ קיל, שטיל.

אכוץ אים און דער פופצניאָריקער ליזל איז נישט געווען קיינער אונטן. פראַנץ איז געזעסן אפ זײַן געלעגער, געריבן די פיס. ליזל איז געזעסן אונטערן פענצטער און נאָך אַלץ געגלעט דאָס איינע שטיקל העמד. איבער דער פּאָדלאָגע האָבן זיך געגליטשט טונקעלע שאָטנס, אפ די ווענט זײַנען געקראָכן רויטע וואַנצן. פראַנץ האָט אַרויסגעקוקט דורכן אויבערשטן טייל פענצטער, עס איז שוין געווען שפּעט נאָכמיטיק. עפּשער אַרום פיר. קוים שקראַבעס האָבן זיך דורכן פענצטער קימאַט נישט געוויזן, נאָר אפן שוואַרצן אַספאַלט איז געלעגן אַ שטיק גראָבע זון.

פראַנץ האָט ווידער אַריבערגעקוקט צו ליזלען, ער איז געזעסן אַקעגן איר. פון אַזאַ לאַך צו מאַכן אַ העמד, האָט ער געטראַכט, דאַרף מען זײַן אַ קינסטלער. נאָר נײַגעריק איז ער געווען פונדעסטוועגן וועמען זי וועט דאָס געבן. ווען זי גיט דאָס אים, וואָלט ער געווען צופרידן, ער וואָלט איר געזאָגט אַ גוט וואָרט. קומט דעמלט אַרײַנצולויפן די קליינע העדוויג, דעכעט קוים מיטן לעצטן אָטעם, אַז אפן גאַס איז שוין פאַרפאָרן דער אַווטאָמאָביל. זי איז דערשראָקן אפ טויט, די קליינע העדוויג, און מער ווייסט זי נישט וואָס צו זאָגן. דאָס קליינע שטומפּיקע נעזל איז אַרופגעריסן און פאַרשוויצט, ווי זי וואָלט אָפּגעאָטעמט די לעצטע מינוטן פון לעבן. נאָר דער פאָטער בלײַבט זיצן רויִק. זאָל זײַן, זאָגט ער, ער האָט צײַט. אויב מע וועט אַרײַנקומען נעמען דאָס מעבל, וועט ער זאָגן, ביטע! נעמט די וואַנצן.

פאַמעלעך טוט ער אָן די שיך. העדוויג שטייט אַ מינוט אינגאַנצן פאַרלוירן, און לויפט אַרויס. ווידער געדוירט עס, ווי שטענדיק, דאָס פאַרשאָלטענע צושנירן די שיך, נאָר ער שעמט זיך איצט צו שעלטן, סע זאָל נישט הייסן ער אײַלט זיך. און ווען ער קריכט אַרויס, שטייען שוין אין הויף מענטשן און קוקן שווײַגנדיק איינער אפן אַנדערן. מע טוט אים צו וויסן, אַז זיי זײַנען אַרופגעגאַנגען צו דער פרוי שטיינשנײַדער. פראַנץ ווייס נאָך נישט ווער עס הייסט דאָס „זיי". נאָר ער גייט אַרויף אפן צווייטן שטאָק. דאָרט שפּרינגט אַרויס צו אים פון דער ליידיקער דירע דאָס קליינע מענטשל, וואָס איז דאָ געווען אינדערפרי, „דאָס אַמט", שפּרינגט מיט דער ווײַסער וועסט, ווי אַ ווײַסע זשאַבע: ער וועט אים זאָגן וואָס דאָ איז געשען, ער איז אַ פײַ-

נער מענטש, אַן אָרנטלעכער מענטש, דער הער קסאַנטאָפּ, ער וועט אים זאָגן!

פראַנץ האָט געוואָלט לאַכן, נאָר ער האָט עס באַהאַלטן אונטער די לאַנגע וואָנצעס, דאָס שטיקל געלעכטער. און ער האָט געזאָגט: יאָ. ער זאָל זאָגן? וואָס איז דען דאָ אַ סאַך צו זאָגן? זי איז אוועק. געכאַפּט די פּאָר שטיקלעך מעבל און אַנטלאָפֿן, מוירע געהאַט.

ארום איז געשטאַנען אַ פּאַרביק בינטל מענטשן, געקוקט מיט שווינדלדיקע אויגן, „דאָס אמת" האָט זיך געדרייט פֿון איינעם צום אַנדערן, געשוויצט, און זיינע באַגלייטערס, די צוויי טרעגערס, האָבן הויך געשאָלטן. לאַכנדיק זיינען זיי אַראָפּ מיט די טרעפּ, און „דאָס אמת" איז זיי נאָכגעקראָכן שווייגנדיק, פֿאַרשעמט. דערמאָלט איז פֿראַנץ קסאַנטאָפּ צוגעלאָפֿן, אָנגעכאַפּט דאָס מענטשל בײַ דער האַנט:

— צו מיר?

„דאָס אמת" איז שטיין געבליבן אַ רגע, אַריבערגעקוקט איבער די ברילן מיט אַ שפּיציק שמייכעלע:

— הי! צו אײַך? וואָס וועל איך נעמען בײַ אײַך?

און אַראָפּגעלאָפֿן.

פֿון גאַס האָט מען אַרויפֿגעהערט זשומען דעם שווערן אויטאָמאָביל, דער אינוואַליד פֿײַט דאָנערשלאַג איז אַראָפּגעגאַנגען, באַלד ווידער אַרויפֿגעקראָכן, געגעבן אַ שאָקל מיטן קאָפּ — די פֿרוי שטיינשניידער האָט איצט שוין נישט געהעשעט, זי האָט געלאַכט. מאָרגן וועט זי גיין אין שפּיטאָל אַרײַן צום מאַן, האָט זי געזאָגט, און זי וועט אים דערציילן. ער וועט זיך פֿרייען. עס האָט געדויערט געציילטע מינוטן — זײַנען די זאַכן ווידער געשטאַנען אין די צוויי שטיבער. די מענטשן האָבן געשלעפּט ווי רוכעס, געשטעלט איטלעכס אויף זײַן אָרט — און פֿראַנץ קסאַנטאָפּ האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף דער ווייכער קאַנאַפּע. דאָ איז גוט צו זיצן, האָט ער געזאָגט. לעבן אים האָט זיך אוועקגעזעצט פֿײַט דאָנערשלאַג אויף דער רעכטער זייט, און אויף דער לינקער זייט דער פֿאַרזיצער שומאַן.

— צי דו האָסט עפּעס צו פֿאַרזיכערן, פֿאַרזיצער? — האָט געפֿרעגט דער אינוואַליד. און פֿראַנץ האָט זיך געגעבן אַ כאַפּ צו דער קעשענע:

— איך האָב. איך!

ארויסגענומענ א פולע זשמעניע מיט אָפּגעבראָכענע עקלעכ און טראַקטירט די צוויי פרײַנט. זיי האָבנ צעדריוועלט די פאַרפּאַפּטע שטיק- לעכ, ארופגעשיט דעמ פײַכטנ טאַבאַק אפ א שטיק פאַפיר, און גע- דרייט. דערנאָכ האָבנ זיי געשלונגענ אלע דרײַ דעמ געשמאַקנ רויכ.

— ווו האָסטו גענומענ אזויפיל טאַבאַק? — האָט געפרעגט פײַנט דאָנערשלאַג.

— פּראָטעקציע! — האָט געענטפערט פראַנצ קסאַנטאָפ, גע- קנייטשט מיטנ לינקנ אויג.

באנאכט

האנס מילער איז געזעסנ בא שטענגלענ אינ שטוב. די שפעטע נאכט איז אראפּגעהאנגענ פונ טונקל פארשטעלטנ לאמפּ, געקומענ פונ די בעטנ מיט שווערנ שלאפ. די לאנגע שאטנס איבער די ווענט האבנ דערציילט פונ באנאכטיקע סוידעס.

האנס מילער האט אויסגעזענ פינצטער אונ אויסגעמאטערט. זײנע אויגנ זײנענ געווענ טיפ אײנגעפאלנ, דער שטערנ צעקנייטשט. ער איז געזעסנ אײנגעבויגנ איבערנ נידעריקנ טיש. דעמ קאפ אינ בײדע הענט. שטענגל איז געזעסנ אקעגנ אים אונ פארשנדיק ארײנגעקוקט אינ זײנ פינצטער פּנים. ער האט שטיל געפליסטערט, גלײכ ער וואלט געווענ הײזעריק:

— הײנריכ גליקע איז זײער בעסטער פירער, ער מוז שטארבנ.

שווער אונ הײס איז געקומענ דער שלאפ פונ די בעטנ, די שטוב איז געווענ פול מיט מענטשלעכע לעבנס אונ מיט טונקעלער נאכט. האנס מילער איז אופגעשטאנענ. אנ א ווארט צו זאגנ איז ער צוגעגאנגענ צו דער טיר, שטענגל איז אימ נאכגעגאנגענ. זײ האבנ זיכ אראפּגעלאזט מיט די טרעפ, פיר שטאק, די טריט האבנ געקלונגענ אינעמ פארשלאפענעמ הויז הארט אונ אומהיימלעכ.

אונטנ האט שטענגל אופגעשלאסנ דעמ טויער, געגעבנ מילערנ די האנט — נאר מילער האט דאס נישט באמערקט, ער איז ארויס אפ דער גאס. די בלויע פרילינגדיקע נאכט האט געקלונגענ הינ אינ די אויערנ. עס איז געווענ שטיל.

א בוים האט זיכ געוויזנ אפנ ראָג, עס האט זיכ נישט גערירט קיינ איינציק בלעטל. די בלויע נאכט איז געשטאנענ הויכ איבער די הײַזער. אינ די הײַזער איז מענ געשלאָפנ.

האנס מילער איז נישט געווענ שווער, ער איז געווענ לײַכט, דאַר און בייגעוודיק. נאָר דער לײַכטער טראָט האט אָפּגעקלונגענ הויכ אינ דער ליידיקער נאכט. אזוי איז נאָכ קיינמאָל נישט געווענ. אזוינס האט האנס מילער נאָכ נישט געפילט קיינמאָל. ער האט שטענדיק געטראַכט: בערלינ רוט נישט אפילע בײַנאכט, בערלינ ווארפט זיכ, רעוועט שטענ-דיק — אזוי און נישט אנדערש, האט זיכ אימ אויסגעדאַכט. ער האט זיכ אָפּגעשטעלט, אָנגעלענט זיכ אָנ א וואנט. מיט דער האנט האט ער געריבנ איבערנ שטערנ: איז ער שיקער? ער האט שוינ א סאכ מאָל געטרונקענ מער ווי הײַנט, ער איז נישט שיקער. נאָר דאָס איז דער אוניאָנ-פלאץ, ווו ער שטייט. ער שטייט אפנ אוניאָנ-פלאץ.

ער האט זיכ פאוואָליע אומגעקוקט, מיט האלב-פארמאכטע אויגנ, ווי ער וואָלט זיכ געשראָקנ שארפער צו קוקנ. זײַנע אויגנ זײַנענ גע-גאנגענ פונ אָרט צו אָרט, מיט לײַכט-פאמעלעכדיקע טריט. און דאָרט צווישנ די קוסטעס איז ער פריִער געשטאנענ, צוזאמענ מיט די אנדע-רע פונ שטורעמ, פונ דאָרט זײַנענ זיי אלע ארויסגעשפרונגענ. און דאָ אפ דער אקעגנדיקער גאס איז ער צו אימ צוגעלאָפנ, צו דעמ הויכנ. דאָ האט ער אינ אימ ארײַנגעשטאָכנ דאָס מעסער, אינ דעמ ארבעטער. ער האט געהערט א כליופ — אזא שטילנ דערשטיקטנ כליופ — און דער מענטש איז אומגעפאלנ.

האנס האט אוועקגעכאפט די האנט פונ שטערנ, ער האט זיכ אויס-געגלײַכט, אופגעריסנ די אויגנ ווי נאָכ א טשאד און שנעל געגאנגענ ווײַטער. מיט פעסטע טריט. מיט הויכע קלינגענדיקע טריט. ער איז דאָכ נישט קיינ קינד! און ער איז נישט שיקער, און נישט משוגע. נאָכ העכער האט געקלאפט זײַנ טראָט אפנ פלאסטער, די נאכט האט אופגעהערט צו קלינגענ דינ, עס האט געברומט איבערנ גאנצנ פלאץ. פלוצעמ האט ער זיכ ווידער אָפגעשטעלט, זיכ אומגעקוקט. זײַנ האנט האט זיכ אויסגעשטרעקט און געוויזנ אפ אנ אָרט — גלײַכ עמעצער וואָלט אימ ארײַנגעשריגנ אינ אויער: ד אָ ר ט א י ז ע ס ג ע ש ע נ!

האנס מילער האט אופגעהויבנ דעמ קאָפ, אוועקגעריסנ די אויגנ פונ יענעמ אָרט. הויכ איבער אימ, איבערנ גאנצנ אוניאָנ-פלאץ, איז

געשטאַנען די לעוואָנטע. זי איז געווען שטאַרק צעצויגן און שטאַרק בלאַס. פּאַמעלעך איז מילער צוגעגאַנגען צו יענעם אָרט, וווּ דער מאָרד איז פֿריִער געשען, פּאַמעלעך זיך אַראָפּגעבויגן, מיט אַ פֿינגער אָנגערירט דעם בלוט־פֿלעק. און נאָכאַמאָל אָנגערירט. זיך אויסגעגלײַכט.

שטיל געשעפּטשעט: פֿ אַ ר וו אָ ס ה אָ ב א י ך ד אָ ס ג ע ט אָ ן?

ער האָט זיך אומגעקוקט. פֿונדערווײַטנס האָט ער געזען אַ פּאָליציי־פּאַטרול. שנעל איז ער אַוועק פֿון פּלאַץ, מער האָט ער זיך נישט אָפּגעשטעלט אין ערגעץ.

פּאַרן הויז־טויער, וווּ ער וווינט, האָט ער באַגעגנט הײַנריך גלינקע. אויך הײַנריך וווינט אין דעם זעלבן הויז. ער האָט אים אָפּגעשטעלט:

— נאַנו? גאָר אַזוי שפּעט, הער מילער?

האַנס מילער האָט גאָרנישט געענטפֿערט, ער האָט געבויגן דעם קאָפּ צו דער ערד. אין דער זעלבער מינוט איז אים באַפֿאַלן אַ ווילדער צאָרן — ער וואָלט בעסער געגאַנגען ווײַטער, אַרײַן אין שטוב, געלייגט זיך שלאָפֿן. נאָר הײַנריך האָט נישט אָפּגעלאָזט:

— שווער אַרײַנצוגיין אין שטוב, הער מילער. הום? אָט זעסטו זיך אָקאָרשט מיט אַ פֿרײַנט, מיט אַ גוטן כאַווער, און אַ מינוט אַרום איז ער נישטאָ. לעבט נישט מער. און דו גיי דיר אַרײַן אין שטוב גלײַך גאָרנישט. פֿריִער איז ער דערשטאָכן געוואָרן פֿון די נאַציס. אַז קוים צוויי־און־צוואַנציק יאָר איז ער אַלט געווען. צוויי־און־צוואַנציק יאָר, הער מילער!

האַנס מילער האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, אָנגעקוקט הײַנריכן. הײַנריכס פּנים איז געווען צעקנייטשט, שוואַרץ, ווי אַ גרודע רוי־ערד. די פֿאַרקלעמטע ווערטער האָבן זיך פֿון דעם פּנים אַרויסגעריסן סײַ ווען ער האָט גערעדט, סײַ ווען ער האָט געשוויגן. מילער האָט געטראַכט: צי ווייסט שוין הײַנריך, אַז זינט עטלעכע טעג איז ער באַ די נאַציס?

הײַנריך האָט אים געפֿרעגט:

— זאָגט, הער מילער, צי בין איך נישט גערעכט? איך רייד דאָך נישט פֿון אַזעלכע לומפּן, וואָס לאָזן זיך פֿאַרקויפֿן פֿאַר עטלעכע מאַרק, איך רייד פֿון פּראָלעטן, וואָס האָבן זייער מענטשלעכקייט נאָך נישט אינגאַנצן פֿאַרלוירן. און אַזעלכע זאָלן זיך לאָזן אָפּנאַרן פֿון אַ געמיינעם

שארלאטאנ? אזעלכע זאָלנ זיכ לאָזנ ארומוויקלענ מיט א פינגער, וואָס די נאָז דערפילט אימ אפ א מייל ווייט? זאָגט, הער מילער, וואָס זיי־נענ אזעלכע מענטשנ — נישט קיינ אידיאָטנ אונ מערדער? וואָס דענ זיינענ זיי? יאָ, זיי זיינענ הונגעריק. דער הונגער האָט זיי צעמישט, ווילד געמאכט. אָבער פארוואָס זעענ זיי נישט, וועלכער וועג קאָנ זיי ארויספירנ פונעמ הונגער? זעט, הער מילער, איר זייט ארבעטלאָז, שוינ וויפל יאָר? אונ פארוואָס לאָזט איר אייכ נישט פארפירנ דורכ דער פאשיסטישער אידיאָטסטווע? פארוואָס? וויל איר האָט נאָכ נישט פארלוירנ דעמ קאָפ. שטימט?

צעמישט דורכ די שפרינגענדיקע געדאנקענ, האָט האנס מילער צו־געשאָקלט אפ יאָ. אינ די ליידיקע נאכט האָט אויפגעכאפט א קיילעכיקנ געזאנג פונ א מיידל, א צוויטשערנדיקנ זאָרגלאָזנ געזאנג.

— אזוי זיינענ זיי. — האָט היינריכ געזאָגט. — ווי די מיידלעכ. פאר־קויפנ זיכ, פארשיקערנ זיכ, אונ פילנ נישט אפילע דעמ טויט אפנ איי־גענעמ לייב.

וואָס לאָזט ער מיכ נישט ארייננ אינ שטוב? האָט מילער געטראכט מיט פארביסענע ציינ. וואָס האָט ער זיכ מיר געשטעלט אינ וועג? ווייטער האָט היינריכ געזאָגט:

— אונ אונדזער פאטיצקא איז טויט.

מילער האָט געפרעגט:

— ווער איז טויט?

— אונדזער פאטיצקא. — האָט היינריכ געזאָגט. — דאָס איז דער, וואָס איז היינט דערשטאָכנ געוואָרנ פונ די נאצי־מערדער אפנ אוניאָנ־פלאצ, פאטיצקא האָט ער געהייסנ.

האנס מילער האָט צעשפרייט די נאָז, מיטאמאָל איז אימ געוואָרנ שווער צו אָטעמענ. דער ווילדער צאָרנ איז אימ נאָכ שטארקער ארייננ אינ קאָפ, געטומלט, גערוישט, געריסנ שטיקער. אונ פלוצעמ האָט אימ היינריכ אָנגענומענ מיט ביידע הענט בא די אקסלענ:

— הער מילער, איכ קומ איצט פונ דאָרט, פונ אוניאָנ־פלאצ. איכ האָב געזענ דעמ גרויסנ בלוט־פלעק, הער מילער. ער איז נאָכ פריש. מע האָט אימ נאָכ נישט אָפגעוואשנ פונ די שטיינער, הער מילער.

האנס מילער האָט געהאלטנ די הענט אינ די קעשענעס, דעמ קאָפ

אַראָפּגעבויגן. שווייס איז אים אַרויס אַפּן שטערן. וואָס האָט ער זיך אַפּ מיר פֿאַרנומען? האָט ער געטראַכט. פֿאַרוואָס לאָזט ער מיך נישט גיין מיין וועג? צי וויל ער — איך זאָל אויך אים איצט — — —

פּלוצעם האָט ער זיך דורכגעריסן דורך הייזעריכן, אַריינגעלאָפֿן אין אָפֿענעם טויער. מיט צוויי לאַנגע שפּרינג איז ער געשטאַנען לעבן אוטאָ-גאַראַזש. ער האָט בייז געקלאַפּט אַפּ די עטלעכע טריט, וואָס האָבן אַרויפֿגעפֿירט אין זיין הילצערן שטיבל. די גלאָזטיר האָט געקריצט, זיין ווייב האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף, זיך אויפֿגעזעצט אין בעט. געזעסן אין ווייסן העמד, מיט צעשויבערטע האָר.

ווי צעבראָכן, ווי צעטומלט האָט זיך האַנס אַנידערגעזעצט אַפּ דער באַנק לעבן פֿענצטער. אין קאָפּ האָט זיך אים געפּלאָנטערט, געמישט, נישט געוווסט וואָס עס וויל פֿון אים האָבן.

זיין ווייב איז געזעסן אין בעט, צעשויבערט, דערשראָקן. זינט דריי טעג האָט זי נישט באַקומען קיין קלעפּ, זינט דריי טעג איז האַנס צו איר גוט. יעדן טאָג האָט ער אַהיימגעבראַכט עטלעכע מאַרק, ער איז נישט געווען שיקער, ער איז געווען ליב צו איר. וואָס האָט היינט ווידער געטראָפֿן? וואָס איז היינט געשען? איבער אירע נאַקעטע הענט האָט זיך געצויגן אַ קאַלטע גענדזענע הויט.

פֿאַמעלעך איז זי אַראָפּ פֿון בעט, און שטיל צו אים צוגעגאַנגען, זיך אַנידערגעזעצט לעבן אים. איבערן פֿענצטער איז געהאַנגען די לעוואָנע, אַ שטאַרק צעצויגענע, אַ בלאַסע. האַנס מילערס ווייב איז געווען אַ דאַרע, און אויך אַזאַ בלאַסע. זי האָט זיך פֿאַרטראַכט אין דער לעוואָנע, אַ פֿערטל שעה, עפּשער אַ האַלבע שעה — ריידן האָט זי מוירע געהאַט.

ערשט דערנאָך האָט זי געזאָגט גאָר שטיל:

— האַנס, גיי דאָך שלאָפֿן.

ציטערנדיק האָט זי געוואַגט אַרומנעמען זיין האַלדז מיט איר האַנט. ווי אַ קינד האָט ער אויסגעזען, אַזוי ראַכמאָנעסדיק, אַזוי בלייך איז געווען זיין פּאָנעם. אַז ער האָט זי אָנגעקוקט מיט זיינע צעמישטע אויגן, האָט זי נישטווילנדיק אַראָפּגענומען די האַנט פֿון זיין האַלדז. און איר נאַקעטע האַנט איז געבליבן הענגען פֿאַרשטאַרט איבער דער קליינער שטוב.

— מאַרי, — האָט ער געזאָגט, — מאַרי, ווער בין איך?

זי האָט זיכ דערשראָקנ:

— דו? דו ביסט דאָכ מײַנ מאַנ.

אירע בלאַסע ליפּנ האָבנ געציטערט. ער האָט געשמייכלט.

— גיינ, מאַרי, דאָס ווייס איכ, אַז איכ בינ דײַנ מאַנ, ווער בינ איכ אַזוי — אַכוץ דײַנ מאַנ? דו פֿאַרשטייסט, ווער בינ איכ — איכ, אַלס מענטש?

זי האָט אָנגעהויבנ צו פֿילנ, אַז זײַנ פֿראַגע איז נישט קיינ ווילד־מעשוגענע, נאָר מיט וואָס אַזאַ פֿראַגע קאָנ זײַנ פֿאַרבונדנ, מיט וועלכנ געשעעניש, דאָס האָט זי נישט געקאָנט וויסנ. זי האָט זיכ ווידער צוגערוקט נעענטער צו איִמ און ווידער אַרופֿגעלייגט איר האַנט אַפֿ זײַנ האַלדז.

— קומ, — האָט זי געשעפּטשעט, — קומ שלאָפֿנ, האַנס.

ער האָט געזאָגט:

— ניינ, דו פֿאַרשטייסט מיכ נישט, מאַרי. ניינ, באַ וועלכער פּאַר־טיי בינ איכ איצט?

— דו? באַ די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטנ, האַנס. — האָט זי געזאָגט.

— און וואָס פֿאַר אַ מענטש בינ איכ, אַזוי?

זי האָט נאָכגעקלערט.

— דו? דו ביסט אַ נאַציאָנאַל־סאָציאַליסט, האַנס.

— און אַנ אַרבעטער בינ איכ נישט?

— יאָ, דו ביסט אַנ אַרבעטער, האַנס.

— און אַ פּראָלעט בינ איכ נישט?

זי האָט ווידער אַ ביסל לענגער נאָכגעקלערט.

— יאָ, דו ביסט אַ פּראָלעט, האַנס.

ער האָט אױפֿגעהערט צו פֿרעגנ, אַראָפּגעבויגנ דעמ קאָפּ, נאָכגעלאָזט די הענט. און זי האָט איִמ שוינ נישט אָפּגעלאָזט, נאָר ער זאָל גיינ שלאָפֿנ. זי האָט אינ איִמ אַרײַנגערעדט, אַ סאַכ אַרײַנגערעדט, אויסגעזוכטע ווערטער, פֿאַרשיט מיט רייד. באַ דער האַנט האָט זי איִמ צוגעפֿירט צומ בעט, ווי אַ קינד, ווי אַ קראַנקנ. זי האָט איִמ אַנידערגעזעצט אַפֿנ בעט, לעבנ איִמ אַנידערגעקניט, גענומענ אויפֿשנירנ די שיכ. און מיט יעדנ צי פֿונ שיכבענדל האָט איר האַרצ שטאַרקער געקלאַפּט: ער זאָל נאָר ווידער נישט אַנדערש ווערנ, ווי ער איז שוינ געווענ אינ די לעצטע דרײַ טעג. פֿריִער האָט ער זי יעדנ טאָג גע־

שלאָגן, די לעצטע דרײַ טעג האָט ער זי נישט געשלאָגן. און די עטלע־
כע מאַרק, וואָס ער האָט יעדעס מאָל געבראַכט, דאָס איז דאָך געווען
ווי געפונען. ציטערנדיק האָט זי געשנירט די בענדלעך פון זײַנע צע־
שקראַבעטע שיך, ציטערנדיק האָט זי געשעפּטשעט מיט די ליפּן:

— האָפנטלעך וועט עס לאַנג אַזוי זײַן, האַנעס. — און זי האָט
אַראָפּגעשלעפּט אַ שוך פון זײַנע שטײַפע פיס.

ער האָט איר דערלאַנגט אַ שטויס מיט דער האַנט — זי איז אומ־
געפאַלן. ער איז אויפגעשטאַנען און געשריגן:

— וואָס טוסטו מיר עפּעס אויס די שיך? מיינסטו איך בין שיכּור?

זי איז פּאַמעלעך אויפגעשטאַנען, זיך אַנידערגעזעצט אויפן בעט. און
ער איז צוגעגאַנגען צום קליינעם פענצטער. די לעוואָנע איז געווען
בלאַס.

מײַנ ליבע מיט ליסכענ

מאָדנע האָט זיכ אָנגעהויבנ מײַנ ליבע.

בײַ מײַנע באַקאַנטע, װו איכ פֿלעג שלאָפֿנ אינ קיעװ, האָט מענ מיר געזאָגט, אַז עפּעס האָבנ זײ מורע, זײ האָבנ מורע פֿאַר דער פּאָליצײ אונ אַזױ אונ אַזױ.

צי בינ איכ דענ טויב? צי פֿאַרשטײ איכ שױנ נישט װאָס מע רעדט צו מיר? אַז אַזױ אונ אַזױ — איז אַזױ אונ אַזױ. אונ איכ װײס שױנ אַלצ.

אַ באַװער פֿונ „ייִדישנ אַרבעטער־קולטור־פֿאַרײַנ“ האָט מיר געזאָגט, אַז אינ אַ צװײ װאָכנ אַרומ װעט ער מיכ קאָנענ אַרײַנעמענ צו זיכ, װײַל ביז דעמאָלט האָט ער דאָרט עמעצנ אונ ביז װענ־און־װאָס מוז איכ מיר זוכנ אַ דירה, דאָס הײסט: אַ נאַכטלעגער. װײַל אויפֿ באַטאָג דאַרפֿ איכ זי אויפֿ קאַפּאָרעס, די גאַנצע דירה, פֿאַראַנ אינ בערלינ צװאַנציק באַטאָגיקע דירעס פֿאַרמײַנעטװעגנ. אינ די אַלע צװאַנציק דירעס קאָנ איכ שרײַבנ אונ לײענענ אונ עסנ, אויב ס'איז דאָ װאָס, אונ אַפֿילע אַ דרעמל טאָנ קאָנ איכ אויכ. אַחוצ דעמ באַקומ איכ אַמאָל אַ שטיקל אַרבעט אונ דעמאָלט האָב איכ אַלע צװאַנציק באַטאָגיקע דירעס אינ דר'ערד. הײסט עס, דעמ טאָג האָב איכ שױנ יאַקאָש װו אַװעקצוזעצנ, נאָר די נאַכט האָב איכ נישט װו אַנידערצולײגנ. נישט מער, װאָלט דאָס געװענ אינ זומער, װאָלט איכ אויכ אויפֿ דער נאַכט געפּײַפֿט. װײַל דעמאָלט לײג איכ זיכ מיר אינ דער קעשענע אַרײַנ, די גאַנצע נאַכט, אונ גײ מיר מיט איר שפּאַצירנ. איז אָבער איצטער

ווינטער, די נאַכט זעט אויס ווי אַן אַלטע ייִדענע און זי קלאַפּט מיט די ציין.

גיי איך מיר אַזוי און טראַכט. טראַכט איך, אַז דער שלאַק זאָל עס טרעפֿן! פֿאַראַן אין בערלין אַזוי פֿיל דירעס, אַז מע וואָלט געקאָנט אין זיי אַרײַנלייגן אַלע נעבעכס מיט אַלע טעג פֿון אַ גאַנץ יאָר און פֿון אַ גאַנץ לעבן. נאָר — נו, וואָס וועל איך מיך דאָ שעמען? מע דאַרף האָבן דערצו געלט. און איך האָב נישט אַפֿילו קיין צוויי גראָשן אויף אַ שטיקל הערינג. און הערינג, דאָס מוז מען וויסן, הערינג איז אַמאָל באַלד אַזוי פֿיל ווערט ווי אַ נאַכטלעגער. נו, שוין. זאָל זײַן ווי עס איז. אַבי איך גיי מיר אַזוי און טראַכט — און אָט בין איך באַם הער פּיפּערוס. דעם הער פּיפּערוס קענען אין בערלין אַ סך מענטשן. דער הער פּיפּערוס האָט זײַן סטאָליערישן וואַרשטאַט אין דער שענהאַוזער אַליי, אין אַ קעלער, און דער הער פּיפּערוס איז שוין אַלט. לויט ווי ער אַליין דערציילט, איז שוין איבער דרײַסיק יאָר, אַז ער שמעקט טאַבעק. אַליין אַרבעטן קאָן ער מער נישט, און אַרבעט באַקומט ער טאַקע נישט מער ווי אַ קליין פּיצעלע איין מאָל, אָדער צוויי מאָל אין דער וואָך. דערפֿאַר לויפֿן שוין איבער דעם פּיצעלע אַרבעט אַ גאַנצע כאַפּטע אַרבעטלאָזע און איך לויף אויך. מאַכט זיך טאַקע, אַז אַמאָל כאַפּ איך די מעציע. און אויך דאָס מאָל, אין דעם גרויסן אומגליקלעכן טאָג, בין איך געווען דער גליקלעכער. דער אַלטער פּיפּערוס האָט געשמעקט טאַבעק און מיר געגעבן אַ צעטעלע מיט אַן אַדרעס, וווּהין איך זאָל גיין אַרבעטן. נאָר צי ווייסט דען דער מענטש, וווּ עס ליגט באַהאַלטן זײַן גליק? אַמאָל ליגט עס אין אַ קליין צעטעלע. דערפֿאַר האָב איך אַ שלײַדער געטאָן דאָס קעסטל געצייג אויף דער פּלייצע, ווי אַ פּאַפּירענעם פֿויגל, און בין געגאַנגען.

איך בין אַרײַן אין הויז שענהאַוזער אַליי 179. אַ מעשענער שילד מיט דעם נאָמען מ. ליבערמאַן האָט מיר אַקעגנגעוווּנקען שוין אויף די ערשטע טרעפּלעך. איך האָב אָנגעקלאַפּט אין דער טיר און געטראַכט: אַ וואונדער טיר. הויך און ברייט, מיט דרײַ שלעסער און מיט צוויי קײַלעכיקע קוקערס. פֿײַן לאַקירט! די באַלעבאַטים, האָב איך מיר געטראַכט, זײַנען נישט דאָרט באַדײַ־ווער, אַלץ אין דער וועלט איז צוגעפּאַסט צום מענטש. אַן אויג האָט זיך אַרײַנגעלייגט אין קוקער און מיך באַטראַכט. דערנאָך האָט זיך די טיר געעפֿנט אויף אַ קליינעם

שפּאַלט און הענגען געבליבן אָפּ אַ ניקלנע קייטעלע. אַ פּאַנעם, וואָס דו ווילסט עס באַלד אָפּן אָרט אַ קוש טאָן — האָט אַרויסגעקוקט. און איך האָב געזאָגט, אַז איך קום פֿון דער פּיפּערום.

דאָס פּאַנעם האָט געענטפֿערט:

— אַ מינוט.

עס האָט אַ קלונג געטאָן דאָס קאָל ווי אַ גלעקל. און דורכן שמאָלן שפּאַלט פֿון דער אָפּן געלאָזענער טיר האָט זיך באַלד געוויזן: דאָס פּאַנעם פֿון דער מאַדאַם. איך האָב אַראָפּגענומען דאָס היטל און באַגריסט. די מאַדאַם האָט מיך אָנגעקוקט, געזען מײַן קעסטל געצײַג און געפֿרעגט:

— איר קומט פֿון דער פּיפּערום?

— יאַוואָל.

— דאַן לאָז אַרײַן דעם הער, ליסכען. — האָט זי געזאָגט אין קאָרידאָר און אַוועק.

ליסכען האָט אויפֿגעקייטלט די טיר. איך וועל זי באַלד אָפּן אָרט פֿאַרשטעלן: זי איז דין, ווי אַן אויסגעצויגן שנירל. בײַ דער טאַליע איז זי גאָר דערצו אַרומגעפּאַסעוועט מיט אַ לעדערנעם שמאָלן רימען, און דאָס מאַכט זי שוין גאָר אינגאַנצן דין. ווען איר דינקײַט האָט אויך עפּעס צו זאָגן דאָס, וואָס זי איז הויך. זי איז באַלד אַזוי הויך ווי איך. אַ ווײַסע געקראָכמאַליעטע שירץ וויקלט אַרום איר אויסגעצויגענעם קערפּער, דאָס קײַלעכיקע קעפּל איז אויסגעבויגן זײַטלעך, אירע בלאָנדע האָר זײַנען געקרײַזלט. די רעכטע האַנט שטרעקט זיך אויס לײַכט און פֿאַוואָליע — און ווי ווײַזט דיר וואָהין זאָלסט גיין.

נאָר איך וואָלט, פֿאַרשטייט זיך, אַזוי שנעל נישט געגאַנגען. דאָס גלעקל פֿון פֿריִער קלינגט מיר נאָך אין די אויערן, איך קוק אויף די ליפּן, וואָס קאָנען אַזאַ פֿײַנעם קלינג טאָן. אָבער גראָד דעמאָלט הערט זיך דער מאַדאַמס שטים:

— וואָס איז דען, ליסכען? זאָל דער הער אַרײַנקומען.

עס האָט זיך געהערט, ווי אַ שווערער קלויסטער־גלאָק. איך האָב נישט געקאָנט לענגער באַטראַכטן ליסכענס טײַערע אייגנשאַפֿטן, געמוזט אַרײַנגיין. אַ שאָד — אַ שאָד.

אין סאַלאָן זײַנען געווען געסט. אַחוץ דער מאַדאַם זײַנען דאָרט געזעסן נאָך צוויי אַנדערע מאַדאַמען. איך האָב אַ שלינג געטאָן דעם

אַטעמ: אוכ! וואָס פאר א רייעכ. דרײַ מאדאמענ זאָלנ אָנמאכנ אזא רייעכ.

— ביטע, היר. — האָט מײַנ מאדאמ געוויזנ אפ א קלײנעמ קרעדענצ.

איכ בינ צוגעגאנגענ אונ אופגעמאכט די טירלעכ. נאָר מיר איז פינצטער געוואָרנ פאר די אויגנ. געפרייט האָב איכ מיכ שוינ אפ מידייע-וואָס פאר אנ ארבעט, גערעכנט האָב. איכ באמ הער פיפערוס ארויסצובאקומענ כאָטש עטלעכע מארק — אונ דאָ, טו נאָר א קוק, זאָלסט מיר אזוי לעבנ! סע פעלט א שטיקעלע פאניער אפ דער אינווייניקער זײַט טירל, אונ שוינ. פארדינענ א לויזיקנ מארק, צוויי, דרײַ, נישט ווייסנ, ווער פריער, איכ צי פיפערוס, אונ שוינ!

איכ האָב מיכ גענומענ צו דער ארבעט. ארויסגעקלאפט דאָס אײַזנ פונ הובל אונ גענומענ צופאסנ א שטיקל פאניער. די מאדאמ האָט דערציילט אירע פרײַנדנס:

— זי קאָנ פאָשעט נישט לײַדנ, ווענ זי עפנט דאָס קרעדענצ-טירל, אז דאָרט זאָל זײַנ אָפגעריסנ א שטיקל.

איכ בינ ארײַנגעפאָרנ מיט אײַזנ אונטערנ פאניער אונ געמאכט א גרעסערע לאָכ. ארויפגעקראצט דעמ פארטריקנטנ קליי אונ ווידעראמאָל געמאכט א גרעסערע לאָכ — זאָל זײַנ כאָטש אפ א שאָ ארבעט: דערנאָכ בינ איכ אופגעשטאנענ אונ געזאָגט דער מאדאמ, אז זי האָט א טאָעס, אָפגעריסנ איז דאָ נישט בלויז א קלײנ שטיקל, נאָר דער גאנצער פאניער איז צעשפרונגענ. נו, האָט זיכ שוינ ווײַטער אופגעריסנ, זאָגט זי, אונ מער קײנ אופמערקזאמקײַט האָט זי מיר נישט געשענקט. איכ האָב גענומענ, געקראצט דעמ פארטריקנטנ קליי, ארומגעשניטנ דעמ צעריסענעמ פאניער אונ צוגעפאסט א נײַ שטיק. דער שמועס בא די דרײַ מאדאמענ האָט זיכ ווײַטער גענומענ שפינענ דאָרט, וווּ ער האָט זיכ איבערגעריסנ ווענ איכ בינ ארײַנגעקומענ. עס האָט זיכ געהאנדלט וועגנ א וויכטיקנ פראָבלעמ: וועגנ הײַנטיקע דינסטמיידלעכ. נו, וועגנ די גרויסע צאָרעס, וואָס מע האָט הײַנט-צו-טאָג פונ די דינסטמיידלעכ. יעדע פונ די דרײַ מאדאמענ האָט ארויסגעזאָגט איר אייגענע מײנונג. יעדע מײנונג איז געווענ אזוי וויכטיק, ווי די מײנונג פונ א כאָשעווונ מיניסטער-פרעזידענט. אונ יעדע מײנונג האָט מענ ברייט דיסקוסירט, צעלייגט אפ א סאכ טעלערלעכ. יעדע מאדאמ האָט געפישטשעט אָדער געוואָרקעט

אַף איר אײגענעם אױפֿן. ערשטנס: אַ יעדן מיטוואָך מוז מען זײ לאָזן אַרױסגײן און אַ יעדן צװײטן זונטיק אױך. הו! — קומען דעמלט גראָד געסט, קאָן מען זיך קײן אײצע נישט געבן, און מע איז געצװוּנגען גאָר אַלײן צו באַדינען. הו! — „נײן!", זאָגט מײן מאַדאַם מיט אַ הױכן קלױסטער־גלאָק. באַ איר גײט מען נישט אַרױס. נישט יעדן מיטוואָך און נישט יעדן צװײטן זונטיק. אַף דעם ענטפֿערט איר אַן אַנדערע מאַדאַם: אַז אַזױ? איר דינסטמײדל לײענט גאָר ביכער! פּוצט זיך װי דער רעבע, האָט צען ליבעס, און אַדרעראַבע, גײ זאָג איר עפּעס? אַף דעם האָט געענטפֿערט װידער אַן אַנדערע מאַדאַם, אַ צװײטנס, א דריטנס און פֿערטנס — — —

איך האָב געװאָרפֿן הינטערװײַלעכ אַ בליק: פֿענצטער װי אין רעמ־בראַנדס צײַטן. רױטע און שװאַרצע סמאַראָװידלע. זײַד און שמינקעכצ. דרײַ מאַדאַנעס: נעז פֿאַרשײדן, פֿאַרב באַ אַלע דרײַ גלײַכ—רױט און שװאַרצ, עס פֿעלן בלױז דרײַ קאַװאַלערן פֿון נאַפּאָלעאָנס צײַטן, מיט ענג־געפּאַסטע הױזן, מיט ברײטלעכ־װײַסע ריזשן אַרום די סאַמעטע־נע אַרבל און אַרום האַלדז. דרײַ קאַװאַלערן מיט פּאַריקן, מיט צעפּ־לעכ — און אָט גיבן זײ זיך אַ דרײ מיט די מאַדאַנעס אין אַ טאַנצ — אַזױ שטיל, אַזױ לײַכט, אַזױ צאַרט.

— און פֿערטנס: אױסגעלאָסן זײַנען די הײַנטיקע מײדלעכ, אײנע װי די אַנדערע, פּראָסטע װי גאַסן־מײדלעכ.

מײַן מאַדאַם האָט אַ קוק געטאָן אױף מײַן זײַט, איך בין געװען אױסגעדרײט צו דער שטוב מיט דער פּלײצע און שטאַרק געקראַצט מיטן הױבלײַזן דעם פֿאַרטריקנטן קלײ. די מאַדאַם האָט געזאָגט אַ ביסל שטילער:

— באַ מיר װאָלט זיך אַזױנס נישט געטראָפֿן. באַ מיר, װען איך װער נאָר געװאָר, אַז מײַנע איז אַזאַ־אָ, איז גלײַך אַרױס. אַרױס פֿון מײַן שטוב! „זאָװאָס" לאָז איך מיר נישט געפֿעלן. „זאָװאָס" קאָן באַ מיר נישט פֿאָרקומען. באַ מיר מוז אַזאַ „לודער" אַרבעטן פֿון פֿאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט, אַז זי האָט אַפֿילע קײן צײַט נישט זיך אומצוקוקן. באַ מיר מוז אַזאַ „לודער" — און די מאַדאַם האָט זיך אָנגע־הױבן שושקען.

איך האָב אױפֿגעהערט צו קראַצן מיטן הובלײַזן, געמאַכט זיך צופּאַסן אַ שטיקל פּאַפּיער — און געהערט:

— אַזאַ „לודער" איז נישט מער ווערט. נאָר אויסצובאָדן די פּיס און איר געבן צו טרינקען דאָס וואַסער דערפון.

זאָל איך מיט דעם אײַזן איר אַרײַנפאָרן אין פּנים, צי נישט? זאָל איך איר אָפּקראַצן די הויט? דאָס אײַזן איז שאַרף ווי א בריט=ווע. אָט דריי איך מיך אויס צו איר און גיב א רוק אַרײַן דאָס אײַזן!

איך האָב באַ דער אַרבעט געקניט אַף א ווייכן טעפּיך — נאָר מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עמעצער האָט מיר דאָרט אַרונטערגערוקט דינע שפּילקעלעך אונטער די קני און זיי שטעכן מיט גליִענדיקע ווייטעק. וועמען מיינט זי, די מאַדאַם? מײַן ליסכען מיינט זי? מײַן ליסכען זאָל טרינקען — — —?

איך האָב אַרויסגענומען פון געצייג=קעסטל א קליין עמערל מיט קליי און בין אַרויסגעגאַנגען אין קיך אָנוואַרעמען. די קיך האָט געבלאַנקט מיט זויבערקייט. מײַן געשאָמטע איז אָפּגעפרישט געוואָרן באַם ערשטן אָנבליק. און באַם טיש איז געשטאַנען ליסכען און געפּרעסט ווײַסע העמדער. איך האָב אָנגעצונדן דעם גאַז, אַרויפגעשטעלט מײַן עמערל אַפן פײַער, צו ליסכען האָב איך נישט געקאָנט אפילו א קוק טאָן. מײַנע געדאַנקען האָבן זיך געוואָרפן אין קאָס.

נאָר ליסכען האָט מיך געפרעגט, פאַרוואָס איך בין אַזוי בייז?

דעמלט בין איך צו איר צוגעגאַנגען, איר אַרײַנגעקוקט אין די אויגן, זי האָט אויפגעהערט צו פּרעסן. איך האָב געקוקט אַף אירע ליפּן. א ביסל ווײַטער פון בײדע זײַטן ליפּן גראָבן זיך טריבעלעך אין אירע קײַלעכיקע באַקן. מיט אַזעלכע ליפּן, איז מיר ווידער אײַנגעפאַלן, וויל מען לאָזן טרינקען — — —

— זאָג, ליסכען, דיר איז דאָ גוט?

— נו, יאָ. גאַנץ גוט.

— אַזוי גאָר? און וויפל צימערן מוזטו באַדינען?

— זעקס.

— קינדער זײַנען פאַראַן?

— פינף.

— און די אַרבעט איז דיר נישט שווער, זאָגסטו?

— אַך, מײַן גאָט. ווי מע נעמט עס. גאָר אַזוי שווער איז די אַרבעט נישט.

— דו ביסט געווינט צו אַרבעטן, ווייזט אויס. העלפֿט דיר כאָטש עמעצער פֿון הויז, אָדער טוסטו אַלצדינג אַליין?

— אַך, ניין, מײַן גאָט, קיינער העלפֿט מיר נישט. און צו וואָס דאַרף מען מיר העלפֿן?

— זאָג, ליסכען, וואָלסטו דיך געוואָלט מיט מיר טרעפֿן ערגעץ?

— אָך, יעזוס.

אירע קײַלעכיקע באַקן זײַנען פֿאַרלאָפֿן מיט ראָזער פֿאַרב, זיך גע־מינעט אין הויט, די צוויי גריבעלעך האָבן זיך טונקל געשאָטנט. איר רעכטע האַנט האָט בייגעוודיק א ציטער געטאָן, און פֿאַרשעמט האָט זי גענומען דאָס הייסע פֿרעסל. די בלאָנדע קײַלעכיקע לאָקן, וואָס זײַנען איר פֿאַרלאָפֿן איבערן לינקן זײַט אויער, האָט זי א וואָרף געטאָן צוריק מיטן קאָפּ. איך האָב איר שנעל א קוש געגעבן.

— אַך, יעזוס. — זי האָט זיך פֿון מיר אַרויסגעריסן און ווידער גענומען פֿרעסן דאָס אויסגעשפּרייטע ווײַסע העמד.

די באַקן האָבן בא איר געפֿלאַמט, דעם קאָפּ האָט זי געהאַלטן אַראָפּגעבויגן און נישט געקוקט אין מײַן זײַט. מיט שטילע הייסע ווערטער האָט זי מיך באַקלאָגט, ווי אומפֿאַרזיכטיק איך בין. איך האָב מיך פּלוצעם דערמאָנט אָן מײַן קאָכנדיקן קליי און געמוזט שנעל א מיש טאָן. דער קליי איז שוין געווען פֿאַרברענט, ער האָט זיך געפּילט. איך האָב געמישט דעם קליי, געקוקט צו דער פֿאַרוויילטער ליסכען, צו אירע טונקל־פֿאַרשאָטנטע גריבעלעך אין די קײַלעכיקע באַקן, און זי געפֿרעגט:

— זאָג, ליסכען, ווען האָסטו א פֿרײַען טאָג? איך וויל מיך מיט דיר טרעפֿן.

— אַך, יעזוס. — האָט זי געזיפֿצט. און דערנאָך האָט זי מיר פֿאַרשעמט צו וויסן געטאָן, אַז ניין. זי האָט נאָך נישט געהאַט קיין פֿרײַען טאָג קיינמאָל. און צו וואָס דאַרף זי דאָס גאָר האָבן?

אַך, יעזוס, האָב איך געטראַכט, מיט וועמען איך האָב צו טאָן? איך בין ווידער צו איר צוגעגאַנגען נענטער, שאַרף איר אַרײַנגעקוקט אין פּנים. איצט האָבן זיך אירע באַקן געבליכט, לײַכטער ראָז האָט זיך געמינעט מיט בלאַסן רויט. איך האָב א נעם געטאָן פֿעסט איר האַנט, דאָס בלאַנקע פֿרעסל איז געהאַנגען אין דער לופֿט.

— מיר טרעפֿן זיך זונטיק פֿאַרן קאַרל־ליבקנעכט־הויז. פֿאַרשטייסט?

פונקט פיר אזייגער נאָכמיטיק. יעדנ צווייטנ זונטיק מוזטו האָבנ פרײַ אונ יעדנ מיטוואָכ. פאַרשטייסט?

איכ בינ געווענ בייז, גערעדט שאַרפ, אונ ליסכענ האָט זיכ ווידער גערויטלט. איכ האָב איר געגעבנ א קוש. דערנאָכ האָט זי מיר צוגעזאָגט, אַז זי וועט קומענ זונטיק, פּונקטלעכ פיר אזייגער נאָכמיטיק.

איכ בינ אַרײַנגעגאַנגענ אינ סאַלאָנ מיטנ קליי, די מאַדאַמעס זײַנענ שוינ געווענ אומרויִק. זיי האָבנ מיכ פאַרדעכטיק אָנגעקוקט. נאָר איכ האָב מיר גאָרנישט געמאַכט דערפונ, פליִנק זיכ גענומענ צו דער אַרבעט, פאַרקלעפּט דעם פּאַפּיר, שנעל פאַרטיק געמאַכט. איצט האָב איכ שוינ מער נישט געהערט, וואָס די מאַדאַמעס רייִדנ צווישנ זיכ, וואָס זיי שושקענ זיכ. איכ בינ געווענ פאַרנומענ מיט מײַנ ליסכענ, געוואַרט אינ די ווײַטע געדאַנקענ אפנ קומענדיקנ זונטיק. עס האָט מיכ בלויז גענאַרט, פאַרוואָס עס איז ערשט מאָנטיק אונ ביז זונטיק מוז איכ נאָכ וואַרטנ גאַנצע פינפ טעג. פינפ הייסע פאַסקודנע טעג. פינפ וואָכנ. פינפ יאָר.

ווענ איכ האָב געזאָגט דער מאַדאַם, אַז איכ בינ פאַרטיק, איז זי אויפגעשטאַנענ, אָנגעקוקט די אַרבעט, געווענ צופרידנ. אונ פאַר צופרידנקייט האָט זי מיר געגעבנ גאַנצע פינפ מאַרק פאַרנ הער פיפערוס אונ א מאַרק באַזונדער פאַר מיר. אפ ציגאַרנ, האָט זי געזאָגט. נאָר איכ האָב נישט גענומענ.

— א דאַנק, — האָב איכ געענטפערט. פאַרוואָרפנ דאָס קעסטל געצײַג אונ געוואָלט גיינ.

— איר נעמט נישט קיינ טרינקגעלט? דאָס איז אינטערעסאַנט.

זי האָט מיכ פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט. איר האַלדז איז געווענ אַרומגעוויקלט מיט א דינ־זײַדנ שאַליקל, נאָר מע האָט פונדעסטוועגנ אַרויסגעזענ פונ אונטערנ זײַדנס א פאַרגייטע מאַקע. דערנאָכ האָט זי געוואָרפנ א פאַרשטענדלעכנ בליק צו אירע פרײַנדנס, זיי האָבנ פאַרשטענדלעכ געשמייכלט. אונ איכ האָב געענטפערט:

— טרינק־געלט נעמ איכ געוויינלעכ יאָ, נאָר נישט בא יעדנ. א גוטנ טאָג.

איכ האָב אַראָפּגענומענ דאָס היטל, עלעגאַנט אונ כיינעוודיק ווי א קאַוואַלער פונ נאַפּאָלעאָנס צײַטנ, אונ אַרויס. בא דער אָפענער טיר פונ דער קיכ האָב איכ אויכ מײַנ ליסכענ צוגעוואָרפנ א קוש, זי האָט גע־

שמײכלט, און די צוויי גריבעלעכ אפ אירע באַקנ האָבנ אויכ גע־שמײכלט. זי האָט צוגעמאַכט הינטער מיר די טיר פונ קאָרידאָר, דאָס דינע קײטעלע האָט געצײטערט און געקלונגענ.

אפ דער גאַס האָב איכ א הײב געטאָנ דאָס קעסטל געצײַג אפ מײַנ רעכטנ אַקסל, לײַכט ווי א פאַפירענעמ פויגל. לאָמפּנ האָבנ זיכ אָנגע־הויבנ צינדנ, און ארומ פרישנ שנײַ האָבנ זיכ באַוויזנ פרישע ווײַסע שנײעלעכ.

דער הער פיפערוס האָט געשמעקט טאַבעק, ער האָט מיר געגעבנ צוויי מאַרק פאַר דער אַרבעט, און ווידער בינ איכ געשטאַנענ אפ דער גאַס. עלעקטרישע לאָמפּנ האָבנ זיכ שטיל געהוידעט אינ דער לופט. דינ האָט געפײַפט א ווינט איבער מײַנ קאָפּ צווישנ די דראָטנ.

ווו וועל איכ שלאָפנ הײַנט בײַנאַכט?

זונטיק נאָכמיטיק, פיר אַזייגער, טרעפ איכ מיכ באַמ קאַרל־ליבקנעכט־הויז מיט מײַנ ליסכענ! אַכ, יעזוס ———

איכ בינ געווענ גליקלעכ, גענומענ מײַנ גליק אונטערנ אָרעמ און געגאַנגענ שפאַצירנ.

ארומ צענ אַזייגער בײַנאַכט זײַנענ מיר שוינ מיד געווענ פונ שפאַ־ציר, איכ און מײַנ גליק, אפ די שענסטע בערלינער גאַסנ זײַנענ מיר בײדע געגאַנגענ, און מיר זײַנענ געפרוירנ געוואָרנ. נאָר מײַנ גליק איז אַזאַ נאַיִוויטשקע קינדעלע, אַזאַ שטילינקע, ווי ליסכענ, און ווענ סע וואָלט אפילע צענ מאָל געפרוירנ געוואָרנ, וואָלט עס אויכ נישט געזאָגט קײנ אײנציק וואָרט. דערפאַר אָבער בינ איכ שוינ אַנ אַנדערער, איכ לאָז מיכ נישט. און אַזויווי כ׳האָב נאָר דערפילט עס גײט צו ווײַט, האָב איכ באַלד א זאָג געטאָנ: גענוג, ברודער. און פאַרקערעוועט גלײַכ אינ „יידישנ אַרבעטער־קולטור־פאַרײַנ“ — אײנע פונ מײַנע צוואַנציק באַטאַ־גיקע דירעס. דאָ קאָנ איכ זײַנ אַזוי לאַנג, ביז מע וואַרפט מיכ נישט אַרויס. און דאָ איז וואַרעמ, דאָ פילט מענ זיכ הײמיש.

דרײַ גרויסע שטיבער זײַנענ דאָ אינ פאַרײַנ, און אַלע דרײַ שטיבער זײַנענ פול מיט כאַווײרימ. אינ אײנ שטוב עסט מענ, אינ דער צווײ־טער שפילט מענ שאָכ און דאָמינאָ, אינ דער דריטער לײענט מענ צײַ־טונגענ. וויפל צײַטונגענ? עפשער הונדערט צײַטונגענ. אַכוץ דעמ דיס־קוסירט מענ. מע דיסקוסירט אינ אַלע דרײַ שטיבער. גרופקעלעכ און

גרופּעס, צוויי מענטשן אין ציגן, מע שרײַט און מע רייכערט. איך שמעק אַרײַן דעם קאָפּ דאָ און דאָרט. איינער גיט מיר די האַנט, דער צווייטער גיט מיר אַ קלאַפּ אין פּלייצע. דאָ דיסקוטירט מען וועגן ווינטער־עסן, וועגן נאַסע שנייעלעך. דאָרט וועגן פֿאַשיסטן, סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וועגן בראַנדלערן און וועגן טראָצקין. עס איז דאָ בײַ אונדז איינער אַ בראַנדלעריסט, איינער אַ טראָצקיסט, און מע האָט גאָר נישט באַשלאָסן זיי אַרויסצוואַרפֿן.

איך האָב געגעסן הערינג מיט ברויט. מיט דעם רעסטאָראַטער, דעם כאַווער אורבאַך, האָב איך געשלאָסן פֿאָלגנדיקן אָפּמאַך:

פֿאַר אַ הערינג זאָל איך אים צאָלן צוואַנציק פֿעניג, אָנשטאָט דרײַסיק, דערפֿאַר באַקום איך ווייניקער ציבעלעס מיט זאָס.

איצט קאָן מען שוין אַליין אויסרעכענען ווי פֿײַן איך קאָן מיר לעבן אַ גאַנצן טאָג פֿאַר צוויי מאַרק, אויב איך פֿאַרדין זיי. און צוליב דעם אויבן אויסגערעכנטן אָפּמאַך קאָן מען אויך פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס איך האָב אַזוי שטאַרק ליב דעם „ייִדישן אַרבעטער־קולטור־פֿאַריין“ (כאָטש אין אַן אַנדערער באַטאָגיקער דירע, אין דער קיך פֿון דער ייִדישער געמיינדע, אין דער גאַרמאַן־שטראַסע, קאָסט אַ גאַנצער מיטיק נישט מער פֿון צוואַנציק פֿעניג — אָבער דאָרט גיט מען צו עסן פֿאַרשטונקענע פֿיש). דאָ אין פֿאַריין האָב איך אויך אַ שטיקל פֿונקציע: צוזאַמען מיט צוויי כאַווײרים, לעווי און שנײַדער, פֿיר איך אָן מיט דער וואַנטצײַטונג און מיט די מיטוואָכדיקע „קעסטל־אָוונטן“.

דערנאָך קומט אויך צו גיין דער כאַווער מײַזלער, אַ מענטש, וואָס קומט אַרײַן אין פֿאַריין יעדן טאָג אַרום צוועלף אַזייגער בײַנאַכט. דאָס איז דערפֿאַר, ווײַל די פּראָפֿעסיע פֿונעם כאַווער מײַזלער באַשטייט פֿון צײַטונג־פֿאַרקויפֿערײַ, הונגער־עסערײַ, באַנהויף־שלאָפֿערײַ. אָבער פֿון דעסטוועגן האָט ער צוויי ברייטע פּיסקעס און צוויי ברייטע הענט, וואָס קאָנען גוט קלאַפּן. אַזעלכע זאַכן קומען צוניץ. נישט מער, אַקוראַט פֿאָרנט פֿעלן אים פֿיר ציין. צוויי אונטן און צוויי אויבן. איין צאָן איז בײַ אים אויסגעהאַקט געוואָרן אין זעקס־און־צוואַנציקסטן יאָר, דער צווייטער אין זיבן־און־צוואַנציקסטן יאָר, דער דריטער אין אַכט־און־צוואַנציקסטן יאָר, דער פֿערטער אין נײַן־און־צוואַנציקסטן יאָר — ווײַל אַזוי לאַנג איז כאַווער מײַזלער געווען אַ קאָמיניק בײַ פּילסודסקין אין לאָד־

זער טפּיסע. דאָס הייסט, אייגנטלעכ איז ער דאָרט געזעסנ מיט א פערטל יאָר מער. נאָר צומ אויסהאַקנ א פינפטנ צאָנ איז עס שוינ נישט דער־גאַנגענ. באַמ פינפטנ צאָנ פעלט בלויז א שטיקל, אַנ אָפּגעהאַקטער שפּיצ. נאָר פונדעסטוועגנ זאָל מענ נישט מיינענ, אַז ער איז דערפאַר א שטומלעכער, פאַרקערט, ער רעדט פאַר פייער אינ פאַר וואַסער. אונ וועגנ וואָס צו רייכנ פעלט אימ נישט, ווייל זיינ פּראָפעסיע פירט אימ אַרומ אינ אַלע קאָמוניסטישע אונ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פאַרזאַמלונגענ. אונ כאָטש בערלינ איז גרויס, אונ קאָמוניסטישע פאַרזאַמלונגענ אַליינ קאָנענ אַמאָל זיינ אינ אנ איינציקנ טאָג עפּשער צוואַנציק, גיט זיכ דער כאַווער מינזלער פונדעסטוועגנ אנ אייצע. דער טראַמוויי פירט אימ וווּהינ ער וויל, דערצו זייער שנעל אונ אומזיסט. אַדעראַבע, ווענ דו האָסט אויכ ערגעצ פאָרנ, כאַווער, זאָג מינזלערנ, ער וועט דיכ שוינ מיטנעמענ. אונ דו וווּנדער זיכ נישט: אַפ דער וועלט זייענענ פאַראַנ פאַרשיידענע ספּעציאַליסטנ אונ מינזלער איז א ספּעציאַליסט, מאַ־מעש א קינסטלער אינ זיינ פאַכ. אַזויאַרומ קומט אויס, אַז ער פאָרט אונ פאָרט, שפּרינגט פונ איינ פאַרזאַמלונג צו דער אַנדערער, פונ איינ טראַמוויי אַפ דעמ אַנדערנ. אונ אַרומ צוועלפ אַזייגער באַווייזט ער זיכ אינ „יידישנ אַרבעטער־קולטור־פאַריינ“, פאַרשוויצט אונ פאַרסאָפּעט, ווי א מיניסטער, מיט צייטונגענ אונטערנ אָרעמ, אָנגעשטאָפּט א פּאָרטפעל, אונ מיט אַלע נייעס פונ דער גאַנצער שטאָט אינ דער לינקער קעשענע. אונ נאָכ איידער ער כאַפּט אַריינ א שטיק ברויט, נאָכ איידער ער ווישט זיכ אָפּ פונ שווייס, ווערט ער שוינ באַלאַגערט פונ אַלערליי „זשורנאַ־ליסטנ“ אונ „קאָרעספּאָנדענטנ“, ווערט ער פאַרוואָרפנ מיט טויזנט פראַגנ אונ ענטפערס, נאָכ איידער ער אַליינ האָט צייט צו ענטפערנ. דערנאָכ, ווענ עס הערט זיכ זיינ קאָל מיט דער שאַרפער לאָזער רייש, מיטנ שפּיציקנ פייפ צווישנ די אויסגעבראָכענע ציינ, ווערט אַפ א ווײַלע שטילער אינ דער גרויסער פאָדערשטער שטוב פונ פאַריינ: מינזלער רעדט! דערנאָכ, ווי געוויינלעכ, הייבט זיכ ווידער אויפ א טומל — ביז דער כאַווער אָנהאָבט, מיט זיינ קיילעכיקער באַלעבאַטישקייט ווי א היי־מישער קרעטשמער, נאָר אָנ א באָרד, גייט איבער די שטיבער אונ שרייט, נישט זייער שטיל: „נאַכט מאַכנ! נאַכט מאַכנ!“ — אַזוי לאַנג שרייט ער — ביז ער לעשט אויס די לאָמפּנ.

די קלײנע שענהאוזער=שטראסע, וו דער פאריינ איז אײנקוואַרטירט,
רוקט זיכ ארויס פונ דער מינצ=שטראסע, ווי א קרומע צונג פונ א ברייט
מויל. און די מינצ=שטראסע פארלויפט אינ דער אלעקסאנדער=שטראסע.
אינ יענע ביידע גאסנ זײנענ אויסגעשטעלט די סכוירעס פונ באנאכטיקנ
האנדל. הער ראשקע און הער קונצע האנדלענ מיט כאזיירים, מיט ביר
און מיט מענטשנ. זײ זײנענ מיטגלידער פונ „צענטרום“, פונ די „נא=
צים“ און פונ „פאריינ דער גוטגעזיטעטנ“. באנאכט, נאכ די זיצונגענ
אינ די אלטע פאריינענ, ווענ דער בויכ איז אנגעפאמפעט מיט צוואנציק
גלאז ביר, שיקט מענ אהיים די װײבער און אלײנ קומט מענ אפ א
קורצ באזוכעלע אינ דער אלעקסאנדער=שטראסע. דער הער ליבערמאנ
און רעב שלוימע סאשעס האבנ „אפצאל=געשעפטנ“, האנדלענ מיט וואס=
סעלאזט=זיכ, זײנענ מיטגלידער פונ „אסטיודנפארבאנד“, פונ דער
בעווערע „גמילאס=כאסאדים“, דאווענענ בא די „זעקס=און=דרײסיקער“
אינ דער גרענאדיר=שטראסע, טרינקענ א גלעזעלע בראנפנ אפ א הייליקנ
יארצײט און באנאכט קומענ זײ פאוואלינקע צו קריכנ, אז קײנער זאל
זײ נישט זענ כאלילע, אינ דער מינצ=שטראסע. א שטיקל סכוירע גייט
צו מיט א געהרייזט פיסקל צו רעב שלוימע סאשעס, גיט אים א קיצל
אונטער דער פאכווע און טוט א זאג: „קאם, דו קלײנע, זיסע מא=
טע!“ — רעב שלוימע סאשעס גיט דעמלט א שמייכל מיטנ בערדל, ווי
אנ אלטע ציג, און גייט (באם אײגענעם טשאלנט וועט ער דאכ אזעל=
כע זיסע ווערטער קײנמאל נישט הערנ!).

דער הימל איז רויטלעכ. באנאכטיקע רעקלאמעס באלויכטנ דעמ
הימל. און פונ רויטלעכנ הימל שיטנ זיכ ווײסע שנייעלעכ. פונ אלעק=
סאנדער=פלאצ בינ איכ פארקראכנ אינ די הינטערגעסלעכ, וואס אינ
שכיינעס. איכ טראכט: גארנישט. וואס זאל איכ טראכטנ? צו מײנע
באקאנטע, ווו איכ פלעג שלאפנ אינ קיכ, וועל איכ שוינ מער נישט גיינ.
אזוי וועל איכ ארומשפאצירנ א גאנצע נאכט, גייג פונ איינ גאס אינ
דער צווייטער, ציילנ די שטייגער, באטראכטנ די הײזער, און וואס נאכ?
גארנישט. נישט מער, אויב מײנע שיכ זײנענ הונגעריק. די גראבע פינ=
גער קוקנ דארט ארויס ווי צווי געשוואלענע אויגנ. וועגנ זאקנ איז דאכ
נישטא וואס צו ריידנ! ווייקל איכ ארום די פיס מיט א צײטונג. און אז
אפ די נאסע שטיינער רײבט זיכ אויס דאס פאפיר, קוקנ מײנע פינגער=
אויגנ פראנק און פרײ אפ דער וועלט און זינגענ א קאלטע מעלאדיע.

די קליינע געסלעך שלאָפנ. עס ווײַזט זיך נישט קיינ הונט. ערגעצ־וו וואָרטשעט א שיכור. די נאכט קלאפּט מיט די ציינ.

האלט! וואָס איז דאָס? א געבײַדע. סע בויט זיך א נײַע געבײַדע. אונ שוינ קלעפּנ זיך די אויגנ, זיי האָבנ דערשמעקט א געלעגער. אונ דאָס, וואָס ארום געבײַדע סטארטשעט א הויכער פּלויט, מאכט נישט אויס. אנו, גיב נאָר א פּרוו מיט דײַנע לאנגע הענט, דו כאוועריל מײַנס! אָבער דער פּלויט איז עפּשער צוויי מאָל אזוי הויך ווי איך, ווי ווײַט, לעמאָשל, קאָנ איך דאָס א שפּרונג טאָנ? הע? איך גיב א קוק אפ רעכטס, א קוק אפ לינקס, א שפּײַ אינ די הענט אונ — ררופּ! — מײַנע הענט האָבנ דערגרייכט די שפּיצנ פונ פּלויט, א טשוואָק האָט דורכגעשטאָכנ א פינגער, נאָר איך גיב מיך פונסנײַ א הייב אונ אויבנ בינ איך. אריבער די פיס — דעמ לינקנ, דעמ רעכטנ — האלט! וואָס איז שוינ ווידער? וואָס פאר א שווארציאָר? אונ איך בינ געבליבנ הענגענ רײַטנדיק, מיטנ רעכטנ פוס אינדערמיט. אנ עלעקטריש לאמטערנדל לויכט מיר ארײַנ אינ פּאָנעמ, מײַנע אויגנ זשמורענ זיך ווי בײַ א קאצ, וועלכע מע האָט געכאפּט בײַ דער מילכ. אונ אָט פרעגט מענ מיכ: „ווער איז דאָרט?" נאָר איך זע נישט קיינעמ, דער רעכטער פוס הענגט אינדערלופטנ, ציטערט ווי א פויגל, אונ איך שווײַג. א ביטערער אייסעק, טראכט איך, א ביטער מאזל, וואָס טוט מענ? אונ באלד קומט דער סייכל אינ דער האנט ארײַנ:

— הער נאָר, מענטש, זײַ וויסנ, אז איך בינ נישט קיינ גאנעוו.

— וואָס דענ ביסטו דאָרט, אז נישט קיינ גאנעוו? — הערט זיך אריבער פונ עלעקטרישנ לעמפּל, אונ לעבנ לעמפּל זע איך שוינ בליאסקענ א רעוואָלווער.

— איך שווער דיר, מענטש, איך בינ נישט קיינ גאנעוו. ווערסט בײַ מיר נישט געפינענ אפילע קיינ שוועבעלע. איך זוכ א געלעגער, מענטש, ווו איך זאָל קאָנענ די נאכט איבערכאפּנ.

אזוי האָב איך געזאָגט אונ געוואָרט אפ ענטפער. שטאָלצ איז געלאָפנ מײַנ בלוט אינ מיר אינווייניק ווי א פּאָרעצ. ווענ דו זאָגסט אמאָל אנ עמעס וואָרט, דערמלט מענטשו שוינ אפילע געהארגעט ווערנ, אָבער דו ווערסט קוקנ מיט שטאָלצ דעמ טויט אינ פּאָנעמ ארײַנ. איך האָב געוואָרט.

— גיי דיר, דאָ איז נישטאָ קיינ פּלאצ פאר קיינ געלעגערס, מיר האָבנ נישט קיינ האָטעלנ.

אַזוי האָט זיך אָפּגערופֿן דאָס עלעקטרישע לאַמטערנדל. און כאָטש דער רעוואָלווער האָט גאָר געבליאַסקעט פּונקט ווי פֿריִער פֿאַר מײַנע אויגן, האָב איך אָבער געפֿילט, אַז צו מיר רעדט אַ מענטש, אַ מענטשלעך האַרץ. איז אויב אַזוי, פֿאַלט מיר אײַן אים צו פֿרעגן, צי ער ווייס ניט ערגעץ דאָ אין דער נאָענט עפּעס אַזוינס, וווּ מע זאָל קאָנען רויִק אַנידערלייגן דעם קאָפּ אויף איבערנאַכטן. דערווײַל הענג איך אָפּן פֿלויט און מײַן רעכטער פֿוס ציטערט ווי אַ פֿויגל. דאָרט אונטן, הער איך, שנײַצט דאָס עלעקטרישע לאַמטערנדל די נאָז, און נאָכאַמאָל הערט זיך אַ הויכער שנײַץ אין דער שטילער נאַכט, דערנאָך ענטפֿערט מיר דער מענטש:

— גיי אַרײַן דאָרט לינקס אין דער קייבל־שטראַסע, דאָרט ליגט מען אײַן אַ הויז, קיינער היט עס ניט, וועסט דאָרט קאָנען שלאָפֿן.

דאָס איז געווען דאָס העכסטע מענטשלעכע וואָרט אין יענער גרויזאַמער מינוט. איך האָב אַ הייב געטאָן דעם לינקן פֿוס, און דעם רעכטן, איך בין געשטאַנען אונטן. דעם פֿינגער, וואָס האָט זיך צעשטאָכן אָן אַ טשוואָק, האָב איך אַרײַנגעשטעקט אין מויל, און אַזוי בין איך געגאַנגען פּאַמעלעך און מעיושעוודיק, ווי אַ באַלעבאָס אין אַ האָטעל אַרײַן, און אַזוי בין איך אָנגעקומען אין דער פֿאַרבענקטער קייבל־שטראַסע. און זע, מײַן מענטשלעכער פֿרײַנט האָט ניט געזאָגט קיין ליגן: סע שטייט אַ הויז, אָן פֿענצטער, אָן טירן, איך גיי אַרײַן: צוערשט איז טונקל און איך בלײַב שטיין אַ רגע, עפּשער איז דאָ ערגעץ אַ לאָך, אַ קעלער? דערנאָך שטאַרקט זיך מײַן מוט און איך טאַפּ מיט די פֿיס, מיט די הענט, איך קלעטער איבער ציגל, שפּרינג איבער באַלקעס, פֿאַל און שטיי אויף, נאָר אָט איז נאָר אַ טיר, הער נאָר הער, אַ טיר! איך מאַך אויף און פּאַוואָליע שטעל איך אַרײַן דעם ערשטן פֿוס, פּאַוואָליע דעם צווייטן — אַ פּאָדלאָגע. וואָס פֿאַר אַ ווילע זאַך! גיי איך שוין אײַנגאַנצן מיט ביידע פֿיס, און גיי ווײַטער, און קוק מיך אום אין דער פֿינצטער. נאָר ניין, גאָר אַזוי פֿינצטער איז דאָ דאַפֿקע ניט געווען, דער שניי האָט אויגן און קוקט אַרײַן. און איך זע: טאַקע אַ שטוב ווי אַלע שטיבער, אַ טיר, אַ פֿענצטער, אַ דאַך איבערן קאָפּ. וואָס ווילסטו נאָך, דו מענטשלעכע גליק?

און ווען איך בין שוין געלעגן, דאָס ווייכע בעט האָט מיר ניט

געפעלט, האָט ליסבענס צארטע געשטאלט געשוועבט פאר מײַנע מידע אויגן, איך בין געשלאָפן.

אָ, איך בין גוט געשלאָפן אין יענער געדענקלעכער נאכט.

אינדערפרי, ווען איך בין אויפגעשטאנען, פאוואָליע ארויסגעקראָכן פון מײַן ווייכן בעט, האָט קיין װארעמע װאנע אף מיר נישט געוואַרט, און קיין װארעם טעפּל קאווע אפילע אויך נישט. די דינערשאפט איז נאָך געשמאַק געשלאָפן אין קאמער, און איך בין מיר דערווײַל פאוואָליע ארויס אף דער גאס. דער טאָג איז געווען אָנגעטאָן אין א מיעסן קאפעליוש. בלאָטעס פון אונטן, כמארעס פון אויבן, לעקעשעוואַטע האָט אויסגעזען דער טאָג אינעם דאָזיקן קאפעליוש. אך, יעזוס. זונטיק טרעף איך מיך מיט מײַן ליסבען! וויפל טעג איז נאָך ביז זונטיק?

א גאנצן טאָג האָב איך ארומגעדראלעט פון איין באטאָניקער דירע אין דער אנדערער. צײַטונגען האָב איך געלייענט עפּשער א טויזנט שטיק. ביכער־טיטלען אין וויטרינעס האָב איך געשלונגען ווי לופט. אף די אנטיקוואר־װעגעלעך האָב איך געזוכט די װײַטע װעגן פון דער כינעזישער ליטעראטור. געפונען האָב איך גאָרנישט. דעם לעצטן מארק האָב איך שוין לאנג אויפגעגעסן, געבליבן איז נאָך א האלבער טאָג און א גאנצע נאכט מיט הונגער. וואָס טוט א מענטש, ווען ער איז הונגעריק? ער הונגערט. ניין, ער טוט נאָך עפּעס: ער דרייט זיך איבער די גאסן, קוקט ארײַן אין אלע וויטרינעס פון טײַערסטע עסנווארג, באַטראכט יעדע געשמאַקע זאך מיט גרויס פארינטערעסירונג און שלינגט די טרוקענע סלינע. אך, ליסבען, ליסבען, אף הערינג מיט ברויט איז נישטאָ קיין פּרוטע אין קעשענע!

שפּעט אפדערנאכט, ווען איך בין ווידער געקומען אין מײַן דירע שלאָפן, איז די שטוב נישט געווען געהייצט און דאָס פענצטער איז געשטאנען אָפן, אויפגעפּראלט ווי אינמיטן זומער. איך האָב מיך געוואָלט בייזערן, אָנשרײַען אף מײַן דינערשאפט, געבן פּעטש! איז אָבער קיינער פון זיי נישט געווען אינדערהיים. און דאָ שטיי איך איינער אליין אינמיטן פינצטער. איך האָב מיך באטראכט, מיך אומגעקוקט, און דאָס אָפענע פענצטער איז טאַקע געווען אָן א פענצטער. מע צערײַסט מײַן שטוב.

מײַנע ביינער האָבן געבראָכן ווי טרוקענע צווײַגן. נישט פון ארומ־

דוראלען דעם גאַנצן טאָג איבער בערליגער גאַסן, מײַנע בײנער האָבן געבראָכן פון כאַפּן קלעפּ. יאָ, איך שעם מיך נישט אָפּן אויסצוזאָגן, אַז אין יענעם היסטאָרישן אָוונט האָב איך געכאַפּט שטאַרקע דרעשטשעס, טאַקע מיט דרענגער. איך בין געווען אַפּ אַ פאַרזאַמלונג פון די נאַציס, און עס זײַנען דאָרט געווען נאָך אַנדערע כאַוויירים אויך. אָבער די נאַציס, האָט זיך שפּעטער אַרויסגעשטעלט, האָבן געהאַט צוויי מאָל אַזוי פיל מענטשן ווי מיר. נו, עס איז דאָך געווען זייער פאַרזאַמלונג. אָבער מיר האָבן געזונגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל“ — און מיטאַמאָל — זאָל איך דערציילן וויאַזוי מע שלאָגט זיך? בענקלעך און האַלבע טישן און ביר־גלעזער און נאָך עפּעס האָבן געטראַסקעט, געקלאַפּט, געזעצט, ווי אַ מאָדנער אָרקעסטער פון צוויי הונדערט מאַן. און אינמיטן דער האָזיקער סימפאָניע איז אָנגעקומען פּאָליציי. מיט נומי־שטעקנס, מיט פײַפערלעך, מיט רעוואָלווערס. און די נאַצי־פאַרזאַמלונג איז צעטריבן געוואָרן. איך בין נאָך אַרויס מיט גרויס גליק, וואָס די „פּאָלענטע“ האָט מיך נישט אַרעסטירט.

איצט שטיי איך אין מײַן שטוב, דורכן אָפענעם פענצטער טרומייטערט אַרײַן אַ נאַסע, פינצטערע קעלט. אַפּ מײַן פּלייצע האָט זיך עפּעס פּאַסקודנע צוגעקלעפּט דאָס העמד און זי טוט וויי, די פּלייצע, און עס טוט וויי די רעכטע האַנט, און עס טוט וויי די רעכטע באַק. וואָס טוט מען? צו מײַן גרויס מאַזל האָב איך ערגעץ געפונען אַ טיר, אַ הויכע, אַ ברייטע, מיט שויבן. איך האָב זי צוגעשלעפּט צום אָפענעם פענצטער און אָוועקגעשטעלט. איצינד שלאָף, מײַן טײַבעלע, שלאָף, מײַן קינד.

אָבער אויב דערציילן דעם עמעס, וואָס אַנדערש איז נישט שײַך, איז אין יענער נאַכט נישט געווען אַזאַ אײַ־אײַ־אײַ מיט דעם שלאָפן. אַכוץ דער פּלייצע, וואָס האָט געשטאָכן און געבראָטן, האָבן די פינגער פון די פיס געציטערט אַ מאַזורקע (גלײַך זיי וואָלטן געוווסט, אַז איך קאָן גוט טאַנצן). און עס האָט נישט געהאָלפן גאָר די גאַנצע כאָכמע, וואָס כ׳האָב פריִער, פאַרן לייגן זיך, נאָכאַמאָל אַרומגעוויקלט די פיס מיט צײַטונגען (דאָס דאָזיקע מאַטעריאַל טראָג איך שטענדיק בײַ מיר אין גרויסע רעזערוון). נאָר עס האָט געציטערט און געציטערט. אָבער שלאָפן יאָק שלאָפן — איך בין יאָקאָש געשלאָפן — און דערנאָך האָט זיך מיר געכאָלעמט אַ כאָלעם מיט אַ הערינג: איך בין געזעסן באַם טיש און אַפן טיש האָט געטאַנצט אַ הערינג. אַ הערינג ווי אַ

הערינג, נאָר געטאַנצט האָט ער ווי אַ מענטש. אַזוי — האָפּ, האָפּ, האָפּ! מיטנ וויידל האָט ער געפּלאַסקעט איבערנ טיש, און מיט די אויגנ האָט ער געפּינטלט צו מיר, געריצט זיכ מיט מיר: איכ קאָסט צוואַנציק פּע-גיג, וועסט מיכ נישט עסנ! דאָס איז געווענ אַ פּאַסקודנער הערינג. ער האָט צעטאַנצט גאַנצ נאָענט צו מײַנ מויל, אַזש די נאָז האָט אים אַ שמעק געטאָנ, נאָר ווענ כ'האָב אויסגעשטרעקט די האַנט, איז ער אַוועק-געשפּרונגענ ווי אַ פליי. דערנאָכ האָט ער זיכ ווידער באַוויזנ, בײַגעוודיק און פאַרשײַט האָט ער געטאַנצט אָפּנ טיש, געפּלאַסקעט מיטנ וויידל, געדרייט מיטנ קאָפּ, געפּינטלט מיט די אויגנ — איכ האָב אַ וואָרפּ געטאָנ די הענט, ער איז אַוועקגעשפּרונגענ ווי אַ פליי. און נאָכאַמאָל אַזוי, און אָבעראַמאָל אַזוי. איכ האָב געקריצט מיט די ציינ, נאָר כאַפּנ האָב איכ אים נישט געקאָנט. איכ האָב מיכ אויפגעכאַפּט אינ געבאָדענעמ שווייס, כאָטש אינ שטוב איז געווענ קאַלט.

איכ האָב געקרעכצט, ווי אַמאָל מײַנ זיידע אינ אַלטע צײַטנ.
אָ, ווו ביסטו, ליסכעג, אַז דו זאָלסט מיכ טרייסטנ?

גליקלעכ איז דער מענטש, וואָס האָט אַרבעט! און איכ אויכ. הײַנט איז מײַנ טאָג. הײַנט גיי איכ צו רעב שלוימע סאָשעס, ער וועט מיר געבנ צעטעלעכ מיט אַדרעסנ, און איכ וועל גיינ מאָנענ געלט פאַרזײַ-נעטוועגנ. רעב שלוימע סאָשעס זאָגט:

— זאָלסט מיר נישט קאַליע מאַכנ די גוייִמ, הערסט? דו ביסט טאַ-קע אַ קאָמוניסט, אָבער אַ ייִד ביסטו דאָכ אויכ!

גוטסקײַט און פרומקײַט ליגט אויפ זײַנ אויסגעווייקט פּאָנעם, ער פאַר-ציט די אויגנ און פאַרקנייטשט די נאָז, און באַטראַכט מיכ מיט גרויס ראַכמאָנעס:

— אוי, אינ וואָס פאַר אַ הילעכ דו גייסט, קוק נאָר אָנ דײַנע שיכ!

פאַרנ אײַנגעמאָנטע געלט באַצאָלט ער מיר צענ פּראָצענט. פאַר צענ מאַרק, אַ מאַרק. אויב סע גייט גוט, מאַכ איכ פאַר אים אינ אַזאַ טאָג פינפ און צוואַנציק ביז דרײַסיק מאַרק. דאָס הייסט, גיינ צו פופציק ביז זיבעציק פאַמילייעס, ווײַל מער פונ אַ מאַרק צאָלט נישט קיינער און נישט אַלע האָבנ כיישעק צו צאָלנ. דאָס הייסט, גיינ אינ פופציק ביז זיבעציק הײַזער, אינ פופציק ביז זיבעציק גאַסנ, קלעטערנ אויפ צוויי

הונדערט עטאזשנ. איכ גײ פונ נײַנ אזײגער אינדערפרי ביז נײַנ אזײ=גער אינאָװנט.

מײַנ באצירק איז נויקעלנ, אנ ארבעטער=באצירק (סײַװי קויפט נישט קײנער באם „אָפּצאָל־ייִד“ אכוץ אָרעמעלײַט). גאסנ אונ געסלעכ, גאסנ אונ געסלעכ, איכ מוז גײנ שנעל, קעדײ צו קאָנענ זײַנ אומעטום. איכ גײ ארופ אפנ זעקסטנ שטאָק. דאָ זײַנענ שוינ נישטאָ קײנ דירעס, נאָר בוידעמשטיבלעכ. א לאנגער טונקעלער גאנג, פונ בײדע זײַטנ הילצערנע טירנ, פארהאנגענ מיט שלעסער. די מענטשנ זײַנענ אפ דער גאס, די מענטשנ זוכנ ארבעט, די מענטשנ לויפנ ארום. גאָר פונ א װײַטנ װינקל קומט ארויס א געשרײ. איכ טאפּ אינ דער פינצטער, עפנ א טיר, דער געשרײ שלאָגט ארויס װי א פארע פונ א באָד. קינדער װאלגערנ זיכ אפ דער פּאָדלאָגע, דערװאקסענע ליגנ אפ די בעטנ, זשמורענ מיט די אויגנ צום קלײנעמ פענצטערל, װאָס קוקט ארויס אינ דער װײַטער װעלט.

— פרוי הארניק װוינט דאָ?

זי הײבט זיכ אפילע נישט אופ פונ בעט, שרײַט אריבער צו דער טונקעלער טיר:

— הײַנט האָב איכ נישט קײנ געלט.

— װענ זאָל איכ קומענ?

— קומט נישט איבערהויפּט.

אונ װענ איכ בינ שוינ װידער אונטנ אפ דער גאס, כאפּ איכ א קוק אינ צעטעלע מיטנ נאָמענ הארניק: זי האָט געקויפט צװײ העמדער פאר דרײַסיק מארק, באצאָלט האָט זי שוינ צװײ אונ צװאנציק. די העמדער זײַנענ שוינ לאנג צעריסנ אונ רעב שלוימע סאָשעס האָבנ זײ געקאָסט פיר מארק, זײַנע פּראָצענטנ האָט ער שוינ ארויסבאקומענ. איכ גײ װײַטער אונ װײַטער, א שטאָק ארופ, א שטאָק אראָפּ, א גאס ארײַנ, א גאס ארויס, עס איז הערװײַל געװאָרנ פארנאכט, מײַנע פיס גײענ מעכאניש, װי צװײ שרויפנ. אינ דער בילינגער=שטראסע רו איכ אָפּ א ביסל. איכ בינ ארײַנגעקומענ צו א מענטש, אנ ארבעטער באמ גאזװערק, איצט זיצט ער באמ עסנ מיט דער פרוי אונ מיט דרײַ קינדער, ער גיט מיר א בענקל, איכ זאָל מיכ אנידערזעצנ. איבערנ פענצטער הענגט דאָס פאָרהענגל, װאָס די פרוי האָט געקויפט בײַ רעב שלוימע סאָשעס פאר פינפ אונ זיבעציק מארק. פינפ אונ זיבעציק מארק, טראכט איכ, אז דער

שלאַק זאָל אים טרעפֿן. דאָס זעלבע פֿאָרהענגל קאָן מען קויפֿן אין יעדן געשעפֿט פֿאַר דרײַסיק מאַרק. און איך פֿרעג דעם אַרבעטער, פֿאַרוואָס ער האָט דאָס געקויפֿט? צי ווייסט ער דען נישט, אַז דער הער סאָלאָ־מאָן סאַשיס פֿאַרדינט דערבײַ צוויי הונדערט פּראָצענט?

דער אַרבעטער קוקט מיך אָן און שווײַגט. דער לעפֿל בלײַבט אים שטעקן אין מויל, דערנאָך קוקט ער אַריבער צו דער פֿרוי, אויך אַזוי שווײַגנדיק. זי האַלט אַ קינד אַפֿן שויס, קאָרמעט עס, זאָגט צום מאַן:

— איך ווייס, דער הער איז גערעכט. אין געשעפֿט קאָן מען דאָס זעלבע פֿאָרהענגל קויפֿן פֿאַר דרײַסיק מאַרק. אָבער ווען וואָלטן מיר גע־האַט דרײַסיק מאַרק? אָדער אַפֿילו צען מאַרק? אַז דאָס שטיקל וואָכנ־לוין קומט אַרײַן, עסט מען עס אויף, איידער דו קוקסט זיך אום. איז דאָס נישט אַזוי, פֿראַנץ? אָבער יעדע וואָך אַ מאַרק לאָזט זיך שוין גי־כער אָפּקלײַבן.

פֿראַנץ האָט גוטמוטיק ווײַטער געגעסן און ווײַטער געשוויגן. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז זײַן פֿרוי איז גערעכט, אַ פֿאָרהענגל איבערן פֿענצטער מוז מען האָבן.

איך האָב געוואָרפֿן אַ בליק אַפּ מײַן צעטל, די פֿערציקסטע וואָך צאָלט שוין די פֿרוי איר אָפּגעשפּאָרטן מאַרק, פּינקטלעך ווי דער זייגער. דאָס פֿאָרהענגל איז אויסגעוואַשן, די קליינע שטוב איז ציכטיקדיק. איך האָב באַקומען מײַן מאַרק און זיך געזעגנט.

איך גיי ווײַטער און ווײַטער, אַ שטאָק אַרויף, אַ שטאָק אַראָפּ, אַ גאַס אַרײַן, אַ גאַס אַרויס, מײַנע פֿיס גייען מעכאַניש, ווי צוויי שרויפֿן. און דערנאָך איז בײַ רעב שלוימע סאַשעס פֿול מיט יונגע מענטשן, אַזעלכע ווי איך, וואָס זײַנען זיך אָפּגעלאָפֿן דעם גאַנצן טאָג די יונגע פֿיס. רעב שלוימע סאַשעס כעזשבנט און ציילט דאָס געלט. יעדער פֿון אונדז באַקומט צוויי מאַרק — דרײַ מאַרק. און זאָגט אַ גוטע נאַכט.

אַז איך בין ווידער געקומען אין מײַן דירה, עס איז שוין געווען נאָך איינס אַזייגער, האָט דער הויכער הימל אַרײַנגעקוקט דורכן אָפֿענעם דאַך. קלאָר ווי די וועלט — מע צעטראָגט מיר די דירה איבערן קאָפּ. אין מאָרגן וועל איך שוין קיין פֿאָרלאָגע אויך נישט האָבן, און איך וועל מיר מוזן זוכן אַן אַנדערע דירה. דערווײַל בין איך געפֿאַלן אַפּ אַ האַמצאָע: גענומען די טיר פֿון פֿענצטער און זי אַרויפֿגעלייגט אַפּ מיר.

(מיין פליצע האָט זיך איבערן טאָג שוין געהאַט אַ ביסל צוגעהיילט).
איז וויל ווי די וועלט! שווער איז זי נישט, די טיר, און איך קאָן זי יאַקאַש דערטראָגן. דערצו ליגט איבער מיין פּאָנעם אַ פענצטער, איך קאָן קוקן אין הימל אַריין, איך קאָן קוקן וויפיל איך וויל. מיינע אויגן זיינען געלאָפן איבער די שטערן. אויף מיר איז געלעגן די טיר.

נאָך מיין היינטיקע רעדע אין אַרבעטער־פאַריין, וועגן פּראָלעטאַ־רישן און בירגערלעכן טעאַטער, איז געווען אַ פאַסקודנע. זי האָט גע־טויגט אויף קאַפּאָרעס. מיך אַרט שוין נישט פאַרוואָס דער הערינג, וואָס דער כאַווער אורבאַך האָט מיר פאַרקויפט, איז היינט געווען צעיווירן. איך האָב שוין נישט געטראַכט וועגן רעב שלוימע סאָשעס מיט זיינע צעטעלעך און מיט זיינע פּראָצענטן, אָבער די רעדע מיינע — אַז איינס־געריסן זאָל זי ווערן! איך וואָלט בעסער געווען איר צו געבן פּעטש, אַז דער שלאָק זאָל זי טרעפן אָבער דו, כאַווער מיט די ברילן, דו ביסט נישט געווען גערעכט. אינגאַנצן נישט גערעכט. ערשטנס ביסטו נאָך אַנטלאָפן פון טעאַטער און האָסט דיך צוגעכאַפּט צו ליטעראַטור בכלל, צווייטנס האָסטו געזאָגט, אַז ביי היינטיקן טאָג קאָן מען נאָך נישט ריידן פון פּראָלעטאַרישער קונסט. נאָר פון רעוואָלוציאָנערער העכסטנס, און אַזוי ווייטער. איך האָב דיר דערנאָך באַוויזן, אַז דו ביסט נישט גערעכט, ווייל פּראָלעטאַרישע קונסט הייסט: פּראָלעטאַרי־שע, פּראָלעט, פּראָל, פּראָ־פּרר — — —

סע ווייזט אויס, אַז ווען מען איז מיד, ווערט מען אַנטשלאָפן. אָבער אַז סע ווערט קאַלט, דעמלט כאַפּט מען זיך ווידער אויף. און קאַלט איז געווען אַזוי, אַז אויב נעכטן האָבן געציטערט די פינגער פון די פיס, האָט היינט דערפאַר שוין געציטערט דער גאַנצער קערפּער. און נישט בלויז אַ מאַזורקע, ווי נעכטן, נאָר טאַקע אַ פאָקסטראָט מיט אַ זשימי— עס האָט געציטערט, אַזוי פיין־פיין!

ווען איך האָב אַרויפגעלייגט אויף מיר די טיר, האָב איך געטראַכט: זי־אָ, די ברייטע מעבלשטשעסטע, וועט מיך שוין באַשיצן פון אַלדאָס־בייז. ערשטנס, הייבט זיך נישט אָן! ליגן ליגט זי טאַקע אויף מיר, און שווער איז זי ווי אַ קאָדאָכעס, נאָר אונטער מיר און פון אַלע זייטן אַרום מיר קריכט די קעלט, קריכט דער דרעשטש, ווי אַ בייזער עקדעש מיט הונדערט שטעכיקע פיסלעך. און שטעכט. פון שלאָפן איז נישטאָ מער קיין רייד. וואָלט כאָטש ווייניקסטנס אונטערגעקומען עפּעס אַ

לײַטישער געדאַנק, עס זאָל זײַנ בא וואָס צו נאָגנ. איכ האָב דאָכ אַזוי־ פיל צײַט! אָבער נײנ. א לײַטישער געדאַנק שעמט זיכ נאָר מיט אַנ אָרעמאַנ.

בינ איכ אַזוי געלעגנ אונ געקוקט אַפ די שטערנ. אַזוי לאַנג ביז דער טאָג האָט זיכ אָנגעהויבנ אַראָפּלאָזנ פונ די הויכע, אָפּגעדעקטע ווענט, ווי אַנ אַלטע, גרויע, אויסגעקראָכענע קאַץ. אונ וואָס קאָנ שוינ ווערנ פונ אַזאַ טאָג, וואָס זעט אויס ווי אַנ אויסגעקראָכענע קאַץ?

פונדעסטוועגנ האָט די זונ געשײַנט א גאַנצנ טאָג. ארויסגעקראָכנ פונ הינטער א קופּע אײַז אונ געקומענ זיכ דערוואַרעמענ. איכ בינ געזעסנ אַפנ טויטאָבורגער־פּלאַץ, אינ קלײנעם פּארק. דאָרט זײַנענ געזעסנ א סאַכ פרויענ מיט קינדער אונ א סאַכ ארבעטלאָזע. עס איז דאָכ געווענ אינ ווינטער — אָבער קוים מאַכט זיכ א וואַרעמער טאָג, קריכט אַלצ ארויס אַפ דער גאַס, פּונקט ווי די זונ. קײנ שנײ איז נישט געווענ, אונ דאָס ביסל בלאָטע האָט זיכ א טריקנ געטאָנ אינ א מינוט. ווילסטו, דאַכט זיכ דיר, אַז ס׳איז פרילינג. קינדער שפּילנ זיכ אינ זאַמד, פרויענ זשמורענ די אויגנ אַקעגנ דער זונ. אונ ארבעטלאָזע האַלטנ אראָפּגעלאָזט די הענט.

עס איז אַזוי שווער, אַזוי שווער איז דעם מענטש, וואָס האָט צוויי געזונטע הענט, א געזונטנ קאָפּ אונ קײנ ארבעט האָט ער נישט. עס איז אַזוי שווער צו קוקנ אַפ די לאַנגע שורעס מענטשנ־אָנ־ארבעט, וואָס זיצנ אַפ די בענק אינ קלײנעם פּארק אונ קוקנ צו ווי קינדער שפּילנ זיכ. אַמאָל שטײט אויפ אַנ ארבעטלאָזער מענטש פונ דער באַנק, שאַרט זיכ שווײַגנדיק צו א בינטל קינדער אונ פאַרשפּילט זיכ מיט זײ. קײנ אַנדער, שאַרט צונויפ קלײנע קופּקעלעכ זאַמד, דערנאָכ מאַכט ער רעד־ פונ טײגלעכ.

עס דאַכט זיכ דעם פוילנ מענטש, אַז ארבעט איז א שווערע זאַכ. דעם ארבעטלאָזנ דאַכט זיכ, אַז ארומצוגײנ אָנ ארבעט איז דאָס שווער־ סטע אינ מענטשלעכנ לעבנ. צו האַלטנ אַראָפּגעלאָזט די הענט א גאַנצנ טאָג, א גאַנצע וואָכ, א גאַנצ יאָר — דאָס איז די גרעסטע צאָרע, וואָס קאָנ קומענ אַפנ מענטשנ.

לעבנ מיר זיצט פּיטע, דערציילט מיר, אַז זשוקל, זײַנ קאַלע, האָט באַקומענ ארבעט. זײַנע אויגנ פלאַמענ, אונ ער דערציילט מיר, אַז זונ־

טיק וועלן זיי דערפאר מאכן א באל. דער באל וועט זיין בא זשוקלס מוטער. עס וועט קומען דער פעטער קונצע מיט אלע קינדער, עס וועלן קומען א סאך באוויירים און איך מוז אויך קומען, זאָגט ער.

איך? א גאנצע וואָך וואַרט איך אַף ליסבען, אַף דער ערשטער באַגעגעניש מיט מיין ליסבען, און דאָ זאָל איך גאָר גיין צו פיטע אפן באל? איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וועל נישט גיין.

— וואָס, דו וועסט נישט קומען? — פיטע נעמט ארויס א מעסער. — דו וועסט נישט קומען?

איך האָב אים דערציילט וועגן דעם גרויסן געשעעניש, וואָס וואַרט אַף מיר זונטיק.

— וועסטו קומען מיט איר! — ער האָט אריינגעלייגט דאָס מעסער אין קעשענע. זיינע אויגן האָבן געפלאַמט. — זשוקל האָט באַקומען ארבעט, מיין ליבער. עס וועט זיין א פיינער באַל. פאַרשטייסט?

נו, האָב איך מיר געטראַכט, ביז זונטיק איז נאָך א יאָם מיט טעג, איך וועל מיר נאָך איבערלייגן. אחוץ דעם דאַרף איך דאָך ליסבען אויך עפעס פרעגן, אָדער נישט? מיר וועלן זען. נאָר אים האָב איך געמוזט צוזאָגן, אַז איך וועל קומען. פיטע האָט זיך געפרייט ווי א קינד, ער איז אופגעשטאַנען און זיך געזעגנט. זיין זשוקל וועט באַלד קומען פון דער ארבעט, האָט ער געזאָגט.

— ווּ אַרבעט זי?

— עך, א שײַס-אַרבעט! — ער האָט אויסגעשפּיגן. — א קלאָזעט-באַדינערין אין א קאַפעהויז.

נאָכאַמאָל האָט ער מיך דערמאָנט, אַז איך זאָל אומבאַדינגט קומען זונטיק אפן באַל, און ער איז אוועק א שטאָלצער, ווי א פּאַווע מיט גאָלדענע פעדערן.

איך האָב פאַרענדיקט לייענען קנוט האַמסונס „די בראָכע פון דער ערד". די זון איז אונטערגעגאַנגען, דער קליינער פּאַרק איז געוואָרן ליידיק, א קופּע מיט סמאַרעס האָט זיך נאָכגעיאָגט נאָך דער זון. איך האָב געטראַכט: אָנגעשריבן איז דאָס בוך, אזא יאָר אַף מיר. נאָר רעאַקציאָנער, ווי אין פּאָסעק שטייט. פאַראַן א לאַנד, וואָס קיין מענטשלעכער פוס האָט אַף אים נאָך נישט געטרעטן, דאָרט אַרַ'ן גייט איזאַק. דער מענטש. באַזעצט זיך אין דער הוילער וויסטעניש,

און זע: עס בליט ארום אים די ערד, עס געדייט און וואַקסט דאָס ברויט, די זון שײַנט איבער איזאַקס קאָפּ, הערט נישט אויף צו שײַנען. קנוט האַמסון! ווו איז דאָס לאַנד, וואָס וואַרט אויף מיר? וווהין זאָל איך גיין? איך און פּיטע און מיליאָנען ווי מיר? קנוט האַמסון ווערט אָנשרײַבן נאָך א בוך און וועט ווײַזן דעם וועג — נאָר קיינער וועט אים נישט קאָנען געפינען. אָבער שיין וועט זײַן דאָס צווייטע בוך ווי דאָס ערשטע.

און ווען איך בין געקומען אינאָוונט אין מײַן פּאַרטיי־קעמערל, האָב איך שוין פאַרשפּעטיקט. קנוט האַמסונס בוך האָט מיך פאַרפירט.

א באַוווסטער פון דער „אונטער־באַציר־פאַרוואַלטונג“ האָט רעפערירט איבער דער פאַשיסטישער געפאַר. מאַרטא האָט מיר אונטערגערוקט א קיכל, וואָס זי האָט אליין געבאַקן. לעבן איר איז געזעסן קאַרל, איר מאַן. ווען מע קוקט אויף זיי ביידע, קומט א מאָדנער אײַנפאַל אויפן געדאַנק: ווער קאָן געבן בעסערע פּעטש, זי צי ער? ווײַל כאָטש ער איז העכער פון איר, איז זי אָבער ברייטער פון אים.

איך האָב פאַרשפּעטיקט, און מיר איז אויסגעקומען שוין צו הערן די לעצטע ווערטער פון רעפעראַט. דערנאָך איז מען באַלד צוגעטראָטן צו דער דיסקוסיע. דאָס ערשטע וואָרט נעמט זאַלי. ער נעמט שטענדיק דאָס ערשטע וואָרט. זאַליס גלאַנצנדיק־גאָלער קאָפּ פּאָמפּעט זיך אָן מיט רויטן אונטערשלאַק נאָך איידער ער הייבט אָן ריידן. און ווען ער רעדט, דעמאָלט וואַקסט זײַן גרויסער קאָפּ צעהיצעוודיק. דער רויטער אונטערשלאַק, וואָס אונטערן גלאַנצנדיק־גאָלן שאַרבן, לויפט אַלץ טיפער אַראָפּ, קריכט אונטער דער הויט איבערן פּאָנעם, אַראָפּ צום האַלדז און אַלץ טיפער, און ווערט אַלץ רויטער. פּיטע זיצט אין א ווינקל, פּלוצעם זאָגט ער (ער איז דער איבעריקער שטערער), אַז זאַלי מעג שוין באַהאַלטן דאָס איבעריקע פאַר זײַן ווײַב. קאַרל גיט א שנײַד מיט דער גרויסער האַנט איבער דער לופט, און זאַלי רעדט ווײַטער. א ביסל האָט מען באַ אונדז פאַר אים דערעכערעץ. ער איז אַן אַלטער אינוואַליד און האָט ליב א סך צו ריידן. דערנאָך פאַרנעמט זיך די דיסקוסיע ווײַטער אומגעשטערט. מאַרטא באַקומט אַרויס פון ערגעץ נאָך א האַלב קיכל און רוקט עס מיר אונטער. מיר פאַלט אײַן: אויב זיי וועלן געוואָר ווערן פון מײַן לאַגע, זי און קאַרל, וועלן זיי שוין נישט אָפּלאָזן נאָר איך זאָל גיין צו זיי שלאָפן. און איך פון מײַן זײַט וויל מיך נישט

ארײַנלאָזנ אינ א פראָווינצ צווישנ מארטא אונ ליסבענ. אזא פראָווינצ קאָנ אמאָל ווערנ געפערלעכ, אויב קארל ווערט דערפונ געוואָר אונ מישט זיכ ארײַנ. קארל — נו, לאָמיר זאָגנ אימ בעסער נישט ריידנ, ער איז א ווילער כאווער, אָבער הענט האָט ער אײַזערנע.

מיטאמאָל לויכט אויפ אינ דער דיסקוסיע א קלײנ פײַערל. א זשעדנע, אָבער א מאָדנע פײַערל. ווער האָט דאָס פײַערל אָנגעצונדנ, ווייס איכ נישט, נישט געהערט, אָבער וועמעס פאָנעמ האָט פײַערל באלויכט, זע איכ: לאנגהאוזנס פאָנעמ. קימאט אלע כאוויירימ ווארפנ צו אימ שטי־לע בליקנ. אונ ער? ער זיצט זײַטלעכ, האלט דעמ בלאָנדנ קאָפ א ביסל אראָפגעלאָזט, די אויגנ קוקנ אריבער צו די מענטשנ האלב צוגעמאכט, פארשעמט. עס איבערכאזערנ זיכ די ווערטער „פינפ מארק", „א פעקל", אונ יעדעס מאָל גיט לאנגהאוזנס שטערנ בא די ווערטער א געוויסנ ציטער אונ זײַנע האלב־אָפענע אויגנ פארמאכנ זיכ. מאקס שפילהאר, הער איכ איצט, איז געווענ דער ערשטער, וועלכער האָט דאָס דאָזיקע מאָדנע פײַערל אונטערגעצונדנ — אונ מאקס שפילהאר איז לאנגהאוזנס בעסטער כאווער.

ווער איז לאנגהאוזנ? ער איז אלט אריבער דרײַסיק יאָר, האָט א ווײַב מיט צוויי קינדער אונ זעט אויס ווי א צוואנציק־יאָריקער. זײַנ פאָנעמ איז בלאָנד, שמאָל, צארט, ער איז אינגאנצנ א הארער אפ אי־בערצוברעכנ — אונ פונ פאכ איז ער דאָפקע א טראנספאָרט־ארבעטער. נאָר מער פונ צוויי יאָר איז ער שוינ אָנ א ברעקל ארבעט.

עס רעדט א כאווערטע (איכ ווייס נישט איר נאָמענ):

— כאוויירימ, איר ווייסט, איכ האָב מערסטנטייל נאכט־דינסט אונ דערפאר קומ איכ זעלטנ צו אונדזערע זיצונגענ. אָבער דעמ כאווער לאנגהאוזנ קענ איכ גוט, איכ האָב אימ געהאלטנ פאר אײנעמ פונ אונדזערע בעסטע מענטשנ, יעדע פרײַע מינוט האָט ער אויסגענוצט פאר דער פארטיי־ארבעט. אָבער גראָד דערפאר קומט אימ א הארבערע שטראָפ ווי אנ אנדערנ. ער האָט באדארפט וויסנ, אז דאָס וואָס די נאציס האָבנ אימ צוגעשיקט דורכ דער פאָסט אײנ מאָל פינפ מארק, א צווייט מאָל א פאקעטל מיט פארשיידענע זאכנ, איז געווענ א קלאָרע טענדענצ אימ אונטערצוקויפנ. אזויארומ האָבנ זיי אימ געוואָלט ווײַזנ, דעמ ארבעטלאָזנ, אז זיי האָבנ געלט, אז בא זיי קאָנ מענ פארדינענ, כאָטש מענ איז אָנ ארבעט. לאנגהאוזנ האָט אונדז דערציילט, אז איכ

דעמ זעלבנ הויז, ווו ער וווינט, וווינט אויכ א נאצי־פירער, פארשטייענ מיר, אז פונ אימ נעמט זיכ עס.

די כאווערטע האט פונ אָנהייב גערעדט שטיל, איצט האט זיכ גע־ הערט איר קול. דאס געלע, קלענגלעכע פאָנעמ האט זיכ אלצ שטארקער געבלייכט.

— מיר ווייסנ, אז דער כאווער לאנגהאוזנ איז אָנ ארבעט, אז ער האט צוויי קליינע קינדער אינ שטוב, אָבער די צושיקונגענ פונ די בלוטיקע נאציס האט ער נישט געטאָרט אָננעמענ. מיר זײַנענ אלע גרייט צו לאָזנ אונדזער בלוט אפ דער גאס אינ אונדזער גערעכטנ קאמפ — אונ דאָ וועלנ מיר גאָר נעמענ מאטאָנעס פונ אונדזערע גרעסטע סאָ־ נימ? וואס זאָגט לאנגהאוזנ? אז ער האט נישט געוווּסט דערפונ, זײַנ פרוי האט צוגענומענ דאס געלט אונ דאס פאקעטל, ערשט דערנאָכ איז ער דערפונ געוואָר געוואָרנ. גוט, אָבער וויאזוי איז דאס? זײַנ פרוי ווייסט גאָרנישט, אז איר מאנ איז א קאָמוניסט? כאווער לאנגהאוזנ, אויכ דאס איז א פעלער! איכ שלאָג פאָר קאָנקרעט: אָפנעמענ בא אימ אפ א כוידעש צײַט אלע ביז איצטיקע פונקציעס, ער מוז אָפגעבנ א דערקלערונג, אז ער זעט אײַנ, ער איז באגאנגענ א פעלער, ער מוז זיכ פארפליכטנ: אויכ ער וועט נאָכאמאָל באקומענ עפעס אזוינס צוגע־ שיקט פונ די נאציס, מוז ער עס גלײַכ איבערגעבנ דעמ „פאָליט־פי־ רער" פונ אונדזער קעמערל.

נאָר קיינ באשלוס איז פונדעסטוועגנ נישט אָנגענומענ געוואָרנ, כאָטש נאָכ עטלעכע כאוויירימ האבנ זיכ ארויסגעזאָגט פאר דעמ פאָר־ שלאָג. די דיסקוסיע וועט מענ פארזעצנ קומענדיקע וואָכ.

דערנאָכ האט דער „פאָליט־פירער" געמאָלדנ וועגנ די פארזאמלונ־ גענ, דעמאָנסטראציעס, זיצונגענ, קורסנ, דיסקוסיעס, אגיטאציעס, וועל־ כע דארפנ פאָרקומענ אינ לויפ פונ דער וואָכ.

עס האט זיכ געמאכט, אז מארטא האט געמוזט פריער אוועקגיינ זענ וואס די קינדער טוענ, אונ אזוי האָב איכ מיכ גליקלעכ ארויסגע־ דרייט פונ א גישט אָנגענעמער לאגע. איכ האָב נאָכ געוווּסט ערגעצ אנ אָרט, ווו מע קאָנ כאפנ א טעפל קאווע מיט א שטיקל ברויט אָנ באָרג, דאס האָב איכ אויסגענוצט — אונ גלײַכ אוועק צו מײַנ דירע. עס איז שוינ געווענ גאָר שפעט.

אָבער מײַנ דירע? מײַנ דירע — מע שיילט בא איר דאס פאָנעמ

אוי, איך האָב זי נישט מער דערקענט. נישטאָ מער קיין פֿאַרלאַנגע. נישטאָ מער קיין טיר, קיין פֿענצטער, מע צערייסט מיין דירע אַף שטיקער, אַף שטויב און אַף פּאָרעך.

איך בין געשטאַנען לעבן מיין צעטראָגענער דירע און איך האָב זי באַוויינט, ווי מע באַוויינט אַ פֿרי-פֿאַרשטאָרבענעם מענטשן. אַזוי יונג אַוועק, האָב איך געטראַכט, אַזוי פֿריש און געזונט! וואָס וואָלט מיר געפֿעלט, ווען מע לאָזט זי לעבן? וואָס וואָלט איר געשאַט, ווען מע לאָזט זי שטיין? אוי, אַ ווייטיק אין האַרצן!

דערנאָך בין איך אַוועק ווי פֿון אַ לעווייע. מיינע פֿיס האָבן זיך געפּלאָנטערט און פֿאַר די אויגן האָבן געטאַנצט רעדער. רעדער פֿון באַלויכטענע דירעס, רעדער פֿון באַשפּיגלטע וויטרינעס, רעדער פֿון שרייענדיקע רעקלאַמעס, רעדער און רעדער, בלויע און גרינע, ווייסע און שוואַרצע.

טונקל און טיף איז געלעגן די שפּרעע, דאָס וואַסער האָט פֿינצטער געגאָרגלט. איך בין געזעסן אויפֿן ברעג, פֿייכטקייט האָט געצויגן פֿון דער ערד, לעבן מיר, אין גראָז, איז געזעסן מיין ליסבע. וויפֿל טעג איז נאָך ביז זונטיק? וויפֿל שעהן, וויפֿל מינוטן? אונטן האָט דאָס וואַסער פֿינצטער געגאָרגלט, אויבן האָבן געלויכטן די שטערן. טייערע שטערן! קאָנסט זיי ציילן עטלעכע נעכט נאָכאַנאַנד, און סע וועט אַלץ נאָך בלייבן וואָס צו ציילן.

פּלוצעם בין איך אויפֿגעשפּרונגען: וואָס פֿאַר אַ שלימזל איך בין! אין בערלין בויט מען אַ נייע שטרעקע פֿון דער „אונטערגרונטבאַן", פֿון מעטראָ, אָדער נישט? און באַלד ווי דער דאָזיקער טייערער סייכל איז מיך באַפֿאַלן, בין איך געוואָרן שטאָלץ. ווי אַ באַלעבאָס, ווי אַ סוחר אַ רייזנדער, בין איך מיר געגאַנגען, פֿאַוואָליע און געמיטלעך, אין מיין נייעם האָטעל אַריין. שטאָלץ! מיך האָט בלויז פֿאַרדראָסן, פֿאַרוואָס איך האָב נישט קיין לעדערנע רענצלעך מיט זיך און גלאַט אַזוי עטלעכע פֿיינע פּעקלעך. וויאַזוי וואָלטן גאָר קוקן אָף מיר די קעלנער און פּאָרטיערן און די ליפֿט-יינגלעך און די אַלע, די אַלע — נאָך אַ גליק, וואָס באַם אַריינגאַנג איז קיינער נישט געשטאַנען. זיי זיינען געווען פֿאַרנומען אַלע, ווייזט אויס. און איך בין אַריבער אַ פּלויט. אַריינ-געשפּרונגען אין אַ גרוב, אַ טאָפּטשע געטאָן אין אַ בלאָטע און געווען אינווייניק, אין סאַמע צענטער פֿון גרויסן האָטעל. איצט גיי איך מיר

זוכן אַ צימער. טונקל־פֿאַרצעפּלטע נאַכט דעקט צו דעם צעגראָבענעם שטעטל, עס זעט אויס ווי אויפֿן שלאַכטפֿעלד הינטער ווערדען. נאָר איך בין אויפֿן ריכטיקן וועג. אַ גרוב פֿירט טיפֿער אַרײַן אין אַ גרוב, דער גאַנג לאָזט זיך עס אין דער לענג. דער וועג פֿאַרנעמט זיך נישקאָשעריס, באַטש ערגעץ אַוועק אונטער האַלב בערלין. נאָר מיר שאַט עס נישט. דער דיל איז געפּלאַסטערט מיט לאַקירטע פּאַרקעט־ברעטלעך, די ווענט פֿון ריזנסטן מירמלשטיין, דער סופֿיט פֿון גראַניט און אַרץ. איך האָב באַ מיר שוועבעלעך און קאָן גיין ווי ווײַט סע לאָזט זיך. אַמאָל לויפֿט פֿאַרבײַ אַ מײַזל און גיט אַ קווימטש אונטער די פֿיס. נאָר אָט איז אַ זײַטיק צימער, ברעטער אויסגעלייגט איבער אַ קליין טײַכל, און ווערקצײַג ליגן צעוואָרפֿן. וואָס גייט מיך אָן דאָס ווערקצײַג? איך בין מיד און שלעפֿעריק, ליג איך מיך אַנידער און ליג. איך פֿאַרהיכער די פּײַקע און ס'איז מיר גוט. דאָ נעם איך אָן אַ באַשלוס: אין ערגעץ נישט, נאָר טאַקע דאָ ווערט זײַן מײַן ווײַטערדיקע דירה. אַ ווײַלער באַשלוס, וואָרעם איז אויך.

דערווײַל פֿאַרוועבן זיך מײַנע מידע אויגן: לי־לי־ליסכען, ליס־כען, לי־לי־לי — — —

אויפֿגעוועקט האָט מיך אַן אַרבעטער, דער ערשטער אַרבעטער, וואָס איז אַראָפּגעקומען אין טונעל אָפּ אַרבעטן. ער האָט מיך געוועקט און נישט אַראָפּגענומען פֿון מיר קיין אויג.

— שנעלער, שנעלער. ווען זיי קומען, וועלן זיי דיך אַרעסטירן.

ער האָט געהאַלטן דאָס רעקל אַריבערגעוואָרפֿן איבערן רעכטן אַקסל. גלײַך ס'וואָלט געווען זומער. וועמען מיינט ער דאָס מיט „זיי“? האָב איך געטראַכט. אַוודאי די מײַסטערס. איך האָב מיך צוגעאײַלט, פֿאַרשלאָפֿנערהייט געהויבן פֿיס, געלאָפֿן איבער גריבער, אַריבערגעשפּרונגען דעם פּלויט. עס האָט מיר באַנק געטאָן, פֿאַרוואָס מע האָט מיך אַזוי פֿרי אויפֿגעוועקט. נאָר עס איז געווען פֿאַרפֿאַלן. קאָנסט גאָרנישט טאָן.

הײַנט איז אַ טאָג, האָב איך מיר געזאָגט, הײַנט איז אַזאַ טאָג ווי פֿרײַטיק. און פֿרײַטיק האָב איך מיר סײַווי מײַן פֿאַרגאַסע, וועלכע פֿאָדערן פֿון מיר איך זאָל פֿרי אויפֿשטיין. די גרענאַדיר־שטראַסע רופֿט,

די יידישע געגנט, דאָרט העלפֿ איכ פֿאַרקויפֿנ מײַנ אַלטנ פֿרײַנט מאָטעלענ — עפּל, באַרנ, לימענעס אונ גרינסנ. מאָטל איז אַנ אינוואַליד, ער פֿאַרקויפֿט מיט צוויי שטיקלעכ הענט, אָנ פֿינגער, נאָר זיי זײַנענ געשיקט ווי דער רועכ, די צוויי לאַפּעטקעס זײַנע. ער שאַרט אַרײַנ די סכוירע אינ אַ בײַטל, וועגט אָפּ, ציילט געלט, באַדינט שנעלער דעמ קונה ווי איכ. „ביסט אַ שלימאַזל", זאָגט ער צו מיר, „זע, ווי מע טוט דאָס". אונ מײַנע אויגנ ווערנ זיכ עמעסדיק. אָבער קוימ דאַרפֿ מענ הייבנ אַ זעקל, אַ קעסטל, דעמאָלט בינ איכ שוינ מער געשיקט פֿונ אימ. אַזוי שטייענ מיר ביידע לעבנ אַ גרויס וועגעלע, וו עס ליגנ אָנגעלייגט די אַלע סכוירעס, אונ מיר פֿאַרקויפֿנ. אַ גאַנצע וואָכ שטייט מאָטל אַליינ, גיט זיכ אַליינ אַנ אייצע, פֿרײַטיק מוז איכ אימ העלפֿנ.

עס שמעקט אינ דער גרענאַדיר-שטראַסע מיט אַלע יענע שמעקעכצנ, וואָס אינ לעמבערג הינטער דער שול, אינ קראָקע אויפֿנ קוזמאַרס, מיט פֿיש, מיט הערינג, מיט ציבעלעס אונ מיט זויערע טייגלעכ. עס פֿאַרקענ זיכ ווײַבער, יידנ, עס ווימלט מיט קינדער, עס הייבט זיכ דער געשריי איבער די דעכער אונ צעגיסט זיכ אינ די זײַטיקע גאַסנ.

אַ גאַנצנ טאָג האָב איכ פֿאַרגעסנ צו טראַכטנ וועגנ מײַנ קלאָגעדיקער דירע, אונ באַנאַכט איז צו מיר אינגאַנצנ אַרויס פֿונ קאָפּ. איכ בינ אַרעסטירט געוואָרנ צוזאַמענ מיט פֿופֿציק כאַוויירימ בײַ אַ פֿאַרזאַמלונג. די פּאָליציי-אַגענטנ זײַנענ געווענ ווילד צערייצט, אַ האַלבע שאָ זײַנענ מיר געשטאַנענ מיט אויפֿגעהויבענע הענט. אונ אַ וויסטע, שוימענדיקע זידלערײַ האָט זיכ געגאָסנ פֿונ זייערע מײַלער, ווי אַ בײַסנדיקער רעגנ אינ אַ טעמנער נאַכט. נאָר מיר האָבנ אויכ נישט געשוויגנ, מיר האָבנ געענטפֿערט צו דער זאַכ. מע האָט בײַ אונדז אויסגעליידיקט די קעשענעס, פֿאַרשריבנ די נעמענ, דערנאָכ האָט מענ אונדז אַרויסגעפֿירט פֿונ זאַל פֿאַרגוויזנ. אַפּ הויכע אויטאָמאָבילנ האָט מענ אונדז פֿאַרלאַדעוועט אונ אוועקגעשיקט. עטלעכע כעווירע האָבנ אָנגעהויבנ זינגענ אויפֿנ וועג, נאָר מע האָט פֿאַרבאָטנ אַפֿילע צו ריידנ צווישנ זיכ. דערנאָכ האָבנ מיר אָנגעהויבנ לאַכנ. דאָס מעג מענ, האָבנ מיר געזאָגט.

לעבנ מיר איז געזעסנ אַ כאַווער מיט זײַנ פֿרוי; זיי האָבנ איבערגעלאָזט צוויי קינדער, זעקס-אונ זיבנ-יאָריקע, פֿאַרשלאָסנ אינ שטוב. דער כאַווער האָט עטלעכע מאָל געבעטנ דעמ פּאָליציי-באַאַמטנ, מע

זאָל כאָטש אַפּלאָזן זײַן פֿרײַ, אַז זי זאָל איבערגעבן דעם שליסל א שאָכנטע. אין דער שטאָב איז דאָ גאַז, ער האָט מורא פֿאַרן לעבן פֿון די קינדער. אָבער ווי אַן ענטפֿער איז אים דערפֿאַר א פּאָליציאַנט באַפֿאַלן מיט דעם באַרימטן גומישטעקן און אים דערלאַנגט עטלעכע מאָל איבערן קאָפּ.

מיר האָבן אויפֿגעהערט צו לאַכן, געפֿאָרן מיט פֿײַנדיקער שנעלקייט איבער די בערלינער העל־באַלויכטענע גאַסן. מענטשן האָבן אונדז נאָכגעקוקט.

אינעם פּאָליצײַ־פּרעזידיום אַפֿן אַלעקסאַנדער־פּלאַץ, פּאָליטישע אָפּטײלונג «AI» האָט מען באַ יעדן איינעם פֿון אונדז ווידער אויפֿגענומען א פּראָטאָקאָל — וואָס פֿאַר א פֿאַרזאַמלונג דאָס איז געווען, וואָס מיר האָבן דאָרט געטאָן, וועגן וואָס מיר האָבן גערעדט, — מיר האָבן ווידער געמוזט שטיין מיט אויפֿגעהויבענע הענט, געמוזט אויסטאָן די רעקלעך, די העמדער, די שיך. דרײַ מאָל האָט מען אונדז אַפֿן „אַלעקס“ אַזוי דורכגעזוכט. האָט דער ערשטער פּאָליציאַנט גאָרנישט געפֿונען — עפּשער וועט דער צווייטער עפּעס כאָטש געפֿינען? מע דאַרף נײַטיק האָבן א באַווײַז, אַז מיר זײַנען טעראָריסטן, טעראָריסטן אויף יעדן פֿאַל!

אַזוי פֿירט מען אונדז פֿון קאָמיסאַר צו קאָמיסאַר, פֿון קעלער אַפֿן דריטן שטאָק, פֿון דריטן שטאָק ווידער אַראָפּ אין קעלער. ערשט פֿיר אַזייגער פֿאַרטאָג לאָזט מען אונדז אין רו. אונדזער גרופּע ווערט צעטײלט, איין און דרײַסיק מאַן לאָזט מען אַרײַן אין א גרעסערער קאַמער.

מידע כעווירע וואַרפֿן זיך אויף דער נאַרע און טשאַדערן, דרעמלען באַלד אײַן. אַנדערע האַלטן זיך אין רעדלעך, טײַען אויף אין א שטראָם מיט רייד, דערציילן זייערע „אײַנדרוקן“ און מיינונגען. ווידער אַנדערע שפּאַנען אַרום אין דער גרויסער קאַמער, שטרענג און ערנסט, ווי סאָלדאַטן אויף וואַך, בייז און פֿאַרטראַכט, ווי אַלטע פֿילאָזאָפֿן. פֿון דער הייך האָבן צוויי קליינע עלעקטרישע לעמפּלעך פֿאַרוואָרפֿן די פֿאַרשטויבטע ווענט מיט גרויסע טונקעלע שאָטנס.

ווען מיר זײַנען דאָ אַרײַנגעקומען, האָבן מיר שוין אָנגעטראָפֿן אין קאַמער פֿיר מענטשן. זיי האָבן דערציילט, אַז מיט קנאַפּע צוויי שאָ פֿריִער זײַנען זיי אַרעסטירט געוואָרן באַ א ספּאָנטאַנער דעמאָנסטראַ־

ציע. אײנער האָט דערציילט, אז א פּאָליציאנט האָט אים א כאַפּ געטאָנ בײַ דער האַנט גראָד אינ דעם מאָמענט, ווענ ער האָט גערופּנ: „נידער מיט —" און נישט פאַרענדיקט. דער צווייטער האָט דערציילט וואָס פאַר א קונצנ קאָנ ער מאַכנ מיט א וועלאָסיפּעד. דער דריטער האָט געזאָגט, אז עס איז א שאָד, פאַרוואָס קיינער האָט נישט בײַ זיך קיינ קאָרטנ צום שפּילנ. דער פערטער ווידער האָט געזאָגט, אז אים האָט מענ איבערהויפּט אומזיסט ארעסטירט, ער איז צופעליק פאַרבײַ דעם פּלאַץ, ווו עס איז פאָרגעקומענ די דעמאָנסטראַציע — מער נישט.

ער, דער פערטער, איז געווענ א הויכער, מיט אײַנגעפאַלענע בלייכע באַקנ, יונג און פאַרבענקט. די גאַנצע צײַט איז ער געזעסנ אפ איינ אָרט, די פיס צוגעצויגנ צום בויכ, מיט די הענט געהאַלטנ ארומגענומענ די קני, זיך נישט גערירט די גאַנצע צײַט האָט ער נישט צוגעמאַכט קיינ אויג. מידע טרויעריקײַט איז געלעגנ אינ זײַנע אײַנגעפאַלענע בלייכע באַקנ. ער האָט מיך געפרעגט, פאַרוואָס איך לויפ ארום אַנ אופהער אינ קאַמער, פאַרוואָס איך קאָנ נישט אײַנזיצנ אפ אנ אָרט. נאָר איך בינ נישט געווענ גאָר דער איינציקער, „וואָס האָט נישט געקאָנט אײַנ־זיצנ אפ אנ אָרט". פונדעסטוועגנ האָב איך אים געפאָלגט, אנידערגע־לייגט זיך אפ דער נאַרע און געפרוווט שלאָפנ.

צוביסלעכ האָט זיך דער טאָג אריינגעגליטשט דורכ די הויכע פאַר־גראַטעוועטע פענצטער. עס האָט אים קיינער נישט באַמערקט. ערשט ווענ די צוויי לעמפּלעכ האָבנ זיך מיטאַמאָל אויסגעלאָשנ, האָבנ מיר אים דערזענ, דעם העלנ טאָג. מע האָט געגעבנ קאַווע מיט ברויט. דאָס האָט געשמעקט. איך האָב מיר געטראַכט: א געלעגער, קאַווע מיט ברויט, וואָס פעלט מיר נאָכ? אכ, יעזוס! איך האָב גאָר פאַרגעסנ, אז עס איז שוינ שאַבעס, אז נאָכ שאַבעס איז זונטיק — ליסכענ וועט קומענ, מיכ נישט טרעפנ. איך בינ א לומפּ, וועט זי זאָגנ, איך האָב זי אָפּגענאַרט. וואָס טוט מענ, וואָס טוט מענ? איך וועל זי גאָר אינגאַנצנ פאַרלירנ, זי וועט מער נישט וועלנ הערנ פונ מיר, טראַכטנ, איך האָב זי אָפּגע־נאַרט! וואָס טוט מענ, וואָס טוט מענ?! די קאַמער איז ברייט און לאַנג. איך האָב ווידער אָנגעהויבנ שפּאַנענ פונ איינ ווינקל אינ אנדערנ, פונ איינ נאַרע צו דער צווייטער, ארומ און ארום. מײַנ קאָפּ האָט געשפּאַנט נאָכ שנעלער פונ מײַנע פיס. קיינ אייצע האָב איך נישט געפונענ.

איך האָב געלייענט אַף דער וואַנט די שריפט, וואָס איז געווען אַריינגעקריצט מיט אַ נאָגל פון פינגער:

„און ווען איר וועט מיך אַרעסטירן נאָך הונדערט מאָל, וועל איך נאָך יעדן מאָל נאָך שטאַרקער רופן צום רויטן שטורעם. קאַרל מײַזינגער, 5-טער מײַ, 1929“.

דאָס זײַנען געווען ווערטער, וואָס האָבן צוגעקלעפּט צו זיך מײַנע אויגן. אויפשריפטן זײַנען געווען אויסגעקריצט אין די ווענט נאָך אַ סך אַנדערע — פונקט ווי אין די הויכע בערג טוען דאָס עקסקורסאַנטן, וואָס ווילן אַז זייערע נעמען זאָלן בלײַבן אומשטערבלעך. אָבער האַרט ווי דאָ זײַנען די באַזוכער מענטשן פון פאַרשיידענעם סאָרט, מערסטנטייל זאָגן זייערע נעמען גאָרנישט, זייערע פאַרטראַכטע פראַזן נאָך ווייניקער. נאָר די דאָזיקע ווערטער, וואָס הייבן זיך אָן: „און ווען איר וועט מיך אַרעסטירן נאָך הונדערט מאָל —“, וואָס פאַר אַ גוואַלדיקע קראַפט פאַרמאָגן זיי! זיי ברענגען דיך צו צו זיך, גלײַך אין ערשטן אויגנבליק, מיט ליבע, מיט מוט, מיט פײַער.

איך בין ווידער אַרומגעגאַנגען אין קאַמער, אויסגעקוקט אַלע אויפשריפטן, צענדליקער געלייענט — און נאָכאַמאָל, און נאָכאַמאָל בין איך צוגעגאַנגען צו יענער מערקווירדיקער אויפשריפט און נאָכאַמאָל, און נאָכאַמאָל דאָס אייגענע געלייענט. אָן אַלע מײַנע פריערדיקע טראַכטענישן האָב איך פאַרגעסן.

ווען עס קלאַפּט דער שליסל אין דער טורמע-טיר, וועקן זיך אויף אַלע אַרעסטאַנטן פון טיפסטן שלאָף. יעדער זעצט זיך אויף, יעדער קוקט.

— מײַזינגער קאַרל! — האָט גערופן דער טיר-שליסער. מיר האָבן אַלע געקוקט ווען ער מיינט.

און יענער הויכער, מיט די אײַנגעפאַלענע בלייכע באַקן, דער וואָס איז די גאַנצע צײַט געזעסן אַף איין אָרט און קיין איין אַפילו ניט צוגעמאַכט — ער איז איצט אַראָפּגעשפּרונגען פון דער נאַרע און צוגעגאַנגען צו דער טיר. דאָרט האָט דער שליסער צו אים געזאָגט:

— גענעם אײַערע זאַכן, איר זײַט פרײַ.

ער איז צוריקגעלאָפן צו דער נאַרע, גענומען זײַן מאַנטל, זיך געזעגנט מיט אונדז:

— יעצט גייט'ס ווידער לאָס. ראָט פראָנט!

הינטער אים האָט זיכ צוגעמאכט די גרעלע אײַזערנע טיר.

שנעל האָב איכ צוגעאײַלט צו דער וואַנט, ווו עס איז געווענ אריינ-געקריצט יענע מערקווירדיקע אויפשריפט, פונסניי באטראכט די ווער-טער, גאָכאמאָל געלייענט: „אונ ווענ איר וועט מיכ ארעסטירנ נאָכ הונדערט מאָל, וועל איכ נאָכ יעדנ מאָל נאָכ שטארקער רופנ צומ רויטנ שטורעמ. קארל מײַזינגער, 5-טער מיי, 1929“. איז דאָס געווענ ער? ער? דער זעלבער קארל מײַזינגער?!

איכ האָב געקוקט אפ דער שריפט, אפ דער וואַנט, מיט פארגרע-סערטע אויגנ: דאָס איז געווענ ער.

ווידער האָט געקלאפט דער שליסל, ווידער האָט זיכ געעפנט די אײַזערנע טיר. מע האָט שוינ איצט גערופנ איינעמ נאָכנ אנדערנ. דער טאָג איז אוועק שוינ ווײַט נאָכמיטיק, ווענ מע האָט אויכ מיכ גערופנ, מיר אָנגעזאָגט, אז מער זאָל איכ נישט וואַגנ צו גיינ אפ אזעלכע „טענצ“ — אונ איכ בינ געשטאַנענ אפ דער גאס. די פרײַע לופט האָט מיר א בלאָז געטאָנ אינ פּאָנעמ.

ליסבענ! דו ווייסט נישט זאָגנ, אז איכ בינ א לומפ, אז איכ האָב דיכ אפגענארט.

ווּהינ זאָל איכ גיינ? א מאַנ גייט צו זײַנ ווײַב. א זונ גייט צו זײַנ פאָטער, ווער האָט נישט קיינ שטוב, קיינ בוידעמ, קיינ לאָכ? איכ האָב נישט גאָרנישט.

אונ דער טאָג איז שוינ ווידער פאַרבײַ, דער הימל גרייט זיכ אפ נאכט, וועגנ וועלכע דו קאָנסט גאָרנישט זאָגנ אפריער. עס קאָנ זײַנ זונ אונ עס קאָנ זײַנ שניי. מײַנ וועג האָט געפירט צומ „יידישנ ארבעטער-קולטור-פאריינ“.

ווארעמ איז דאָ די היימישקייט, לעבעדיק דער געשריי, איכ האָב געלייענט צוואַנציק צײַטונגענ, אויפגעגעסנ א הערינג פאַר צוואַנציק פעניג, מיט ווייניקער ציבעלעס אונ מיט ווייניקער סאָס.

מײַזלער פונ לאָדז איז דאָ. ער האַקט מיט זײַנ שארפער דרייש, דורכ זײַנע אויסגעהאַקטע ציינ שפריצט פײַער. ער גיט א נעמ פיל-

סוחסקינ, מוסאָלינינ, מיט אלע אנדערע קלענערע אונ גרעסערע אזעלכע לייט, מאכט פונ זיי א פארקנוילטנ באל אונ גיט מיט זיי א שליידער פונ איינ עק וועלט אינ דער אנדערער. מיזלער רעדט שטיל. א שנעל־צוג וואָלט אים נישט געקאָנט דעריאָגנ. ער וויל אוועק אינ ראטנפאר־באנד, זאָגט ער, אונ וויל דאָרט ווערנ א שלאָסער. היינט פארקויפט ער צייטונגענ אונ פארשפרייט זיי אפ הונדערט פארזאמלונגענ איבערנ טאָג. צוויי מאָל אינ דער וואָכ, שאבעס נאָכמיטיק אונ זונטיק נאָכמיטיק, פוצט ער זיכ אויס ווי א גראפ אונ רוט אָפ. איצט האקט ער מיט זיינ גיכנ לאָשנ, אז קיינ שנעלצוג וואָלט אים גישט געקאָנט דעריאָגנ. אונ ארום אים שטייענ אויסגעפוצטע כעווריע, עס איז נאָכ דער ארבעט. הינטער דעם לאנגנ טיש, פול אָנגעלייגט מיט פארשיידענעמ עסנ־וואַרג, שטייט דער כאווער אורבאכ, קוילעכיק אונ פעסט, ווי א באלע־באָס, ווי א שענקער מיט א ווייסנ פארטעכ.

היינט האָב איכ נאכט־ארבעט. מיינ נעשאָמע ציטערט פאר פרייד־שטענדיק, ווענ איכ האָב נאכט־ארבעט. אזא נאכט־ארבעט איז פול מיט וווּנדערלעכער פאנטאזיע. איינאָוונט האָב איכ נאָכ אויסגעהערט א רע־פעראט אינ פאריינ וועגנ דער „פרויענ־פראגע בא אונדז אונ בא די פאשיסטנ", דערנאָכ בינ איכ אוועק צו קארלענ, דאָרט האָבנ מיר זיכ באדארפט טרעפנ צו דער נאכט־ארבעט.

איכ בינ נאָכ געקומענ צו פרי, מארטא האָט מיר געגעבנ איינס פונ אירע קיכלעכ, וואָס זי האָט אליינ געבאקנ, מיר האָבנ געטרונקענ קאווע. מיטאמאָל איז געקומענ צו רייד די פראגע וועגנ מיינ דירע אונ, נישט־ווילנדיק אונ נישט־וויסנדיק וויאזוי, זיינענ זיי געוואָר געוואָרנ פונ מיינע גרויסע געשעענישנ, וואָס זיינענ פאָרגעקומענ אינ די לעצטע עט־לעכע טעג. דאָס ערשטע וואָרט האָט זיכ מיר לעפיש ארויסגעכאפט, דאָס אנדערע איז שוינ געקומענ אליינ, קימאט געלאָפנ, ווי סע וואָלט געאיילט זיכ פאָרשטעלנ. ווערטער זיינענ ווי מענטשנ, יעדעס וויל ארויס־ווייזנ וואָס סע קאָנ. נאָר אז מיינע פריינט זיינענ געוואָר געוואָרנ פונ מיינ נישט־שיינער לאגע, האָבנ זיי געלאכט ביז טרערנ. האָסטו דיר א שיינע באשערונג, האָב איכ מיר געטראכט. דו קומסט אָפ דיינע נעכט מיט צאָרעס, אונ מענטשנ לאכנ דערפונ!

איכ האָב דערפאר געגעסנ נאָכ א קיכל אונ געטרונקענ נאָכ א טעפל קאווע. מארטא האָט געזאָגט, אז פונ היינט אָנ וועל איכ בא זיי

שלאָפנ. אונ אַז איכ האָב געזאָגט ניינ, האָט קאַרל אויסגעשטרעקט די האַנט. לאָמיר ריידנ נאָכ אַ וואָרט, האָט ער געזאָגט, וועט ער מיר פאַרפאָרנ.

ער איז געווענ גערעכט. אַזאַ מענטש ווי קאַרל איז שטענדיק גערעכט, ער האַלט וואָרט. די צאָרע איז געווענ — מאַרטאַ. ווײַל מאָרגנ דאַרפ זיכ דאָכ אָנהייבנ מײַנ ליבע מיט ליסכענ. מאָרגנ. אונ דאָ הייסנ זיי מיכ גאָר שלאָפנ בײַ זיי אינ שטוב! די פריִקרע לאַגע מײַנע האָט מיכ געראָטנ זיכ אומקוקנ ווי עס זעט דאָ אויס: צוויי שטיבער, די ערשטע אַ גרויסע, וווּ מיר זיצנ. די צווייטע אַ קליינע, וווּ די קינדער שלאָפנ. וווּ וועט זײַנ מײַנ געלעגער? — וווּ?! קאַרל האָט געוויזנ אַפ ביידע בעטנ. איכ קאָנ שלאָפנ אינ לינקנ בעט, אָדער אינ רעכטנ בעט, וווּ איכ וויל. זיי האָבנ ווידער געלאַכט, אונ מאַרטאַ האָט נאָכ שטאַרקער געלאַכט פונ קאַרלענ, זי האָט אַזש געשריגנ, געקײַכט, אונ די טרערנ האָבנ זיכ איר געגאָסנ פונ די אויגנ. איכ האָב מיכ פאַרשעמט.

עס איז געקומענ די צײַט, ווענ קאַרל איז אופגעשטאַנענ אונ געזאָגט: קומ. מאַרטאַ האָט געשאָקלט מיטנ גוידער, אונ מיר זײַנענ געגאַנגענ.

אַפ דער גאַס, פאַרבײַגעגאַנגענ אַ בודיקע (אַ ביר־שענק) — איז קאַרל האַרט אַרײַנגעגאַנגענ. אָבער דאָס האָט נישט געהייסנ, איכ זאָל בלײַבנ אינדרויסנ. קאַרל האָט באַשטעלט צוויי מאָלע העל (צוויי גרויסע גלעזער ביר). אַז איכ האָב געוואָלט באַצאָלנ פאַר מײַנ טייל, האָט ער מיר אַ האַק געגעבנ איבער דער האַנט: מענטש, שײַסע! מאַכ דיכ נישט גרויס, אַזוי רײַכ ווי דו, בינ איכ אויכ.

מיר האָבנ זיכ אַוועקגעזעצט צו אַ ווײַס אָפגעהובלטנ טיש. אַ רויטע פעמפיק־נאָז, ווי אַ פריש־געבראָטנ לעבערל, האָט דאָרט געהאַלטנ אַ דראָשע:

— שווײַנערײַ! אומעטומ אַרבעטלאָזע, אומעטומ בעטלערס! פאַרוואָס האָב איכ געלט? איכ, ראַשקע, פאַרוואָס האָב איכ געלט? אַ סאַכ געלט, אַ סאַ—אַכ! ווײַל איכ האַנדל מיט כאַזיירימ. אונ פאַרוואָס האַנדלענ זיי נישט מיט קיינ כאַזיירימ, די בעטלערס, די אַרבעטלאָזע הע?! ווײַל זיי טויגנ נישט דערצו. אונ אַזוי איז עס! דער מעלוכע קאָגענ זיי פאַלנ צו לאַסט, די געמיינע בעטלערס. אָבער איכ, איכ, ראַשקע, העפ־פעפ!

קאַרל האָט זיכ געדרוקט אַפנ בענקל, מיר געווונקענ מיט די אויגנ.

בלויע וואָלקנס פונ הונדערט גראָבע ציגארנ זיינענ געקראָכנ איבערנ קאָפּ ווי געשוואָלענע שלאנגענ אונ געשלונגענ דעם ביטערנ רייעכ פונ ביר, וואָס ס'איז אויפגעגאנגענ פונ די טישנ. קעפּ האָבנ זיכ געטרייסלט אונ זיכ געהוישעט מיט הילכיקנ געלעכטער.

— דו, ראשקע, דו האנדלסט מיט כאזיירים? — קארל האָט גענענטער צוגערוקט זיינ בענקל. — דו, ראשקע, פארוואָס האנדלענ נישט די כאזיירים מיט דיר? דיינ לעבער איז דיר שוינ ארויסגעקראָכנ אפּ דער נאָז פונ צופיל פרעסנ. נישטאָ האָרט קיינ פלאצ מער אינ דיינ בויכ!

אפּ ראשקעס נאָז זיינענ געוואקסנ בריליאנטענע טראָפּנדלעכ. ער האָט זיי אָפּגעווישט מיט דער פויסט:

— אזוי אָדער אזוי, שוויגערנ אלצייגס! איכ, ראשקע, האָב געלט, א סאכ געלט, א סא — אכ! אונ די בעטלערס, די ארבעטלאָזע דארפ מענ ארעסטירנ! ארויס פונ דייטשלאנד! קיינ רוסלאנד! ררר-רוס-לאנד — — —

קארל האָט צוגערופנ דעם באלעבאָס, געזאָגט, אז דער הער ראשקע וויל באצאָלנ. דער שענקער איז צוגעקומענ מיט אנ ערנסט-גלאנצנדיק פּאָנעם, זייטלעכ געקוקט מיט א געוויסנ כשאד אפּ קארלענ, דער הער ראשקע האָט געוואָרטשעט:

— ביבי-ביטע, ביבי-ביטע. איכ וועל באצאָלנ. ביבי-ביטע! פאר דעמ הער אויכ? — געוויזנ אפּ קארלענ. אונ די נאָז איז געוועזנ פול מיט בריליאנטענע טראָפּנדלעכ.

קארל האָט אויסגעשפּיגנ:

— באצאָל פאר דיר, הער ראשקע, פאר מיר דארפסטו נישט באצאָלנ.

די קעפּ בא די טישלעכ האָבנ זיכ נייגעריק געשטרעקט. אויגנ, פארלאָפנ מיט געלנ ביר, זיינענ געשוווּמענ אינ רויכ. ראשקע האָט באצאָלט. פאוואָליע אויסגעציילט יעדנ מארק מיט א פייפנדיקנ קרעכצ, באהאלטנ דעם גרויסנ טייסטער אינ קעשענע. קארל האָט אים געהאָלפנ אָפּשטיינ, אימ אונטערגענומענ באמ קאָלנער אונ אויפגעהויבנ ווי א זעקל מעל. דער שענקער האָט זיכ גערוקט בא דער זייט, געציטערט מיט די אויגנ, אפּ די פּענעמער פונ די געסט איז געלעגנ א געמיש פונ געלעכטער מיט צאָרנ. אונ איידער זיי האָבנ זיכ גענויער אומגעקוקט, האָט קארל א שטויס געטאָנ די טיר מיטנ פוס אונ דאָס זעקל מעל איז געלעגנ אפּ דער גאס, אויסגעשטרעקט איבער דער גאנצער ברייט פונ טראָטואר. קארל האָט צוגעמאכט די טיר.

אין דער „בודיקע“ פונ די „וועגעציאַנישע טויבנ“ איז געוואָרנ שטיל. קיינער האָט דערוויַל ניִשט גערירט קיינ וואָרט. אפנ בלעכענעמ וואַנטזייגער האָט זיכ דערמאָלט אַרויסגערוקט א הילצערנער האָנ, צוויי מאָל א קלאַפּ געטאָנ מיט די שטומפּע פליגל, אונ דער בלעכענער זייגער האָט געקלונגענ צוועלפ מאָל. קאַרל האָט צו מיר געזאָגט: קום.

א ווינטערדיקע טונקל-גרויע נאַכט איז געלעגנ אפ די דעכער פונ בערלינער נאָרדנ אונ שוויַגנדיק איַנגעשלעפערט די ענגע פּראָלעטאַרישע שטיבלעכ. די פאָדעשווע פונ מיַנ לינקנ שוכ איז געווענ אופגעריסנ אונ געקלאַפּט אפ די האַרטע שטיינער מיט א באַזונדערנ קלאַפּ. עס האָט זיכ אויסגעדאַכט, אז איכ גיי מיט דריַ פיס. אַחוצ דעם איז געווענ שטיל. אפ די ראָגנ האָבנ געדרעמלט פאַרשלאָפענע גאַז־לאַמטערנס מיט האַלבע אויגנ, א פּאָליציאַנט האָט זיכ באַוויזנ אינ עק, ווי א געשוואָלענער שאָטנ, מיַנ פאָדעשווע האָט געקלאַפּט.

אינעם אָפענעמ קלאָזעט אפנ טויטאָבורגער־פּלאַצ האָבנ פּיטע אונ זאַלי אפ אונדז שוינ געוואַרט מיט מאַטעריאַל. פּלוצעם האָט קאַרל אונטערגעהויבנ מיַנ לינקנ פוס, אַראָפּגעריסנ די פאָדעשווע אונ זי מיר אַריַנגעלייגט אינ קעשענע:

— מיט אַזאַ קלאַפּערגעצייַג, מיַנ ליבער, קאָנסטו מאָרגנ גיינ שפּאַצירנ מיט דיַנ געליבטער, אָבער ניִשט מיט אונדז. — ער האָט א בייג געטאָנ דעם ברייטנ קאַרק, א צי געטאָנ מיט דער האַנט באַמ לאַקירטנ האַשעק, — פאַרשטאַנענ?

איכ האָב פאַרשטאַנענ. מיַנ לינקער פוס האָט שוינ דערנאָכ געטרעטנ שטיל אונ ווייכ, ווי אפ קישעלעכ.

דערנאָכ זיַנענ זיי געקומענ, איינער נאָכנ אַנדערנ, אונדזער כעווּרע, אונ פּונקט צו דער ציַט. פּיטע האָט פאַרטיילט דאָס מאַטעריאַל, מיר זיַנענ געגאַנגענ צו צוויי אונ צוויי. איינ פּאָרל האָט געאַרבעט, דאָס צווייטע פּאָרל האָט אַכטונג געטאָנ. איכ בינ געגאַנגענ מיט קאַרלענ, פאַרשטייט זיכ. ער האָט געשמירט, איכ האָב געקלעפּט. עס איז געגאַנגענ ווי געשמירט. האָט זיכ „עפּעס-וואָס“ געמאַכט, זיַנענ מיר געגאַנגענ ביידע שפּאַצירנ, די הענט פאַרלייגט פונ הינטנ ווי פיַנע בירגער. מיר האָבנ געהאַט צו „באַאַרבעטנ“ ניִשט קיינ סאַכ, זעקס גאַסנ אינגאַנצנ, די אַכטונג־טוער אפ ביידע ראָגנ, מיר אינדערמיט, באַלד

האָבנ אָנגעהויבנ אַראָפּקוקנ רויטע פּלאַקאַטנ פונ די מויערנ, פונ די טויערנ, פונ די פּלויטנ, פונ די סלופּעס, געקוקט מיט אויגנ אונ געשריגנ.

מיר האָבנ געשמירט אונ געקלעפּט. בערלינער נאָרדנ איז געשלאָפנ. אינדערפרי וועלנ טייל אַרבעטער גיינ צו דער אַרבעט, אַנדערע וועלנ גיינ שפּאַצירנ. אינדערפרי וועלנ ווייבער שמעקשיכ זיכ שאַרנ נאָכ מילכ, נאָכ קוכנ אונ ברויט, אינדערפרי וועט אַנ אַלטע פרוי מיט א פּאַמפּושקע-בעקל אַרויסקומענ מיט איר הינטל זיכ דורכלופטערנ, באַלעבאַטימ וועלנ אַרויסקוקנ פונ די פענצטער, קינדער וועלנ זיכ שפּילנ אַפ דער גאַס — די מויערנ, די טויערנ אונ די פּלויטנ וועלנ אַלעמענ צו וויסנ טאָנ:

„הײַנט זיבנ אַזייגער אינאָוונט — דעמאָנסטראַציע!"

מיר האָבנ געשמירט אונ געקלעפּט, מײַנ האַרצ האָט געטאַנצט פאַר פרייד. נאַכט-אַרבעט! שווערע כמאַרעס דושענ די דעכער פונ בערלינ, שווער אָטעמענ די מענטשנ אינ זייערע בעטנ, זאָרגנ פּײַניקנ זיי אינ שלאָפ. איכ בינ דער רופער צו א נײַעמ לעבנ, איכ בינ דער פאַרטרײַבער פונ די כמאַרעס אונ פונ די זאָרגנ. אונ פאַר מיר איז דאָס באַוווסטזײַנ, דאָס איז די ראָמאַנטיק אינ מײַנ בידנעמ לעבנ. איכ האָב שוינ געקלעפּט פּלאַקאַטנ אונטער א גוסרעגנ, איכ האָב שוינ געקלעפּט פּלאַקאַטנ בא שניי אונ זאַווערוכע, אונ עס איז געווענ א נאַכט, ווענ פּאָליציי האָט אונדז געיאָגט אינ ביז אינדערפרי האָבנ מיר נישט געקאָנט אויפקלעפּנ קיינ איינציקנ פּלאַקאַט. הײַנט רעגנט נישט, שנייט נישט, פײַפט נישט קיינ זאַווערוכע, עס איז שטיל אינ די גאַסנ — אונ מיר קלעפּנ אונ קלעפּנ. מײַנ האַרצ האָט געטאַנצט פאַר פרייד.

עס האָט א סווישטש געטאָנ דורכ דער גאַס א שטילער „פּס-סט!" שווערע טריט האָבנ געוועקט די נאַכט, אָפּגעהילכט טויבלעכ-צעצויגנ אונטער די דעכער. צוויי פּאָליציאַנטנ. מיר אַנטקעגנ. קאַרל האָט געבויגנ דעמ ברייטנ קאַרק, גענישטערט אינ די קעשענעס, געוואָרטשעט, אונ אַרויסגעשלעפּט א פאַרבויגנ ציגאַרעטל. די צוויי אַנטקעגנדיקע „פרײַנט" אונדזערע זײַנענ צוגעקומענ נעענטער, געשטאָכנ מיט די אויגנ. קאַרל האָט צוגעלייגט א פינגער צומ לאַקירטנ האַשעק:

— ענטשולדיקנ שאָנ, האָבנ די הערנ פילײַכט פויער?

איינער האָט געזוכט אינ די קעשענעס אונ געפרעגט באַמ צווייטנ;

צי האָט ער עפּשער באַ זיכ שוועבעלעכ? דער צווייטער האָט געזוכט אינ די קעשענעס, געזוכט אונ זיכ אנטשולדיקט.

— בעסער וואָס זיי האָבנ נישט געהאַט קיינ שוועבעלעכ באַ זיכ. — האָט דערנאָכ קאַרל צו מיר געזאָגט. — דאָס ציגאַרעטל וויל איכ באַ־האַלטנ אויפ נאָכנ פרישטיק.

מיר האָבנ זיכ אָפּגעשטעלט, זיכ אײַנגעהערט, דער טויבלעכ־צעצוי־גענער אָפּהילכ אונטער די דעכער האָט זיכ בלאָסלעכ אריבערגעהערט פונ א צווייטער גאַס. פּיטע איז געקומענ אונ באַשטעטיקט: די צוויי זײַנענ אוועק. מיר זאָלנ מאַכנ שלום, האָט ער געזאָגט, אהיימצו. קאַרל האָט איבערגעציילט די פּלאַקאַטנ, עס זײַנענ פאַרבליבנ נאָכ צוועלפ שטיק איבעריקע — מיר וועלנ זיי פאַרקלעפּנ, האָט ער געזאָגט. פּיטע האָט זיכ געזעגנט, אונ מיר אײַנגערוימט אינ אויער: נישט פאַרגעסנ, פאַרנאַכט זאָל איכ קומענ מיט „איר" אויפנ באַל!

קאַרל האָט געזאָגט צו מיר „דאַאַלי! דאַאַלי!" דאָס האָט געהייס: אויפ זײַנ לשונ: שנעלער — מיר האָבנ ווידער געשמירט אונ געקלעפּט. אונ אויסגעקלעפּט דעם לעצטנ פּלאַקאַט.

— איצט קומ שלאָפנ. — האָט קאַרל געזאָגט. — ביסט שלעפעריק, הע?

מיר זײַנענ געגאַנגענ. ער האָט געפײַפט א פריילעכ לידל, איכ האָב געטראָגנ אויפנ שוכ מיטנ אָפּגעריסענעם זויל, ווי אויפ ווייכע קישעלעכ. דאָס האַרץ איז געווענ לײַכט ווי א פויגל — די נאַכט האָט געשוויגנ.

אונ אַזוי האָבנ מיר ביידע פאַרקערעוועט אינ דער קריסטיונע-שטראַ־סע. געבליבנ דאָרט שטייט לעבנ א הויכנ טויער, א קײַלעכיקע, א האַלב־אײַנגעפאַלענעם, ענלעכ צו א דאָרפישנ קלויסטער. קאַרל האָט אופגע־שלאָסנ. אויפ די אַלטע שטיגנ האָט ער מיכ געפרעגט, צי איכ זע ווו צו גיינ, אונ מיכ אָנגענומענ באַ דער האַנט. ארײַנגעקומענ אינ שטוב, האָט ער נישט אָנגעצונדנ קיינ שוועבעלע, נאָר מיר ארײַנגעשעפּטשעט אינ אויער: רעכטס אָדער לינקס, קאַנסט גיינ וווהינ דו ווילסט.

פונ רעכטנ בעט האָט געשלאָגנ א היימישע וואַרעמקײַט. עס האָט געצויגנ די אויסגעפרוירענע ביינער. איכ בינ צוגעגאַנגענ שטיל, אויפ די שפּיץ פינגער, צומ לינקנ בעט.

א טאָג א ליכטיקער, א ליכטיק־פאַרגעפּלטער האָט זיכ געשניטנ אינ מײַנע אויגנ, ווענ קאַרל האָט אראָפּגעשלעפּט פונ מיר די קאָלדרע

איך האָב מיך פֿאַרשעמט, אײַנגעצויגן די לאַנגע פֿיס ווי אַ קליין ייִנגל, אין אַ מינוט אַרום בין איך געזעסן באַם טיש. און אויפֿן טיש זײַנען שוין געשטאַנען פֿינף טעפּ קאַווע. דרײַ פֿאַר אונדז דערוואַקסענע, צוויי פֿאַר די קינדער.

— האַלאָ! האַלאָ! — האָט קאַרל אונטערגעמונטערט. — האָסט עפּשער פֿאַרגעסן? מיר האָבן הײַנט נאָך אַ ל אַרבעט!

איך האָב אַרײַנגעבראָקט אַ שטיק ברויט אין טאָפּ קאַווע, עס האָט גוט געשמעקט. דערנאָך זײַנען מיר אַלע דרײַ אַראָפּגעלאָפֿן. מאַרטאַ, איך, קאַרל, האַלב צען זײַנען מיר שוין געווען אין קעמערל. עס איז נאָך געווען צײַט אַ פֿערטל שעה, דערווײַל האָבן מיר אויסגע-פּרוּווט די שטימען. שטעלט זיך אַרויס, אַז לאַנגהאַוזן זינגט צו שטיל, איך צו הויך. זאָגט קאַרל, אַז לאַנגהאַוזן זאָל אַרײַננעמען אַ פּיפּערל אין מויל, און מיר וויל ער אַרונטערלייגן אַ פֿליספּאַפּירל אונטער דער צונג. נאָר איך לאָז מיך נישט, און מיר ביידע פֿאַרזיכערן, איך און לאַנגהאַוזן, אַז ס'וועט שוין זײַן גוט. און ווען אַלע כאַווערים זײַנען געווען פֿאַרזאַמלט, האָבן מיר זיך אַרויסגעלאָזט אויף הויז־און הויף־אַגי-טאַציע. דאָס גייט צו אַזוי: מיר גייען אַרײַן אין אַ הויף, הויכע מויערן הייבן זיך אין אַלע פֿיר זײַטן, פֿענצטער לעבן פֿענצטער, מיר שטעלן זיך אינדערמיט, דערנאָך גיבן מיר אַ זעץ אַלע אײנינעם: „אַכטונג! אַכטונג!" — עס קלינגט ווי אַ שווערער אָרקעסטער. און די פֿענצטער רײַסן זיך אויף, פֿון די געעפֿנטע פֿענצטער קוקן אַרויס אַלט און יונג, שמייכלענדיקע, פֿרײַדיקע פּנימער, און ביז־פֿאַרחידושלעכע — מיר דערקענען אונדזערע מענטשן. איצט הייבט אויף קאַרל זײַן קול: „כאַ-ווערים! די קאָמוניסטישע פּאַרטיי!" — און אַזוי ווײַטער, אַ צוויי־דרײַ מינוט, נישט מער. באַלד לאָזט זיך הערן דער „כאָר": „ברידער, צור זאָנע, צור פֿרײַהייט! ברידער, צום ליכט עמפּאָר!" — און אַן אַנדערער טייל לאָזט זיך איבער די טרעפּ, קלאַפּט אין די טירן, פֿאַרקויפֿט ליטעראַטור און זאַמלט געלט פֿאַר דער „רויטער הילף". אַזוי גייט עס פֿון הויף צו הויף, צוויי־דרײַ גאַסן, צוויי־דרײַ שעה, דערנאָך שלום! פֿאַר-טיק! יעדער גייט זיך זײַן וועג.

איך האָפּקע ווי אַ קליין ייִנגעלע איבער די גאַסן, עס איז זונטיק, עס איז שטיל. עס איז שאָ. אין מײַנע פֿיס האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט לים-בען, אין מײַנע הענט האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט ליבכען, איך האָב פֿליגל

אונ איכ פלאָנטער. ליסכענ! די זונ שײנט. פרומע עוואנגעליקער גײענ אינ קירכ, אנ ארבעטער מיט זײנ פרוי אונ מיט זעקס קינדער גײענ שפאצירנ. א רויטער פלאקאט קלעפט אפ א טויער, איכ גײ צו מײנ ליסכענ. עס איז נאָכ צײט, עס איז נאָכ צײט, אזויפיל צײט! דערווײל קאָנ מענ נאָכ ארײנכאפנ א שטיק ברויט מיט א הערינג, א טוצ צײ-טונגענ. איכ זיצ אינ פארײנ, א פוס אפ א פוס אריבערגעוואָרפנ. קײנער איז צו מיר נישט גלײַכ — — —

ארום האלב פיר אזײגער בינ איכ מיר שוינ באם קארל-ליבקנעכט-הויז. דער זײגער שטײט, דער זײגער שטײט, ער רוקט זיכ נישט. אונ מיר פאלט אײנ, אוי ווײ, די גאנצע צײט האָב איכ גאָרנישט קײנ טראכט געטאָנ אפילע, טאָמער וועט ליסכענ נישט קומענ? א גאנצע וואָכ האָב איכ געכאָוועט דעם זונטיק, ווי א וואָרעם אײפעלע, געלעש-טשעט דעם געדאנק, ווי א פיצל קינד, אונ מיר איז גאָר נישט אײנגע-פאלנ, מיר איז גאָר נישט אײנגעפאלנ, אוי ווײ, אז טאָמער וועט זי נישט קומענ? ליס-כענ — — —

פארבענקט האָבנ מײנע אויגנ געקוקט אפנ קארל-ליבקנעכט-הויז. איכ בינ געגאנגענ ארום דעם הויז, אפנ ברײטנ טראָטואר, מענטשנ האָבנ דיסקוטירט, מענטשנ האָבנ געלײענט צײטונגנ, מענטשנ האָבנ ארופגע-קוקט צום זעקסשטאָקיקנ הויז, צו די ברײטע פענצטער — פלאקאטנ אונ לאָזונגענ האָבנ אראָפגעקוקט, אראָפגעקוקט אפ בערלינ. איכ האָב אמאָל געהאלטנ וואכ מיט מײנ קעמערל אינ קא-על-הויז, פיר אונ צוואנציק שאָ. דעמלט, ווענ איכ בינ געגאנגענ מיט קארלענ אפנ טראָ-טואר, האָבנ די שטײנער געציטערט אונטער מײנע פיס. מײנע אויגנ האָבנ געברענט. איצט בענקענ מײנע אויגנ, ווי די אויגנ פונ א קינד.

דער זײגער שטײט, דער זײגער שטײט, ער רוקט זיכ נישט. א מי-נוט איז א טאָג, א מינוט איז א יאָר. עס האָט אָנגעהויבנ טאָטשענ א בײזער וואָרעם אינ מײנ הארצ —

אונ אָט איז ליסכענ, גיב נאָר א קוק! זי גײט.

זאָל איכ זי דערנ נאָכאמאָל פארשטעלנ? צו וואָס? יעדער קענ זי דאָכ שוינ. אָבער אינ מײנע אויגנ איז זי נאָכ צענ מאָל שענער גע-וואָרנ ווי זי איז געווענ, פײנער, צארטער, גיב א קוק. זע, א ווינג זיכ, זע, א ליכטיקײט אינ די אויגנ. אונ די צוויי גריבעלעכ אינ אירע באקנ קריגנ מיכ פונדערווײטנס.

שוינ גייענ מיר אינאיינעם. נאָר איך קאָנ נישט ארויסריידנ קיינ וואָרט. אונ זי, זי איז דאָך שוינ גאָר א שווייגנדיקע. זע נאָר, ס'ארא ליבלעכקייט, זע נאָר, ווי סע שמעקט, כאָטש אָנ די אלע פּאַרפיומענ. אונ וועגנ אונדזער הייַנטיקנ פּראָגראם האָב איך דאָך אינגאנצנ פאַרגעסנ נאָכצוקלערנ! וואָס פאר א שלימאזל איך בינ. — טאָ מוז מענ איצט כאָטש א טראכט טאָנ עפּעס אונטערוועגנס: ערשטנס, נעמ איך איר האנט. צווייטנס, שמייכלט איר פּנים. עפּשער א שלעכטער פּראָגראם? אונ באלד קומט מיר צו הילפ נאָך א דריטער, א גאָר ווילער געדאנק. מירנ גיינ שפּאצירנ אינ טיר־גארטנ! מיטאמאָל זאָג איך איר אזוי:

— דו ווייסט, ליסכענ, איך בינ איצט אָנ ארבעט. אונ ווענ איך וועל באקומענ ארבעט, וועל איך האָבנ געלט.

זי ווייסט, זאָגט זי, איצט זייַנענ א סאך מענטשנ אָנ ארבעט, ווייסט זי. איך זע שוינ, ליסכענ, מייַנ איינציקע, מירנ זיך מערצעשעמ עלטערנ ביידע אינאיינעם. דו ביסט קלוג.

אונ אז מיר זייַנענ שוינ פאַרקראָכנ אינ טיר־גארטנ, דערצייל איך איר גלאט אזוי פאַרשיידענע זאכנ, נייַסנ, אינטערעסאנטע זאכנ. נאָר געוויינלעכ קומט בא מיר ארויס דאָס, וועגנ וואָס איך טראכט. אונ איך זאָג איר:

— דו ווייסט, ליסכענ, איך וועל דיך פאַרשרייַבנ אינ אנ ארבעטער־געזאנג־פאַרייַנ. דו האָסט א שיינ קאָל.

ליסכענ ווערט פאַרשעמט, זי ווערט רויט, אונ די גריבעלעכ אינ אירע באקנ בלאָזנ זיך. איך האלט איר האנט פעסט. זי זאָגט:

— אכ, יעזוס. זינגענ זאָל איך אויך?

— אָ, דו וועסט זינגענ, פייגעלע מייַנס, דו וועסט זינגענ, נאָר אָנ יעזוסנ וועסטו בא מיר זינגענ.

אונ זי דערציילט מיר, אז עס איז איר אזוי שווער געווענ זיך הייַנט ארויסצורייַסנ פונ דער „גנעדיקער“, אונ מיטוואָך צי זי וועט דאָס אויך קאָנענ טאָנ, ווייסט זי נישט, ווייל די „גנעדיקע“ איז דאָך אזא — —

— וואָס איז זי?

— אזא שטרענגע. — זאָגט ליסכענ, אונ אירע אויגנ־הייַטלעך לאָזנ זיך אראָפּ, ווי האָט מוירע.

— דו וועסט האָבנ צייַט גענוג — זאָג איך צו מייַנ ליסכענ, — דו וועסט האָבנ צייַט, וויפל עס געפעלט דיר, יעדנ מיטוואָך אונ יעדנ

צווישן זונטיק מיטן זײַן פֿרײַ. און די גנעדיקע? די מאַדאַם? די פּאַרגיימטע מאַקע? איך וועל זי אויסהענגען.

ליסכען לאַכט. און איר געלעכטער גליטשט זיך צווישן די פאַרווינטערטע ביימער, ווי אַ גלעקל אויף אַ גוטן שליטוועגס.

פאַרנאַכטלעך איז געשטאַנען דער טיפער וואַלד פון ביידע זייטן, דין און שפּילעוודיק־לײַכט איז געפאַלן אַ פרישער שניי אויף די צווײַגן.

— ליסכען, וווהין גייען מיר הײַנט באַנאַכט? צו דער דעמאָנסטראַציע, אָדער צום באַל?

— צום באַל. — האָט ליסכען פאַרשעמט געזאָגט.

מיר זײַנען שטיין געבליבן אינמיטן וועג, און מיר האָבן זיך ביידע אינמיטן וועג געקושט. דערנאָך האָב איך אַראָפּגעשאַרט דעם פרישן שניי פון דער באַנק און מיר האָבן זיך ביידע אַנידערגעזעצט.

אינהאלט

קריג

	זײַט
א קריגל מילכ	7
אונטער א פארברענט הויז	9
דער טויט צווישנ זאנגענ	13
וולאדעק	18
שיר־שי	23
הער קערשנבאומער	31
וואָיטשעכ	37
האלבע מענטשנ	40
מאצייוועס פונ מירמלשטיינ	70

נאָכנ קריג

צוויי קאָמיסארנ	115
אנדריי אונ דער פּאָפּ	137
צווישנ זברוטש אונ דניעסטער	176
יאָסיפּשמיל שטייט אופ אינדערפרי	233
דאָס מויל פונ דער סיגוראנצא	242
פראנצ קסאנטאָפּ פארקויפט זײַנ זונ	257
פראנצ קסאנטאָפּ צאָלט נישט קיינ צינז	279
באנאכט	295
מײַנ ליבע מיט ליסכענ	302

JEWISH PUBLIC LIBRARY
LA BIBLIOTHEQUE PUBLIQUE JUIVE

Редактор—А. Хашин Техред—М. Погостер. Корректор — М. Иткин. Сдано в набор 27/X—35 г. Подписано к печ. 27/I—36 г. Ф.б. 82X110 1/32 21 1/2 п. л. Уп. Главлита Б.—18029 „Эмес“ №185. Тираж 3000

Тип. „Дер Эмес“, Москва, Покровка, 9. Зак. 1064.

Printed in Soviet Union